STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05457

PRINTSIPEN

Reuven Agushevits

Permanent preservation of this book was made possible by Dr. Mark Ramer

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פרינציפען

א פילאזאפישע אפהאנדלונג איבער די קוועלען פון וואונש און מהות פון וועזען, אין ליכט פון די מאדערנע וויסענשאפטען און פילאזאפיע, און באלויכטען מיט מאמרי חז"ל.

פון

ראובן אגושעוויטש

תש"ג — 1942

בהוצאת בית מסחר ספרים „פרדס"
י. ז. בוכבינדער, נשיא
28 רחוב קאנאל, ניו יארק
PARDES PUBLISHING HOUSE, Inc.
28 Canal Street New York, N. Y.

ג ע װ ו י ד מ ע ט

צום אַנדענקען פון מיין יונג פאַרשטאָרבענעם ברודער

דער עלוי בערל ז"ל

אַ גאָלדענע האַרץ און אַ ליכטיגער מח
האָבען זיך אַמאָל צוזאַמענגענומען
אַ גאון, אַ צדיק, אַ ריזיגער כח
האָבען טאַטע-מאַמע האָפנונגען געשפּונען
אָרעמע טאַטע-מאַמע, נעבאַך
עס האָט זיי דער טויט ניט פאַרגונען.

האָט ער געקיהלט די הענט
נעלאָשען די אויגען
בעת עס האָט דער פאַרמעט געברענט
זיינען אותיות געפלויגען.

בלויז פערצען יאָהר
און עס איז זיך צוגאַנגען די פּאָר

װעט דער טויט יעדען שפּור פאַררייבען?
אָה ניין! זאָל אַן אַנדענקען בלייבען.

תנצב"ה

א וואָרט צום לעזער

אין דער דאָזיגער אָפּהאַנדלונג וועט דער לעזער טרעפען מאַנכע אידייען מיט וועלכע ער האָט זיך שוין פּילייכט באַגעגענט אין אַנדערע פּילאָזאָפיעס. אַזוי קען די אידייע פון איינהייט און פאַרשיידענהייט אַלס פּרינציפּען פון וועזען צוריקגעפירט ווערען אַזוי ווייט ווי צו פּלאַטאָ'ס „טימעאוס" און אפשר נאָך ווייטער, צו די פּיטאַגאָרייער. 1) און אַזוי אויך, דער אידייע וועגען פּראָגרעס דורך פרייער יצירה, אָדער דורך ענטשטעהונג פון יש מאַין, קען מען געפינען, אונטער דעם נאָמען „אימאָירדזשענט", אין די פּילאָזאָפיעס פון ל. מאָרגאַן, ס. אַלעקסאַנדער א"אַנד. דאָ פּאַסען זיך אָבער די דאָזיגע אידייען אריין אין אַן איינ־הייטליכען סיסטעם, אַ סיסטעם וועלכער איז אויסגעאַרבעט געוואָרען אומאָפּהענגיג פון די דערמאָנטע פּילאָזאָפיעס. דאָס וואָס מאַנכע רינגאַלאַך אין דעם דאָזיגען סיסטעם זיינען דורך באַרימטע פּילאָזאָפען באַמערקט געוואָרען אויך פון אַן אַנדער ווינקעל איז פאַר דעם דאָזיגען סיסטעם געוויס נישט קיין חסרון — ברוך שכיוונתי.

אין דער מאָדערנער פּילאָזאָפיע ווערען אויסגעסאָרטירט דריי הויפּט־טיפּען: אידעאַליזם, רעאַליזם און פּראַגמאַטיזם.

קוקען קוקט אויס אַז דירעקט דערקענט מען בלויז געדאַנק, אַז די ממשות'ען וואָס מיר נעמען אויף מיט אונזערע חושים זיינען אויך בלויז אידייען פון ממשות'ען. האַלטען דערפאַר די אידעאַליסטען אַז אַלץ וואָס עקזיסטירט איז פון דער זעלבער נאַטור וואָס געדאַנק און ווען געדאַנק זאָל ניט עקזיסטירען וועט קיין זאַך נישט עקזיסטירען. די רעאַליסטען, דאַגעגען, בויען אויף דעם וואָס דער געדאַנק גופא זאָגט אונז, אַז עס עקזיסטירען אָביעקטען אויסערן געדאַנק און אַז ווען אפילו געדאַנק זאָל בטל ווערען וועלען די דאָזיגע אָביעקטען בלייבען עקזיסטירען. די פּראַגמאַטיסטען, ווידער, שטעהען צווישען די דאָזיגע צוויי עקסטרעמען — מיט די רעאַליסטען שטימען זיי איין ווען עס האַנדעלט זיך וועגען אידייען וואָס קענען ברענגען פּראַקטישע רעזולטאַטען און מיט די אידעאַליסטען שטימען זיי איין ווען עס האַנ־דעלט זיך וועגען אידייען וואָס קענען נישט ברענגען קיין פּראַקטישע רעזולטאַטען. זייער טענה איז: היות ווי דער געדאַנק האָט אַ באַ־שטימטע לעבענס פונקציע, ער האָט זיך ענטוויקעלט מיטן צוועק צו

---

1) זעה פראַגמענט 4, זייט 229, אין „פּיטאַגאָר ע לא פילאָזאָפי פּיטאַגאָריסיען, קאָנטעמפּאָראַנט ... לע פּראַגמאַן די פילאָלאוס ע ד'אַרקיטאַס" פון א. ע. שענע.

זעה אויך זייט 148 אין „די אַלט גריכישע פילאָזאָפיע" פון ראובן אגושעוויטש, דעם אָפּשניט אונטערן קעפּעל, „די פונקציע פון די צאָהלען אַלס האַרמאָניע צווישען דאָ־זיין און ניט־זיין".

א וואָרט צום לעזער

דינען אונז אין אונזער קיום און פראָגרעס, דאַרף ער בלויז זיין אומ־שטאַנד צו דערפילען דער דאָזיגער פונקציע זיינער, דאַרף ער בלויז באַזיצען די מעגליכקייט אונז אופצוקלערען איבער עפּעס וואָס קען נוצען אָדער שאַדען אונזער קיום און פראָגרעס, ד"ה איבער עפּעס וואָס קען אונז ברענגען פּראַקטישע רעזולטאַטען.

דאָס זיינען די דריי הויפּט־טיפּען פון פילאָזאָפישע סיסטעמען און מיט איינעם פון די דריי דאַרף זיך אַ פילאָזאָפישער סיסטעם אי־דענטיפיצירען. מען וועט זעהן אַז דער סיסטעם וואָס ווערט דאָ אויס־געוויקעלט איז בדרך כלל רעאַליסטיש, 1) אָבער דאָך נעמט ער אריין מאַנכע אידייען וועלכע מען טרעפט מייסטענס אין די אידעאַליסטישע סיסטעמען און מאַנכע אידייען וואָס וואָלטען גיכער געקענט פאָלגען פון אַ פּראַגמאַטישען סיסטעם (אידייען וואָס מען וועט טרעפען אין קאַפּיטעל „וועזען"). אויב מען וויל דוקא אַ נאָמען פאַר דעם דאָזיגען סיסטעם קען מען איהם אָנרופען „פּראָגרעסיזם", מחמת די אידייע פון פּראָגרעס פאַרנעמט דאָ דעם חשוב'סטען פּלאַץ.

ביים בעאַרבעטען דעם דאָזיגען סיסטעם האָב איך כסדר געהאַט אין זינען די אידייע פון פּאָפּולאַריזאַציע, צו מאַכען עס צוגענגליך פאַר וואָס מעהר אידיש־רעדענדע אידען. דערפאַר האָב איך געזוכט ווי וויט מעגליך אויסצומיידען טעכנישע טערמינען, בקיאות'ען און רעפערענצען. אפילו די רעפערענצען צו אונזער ספר הספרים, צו אונזער תורה שבכתב און שבעל פה, וועלכע איך האָב זיך נישט געקענט פאַרגינען אויסענצולאָזען, האָב איך איינגעאָרדענט אַזוי, אַז דער טעקסט זאָל זיין אין גאַנצען קלאָר אָהן זיי.

ראובן אגושעוויטש

1343—55טע סטריט, ברוקלין, נ. י.
נאָוועמבער, 1942

---

1) קיין שטעלונג אין דער מחלוקת צווישען די „ניי־רעאַליסטען" און „קריטישע־רעאַליסטען" ווערט דאָ ניט גענומען.

פֿראָלאָג

וויסענשאַפֿט איז היינט באַלעבאָסטע אין דער וועלט פֿון אינטעלעקט. ווען איהר קומט רעדען וועגען עפּעס וואָס לאָזט זיך ניט עקזאַמינירען אונטערן מיקראָסקאָפּ אָדער פּאַסט זיך ניט אַריין אין אַ מאַטעמאַטישער פֿאָרמולע, פֿילט איהר ווי איהר וואָלט זיך געפֿונען אין אימיצען אַנדערש׳ס טעריטאָריע, וואו איהר דאַרפֿט פֿריהער אָנקומען נאָך אַן ערלויבעניש צום מרא דאתרא, צום וויסענשאַפֿטסמאַן.

און מאָלט אייך, אַז דער וויסענשאַפֿטסמאַן וועט אייך אַזוי גיך קיין ערלויבעניש ניט געבען. ער וועט אייך פֿריהער מכבד זיין מיט אַ פּאָרציע מוסר. ער וועט אייך זאָגען, אַז עס זיינען שוין אַוועק די צייטען ווען דער עולם פֿלעגט זיך צוהערען צו פּלפּולים של הבל. אַ ביישטייערונג אין די פּראַקטישע וויסענשאַפֿטען העלפֿט דעם מענשען צו באַהערשען דער נאַטור. אַ חדוש אין מאַטעמאַטיקס אָדער אסטראָנאָמיע טהוט ווייניגסטענס בערייכערען אונזער טעאָרעטישען אינווענטאַר. וואָס האָט מען אָבער פֿון אייערע פֿילאָזאָפֿישע ספּעקולאַציעס ? פֿאַר טויזענטער יאָהרען האָט אייער סחורה געהאַט פּאַרנומען דעם וועלט-מאַרק, ימים מיט ענערגיע זיינען אַריינגעבראָכט געוואָרען אין איהר פּראָדוצירונג — זאָגט, אדרבה, וואָסער רווח האָט די וועלט פֿון איהר אַרויסגענומען ?

דעם רווח פֿון דער פֿילאָזאָפֿיע, וועט איהר ענטפֿערען, קען מען גראַד לייכט זעהן, ווען מען זאָל זיך נאָר אַיינבויגען אַ קוק טאָן. דער וועג פֿון דער מענשליכער ציוויליזאַציע איז ממש אויסגעלעגט מיט איהרע זיסע פּרוכט: גערעכטיגקייט, סאָציאַלע רעפֿאָרמען, און אָהןאַ-שיעור מענשליכען וואויל-זיין און גייסטיגער דערהויבענקייט האָט זי אויף איהר קרעדיט.

נעמט, למשל, גערעכטיגקייט. דער מענש איז פֿון זיין נאַטור, ווי יעדער בעל-חי, קודם אַריינגעטאָן נאָר אין זיך: ער זעהט נאָר דאָס וואָס איז איהם נוגע און ער מעסט אַלץ מיט דער מאָס פֿון זיין עגאָאיסטישען ווילען. גוטס הייסט ביי איהם דאָס וואָס ברייגנט איהם פּערזענליכע נוצען, און שלעכטס — דאָס וואָס ברענגט איהם אַליין שאָדען. דורך קייטלונג פֿון אידעען ווערט אודאי זיין אינטערעס פֿיעל ברייטער אַזוי, אַז עס נעמט אויך אַריין דעם נוצען און שאָדען פֿון זיינע פֿריינד און פֿיינד — אָט ווי שפּינאָזע חשבונ׳ט עס אויס אין זיין „עטיקס”. אָבער אויך דער דאָזיגער ברייטערער עגאָאיזם איז נאָך אַלץ אַזוי ווייט פֿון אַן אינטערעס פֿאַר גערעכטיגקייט און פֿון מאָראַלישען באַגריף פֿון גוטס און שלעכטס פּונקט אַזוי ווי דער שמעלערער עגאָאיזם. ווארעם גערעכטיגקייט פֿאָדערט דאָך אַבסאָלוטע

גלייכגילטיגקייט; פריינד, פיינד און אפילו די אייגענע פערזאָן מוזען זיין פאר'ן דין אַלע גלייך — אַ פאָדערונג וואָס איז פונקט דער היפוך צום עגאָאיסטישען אינטערעס.

עס איז אפילו אמת, אַז אין אונזער ווילען זיינען דאָ אויך אַנדערע עלעמענטען, וועלכע זיינען גראַד מסוגל אויפצובילדען אַן אינטערעס פאַר גערעכטיגקייט: עס איז דאָ צווישען מענשען אַ נאַטירליכע פאַרבינדונג פון גגעגנזייטיגער סימפּאַטיע, וועלכעס דאַרף זיך געוויס אויסדריקען ביי יעדען איינעם אין אַ וואונש, אַז זיינע מיטמענשען זאָלען ניט באַ'עול'ט ווערען איינער פון צווייטען. אויך באַזיצען מיר געפיהלען פאַר אָרדנונג, גלייכהייט, אמת און עקזיסטענץ בכלל 1) — געפיהלען וועלכע ציהען אונז אויך בעשייְנפערליך אויף דער זייט פון גערעכטיגקייט. אָבער דער דאָזיגער נאַטירליכער אינטערעס פאַר גערעכטיגקייט איז געוויינליך אַזוי לייכט אַז מיט אַ טראָפען עגאָאיסטישען שוחד קויפט איהר איהם גלייך אונטער. דער דאָזיגער אינטערעס וואָלט דעריבער ניט באַדאַרפט זיין בכח אויפצוהאַדעווען צדיקים, ביי וועמען גערעכטיגקייט שטעהט איבער זייערע עגאָאיסטישע אינטערעסען. און אַ פשיטא שוין אַז ער וואָלט ניט באַדאַרפט זיין בכח אַרויסצופירען די שורות העלדען און מאַרטירער וואָס דער קאַמף פאַר סאָציאַלען יושר האָט געפאָדערט.

איהר זאָגט, אַז דאָס האָבען מיר אודאי צו פאַרדאַנקען די פּאָעטען. דער קינסטלער באַזיצט אַ ביסעלע שאר רוח, ער ווערט באַווירקט פון אַ געפיהל מעהר ווי אַ געוויינליכער בשר ודם, ער ווערט שטאַרקער גערירט פון מענשליכע ליידען, ער קען גיכער ניט פאַרטראָגען קיין פאַלשקייט, קיין אומאָרדנונג אד"ג. ער מוז דערפאַר פון זיין נאַטור מיט זיך פאַרשטעלען אַן ענטהוזיאַסטישערער מאַנער פון גערעכטיגקייט. איז אָבער דער חסרון מיטן קינסטלער, וואָס פונקט ווי ער ווערט מעהר באַווירקט פון די געפיהלען וואָס ציהען אויפ'ן צד פון גערעכטיגקייט אַזוי ווערט ער אויך מעהר באַווירקט פון אַלע אַנדערע געפיהלען. זיין גרעסערער אינטערעס פאַר גערעכטיגקייט ווערט דעריבער נייטראַליזירט דורך אַ גרעסערען עגאָאיסטישען שוחד. קונסט אַליין האָט דעריבער קיין מאָל ניט דערפירט צו דער מדרגה פון צדקות. צו דעם האָט מען באַדאַרפט באַזיצען אַן אַנדער אָפּשאַצונג פון ווערטען. דער אינטערעס פאַר גערעכטיגקייט און אַלטרואיזם בכלל האָט באַדאַרפט זיין אימשטאַנד צו באַזייטיגען, אָדער וויינינ-

---

1) דאָ איז נאַטירליך נישט דער פּלאַץ זיך אָפּצושטעלען לענגער אויף די דאָזיגע באַגריפען, ווי אויך אופצוקלערען זייער שייכות מיט גערעכטיגקייט. איך משך פון דער דאָזיגער אָפּהאַנדלונג וועט האָפענטליך דאָס אַלץ קלאָר אַרויסגעבראַכט ווערען.

פראָלאָג

סטענס אריבערוועגען, די ענגע עגאָאיסטישע אינטערעסען. אט צו דעם האט נאר געקענט פיהרען די פילאָזאָפיע.

דער אינטערעס פאר פילאָזאָפיע פאנגט זיך אָן מיט דער געוויינ־ליכער נייגעריגקייט, וועלכעס איז אודאי א נאטירליכע ערשיינונג. דער עגאָאיסטישער אינטערעס גופא פאָדערט אז מען זאָל זיך ארום־קוקען ארום זיך, מען זאָל באטראכטען דעם אלטרום, כדי צו דערגעהן אויף ווי ווייט עס קען ברענגען נוצען אָדער שאָדען צום עגאָ. אויסער דער דאָזיגער נייגעריגקייט באזיצט דער מענש אויך א נייגעריגקייט לשמה, עס גלוסט זיך צו דערקענען זאכען אפילו ווען די דערקענטעניש קען קיין שום נוצען ניט ברענגען. איהר געדענקט דאָך אודאי ווי אמאָל האט זיך אייך זעהר געוואָלט זעהן א גרעסערע שטאָדט אָדער עס האט זיך אייך געגלוסט א קוק טאָן אויפ׳ן ים. אין דערדאָזיגער נייגע־ריגקייט זעהט איהר געווים א פינגער פון ריינעם אלטרואיזם, דער אלטרום טהוט דאָ דירעקט בארירען אונזער אינטערעס. און אָט דער דאָזיגער אלטרואיסטישער אינטערעס, וועלכער האט דוכט זיך בעצם גאר קיין שייכות ניט מיט די ענינים פון „בין אדם לחבירו״, האט פונדעסטוועגען פיל מעהר בייגעטראגען צו גערעכטיגקייט און אלט־רואיזם בכלל, ווי די אַנדערע אלטרואיסטישע אינטערעסען, וועלכע האָבען צו דעם מעהר שייכות.

די אַנדערע אלטרואיסטישע אינטערעסען וואוינען בלויז אין מענשען׳ס הארץ, וואו דער עגאָ איז דער הויפט בעל דעה. זיי לעבען דאָרט דערפאר אין גאנצען מיט דעם חסד פון עגאָ, און זיי מוזען זיך באנוגענען מיט די ברעקלעך וואס פאלען ארונטער פון עגאָ׳ס טיש. דאָס ביסעל אלטרואיזם וואס מיר דערפיהלען נאטירליך באשטעהט דעריבער פון געקליבענע ברעקלעך, וועלכע פאסען זיך זעהר גוט אויפ׳ן טיש פון עגאָ: לויט אונזער געפיהל פון גערעכטיגקייט זיינען מיר שטענדיג גערעכט, לויט אונזער געפיהל פון גלייכהייט דארפען אונז אלע נאכטאָן, און לויט אונזער געפיהל פון אָרדנונג דארף הער־שען אזא אָרדנונג ווי אונז לוינט זיך. גאנץ אנדערש איז אָבער מיט דעם נייגעריגקייטס אינטערעס. נייגעריגקייט באזעצט קודם כל דעם געדאנק, כדי עפעס צו דערקענען מוזען מיר דענקען. און ווען דער געדאנק איז פארנומען האט ניט זיין מאיעסטעט דער עגאָ דורך וואנעט צו שיקען זיינע באפעלען, קען ער מעהר ניט אויסאיבען זיין קאָנטראָל, געהט אָן די באפרידיגונג פון נייגעריגקייט׳ס אינטערעס אומגעשטערט דורכ׳ן צענזאר, איז דער אלטרואיזם דאָ ריינער אלטרואיזם. דערפאר זעהען מיר טאקע, אז ווען מיר שטודירען גערעכטיגקייט אָדער גלייכ־הייט אָדער אָרדנונג — נאטירליך ווערט דאָ געמיינט שטודיום לשמה

פרינציפען

— זוכען מיר טאַקע אמת'ע גערעכטיגקייט, אמת'ע גלייכהייט און אמת'ע אָרדנונג.

אין נייגעריגקייט האָבען מיר אַלזאָ דאָס וואָס מיר האָבען פרי־הער געזוכט, אַ פאַל וואו דער עגאָאיזם ווערט באַזייטיגט. נאַטירליך זיינען ניט אַלע נייגעריגקייטען גלייך, און ניט ביי אַלעמען געהט דער נייגעריגקייטס אינטערעס אַזוי ווייט צו באַזעצען דעם גאַנצען גע־דאַנק. פונקט ווי בעלי חיים זיינען ווייניגער נייגעריג ווי מענשען אַזוי זיינען פשוט'ע מענשען ווייניגער נייגעריג ווי שטודענטען. 1) פשוט'ע מענשען זיינען דעריבער בלויז נייגעריג צו זעהען אָדער צו הערען, צו קומען אין באַרירונג מיט דער שאַלאַכץ פון אָביעקט; זייער נייגעריגקייטס אינטערעס באַזעצט בלויז זייער אַפּטישען אָדער אקאַם־טישען מאַרך־טייל, לאָזענדיג דעם סערעבּרום און די איבעריגע מאַרך טיילען פריי פאַר זייערע עגאָאיסטישע אינטערעסען.

למשל, ווען אַ געוויינליכער מענש זאָל זעהן פייער צום ערש־טען מאָל, וועט זיין נייגעריגקייט מסתמא באַפרידיגט ווערען ווען ער האָט אָנגעקוקט דעם קאָליר און שיין פון פייער. העכסטענס וועט ער נאָך אפשר פּרובירען עס אָנרירען און דערשפּירען די וואַרעמקייט און דעם ברען פון פייער. אַ סטודענט אָבער, וועט ניט נאָר זוכען צו דער־געהן וואָס מעהר אייגענשאַפטען פון פייער, נאָר ער וועט זיך אויך אָפּשטעלען לענגער אויף די דאָזיגע אייגענשאַפטען: ער וועט זיך אַריינטראַכטען אין זייער מהות, ער וועט זוכען זייער פּרינציפּ, דעם עצם וועזען פון פייער.

דער סטודענט מוז זיך שוין דערפאַר אַקטיוו אַריינלעבען אין אָביעקט פון זיין דערקענטעניש, אויסטהוענדיג זיך בשעת מעשה פון אַלע אַנדערע אינטערעסען. דערפאַר זעהט מען טאַקע ווי דער אמת'ער סטודענט, דער תלמיד חכם, דער פילאָזאָף, טהוט מייסטענס פאַרנאַכ־לעסיגען די ענינים אין וועלכע אַ געוויינליכער מענש איז אַריינגעטאָן ראשו ורובו: ער יאָגט זיך ניט אַזוי נאָך געלט, תאוות באַהערשען איהם ניט אַזוי שטאַרק, „אם פגע בך מנוול זה משכהו לבית המדרש" (סוכה נ"ב). די ממשלה פון עגאָ איבער זיין ווילען ווערט כסדר איבערגעריסען דורך לאַנגע הפסקות, „אין לך בן חורין אלא מי שעוסק בתורה" (פרקי אבות ו'). זיין אויג פאַר גערעכטיגקייט ווערט דער־פאַר ניט אַזוי לייכט פאַרבלענדעט דורך עגאָאיסטישען שוחד.

אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלעס. נאָכפאָלגענדיג די זעלבע ליניע, זוכענדיג דעם פּרינציפּ פון זאַכען, קומט צו דער פילאָזאָף צו אַן

---

1) פאַר וואָס עס איז אַזוי וועלען מיר זעהן שפּעטער ווען מיר וועלען רעדען וועגען עקזיסטענץ.

פראָלאָג

אַלגעמיינעם פּרינציפּ. גאַנץ פאַרשיידענע פילאָזאָפיעס פלעגען זיך צוזאַמענטרעפען ביי דער אידעע פון אַזאַ פּרינציפּ — צו עס איז געווען די וועלט׳ס נשמה אָדער אַ צאַל אָדער פייער (ענערגיע) אָדער דער שכל הפועל אָדער אַן אַנדער פּרינציפּ פון אוניווערזעלען וועזען. דער דאָזיגער פּרינציפּ פלעגט ביסלאַכוויי איינשלינגען די גאַנצע פּערזענ־ליכקייט פון פילאָזאָף, אַלע זיינע עגאָאיסטישע אַספּיראַציעס פלעגען זיך אויף איהם איבערטראָגען. ווארעם איז ער דאָך אַליין — ווייניג־סטענס בנוגע זיין עיקר וועזען, זיין נשמה — בעצם אויך אַ טייל פון אָט דעם דאָזיגען אַלגעמיינעם וועזען, אַ חלק אלקי ממעל; די באַזונ־דערע עקזיסטענץ פון זיין פאַרבייגעהענדען עגאָ איז דאָך נישט מעהר ווי אַ פענאָמען, ווי די באַזונדערע עקזיסטענץ פון אַ פאַרבייגעהענ־דער כוואַליע.

עס פאַרשטעהט זיך אַז אַזאַ הכרה, ווען זי געהט אַריין טיעף אין די ביינער, „כל עצמותי תאמרנה״, מוז זי באַווירקען דעם ווילען, מוז זי ענדערען די חשבונות איבער גוטס און שלעכטס. ווארעם דער אינטערעס פאַר דער עקזיסטענץ פון עגאָ מוז ביסלאַכוויי איבערגעהן אין אַן אינטערעס פאַר דער עקזיסטענץ פון אַלגעמיינעם וועזען און גוטס און שלעכטס מוז דאַן גע׳חשבונ׳ט ווערען אין פאַרהעלטעניש צו דער עקזיסטענץ פון דעם דאָזיגען וועזען — וואָס עס פאַרמערט אָדער פאַרפאַלקאָמט דעם דאָזיגען וועזען וועט הייסען גוט און וואָס עס פאַרמינדערט אָדער פאַראומפאַלקאָמט דעם דאָזיגען וועזען וועט הייסען שלעכטס. אין דער דאָזיגער בוכהאַלטעריע האָט שוין דער ענגער עגאָאיזם מעהר קיין פּלאַץ ניט. אין אַלגעמיינעם וועזען זיינען אַלע גלייך פאַרטראָטען; דער רווח אָדער דער שאַדען פאַר איין אינדי־ווידום מאַכט דאָ אויס אַ רווח אָדער אַ שאָדען פאַר יעדען אַנדער אינדיווידום. אין איינקלאַנג מיט דער דאָזיגער הכרה איז שוין גערעכ־טיגקייט ניט אין היפּוך נאָר אין האַרמאָניע מיטן עגאָאיסטישען אינ־טערעס.

אמת, נישט אַזוי לייכט קומט עס אָן צו דערגרייכען צו אַזאַ הכרה, און נישט אַזוי לייכט קומט עס אָן צו קירעווען דעם ווילען נאָך דער דאָזיגער הכרה. דער קערפּער האַלט אין איין דריקען אויפ׳ן ווילען. הונגער, וועהטאָג און תאוות מאָנען זייער פונט פלייש. דער קערפּער האַלט זיך ביים אַלטען ענגען עגאָאיזם, און ער וויל ניט אַזוי לייכט אָפּטרעטען זיין פּלאַץ פאַר דער העכערער איבערמענשליכער הכרה.

פאַר וואָס? איז דען דער קערפּער אַליין ניט איינגעשלאָסען אין אַלגעמיינעם וועזען, און גילט דען פאַר איהם אַליין ניט די זעלבע הכרה? די דאָזיגע פראַגע האָט געוויס געמאַטערט די פילאָזאָפען

פרינציפען

וועלכע זיינען צוגעקומען צו דער טעאָריע פון אבסאָלוט איינהייטליכען פרינציפּ, און זעהר אָפט האָבען מאנכע פון די דאָזיגע פילאָזאָפען ניט געפונען קיין אַנדער אויסוועג ווי צו צוברעכען זייער איינהייטליכען פרינציפּ אויף צווייען, אָננעמען אַ דואליזם: דער קערפּער איז פאַר־בונדען מיט אַן אַנדער פרינציפּ — די פאָרמלאָזע מאַטעריע, דער ניט־זיין דער דעמיורג אד"ג. דער קערפּער באַזיצט דערפאַר זיין באַזונ־דערען עגאָאיסטישען סיסטעם, וועלכען ער גיט ניט אויף בעת דער געדאַנק קומט אין קאָנטאַקט מיט זיין מקור. דער קערפּערליכער עגאָ־איזם טשאַוועט כסדר ביים טיהר פון געדאַנק און ער כאַפּט זיך דאָרט ווידער אַריין ווען נאָר ער געפינט אַן אָפענע שפּאַרונע, ווען דער קאָנ־טאַקט פון געדאַנק מיט זיין מקור ווערט אַ ביסעלע לוויזער.

אַזוי צו אַזוי, איז אָבער אמת אַז ריינע התדבקות האָט געקענט אָנהאַלטען בלויז געצעהלטע מינוטען. אָבער די דאָזיגע מינוטען זיינען געווען גענוג צו באַווייסען אַביסעל דעם רויטען בעל־חי'שען באַרשטש, און מערסטענס פון דעם וואָס איז באמת שעהן אין די מענשליכע אינ־סטיטוציעס קוועלט אַרויס פון די דאָזיגע מינוטען.

איהר פרעגט — און וואו איז רעליגיע? איז דען גערעכטיגקייט ניט געפאָדערט געוואָרען אין נאָמען פון רעליגיע? און האָט דען רע־ליגיע ניט געהאַט מעהר איינפלוס אויף די מאַסען ווי פילאָזאָפיע?

אמת. איהר פאַרגעסט אָבער אַז רעליגיע אַליין האָט עס גע־פאָדערט אין נאָמען פון אַ פילאָזאָפישען פרינציפּ. איז דאָך גערעכ־טיגקייט פון „די זאַכען וואָס אויב זיי וואָלטען ניט געשריבען געוואָרען וואָלטען זיי אַלץ איינם באַדאַרפט אָנגעזאָגט ווערען", און איז דאָך „דינין" פון די זיבען געבאָטען וואָס זיינען גילטיג נאָך פון פאַר מתן תורה. בנוגע גערעכטיגקייט, פונקט ווי בנוגע פיעל אַנדערע עיקרים פון מאָראַל, האָט זיך רעליגיע בלויז אונטערגעשריבען אויף די פאָ־דערונגען פון דער פילאָזאָפיע — ריכטיגער געזאָגט, אויף די פאָדערונ־גען פון איהר פילאָזאָפישען עלעמענט.

ווארעם באמת איז רעליגיע מעהר פון אַלץ אויך פילאָזאָפיע. אויך איהר ענדציל איז צו קומען אין באַרירונג מיט דעם העכסטען פרינציפּ פון וועזען. צווישען דער אמת'ער רעליגיע און דער פאָל־שטענדיגער פילאָזאָפיע איז בעצם ניטאָ קיין חילוק. דער עלעמענט פון אמונה אין רעליגיע איז בלויז צו מאַכען דער פילאָזאָפיע לייכטער צום האַנד, פונקט ווי די צין וואָס איז צוגעמישט צום גאָלד כדי דאָס גאָלד זאָל לייכטער געהענדעלט ווערען. אמונה אָהן פילאָזאָפיע איז ווי דער ריינער צין. עס פאַרלירט אין גאַנצען דעם גאָלדענעם שיין, דעם ענטהוזיאַזם און דער הכרה מיט וועלכער מען דינט ג' מאהבה, „צמאה לך נפשי". ווען מען אַרבעט בלויז פאַר אַ לוין, טהוט מען נאָר

פראָלאָג

ווייל מען מוז, און מען זוכט כסדר חשבונות ווי אראָפּצואוואַרפען פון זיך די התחייבות. און חשבונות געפינט מען אַסאַך — פאַרלאָזט זיך אויפ'ן בעל חשבון, אויפן שכל; ער איז אַן אָנגעשטעלטער פון עגאָ. דערפאַר די ניט־אויסגעהאַלטענקייט צווישען תמימות'דיגען גלוי־בען און ניט־רעליגיעזער פּראַקטיק פון דער אומוויסענדער מאַסע. פון איין זייט איז מען אָבערגלויבעריש ביז צום ביין און פון דער אַנדער זייט זאָגט מען ליגענס אויף וואָס די וועלט שטעהט, נישט מורא האָבענדיג עובר צו זיין אויף אַ בפירוש'ער עשה אין דער תורה „מדבר שקר תרחק" (שמות כ"ג). האָבען דאָך אונזערע חכמים געזאָגט „אין בור ירא חטא ולא עם הארץ חסיד" (פּרקי אבות ב').

ערשטער קאַפּיטעל

וואָס איז פילאָזאָפיע

— מילא, איבער דעם וואָס איז געווען אַמאָל וועל איך זיך מיט אייך ניט שפּאַרען. אַמאָל האָט די פילאָזאָפיע געוויס געהאַט איהרע פאַרדינסטען. אין די צייטען פון דער ממשלה פון הויפטלינג מיט זיינע דונקעלע יועצים, דער כשוף-מאַכער, דער אסטראָלאָג און דער אַלכע־מיסט, האָט געוויס דער פאַקעל פון דער פילאָזאָפיע געדינט צו פאַר־טרייבען אַביסעל די פינסטערע שאָטענס פון ברוטאַליטעט און אָבער־גלויבען. אָבער יענע צייטען זיינען דאָך שוין אוועק. היינט האָבען מיר שוין די עלעקטרישע ליכט פון די מאָדערנע וויסענשאַפטען — צו וואָס זיך נאָך אַלץ באַנוצען מיט דעם זעלבען פאַרעלטערטען פאַקעל, „שרגא בטיהרא למאי מהניא?" און אויב איהר ווילט וועל איך אייך דערצעהלען אַ סוד, אַז היינט איז שוין איבערהויפּט מעהר ניטאָ קיין פילאָזאָפיע. ווי אַ צייטיגער ספּאַר האָט זיך די אַמאָליגע פילאָזאָפיע צוטיילט אויף די פאַרשיידענע מאָדערנע וויסענשאַפטען, וועלכע, גע־שולטער און בעסער אויסגעשטאַט, פיהלען אוים איהרע פונקציעס מיט מעהר שלמות.

— איהר מאַכט אַ טעות מיין פריינד. עס איז נאָך היינט אויך דאָ אַ פילאָזאָפיע און מען מוז זיך נאָך היינט אויך מיט איהר באַנו־צען..

איך וויל זיך דאָ מיט אייך ניט אריינלאָזען אין קיין צו טיפע חקירות איבער דעם וועזען פון פילאָזאָפיע און וויסענשאַפט. איך וועל זיך דאָ נאָר אָפּשטעלען אויף אייערע אייגענע ווערטער. איהר האָט ערשט פאַרגליכען דער פילאָזאָפיע צו אַ צייטיגען ספּאַר וועלכער האָט זיך צוטיילט אויף די פאַרשידענע מאָדערנע וויסענשאַפטען. הייסט עס, אַז איהר זיינט אַליין מודה, אַז די מאָדערנע וויסענשאַפטען האָבען זייער אורשפּרונג אין דער פילאָזאָפיע אָדער אַז די פילאָזאָפיע איז די מאַמע פון די מאָדערנע וויסענשאַפטען און ווען ניט די פילאָזאָפיע וואָלטען אפשר די מאָדערנע וויסענשאַפטען אין גאַנצען ניט געווען אויף דער וועלט. דוכט זיך, אַז פאַר דעם אַליין קומט שוין דער פילאָ־זאָפיע פיעל מעהר קרעדיט ווי איהר האָט באַוויליגט צו צו־שרייבען און צוליב דעם אַליין וואָלט איהר זיך שוין ניט געטאָרט באַ־קלאָגען אויף דעם נישטיגען רווח וואָס מען זאָל האָבען ארויסגעצויגען פון דער פילאָזאָפיע.

אָבער דאָ בין איך ניט אויסען צו מאָנען די קריוודע פון דער פילאָזאָפיע בנוגע איהרע פאַרדינסטען אין דער פאַרגאַנגענהייט, אייערע ווערטער ריידען אויך פאַר דער וויכטיגקייט פון דער פילאָ־

זאָפיע בנוגע דער געגענוואָרט און דער צוקונפט. ווארעם אויב די פילאָזאָפיע איז די מאַמע פון די וויסענשאַפטען מוז זי דאָך געוויס האָבען אין זיך עפּעס אַן אייגענשאַפט צו זיין אַ מאַמע פון וויסענשאַפטען, מוז זי דאָך זיין באַגאַבט מיט עפּעס אַ ספּעציעלען כח צו געבוירען וויסענשאַפטען, מיט אַנדערע ווערטער, די פילאָזאָפיע מוז באַזיצען אַ כח אָנצופאַנגען וויסענשאַפטען, צו שאַפען פּרינציפּען פון וויסענשאַפט.

און באַזיצענדיג אַזאַ שאַפענדען כח קען די פילאָזאָפיע פאַרשטעהט זיך קיין מאָל ניט זיין איבעריג, קען זי שטענדיג האָבען אַ וויכטיגע פונקציע אויסצופיהלען. ווארעם אודאי וועט איהר דאָך אַליין צוגעבען אַז צו וויסענשאַפט איז קיין גרונד ניטאָ, אַז ווי וויסענשאַפטליך מיר זאָלען ווען עס איז ניט זיין וועט נאָך אַלץ בלייבען גענוג טונקעלקייט אַרום אונז און עס וועט נאָך ממילא שטענדיג בלייבען גענוג פּלאַץ פאַר נייע געבורטען פון וויסענשאַפט.

איך זעה אַז דער דאָזיגער ענטפער האָט אייך ניט אין גאַנצען צופרידענגעשטעלט. דירעקט לייקענען דעם שייכות פון פילאָזאָפיע צום געבורט פון וויסענשאַפט קענט איהר טאַקע ניט, ווייל צו גוט ווייסט איהר די געשיכטע פון די וויסענשאַפטען. צו גוט ווייסט איהר, אַז די ערשטע וויסענשאַפטלער זיינען אַלע געווען פילאָזאָפען און אַז די הויפּט פּרינציפּען פון די וויסענשאַפטען—קאָנסערוואַציע פון שטאָף, אטאמיזם, אַלגעמיינע באַוועגונג, די ווירקונג פון פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע כחות, אָרגאַנישע עוואָלוציע אד"ג 1) — זיינען דורך זיי ענדעקט געוואָרען אָהן דער הילף פון וויסענשאַפטליכע אינסטרומענטען. קומט איהר דערפאַר גלאַט אַזוי מיט פאָדערונגען און טענות:

ערשטענס, ווילט איהר וויסען גענוי וואָס איז דער אָביעקט פון פילאָזאָפיע — וואָס זוכט דער פילאָזאָף און איבער וואָס פאַרטראַכט ער זיך ווען ער פילאָזאָפירט. אמת טאַקע, רעדענדיג דאָ אָביסעל פריהער וועגען די גרויסע פאַרדינסטען פון דער פילאָזאָפיע, האָט איהר אגב אורחה'דיג געהערט, אַז די פילאָזאָפען זוכען צו דערקענען דעם עצם וועזען פון זאַכען — אָבער וואָס מיינט דער עצם וועזען? און פאַר וואָס קען מען עס ניט זוכען צו דערקענען מיט דער הילף פון די וויסענשאַפטען?

צווייטענס, ווילט איהר וויסען ווי אַזוי זוכט די פילאָזאָפיע צו דערגרייכען איהר אָביעקט, מיט וואָס פאַר אַן אינסטרומענט באַנוצט

---

1) די אָרגאַנישע עוואָלוציע געפינט איהר ביי אקסימאנדערען, אַ פילאָזאָף וועלכער האָט געלעבט מיט צוויי און אַ האַלב טויזענט יאָהר צוריק. די אַלגעמיינע באַוועגונג ציהט איהר יחוס פון העראקליטוס. די ווירקונג פון פּאזיטיווע און נעגאַטיווע כוחות האָט אַמאָל געטראָגען דעם נאָמען סימפּאַטיע און אַנטיפּאַטיע.

פרינציפּען

זי זיך פאַר דעם — איז עס אַזאַ מיט וועלכען מען באַנוצט זיך אין די וויסענשאַפטען אָדער איז עס אַן אייגענאַרטיגער פילאָזאָפישער אינ־סטרומענט? און אויב דאָס צווייטע איז אמת, וואָלט איהר ווידער וועלען, אַז מען זאָל אייך גענוי דערקלערען די נאַטור פון דעם דאָזיגען אינסטרומענט, ווי אַזוי דער דאָזיגער אינסטרומענט אַרבעט.

דריטענס, פאַרשטעהט איהר ניט פאַר וואָס עס זיינען דאָ אַזוי פיעל דעפיניציעס פון פילאָזאָפיע. זאָל מען אדרבה אַן עפּען טאָן אַן ענציקלאָפּעדיע, וועט מען דאָרט געפינען אַ דעפעניציע פון פּלאַטאָ, אַ דעפיניציע פון אַריסטאָטעל, אַ דעפיניציע פון קאַנט, פון אָובערוועג, פון ספּענסער, פון דזשיימס און פון נאָך אַנדערע — ניט שוין זשע באַזיצט טאַקע די פילאָזאָפיע אַזוי פיעל וועזענס?

איז ענטפערען אייך דירעקט אויף די דאָזיגע טענות אייערע, האָב איך מורא אַז דאָס קען פירען צו אַבסטראַקטע רייד, וועלכע וועלען אייך מסתמא פאַרנודזען. מיר וועלען דאָ דעריבער פּרובירען זיך אַנ־שפּאַרען אויף עפּעס אַ פּאַסיגען קאָנקרעטען ביישפּיל. לאָמיר נעמען אַ וועזען וואָס מיר קענען דורך און דורך און מיר וויסען דערפאַר גענוי וואָס איז אין איהם עצם וועזען און וואָס צופעליג. אַזאַ וועזען קענען מיר לייכט געפינען צווישען אונזערע אייגענע שאַפונגען — אָט ווי דער שאַך־שפּיל, למשל.

וועלען מיר טאַקע נעמען דעם שאַך־שפּיל אַלס ביישפּיל. ווי יעדער אַנדער זאַך, האָט אויך דער שאַך־שפּיל אַ צופעליגען טייל און אַ וועזענטליכען טייל: די באַשטימטע שטאָף, מאָס און קאָלירען פון שאַך־ברעטעל און פון די כלים געהערען דאָרט צו דעם צופעליגען טייל, און ענדערונגען אין די דאָזיגע זאַכען וועלען ניט מאַכען קיין שינוי אין עצם וועזען פון שאַך. דאַגעגען, דער פּלאַן פון שאַך־ברעטעל, דער קוואַדראַט פון 64 קעסטעלאַך פון צוויי פאַרשידענע קאָלירען איינער איבער איינעם, געהער דאָרט צו דעם וועזענטליכען טייל, אַן ענדערונג אין דעם וועט אומברענגען דעם עצם וועזען פון שאַך.

איצט לאָמיר זיך ווידער פאַרשטעלען ווי אַ גרופּע פון זעהר קליינינקע, קורץ לעבענדע, אָבער אינטעליגענטע ברואים׳לאַך אונטער־זוכט דעם וועזען פון שאַך־שפּיל. צווישען דער דאָזיגער חברה קליינ־וואַרג געפינען זיך אַלערליי וויסענשאַפטסלייט: כעמיקער, פיזיקער, מאַטעמאַטיקער, היסטאָריקער, ביאָלאָגען, פּסיכאָלאָגען אד״ג. פּרו־בירט יעדער גרופּע וויסענשאַפטסלייט אויסצופאָרשען אויף איהר שטייגער דעם וועזען פון שאַך־שפּיל.

געפינען אוים די כעמיקער די ריכטיגע פאָרמולעס פון די עלע־מענטען און שטאָף פון שאַך־ברעטעל, פון די פיגורען און פון די שפּילער. פאָרשען די פיזיקער די כחות פון וועלכע די באַוועגונגען

פון די פיגורען פאַלגען. חשבונ'ען די מאַטעמאַטיקער דעם כמות פון שטח און צייט אין דעם אַלעמען. דערגעהן די היסטאָריקער זעהר אינטערעסאַנטע פאַקטען, אַז אַלץ איז דאָ אַ גלגל החוזר, אַז דאַן ווען עס האַלט שוין דוכט זיך ביים סוף פאַנגט זיך גאָר ווידער אָן אַלץ פון דאָס ניי. און די ביאָלאָגען און פסיכאָלאָגען וועלען זיך מן הסתם נעמען בעאַרבעטען וויסענשאַפטליך די שפּילער גופא, אופצוזוכען אַלע פאַקטען ארום זיי. וועלען זיך די ערשטע אָפּשטעלען הויפּטזעכליך אויף דעם אופן פון אָטעמען און אויף דעם בלוט דרוק פון די שפּילער בשעת דער אָנשטרענגונג פון שפּיל. די צווייטע וועלען זיך אודאי גיכער פאַראינטערעסירען אין דעם אופן ווי די שפּילער האַלטען די פיגורען, פאַר די קעפּלאַך אָדער פאַר די בייכלאַך.

לאָכט נישט, ס'איז ניט קיין פּוסטער משל. קוקט זיך גוט צו וועט איהר זעהן אַזוינע קאָמישע סצענעס אין ווירקליכען לעבען. איהר דאַרפט נישט געהן ווייט. נעמט דאָס לעבען גופא — דאָס גרויסע שפּיל, אין פּראַפּאָרציע צו וועלכעס מיר מענשען זיינען געווים נישט מעהר ווי קליינינקע קורץ־לעבענדע ברואים'לאַך. זעהט אייך ניט אוים קאָמיש, ווען דער דאָזיגער קוואַל פון וואונש, פון אָנשטרענגונג, פון יצירה און פּראָגרעס ווערט דורך מאַנכע וויסענשאַפטסלייט אוים־געטייטשט ווי אַ רעזולטאַט פון אַ צופעליגען צוזאַמענמיש פון עטליכע דוממדיגע עלעמענטען, אָדער פון עפּעס אַ קאָמבינאַציע פון היץ און קעלט, וועלכע זאָל האָבען צושטאַנדגעקומען ביים אָפּקיהלען זיך פון דער ערד? אָבער נאָך קאָמישער איז, ווען די ביאָלאָגען מיינען, אַז זיי גיבען אייך אַ דעפיניציע פון לעבען, ווען זיי שטעלען אייך פאַר די פאַקטען דורך וועלכע לעבען דריקט זיך אוים. פּרואווט, אדרבה, אַ פרעג טאָן אַ ביאָלאָג, וואָס איז לעבען? וועט ער אייך אָנהויבען צו לייענען אַ צעטעל פון טעטיגקייטען וואָס אַ לעבעדיגע צעל טהוט: עס איז סענסיטיוו, רעאַקטיוו, אָטעמט, וואַקסט, פּרוכפּערט זיך, פאַדערט און אַסימילירט שפּייז אד"ג. אָבער דאָס וואָס פאַלגט פון לעבען איז נאָך ניט לעבען זעלבסט. שטעלט אייך פאָר, ווען איהר זעהט די דאָזיגע אַלע טעטיגקייטען פּלוצלינג אין אַ שטיין — וועט אייך דען ניט איינפאַלען, אַז אויסער די דאָזיגע טעטיגקייטען, וועלכע איהר זעהט, האָט געמוזט געשעהן אין שטיין נאָך עפּעס, וועלכעס איהר זעהט ניט, עפּעס פון וועלכעס די דאָזיגע טעטיגקייטען פאַלגען?

נאָר לאָמיר אָפּלאָזען דערווייל די דעפיניציע פון לעבען, צו וועלכער מיר וועלען נאָך צוריקקומען שפּעטער, און מיר וועלען זיך אומקערען צו אונזער ביישפּיל. עס פאַרשטעהט זיך, אַז אויף די דאָ־זיגע וועגען וועלען די ברואים'לאַך קיין מאָל ניט צוקומען צו אַ דער־קענטעניש פון אמת'ען וועזען פון שאַך־שפּיל. פאַר דעם פאַדערט זיך

פרינציפּען

אַ טיפערע דערקענטעניש פון זאַכען, אַ דערקענטעניש וואָס זאָל אַדורכדרינגען די שאָלאַכץ פון צופעליגקייטען אויף אַזוי ווייט, אַז זי זאָל זיך אַנשטויסען אָן דעם פּלאַן פון שאַך־שפּיל: אַ דערקענטעניש מיט וועלכער מען זאָל אין צושטאַנד פון שאַך־ברעטעל דערקענען די געפאָדערטע אָרדנונג אין די קעסטעלאַך פון שאַך־ברעטעל; אַ דער־קענטעניש מיט וועלכער מען זאָל אין גאַנג פון די פיגורען דערקענען די געפאָדערטע היראַרכי אין דעם ראַנג פון די פיגורען; אַ דערקענטע־ניש מיט וועלכער מען זאָל אין די כסדר׳דיגע אַנשטרענגונגען פון די שפּילער דערהערען כסדר׳דיגע וואונשען צו דערגרייכען, כסדר׳דיגע וואונשען צו האָבען עפּעס מעהר אָדער צו פּראָגרעסירען. 1) אַט די דאָזיגע טיפערע דערקענטעניש פון זאַכען איז דער אייגענאַרטיגער אינסטרומענט פון דער פילאָזאָפיע.

לאָמיר זיך איצט ווידער פאָרשטעלען, אַז מאַנכע פון די דאָזיגע ברואים׳לאַך באַזיצען טאַקע אַזאַ טיפערע דערקענטעניש, מיט וועלכער זיי האָבען דערקענט דעם וועזען פון שאַך־שפּיל און דעם וועזען פון נאָך פיעל אַנדערע זאַכען — ווי וועט איהר אָנרופען דעם אָביעקט פון דער דאָזיגער דערקענטעניש, וואָס דערקענט מען מיט דער דאָזי־גער טיפערער דערקענטעניש? איהר וועט אודאי זאָגען, אַז מיט איהר דערקענט מען דעם וועזען פון זאַכען. אָבער דאָס דערקענט מען דאָך ניט דוקא מיט דער דאָזיגער טיפערער דערקענטעניש. האָבען דאָך אין דעם אויבענדערמאָנטען ביישפּיל אויך די כעמיקער דערקענט דעם וועזען פון זאַכען, דעם וועזען פון די שטאָפען דורך וועלכע דער שאַך־שפּיל איז געקומען צום אויסדרוק. איהר דאַרפט דערפאַר זאָגען, אַז מיט איהר דערקענט מען דעם עצם וועזען פון זאַכען, דעם וועזען וועל־כער שטעלט מיט זיך פאָר די עסענץ פון דער זאַך אַליין, און ניט פון איהרע צופעליגע אויסדרוקען.

דער עצם וועזען פון אַ זאַך איז ביי פּלאַטאָן די ריינע אידייע, וועלכע עקזיסטירט אייביג, דערפאַר איז ביי פּלאַטאָן די פילאָזאָפיע, „דער וויסען פון אייביגער ווירקליכקייט". ביי אַריסטאָטלען איז דער עצם וועזען די ריכטיגע דעפיניציע פון אַ זאַך, דער וועזען ביי

1) עס קען זיין אַז די דאָזיגע לעצטע ווערטער וועלען פאַר אַנדערע ניט זיין קלאָר, זיי וועלען אָבער קלאָר ווערען שפּעטער, ווען דער ענין פון פּראָגרעס וועט דאָ באַהאַנדעלט ווערען באריכות. דערווייל וועט זיין גענוג צו דערמאָנען אַז דער וואונש צו פּראָגרעסירען איז דער אמת׳ער פאַקטאָר פון שפּיל, פּונקט ווי דער דאָזיגער וואונש איז דער אמת׳ער פאַקטאָר פון אַלע אַנדערע עסקים אונזערע. דער אונטערשייד צווישען שפּיל און אונזערע ערנסטע עסקים ליגט נישט אין אָביעקט נאָר אין צייט — אין ביידע פאַלען, זוכען מיר פּראָגרעס, נאָר בעת אין שפּיל זוכען מיר צו פּראָגרעסירען בלויז פאַר דער צייט פון שפּיל, זוכען מיר אין אונזערע עסקים אַזאַ פּראָגרעס וואָס זאָל אָנהאַלטען פאַר אַ לענגערע צייט.

פרינציפּען

וועלכען מיר דאַרפען זיך אָפּשטעלען ביים סוף פון אנאליז, נאָכן בע־זייטיגען פון דער זאַך אַלע איהרע צופעליגע אויסדרוקען; דערפאַר הייסט ביי אריסטאָטלען די פילאָזאָפיע, „אַ וויסענשאַפט פון ענדליכער ווירקליכקייט”. דער זעלבער עצם וועזען פון אַ זאַך הייסט ביי קאַנטען „ריינער באַגריף”, אָדער „באַגריף אַלס אַזעלכער”. און אַזוי ווי מיט די ריינע באַגריפען גיט זיך ביי איהם אָפּ די העכסטע אינסטאַנץ פון אונזער קענטעניש פאַקולטעט, דער שכל, איז ביי קאַנטען די פילאָ־זאָפיע, „אַ שכל'דיגער וויסען געצויגען פון די באַגריפען אַלס אַזעלכע”.

דער עצם וועזען פון אַ זאַך איז אויך דער פּרינציפּ פון וועלכען עס פאָלגט אַלץ וואָס האָט צו טאָהן מיט דער זאַך, אַלץ וואָס ברענגט דעם וועזען פון דער זאַך צום אויסדרוק — דער שאַך־ברעטעל איז פון האָלץ ווייל דורך די האָלץ קומט דער פּלאַן פון שאַך־ברעטעל צום אויסדרוק — דערפאַר איז די פילאָזאָפיע ביי אובערוועגען, „די וויסענ־שאַפט פון פּרינציפּען”. דער עצם וועזען פון אַ זאַך אָדער דער פּרינ־ציפּ איז אויך דאָס אַלגעמיינע אין דער זאַך, דאָס וואָס מוז זיך געפינען אין אַלע איהרע אויסדרוקען — דער פּלאַן פון שאַך־ברעטעל מוז זיך געפינען אין אַלע שאַך־ברעטלאַך — און דערפאַר איז די פילאָזאָפיע ביי דזשיימסען, „אַ דענקען ליבערשט איבער כללים ווי איבער פּרטים”. און עס פאַרשטעהט זיך אויך, אַז אין איינקלאַנג מיט ספּענסער'ס שיטה פון פּרינציפּען, דאַרפען די כללים גופא זיין בלויז אויס־דרוקען פון אַ העכערען כלל, און דערפאַר דאַרף די פילאָזאָפיע זיין ביי ספּענסערען, „דער וויסען פון העכסטען גראַד אַלגעמיינקייט”. אַזוי קומט אויס אַז די דאָזיגע אַלע דעפיניציעס שטעלען באמת פאָר דעם זעלבען וועזען.

אייערע טענות קעגענאיבער דער פילאָזאָפיע זיינען דערפאַר קיין טענות ניט; די פילאָזאָפיע האָט אַ באַשטימטען אָביעקט און אַ באַשטימטען אינסטרומענט צו דערגרייכען איהר אָביעקט. אמת, דער דאָזיגער אינסטרומענט אַרבעט ניט אַזוי לייכט און אַזוי גענוי ווי די אינסטרומענטען פון די וויסענשאַפטען — די טיפערע דערקענטעניש איז מעהר אַן אינספּיראַציע 1), וועלכע קען ניט זיין אַזוי קאָנטראָליר־באַר און אַזוי גענוי ווי דער אויסגעאַרבעטער וויסענשאַפטליכער כלל — און דערפאַר איז דער פילאָזאָפיע שווערער צו דערגרייכען איהר אָביעקט, און איהר קענטעניש איז אויך ניט אַזוי פּינקטליך ווי די קענטעניש פון די וויסענשאַפטען. אָבער איהר טאָרט ניט פאַרגעסען, אַז מיט קיין אַנדער אינסטרומענט קענט איהר פאָרט ניט צוקומען צום עצם וועזען פון זאַכען; און אויב איהר פאַרשטעהט, אַז מען קען זיך פון

1) ווי אַזוי אַזאַ אינספּיראַציע איז מעגליך וועט מען זעהן שפּעטער.

פרינציפּען

אַזאַ וויכטיגען און אינטערעסאַנטען קענטעניש געביט ניט אָפּזאָגען, מוזט איהר אָנקומען צו דעם אינסטרומענט פון פילאָזאָפיע, קענט איהר זיך ניט באַגעהן אָהן פילאָזאָפיע.

און איהר טאָרט אויך ניט פאַרגעסען, אז ניט נאָר טוט אונז די פילאָזאָפיע אַריינפירען אין אַ זעהר וויכטיגען קענטעניש געביט, נאָר דער אופן ווי זי נעמט אונז דאָרט אוף איז אויך פון באַזונדערער וויכטיגקייט. ווארעם ווען מיר דערקענען עפּעס דורך די וויסענשאַפ־טען ווייסען מיר נאָר אז עס איז אַזוי, אָבער ניט אז עס דאַרף אַזוי זיין. אַזוי, למשל, געפינען מיר אויס אז ווען קלאָריום און סאָדיום פאַר־איינינגען זיך כעמיש ווערט געבילדעט זאַלץ — פאַר וואָס אָבער גראַד זאַלץ? וואָס פאַר אַ שייכות איז דאָ צווישען דעם דאַזיגען שפּייז ארטיקעל מיט דעם גיפטיגען און שטינקענדיגען קלאָריום אָדער מיט דער זעהר אַקטיווען סאָדיום? דאָס קען אונז די וויסענשאַפט ניט זאָגען. ווען נישט דער כלל, אז פון דער זעלבער אורזאַך פאָלגט דער זעלבער עפעקט, וואָלט אפילו ביי אונז רעכט געווען אז מאָרגען זאָל די קאָמבינאַציע פון די זעלבע עלעמענטען בילדען אַן אַנדער ארטיקעל. ווען אָבער מיר דערקענען דורך דער פילאָזאָפיע, אז עפּעס דריקט אויס אַ פּרינציפּ פון וועזען, דערקענען מיר אויך, אז עס דאַרף אויסדריקען דעם דאַזיגען פּרינציפּ און אז מהיום והלאה וואָלטען מיר עס אַליין פאָרגעשלאָגען אַלס אַן אויסדרוק פון דעם זעלבען פּרינציפּ. דערוויסען מיר זיך, למשל, אז לעבען איז אַן אויסדרוק פון אַ העכערען גראַד איינהייט און פאַרשידענהייט, דערקענען מיר טאַקע אין לעבען די כאַראַקטעריסטיקס פון אַ העכערען גראַד איינהייט און פאַרשידענ־הייט, און מיר וואָלטען אַליין אויך פאָרגעשלאָגען איינס אַלס אַן אויס־דרוק פון דאָס אַנדערע.

די פילאָזאָפיע באַקענט אונז אַלזאָ ניט נאָר מיט דעם וואָס עס איז נאָר אויך מיט דעם וואָס עס דאַרף זיין און דאַרפען איז דער אינסטרומענט פון מאָראַל — דערפאַר איז דאָ אַזאַ נאָהנטער שייכות צווישען פילאָזאָפיע און מאָראַל. ווען איהר ווייסט וואָס עס דאַרף זיין האָט איהר אַן אידעאַל און איהר קענט אָפּשאַצען דעם ווערט פון זאַכען און האַנדלונגען לויט ווי זיי גרייכען אייער אידעאַל, למשל, איהר קענט וויסען, אז אַ מענשליכער לעבען איז מעהר ווערט ווי אַ בהמה'שער צוליב דעם וואָס עס פאַרטרעט אַ העכערען גראַד איינ־הייט און פאַרשידענהייט, דאָס וואָס לעבען דאַרף ברענגען צום אויס־דרוק, און אַזוי קענט איהר ממילא אויך וויסען, אז אַ האַנדלונג וועלכע ברענגט נוצען אַ מענשליכען לעבען איז מעהר ווערט ווי אַ האַנדלונג וועלכע נוצט אַ בהמה'שען לעבען. ווען איהר האָט אַ פילאָזאָפיע האָט איהר דעריבער אַ סטאַנדאַרד פאַר מאָראַל.

וואָס איז פילאָזאָפיע

און ווען איהר האָט אַ סטאַנדארד פאַר מאָראַל ווילט איהר לעבען אין איינקלאַנג מיט דעם דאָזיגען סטאַנדארד און איהר ווילט אַז אַלע זאָלען אַזוי לעבען, ווארעם ווען איהר ווייסט וואָס עס דאַרף זיין ווילט איהר אַז עס זאָל זיין ווי עס דאַרף זיין, אין דעם איז סאָקראַטעס געוויס גערעכט געווען.

פילאָזאָפיע און מאָראַל שטעהען דעריבער אין נאָהנטער קרובה־שאַפט, וואָס שטאַרקער עס איז דער איינפלוס פון פילאָזאָפיע אַלץ פעסטער זיינען די שנירלאַך פון מאָראַל, „מרבה תורה מרבה חיים". און פאַרקערט ווידער, אַ קריזיס אין פילאָזאָפיע ברענגט מיט אַ קריזיס אין מאָראַל. די וויסענשאַפט מיט איהר אויספאָרשען וואָס עס איז, קען אין דעם גאָר ניט העלפען.

ב.

— אַ גאַנץ פיינער פלפול, כ'לעבען, נאָר דער איינציגער חסרון וואָס ער איז ניט אויסגעהאַלטען. איהר זאָגט אַז די פילאָזאָפיע איז אונז מזכה מיט אַ סטאַנדארד פון מאָראַל. וואָלט אַלץ גוט געווען ווען עס איז דאָ איין פילאָזאָפיע מיט איין סטאַנדארד. ווי איז אָבער דער דין אַז עס זיינען דאָ מערערע פילאָזאָפיעס, וואָס יעדע איינע האָט זיך איהר באַזונדער סטאַנדארד? זאָגט איינע אַז מען דאַרף זיך דער עיקר אָפּגעבען מיט נעהרען דעם גייסט, אַז די העכסטע גוטס ליגט אין די הנאות פון דערקענען אַן אמת'ע אידייע, „אין טוב אלא תורה", און פון די קערפּערליכע הנאות דאַרף מען וייכען ווי פון אַ פּעסט. זאָגט די אַנדערע פונקט פאַרקערט: גוטס ליגט אין דער צופרידענשטעלונג פון די קערפּערליכע געניסען, און צופיל תורה איז אפשר גאָר אומגעזונט, „יוסיף דעת יוסיף מכאב". לויט איינע דאַרף זיך אַ מענש ניט רעכענען מיט דער מיינונג פון דער געזעלשאַפט; פרייהייט איז די העכסטע טוגענד. לויט די אַנדערע איז געזעלשאַפטליכקייט פאַרקערט די העכסטע טוגענד, „לעולם תהא דעתו של אדם מעורבת עם הבריות" (כתובות י"ז). האַלט איינע אַז ווען מען איז פּערפעקט איז מען ממילא גליקליך. האַלט די אַנדערע פאַרקערט, אַז ווען מען איז גליקליך איז מען ממילא פּערפעקט. איז וועמענס מאָראַלישען סטאַנדארד וועט איהר אָננעמען? אָדער אפשר וועט איהר גאָר, ווי יענער רב, געבעןביידע בעלי־דינין גערעכט?

פונקט געטראָפען. ביידע בעלי־דינין זיינען טאַקע יעדער פאַר זיך גערעכט. יעדענס סטאַנדארד איז אָנגעמאָסטען פאַר אַ קלאַס מענשען. אָבער עס זיינען דאָ פאַרשיידענע קלאַסען מענשען, מענשען פון פאַרשיידענע נאַטורען, און וואָס עס איז גוט אין פאַרהעלטעניש צו איין קלאַס קען זיין ניט גוט אין פאַרהעלטעניש צו אַן אַנדער קלאַס,

פרינציפען

דערפאַר דאַרפען זיין פאַרשיידענע סטאַנדאַרדען, אָנגעמאָסטען פאַר די נאַטורען פון די פאַרשיידענע קלאַסען מענשען. די דאָזיגע רייד זעהען אייך אודאי אוים זעהר ניט וויסענשאַפטליך: — אָבער הערט ווייטער.

איהר ווייסט גאַנץ גוט אַז מענשען לעבען היינט ניט באַזונדער, נאָר זיי בילדען אָרגאַניזאַציעס—פאַמיליעס, שטעדט, שטאַאַטען אד״ג. געוויס איז עס שטענדיג ניט געווען אַזוי. מענשען האָבען אַמאָל גע־לעבט ווי חיות, באַזונדער. אָבער דאָס איז דער גאַנג פון דער וועלט׳ס פּראָגרעס — פון איינפאַכקייט צו אָרגאַניזאַציע. 1) דערפאַר זעהען מיר ווי די פאָרם פון אָרגאַניזאַציע צו־וואַקסט זיך וואָס ווייטער אַלץ מעהר. און אַזוי ווי אַ באַדינג פאַר אָרגאַניזאַציע איז געגענזייטיגע אָפּהענגיגקייט, זעהען מיר טאַקע אַז וואָס ווייטער ווערט דער מענש אַלץ מעהר ספּעציאַליסט, אַלץ מעהר אָפּהענגיג איינער פון צווייטען, אַזוי אַז היינט איז שוין כמעט די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט אין אַ צושטאַנד פון געגענזייטיגער עקאָנאָמישער אָפּהענגיגקייט.

אַ נאַטירליכע אָרגאַניזאַציע, ווידער, קען ניט באַשטעהן פון דורכאוים גלייכע מיטגלידער. ווארעם צווישען בלויז גלייכע איז קיינער ניט אָנגעוויזען אויפן צווייטען און עס איז נישטאָ קיין געגענ־זייטיגע אָפּהענגיגקייט. 2) די אָרגאַניזאַציע מוז דעריבער באַזיצען פאַרשיידענע אָרגאַנען וואָס זאָלען אַדורכפירען פאַרשיידענע פונק־ציעס.

נעמט למשל אַזאַ נאַטירליכע אָרגאַניזאַציע ווי דער קערפּער פון בעל־חיי. זעהט איהר ווי די צעלען טיילען זיך פונאַנדער אין גרופּען פון פאַרשיידענע נאַטורען: הויט, ביין, מוסקול, נערוו און בלוט; און פון יעדער גרופּע טיילען זיך ווידער אוים פאַרשיידענע מינים, וועלכע זיינען באַשטימט צו דערפילען פאַרשיידענע פונקציעס — פונקציעס וואָס זיינען נויטיג פאַר׳ן געגענוועךטיגען קיום פון בעל חי׳ם קערפּערליכער אָרגאַניזאַציע און פונקציעס וואָס זיינען נויטיג פאַר׳ן אָנגעהן פון מין אין דער צוקונפט. דאָס זעלבע קומט פאָר אין

1) אין די נעקסטע קאַפּיטלען וועלען מיר זעהען פאַר וואָס.

2) איך זאָג אַ נאַטירליכע אָרגאַניזאַציע, ווייל מענשען אָרגאַניזירען זיך אַמאָל אין אַ קאָמפּאַניע פון גלייכע, כדי דורך זייער צוזאַמען־אַרבעט צושטאַנד ברענגען עפּעס וואָס יעדער באַזונדער איז נישט בכח. דאָס ווערט געטאָהן ווען דער רעזולטאַט פאָדערט אָדער אַ גרעסערען קוואַנטום פון אַרבעט אָדער אַ גרעסערע אינטענסיוויטעט — ווי למשל, ווען צוויי פערד שלעפּען אַ וואָגען וואָס איינער וואָלט ניט געווען בכח. אין ערשטען פאַל איז ניטאָ אין רעזולטאַט מעהר ווי דאָס וואָס יעדער מיטגליד האָט אַריינגעלעגט באַזונדער, און ווען יעדער זאָל קריגען זיין ריכטיגען חלק וועט ער פון דער צוזאַמען־אַרבעט גאָר קיין רווח ניט האָבען. אין צווייטען פאַל פאָדערט זיך אַ צוזאַמען־אַרבעט אין דער זעלבער צייט און אויפן זעלבען פונקט אין רוים. אַ נאַטירליכע אָרגאַניזאַציע איז אָבער ניט באַגרענעצט צו די דאָזיגע באַדינגונגען.

וואָס איז פילאָזאָפיע

דער גרעסערער אָרגאַניזאַציע אין דער נאַטור, אין דער אָרגאַניזאַציע פון מענשען אין אַ געזעלשאַפט. עס מוזען זיך דאָרט אויסטיילען פאַרשיידענע גרופען מענשען: אַרבייטער, פאַרוואַלטער, אָרדנונג-היטער, וויסענשאַפטסלייט, פילאָזאָפען, רעפאָרמער, אד"ג. גרופען וואָס זיינען באַשטימט אָנצוהאַלטען דעם קיום פון דער וועלט און גרופען וואָס זיינען באַשטימט צו טרייבען דעם פּראָגרעס פון דער וועלט.

איהר זאָגט אַז עס איז ניט קיין משל, „אין הנידון דומה לראיה". אין די צעלען פון בעל חיי'ם קערפּער זיינען דאָ קראַמאַסאָמס און גענס וועלכע האַלטען זיי אין איין קירעווען און באַשטימען זייער ריכטונג וואו זיי מוזען געהן. וואו איז אָבער דאָ אַזאַ זאַך אין די געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס? וואָס צווינגט אַ מענשען אויסצופילען אַ באַשטימטע פונקציע אין דער געזעלשאַפט? זיינען דען מענשען ניט פריי אויסצוואוועהלען זייערע באַשעפטיגונגען? און האָבען זיי שוין אפילו איין מאָל אויסגעוועהלט איין באַשעפטיגונג קענען זיי דען איהר דערנאָך ניט איבערבייטען אויף אַן אַנדערער? זעהען מיר דען ניט זעהר אָפט ווי אַן אַרבייטער ווערט אַ פאַרוואַלטער, און אפילו אַ רעפאָרמער? אין מענשען איז אַלזאָ ניטאָ קיין זאַך וואָס זאָל נויטיגערוויזע באַשטימען זיין פונקציע. דער מענש ווערט אָנגעטריבען אויף זיין באַשטימטען וועג דורך צופעליגע אורזאַכען — טאָ ווי קען מען רעדען וועגען פאַרשיידענע גרופּעס מענשען וואָס זאָלען זיין באַשטימט אויסצופילען פאַרשיידענע פונקציעס אין אַ געזעלשאַפטליכער אָרגאַניזאַציע?

איז אָבער אמת אַז אויך אין מענשען איז דאָ עפּעס וואָס באַשטימט זיין פונקציע אין דער געזעלשאַפט, כאָטש ניט אויף אַזאַ נויטיגען אופן ווי די קראַמאַסאָמס באַשטימען די פונקציעס פון די צעלען. פאַרגעסט ניט אַז דער מענש שטעלט מיט זיך פאָר אַ פיל פּראָגרעסיווערע פאָרמע פון וועזען ווי די צעל, ער איז דערפאַר פיל קאָמפּליצירטער, זיין וועג איז פיל פאַרשיידענאַרטיגער, זעהר פיל קרייץ-וועגען האָט ער אַדורכצומאַכען, ער קען דעריבער זעהר לייכט בלאָנדזען און פאַרפעלען די סימנים פון זיין באַשטימטער ליניע.

עס איז איצט ניט די צייט זיך אָפּצושטעלען אויף דעם פּרינציפּ פון פאַרשיידענהייט, וועגען וועלכען עס וועט אונז אינגיכען אויסקומען צו רעדען באריכות. מען קען אָבער שוין דאָ אָנווייזען אַז דער דאָזיגער פּרינציפּ פאָלגט נאָך דעם פּראָגרעס פון וועזען, וואָס מעהר פּראָגרעס אַלץ מעהר פאַרשיידענהייט. די גאַנץ נידעריגע פאָרמען פון וועזען, די דוממים, קענען אויסדריקען זייער נאַטור בלויז אויף איין אופן — דער דירעקטער פיזיש-כעמישער אופן: זיינען די אומשטענדען פּונקט אָנגעמאָסטען פאַר אַ פיזישער אָדער כעמישער ערשיינונג וועט זי

פרינציפען

גלייך פאַרקומען; ווען ניט, וועט זי קיינמאָל ניט פאַרקומען. דער צומח איז שוין אַביסעלע פרייער, ער קען זיך שוין אויך אויסבויגען פון איין פונקט אין שטח צו אַן אַנדערען, כדי צו באַקומען זונען-שיין. ביי די נידעריגסטע בעלי-חיים, די פראַטזאָער, ווערט ביסלאַכווייז דער דאָזי-גער טראַפיזם אַלץ מעהר פאַרפאָלקאָמט. ביי בעלי-חיים פון אַ ביסעל אַ העכערער מדריגה טרעפען מיר שוין אַן אינסטינקט, זיי דערגרייכען שוין צו זייער ציל שפּרינגענדיג אפילו איבער פאַרשיידענע פונקטען צייט; אַן אינסטינקט ווייס שוין אויך צו פאַרגרייטען פאַרן צוקונפט. דעם מענשען, ווידער, קומט שוין אוים צו שפּרייזען צו זיין ציל ניט נאָר איבער שטח און צייט נאָר אפילו איבער פאַרשיידענע צילען. דער מענש האָט דעריבער פאַר זיך אַ באַזונדער שווערע אויפגאַבע. ווארעם בעת אַלע אַנדערע ווזענס האָבען פאַר זיך בלויז איין אָביעקט, איין ציל, וועלכען זיי קענען קיינמאָל ניט פאַרבייטען, האָט פאַר זיך דער מענש מערערע אָביעקטען, וועלכע זעהען אוים אויסערליך זעהר ענה-ליך; אַלע צילען שיינען ווי צילען. דעם מענשען קומט דעריבער אַן זעהר שווער זיך פונאַנדערצוקלייבען אין די דאָזיגע צילען, צו דערגעהן וועלכער ציל איז פאַר איהם אַנגעמאָסטען. ער פּרואווט איין תכלית, ער פּרואווט אַן אַנדער תכלית. בעת ער טהוט איין זאַך קוקט ער אַריבער בשעת מעשה אויף אַן אַנדער זאַך. ער איז כמעט קיינמאָל ניט זיכער אין זיינע האַנדלונגען. ער דענקט שטענדיג אַז ערשט ווייטער, ווייטער וועט ער געפינען זיין ציל. דאָס מאַכט דעם מענשען, דעם בחיר היצורים, אומגליקליכער פון אַלע אַנדערע ברואים. דערפאַר קומען אַרוים דעם מענשען'ס טהאָטען אַזוי אומגעשיקט, אַזוי נעבעכ-דיג אין פאַרגלייך מיט די אינסטינקטיווע טהאָטען פון די אַנדערע ברואים.

אָבער כאָטש אַלע צילען שיינען אויסערליך ווי צילען, איז פונ-דעסטוועגען דאָ נאָר איינער וועלכער איז אַנגעמאָסטען פאַר די מיט-לען פון אַ באַשטימטען מענשען. און צווישען די דאָזיגע מיטלען מוז מעהר פון אַלץ דעם מענשען'ס אינערליכער פאַקטאָר גענומען ווערען אין באַטראַכט. איינער וואָס איז צוגעפּאַסט פאַר האַנט-אַרבעט וועט קיינמאָל ניט געפינען זיין אמת'ען תיקון אין קאָפּ-אַרבעט; און ווען אומשטענדען זאָלען איהם פאַרנאַרען אויף דעם וועג פון קאָפּ-אַרבעט וועט ער זיך דאָרט מאַטערען און מאַטערען ביז ער וועט אויסגעפינען אַז ער האָט געמאַכט אַ טעות, אַז ער געהט ניט אויף דער ריכטיגער וועג. און דאָס זעלבע ווען איינער וואָס איז פיהיג צו קאָפּ-אַרבעט נעמט זיך גראַד צו האַנד-אַרבעט. יעדער איינער האָט זיין באַשטימטע ראָליע, און עס איז אַזאַך-און-וועה ווען מען פאַרבייט זיך מיט די ראָלען. אפילו אין פּשוט'ע אַרבעט, ווייסט איהר דאָך ווי שווער עס

וואָס איז פילאָזאָפיע

איז פאַר אַ מאַן די אַרבעט פון אַ פרוי און פאַר אַ פרוי די אַרבעט פון אַ מאַן — קיין בעסערען מיטעל ווי צו פאַרפייניגען די אידען האָט אפילו פרעה בשעתו ניט געפונען (סוטה י״א).

דאָס ווייס כמעט יעדער איינער. עס איז אָבער ניט אַזוי פיל באַוואוסט, אַז לעבען דער ברייטער וועג, וואָס איז באַשטימט פאַר די וואָס דאַרפען אָנהאַלטען דעם „קיום העולם", לויפט אַ שמאָל סטעזש־קעלע פאַר די וואָס דאַרפען טרייבען דעם פּראָגרעס פון דער וועלט. ווען איהר קוקט זיך גוט צו צו דער וועלט, פון היינט און פון אַלע צייטען, באַמערקט איהר צוויי פאַרשיידענע טיפּען מענשען. פון איין זייט זעהר איהר די גרויסע מאַסע וועלכע לעבט אַ חיי־שעה און פון דער צווייטער זייט, אַ דינינקער שיכט וועלכער האָט אויפען אויג בלויז „חיי עולם". די ערשטע קענען זיך מעהר אָדער ווייניגער לייכט צו־פּאַסען צו די אַרבייטען אין וועלכע די וועלט נויטיגט זיך אין איהר טאָג־טעגליכען געברויך. פאַר זייער טרחה, ווידער, קריגען זיי באַ־צאָלט במזומנים, מיט עולם הזה'דיגע הנאות, וועלכע זיי טוען וואויל געניסען. די צווייטע, אָבער, איז לא הא ולא הא. די געוויינליכע באַשעפטיגונגען קומען זיי אויס אויסער־געוויינליך שווער, און די גע־וויינליכע הנאות געפינען זיי אין גאַנצען פוסט, „הכל הבל". זייער אויפגאַבע איז פּראָגרעס; זייער תכלית ליגט אין דער צוקונפט; זייער לעבען ווערט דערפאַר אויסגעפילט הויפּטזעכליך מיט דער צוקונפט. אַט דערפאַר האָבען מעהרסטע פילאָזאָפען געהאַלטען אַז די קערפּער־ליכע הנאות זיינען בלויז אַן אילוזיע. געהערענדיג צום לאַגער פון „חיי עולם" האָבען זיי אין די דאָזיגע הנאות בפועל ממש גאָר ניט געפונען. איינער וואָס געהער אָבער צום לאַגער פון „חיי שעה" געפינט אין זיי אַ פּאָזיטיווען גענוס, „מיום שחרב בית המקדש ניטלה טעם ביאה וניתנה לעוברי עבירה" (סנהדרין ע״ה).

אונטער אַזאַ איינשטעלונג קען זיך די וועלט געוויס ניט באַ־נוגענען מיט איין עטהיק. ווען עס זיינען דאָ פאַרשיידענע תכליתים און פאַרשיידענע מיטלען וועלכע פיהרען צו די תכליתים, מוזען זיין פאַרשיידענע עטהישע בוכהאַלטעריעס, פאַרשיידענע אורח חיים'ס. מנשען פון פאַרשיידענעם וואוקס קענט איהר באַקוועם ניט איינלעגען אין דער זעלבער סדום־בעטעל. פּראָטאַגאָראַס איז דערפאַר נישט אינ־גאַנצען אומגערעכט געווען ווען ער האָט געזאָגט, אַז „דער מענש איז די מאָס פון אַלע זאַכען און זאַכען זיינען צו מיר אַזוי ווי זיי קוקען אויס צו מיר און זיי זיינען צו דיר אַזוי ווי זיי קוקען אויס צו דיר".

נאַטירליך איז דאָ אין דעם גופא גרויסע חשבונות. אַ מענש איז ניט אינגאַנצען איינגעשלאָסען אין זיין באַשטימטער פונקציע פון „חיי עולם" אָדער „חיי שעה", נאָר ווי אַ פּלאַנעט וואָס דרעהט זיך סיי

פרינציפען

ארום זיך און סיי ארום דער זון אזוי דרעהט זיך א מענש סיי ארום זיין אייגענעם קערפער און סיי ארום דער גאנצער עקזיסטענץ. די פראגע איז נאר ארום וואס ער יאגט זיך מיט מעהר אימפעט. זעהר אפט קומט דערפאר אן גאנץ שווער אויסצוגעפינען די ריכטיגע נאטור פון דער „מאס״, די נאטור פון מענשען, זיין פונקציע אין דער געזעלשאפט. אויך איז ווייניג ווען מען ווייס „ווי זאכען קוקען אויס צו מיר״ איצט, מען מוז אויך אויסרעכענען ווי זאכען וועלען אויסקוקען צו מיר שפע־טער; ווארעם ווערטען בייטען זיך אין די פארשיידענע פעריאדען פון א מענשען׳ס עקזיסטענץ, טאקע צוליב דעם וואס זיינע פונקציעס גופא זיינען ניט די זעלבע אין אלע פעריאדען פון זיין עקזיסטענץ. א מענש קען דערפאר ניט געהן אליין הענדום פענדום און זיך אויסוועהלען א פילאזאפיע — דאס ווילט זיך מיר, איז דאס מסתמא גוט פאר מיר.

אויך דארף מען ניט פארגעסען אז אויסער די דאזיגע פריוואטע בוכהאלטעריעס איז דא אן אלגעמיינע בוכהאלטעריע, אזא וועלכע איז גילטיג פאר יעדען מענשען, אהן אונטערשייד צו וועלכען לאגער ער געהערט. דאס איז די בוכהאלטעריע פון די מדות וועלכע דינען דער אנהאלטונג פון די געזעלשאפטען — סיי די גרויסע געזעלשאפטען וועלכע שטעלען מיט זיך פאר אן ארגאניזאציע פון מענשען און סיי די קליינע געזעלשאפטען, די לעבעדיגע קערפערס, וועלכע שטעלען מיט זיך פאר אן ארגאניזאציע פון לעבעדיגע צעלען. דאס זיינען די מדות וועלכע ראפינירען יעדען יחיד אזוי אז ער זאל זיך קענען צו־זאמענהאלטען מיט זיינע נאהנטע און ווייטע שכנים. דאס זיינען די געזעצען וועלכע באשטימען די רעכט פון יחיד און פון קאלעקטיוו, די פליכטען וואס א מענש האט צו זיין פאמיליע, געמיינדע, שטאאט אד״ג. דאס זיינען די דירעקטיווען ווי אזוי אנצוגעהן מיטן אייגענעם קערפער כדי צו האלטען איהם אין בעסטען געזונט, און ווי אזוי צו געברויכען דעם פארמעגען כדי צו ציהען פון איהם דעם מאקסימום נוצען. דאס זיינען געווען די קארדינאלע מדות וועלכע זיינען אריינ־גענומען געווארען אין יעדער ערענסטער פילאזאפיע. אין דעם איז קיינער ניט געווען מחולק. האט דאך פראטאגאראס אויך געהאלטען אז גערעכטיגקייט האבען די געטער ניט איבערגעגעבען צו באזונדערע פאך-לייט, נאר עס איז איינגעטיילט געווארען צו אלעמען גלייך, כדי מענשען זאלען קענען בילדען געזעלשאפטען. („פראטאגאראס״ פון פלאטא).

מחלוקת׳ען האבען זיך אנגעפאנגען ערשט ווען עס איז געקו־מען צו די מדות וועלכע דינען די דערפילונג פון די פארשיידענע פונק־ציעס. דא האט איהר שוין פארשיידענע דיעטעס. איין דיעטע בא־שטעהט פון גייסטיגע שפייז; דאס איז פאר די וועלכע זיינען באשטימט

זיך אָפּצוגעבען מיט׳ן פּראָגרעס פון וועזען. אַ צווייטע דיעטע איז אויסגערעכענט פאַר׳ן וואוילזיין פון קערפּער; דאָס איז פאַר די וועלכע זיינען באַשטימט אָנצוהאַלטען די געגענווערטיגע עקזיסטענץ. אַ דריטע דיעטע שרייבט פאַר פרייהייט און ווילענס קראַפט; דאָס איז פאַר די וועלכע דאַרפען האַלטען דעם רודער און קירעווען די וועלט צו פּראָגרעס. אַ פערטע דיעטע שרייבט פאַר מילדקייט און געזעל־שאַפטליכקייט; דאָס איז פאַר די וועלכע דאַרפען פאַרנייען און פאַר־גלעטען די גוואַלדריסען וואָס ווערען געמאַכט אין דער געזעלשאַפט ביים קירעווען איהר געגען שטראָם.

ווי געזאָגט, געהערען די מעהרסטע פילאָזאָפען צום לאַגער פון „חיי עולם״; דערפאַר איז די ערשטע דיעטע דאָמינירענד אין דער פילאָזאָפיע. דאָס פאָלק, דאַגעגען, געהער מייסטענס צום לאַגער פון „חיי שעה״; דאָס פאָלק פאַרשטעהט דערפאַר בעסער די צווייטע דיעטע. דערפאַר די אָפּגעפרעמדקייט און דער געגענזייטיגער בטול צווישען די ביידע לאַגערען.

מען מוז צוגעבען, אַז די הויפּט-שולדיגע אין דעם זיינען די פילאָזאָפען אַליין. זיי האָבען בעדאַרפט דערזעהן דעם אמת׳ען אמת — אַז עס זיינען דאָ אַ סאַך אמת׳ען, און אַז דער אמת פון פילאָ־זאָף איז פאַרן פאָלק אַ שקר. אַ סאַך בייז-בלוט וואָלט די דאָזיגע הכרה פאַרמיטען.

— איך מוז אייך איבערשלאָגען די רייד. ווי איך האָב פאַרשטאַנען פון אייערע ווערטער, זיינען סיי איינהייט סיי פאַרשיידענהייט ביידע פּרינציפּען פון וועזען און ביידע פירען צו פּראָגרעס. אָבער זיינען דען ניט איינהייט און פאַרשיידענהייט אין היפוך איינע צו די אַנדערע? און אויב אַזוי, ווי שיקט זיך עס אַז ביידע זאָלען זיין פּרינציפּען פון זעלבען וועזען און ביידע זאָלען פיהרען צו פּראָגרעס? איבערהויפּט איז מיר די דאָזיגע טערמינאָלאָגיע ניט אין גאַנצען קלאָר. עפּעס האָב איך אין דעם פּרט אַ באַזונדער פאַרדאַכט געגענאיבער דער פילאָזאָפיע. עס דוכט זיך מיר אַז די פילאָזאָפען האָבען שטענדיג פאַרטומעלט זיך אַליין און דעם איבעריגען עולם מיט אומבאַשטימטע באַגריפען. וואָלט ניט געווען אַ יושר אַז איהר זאָלט אַנאַליזירען די דאָזיגע באַגריפען, קלאָר מאַכען זייער אינהאַלט, און טאַקע אויפן אָרט באַווייזען דעם פּלאַץ וואָס זיי פאַרנעמען אין וועזען — נישט אין וועזען פון די „עולמות העליונים״, נאָר טאַקע אין אונז, אין מיר מיט אייך, אָדער, נאָך בעסער, אין מענשען וועלכע זיינען ניט איינגעוויגט געוואָרען מיט דעם אייגפלוס פון די דאָזיגע באַגריפען — קענט איהר מיר אָנווייזען דעם קאָנקרעטען איינפלוס פון איינהייט אויף מענשען וועלכע האָבען קיינמאָל ניט געהערט פון אחדות הבורא?

צווייטער קאַפּיטל

דער איינפלוס פון איינהייט

ווען איך הויב אויף אַ בוך, נעם איך איהם בלויז ביי אַ ברעג, דאָס איבעריגע ווערט שוין מיטגעהויבען מיטן ברעג. איך ווייס אַז מיין ווירקונג איז געווען באַגרענעצט צום ברעג פון בוך — טאַ ווי אַזוי איז עס איבערגעטראָגען געוואָרען אויף די איבעריגע טיילען? איך פאַרענטפער עס מיט אַ געפיהל, אַז דער ברעג און די איבעריגע טיילען פון בוך שטעלען מיט זיך פאָר איין זאַך. דאָ האָבען מיר פאַר זיך אַ פאָרמע פון איינהייט, וועלכעס ווערט דערפיהלט אין שטאָף וואָס איז צוזאַמענגעבונדען אין שטח.

אָבער דאָס איז נישט די איינציגע פאָרמע פון איינהייט. מיר בינדען צוזאַמען זאַכען וועלכע געפינען זיך אפילו גאַנץ ווייט איינע פון די אַנדערע. אַ בוים אין אַמעריקא און אין אויסטראַליע האָט ביי אונז דעם זעלבען נאָמען, און ווערט אופגענומען אַלס די זעלבע זאַך, צוליב דעם וואָס איןביידע ערטער זעהט עס אויס מעהר אָדער ווייניגער גלייך. נאָך אַן אַנדער פאָרמע פון איינהייט באַגעגענען מיר ווען ניט קיין גלייכע טענער, געהערט אין באַזונדערע מאָמענטען, ווערען אופגענומען אַלס אַן איינהייטליכע מעלאָדיע.

ווי מיר זעהען דריקט זיך די איינהייט אויס אין פאַרשיידענע פאָרמען. ווען מען זוכט זיך באַקענען מיט דער נאַטור און ווירקונג פון איינהייט מוז מען דערפאַר קודם-כל אופזוכען די דאָזיגע פאָרמען.

ווי אַזוי אָבער זוכט מען זיי אויף? געהן דירעקט צום אוצר פון באַגריפען אין אונזער זכרון, נישטערען און זוכען דאָרט פאָרמען פון איינהייט? דאָס איז זעהר אַ שווערער וועג, ווייל די אַטריבוטען פון איינהייט פיגורירען זעהר אָפט אונטער נעמען וועלכע זעהען אויס אויסערליך גאַנץ אַנדערש פון איינהייט, מען קען זיי דעריבער לייכט פאַרבייגעהן און ניט באַמערקען זייער פאַרוואַנדשאַפט מיט איינהייט; איינעם קען אַמאָל ניט איינפאַלען אַז געוויינהייט איז אַן אונטער-פאָרמע פון איינהייט. מיר וועלען דעריבער דאָ פּרובירען דעם אומ-דירעקטען וועג: צוקומען פריהער צו די היפּוכים פון איינהייט, דאָס וואָס איז נישט-איינהייט, פון דאָרט וועלען מיר לייכטער געפינען דעם וועג צו די פאַרשיידענע איינהייטס פאָרמען, אַלס די היפּוכים פון די היפּוכים. אויף אַזאַ אופן וועט אונז דער פרעמדער נאָמען פון דער איינהייטס פאָרמע ניט קענען אָפּנאַרען, ווייל דאָ וועלען מיר זוכען נישט צווישען איינע נאָר צווישען היפּוכים.

דער איינפלוס פון איינהייט

מיר פּרואוּוען דערהערען נישט-איינהייט, מיר וואַרפען אַדורך אין געדאַנק די אַלע צושטאַנדען אויף וועלכע מיר זאָגען „עס איז נישטאָ קיין איינהייט". אַזוינע צושטאַנדען געפינען מיר פיער: פאַרשיידענאַרטיגקייט, אָפּגעזונדערטקייט, צוטיילונג, און פּילהייט. דאָס ערשטע שליסט אוים איינהייט בנוגע קוואַליטעט, קוואַנטיטעט (גרעסער אָדער קלענער) און קאָליר. דאָס צווייטע שליסט אוים איינהייט בנוגע מיטאַרבעטערשאַפט און ערגענצונג. דאָס דריטע שליסט אוים איינהייט בנוגע צוזאַמענבונד. דאָס פיערטע איז באמת שטאַרק ענהליך צו דער דריטער, פּילהייט איז צוטיילונג און צוטיילונג איז פּילהייט, נאָר דאָך איז דאָ אַ וועזענטליכער אונטערשייד צווישען די ביידע: „פּילהייט" שליסט אוים צוזאַמענבונד אין באַגריף, בעת „צוטיילונג" שליסט אוים צוזאַמענבונד בפועל. אַ פּונט מאַן, למשל, ווערט אין באַגריף אופגענומען ווי אַן איינהייט — אַ פּונט — בעת בפועל איז עס שטאַרק פונאַנדערגעטיילט. פּאַרקערט, ווידער, וועגען אַ שטיק פון צוויי פונט ברייט וועלען מיר רעדען בלשון רבים — „נעם אַוועק די צוויי פונט ברייט".

צו די דאָזיגע פיער היפוכים פון איינהייט קאָרעספּאָנדירען פיער איינהייטס פאָרמען: גלייכאַרטיגקייט, קאָמבינאַציע, צוזאַמענ־בונד און דער אוניט. די דאָזיגע פאָרמען קענען זיך אויסדריקען אין פאַרשיידענע דאָזען, פאַרשיידען אין כמות און פאַרשיידען אין איכות. אַ קאָמבינאַציע וואָס נעמט אַריין מעהר מיטגלידער איז אַ גרעסערע אין כמות, אַזאַ אין וועלכער די מיטגלידער אַרבעטען מעהר צוזאַמען איז אַ גרעסערע אין איכות. דאָס זעלבע, אַ צוזאַמענבונד וואָס נעמט אַריין אַ גרעסערען שטח אָדער אַ גרעסערער צייט איז גרעסער אין כמות, אַזאַ אין וועלכען די טיילען פון שטח אָדער די מאָמענטען פון צייט זיינען שטאַרקער צוזאַמענגעבונדען איז גרעסער אין איכות. די דאָזיגע פאָרמען האָבען אויך אונטערפאָרמען, וועלכע פיגורירען אונ־טער אַנדערע נעמען. מיט די דאָזיגע פאָרמען און אונטערפאָרמען, אין גרעסערע אָדער קלענערע דאָזען, באַגעגענען מיר זיך כסדר אין דער ערפאַרונג. און אויף אַזוי פיל ווי מיר ערפאַרען זיי אויף אַזוי פיל איבען זיי אויף אונז אוים אַ פּאָזיטיווען איינפלוס.

נעמט גלייכאַרטיגקייט. אַ גרויסער חלק פון דעם וואָס מיר רופען שעהנקייט קענט איהר צושרייבען צו דער ווירקונג פון דער דאָזיגער איינהייט'ס פאָרמע. ריינער קאָליר און גלייכפאָרמיגקייט רו־פען געוויינליך אַרוים אונזער באַוואונדערונג. אַ סטאַדע שעפּסען אָדער אַ קאָמפּאַניע הינער פון זעלבען קאָליר מאַכען אויף אונז אַן אַנגענעמען איינדרוק. קינדער אויף אַ פּאַראַד ווילט איהר אויספּוצען מיט די זעל־בע קליידער, אָדער ווייניגסטענס מיט די זעלבע לענטעס. אַ גאַרניטור

פּרינציפּען

איז אייך בעסער געפעלען ווען עס איז איינגאַנצען פון זעלבען שטאָף. אַ גוט-באַזיצער מיט געשמאַק וועט מקפּיד זיין אַז די בוימאלאך אין גאָרטען אָדער די שטיינדאלאך אין צאַם זאָלען האָבען דעם זעלבען אויסזעהן. אין באַפּוצונג שפּילט גלייכהייט אַ דאמינירענדע ראָלע, כמעט יעדער באַפּוצונג באַשטעהט פון גלייכע פּרענזלאך אָדער גלייכע שפּיצען. דער חשק פון פּערל און פּאַטשערקעס מוז אויך אודאי ציהען זיין יחוס פון געפיהל פאַר גלייכהייט. וואָס דאַרפט איהר מעהר? פּאַר פּערל פון באַשטימטען ווערט קען מען אַמאָל באַצאָהלען אַלע געלטער „ווייל אַ מענש וויל זיי צונויפפּאָרען (בבא מציעא נ"ח). מאָדע איז געוויס איינער פון די גרעסטע פאַקטאָרם אין שעהנקייט. און ניט דוקא אין קליידונג. אַ פרעמדע שפּראַך אָדער אַ פרעמדער דיאלעקט זעהט אייך אוים מיאוס; איך פאַרזיכער אייך אַז דאָרט וואו עס איז די אומגאַנגס שפּראַך איז עס שוין גאָר ניט מיאוס.

און וואָס איז מיט שעהנקייט פון מענשליכען גוף? אַ צו-לאַנגער נאָז אָדער אַ צו-קורצער נאָז מאַכט אייך אַמאָל אומגליקליך. אָבער פונוואַנעט ווייסט איהר אַז עס איז צו לאַנג אָדער צו קורץ? מיט וואָס ווערט עס געמאָסטען? מיט דעם דורכשניטליכען נאָז. וואָלטען מעהר־סטע נעזער געווען לאַנגע אָדער קורצע וואָלט אַ מיטעלער נאָז געוויס געווען מיאוס, פונקט ווי אין געוויסע געגענטען אין אפריקא זיינען דינע ליפען מיאוס, אָדער ווי אַמאָל אין כינע פלעגען ניט-קיין-פאַר־קריפּעלטע פים זיין אַ חסרון. נאָרמאַליטעט אין אַלץ קען פאַרגע־שטעלט ווערען אַלס אַן אידעאַל פאַר מענשליכער שעהנקייט— אויסער אין וואוקס, וואו אין איינקלאַנג מיט דעם פּרינציפּ פון פּראָגרעס ווערט די וואוקס געפאָדערט אַביסעל העכער ווי נאָרמאַל; פונדעסטוועגען איז ריזיגקייט אויך מיאוס. מען מוז צוגעבען, אַז אין קאָמפּלעקס פון גע־פעלען ווערען קומען אַריין נאָך פיל אַנדערע פאַקטאָרען: יונגקייט, גבורה, אינטעליגענץ, טאַלאַנט, מאַנירען, העכערער שטאַנד און נאָך אַזוינע אייגענשאַפטען וואָס האָבען צו טאָהן מיט פּראַקטישער נוצליכ־קייט אָדער העכערער עקזיסטענץ. פּראָפּאָרציע איז גאָר אַ געוואַל־טיגער פאַקטאָר אין שעהנקייט. אָבער פונקט אַזוי שפּילט נאָרמאַלי־טעט זעהר אַ וויכטיגע ראָלע אין מענשליכער שעהנקייט.

איהר ווייסט דאָך אַז עס איז פאַראַן אַ באַזונדער צווייג אין פּסיכאָלאָגיע, „די סאָציאַלע פּסיכאָלאָגיע", וואָס גיט זיך אָפּ מיטן איינפלוס פון רבים אויפ'ן יחיד. דער פּרט זוכט געוויינליך נאָכצוטאָן דעם כלל, „קול המון כקול שדי". לויפט דער עולם, לויפט דער יחיד מיט. טומעלט דער עולם, טומעלט דער יחיד מיט. לאַכען אַלע, לאַכט מען מיט, ניט ווויסענדיג אפילו פאַר וואָס. הערשט אַ שטילקייט, וועט אַזוי לייכט קיינער ניט וואַגען איבער צו רייסען די שטילקייט. אין אַ

דער איינפלוס פון איינהייט

פּאָליטישען „קאַמפּיין” זוכט יעדע פּאַרטיי איינצורעדען דעם עולם אַז די מעהרהייט איז מיט איהר, מען ווייס אַז אַ סאַך ווילען מיט־שטימען מיט דער מעהרהייט. דאַרפט איהר לייענען אָדער שרייבען און איהר פוילט זיך גראד צו, טאָ געהט אין אַ לעזע־זאַל; דאָרט געפינט איהר אַן עולם פון לייענער און שרייבער, און עס ווערט אייך אָנקומען פיל גרינגער. בקיצור, גלייכאַרטיגקייט ווערט אייך אַלע שווערינקייטען פערלייכטערען, „צרת רבים חצי נחמה”.

מען זאָגט אַז דער סוד פון אידישען קיום ליגט אין דער אידישער אמונה. איז עס געוויס אמת. וואָס אַזוינס איז אָבער דאָ אין דער אידישער אמונה וואָס האָט געקענט „על פי טבע” פאַרזיכערען דעם קיום פון אַ שוואַכען פאָלק געגענאיבער די ריזיגע כוחות פון פאַר־ניכטונג? אפשר די פשטות און די שכל'דיגע עיקרים אין דער אידי־שער אמונה? אָבער ווי קענען זיך די פּשוט'ע מאַסען אין דעם פונאַנ־דערקלייבען. בפרט ווען דער שונא איז געווען גוט באַוואָפענט מיטן „סייפא וספרא”, מיטן שווערד און פּראָפּאַגאַנדא — איהר ווייסט דאָך שוין היינט אַז מיט אָט די כלים קען מען לייכט מאַכען אויסקוקען דעם שקר ווי אַן אמת. אונטער די דאָזיגע כלים זיינען פיל שטאַר־קערע פעלקער דאַן געפאַלען ווי סנאָפּעס — בפרט אידען, וועלכע מען האָט געזוכט איינצורעדען אַז דער קריסטענטום אָדער דער איסלאַם שטעלען מיט זיך פאָר די אמת'ע אידישע אמונה.

מען זאָגט אַז די „מצוות מעשיות” האָבען געגעבען מעהר כח דער אידישער אמונה. איז עס ווידער אמת. וואָס איז אָבער געווען דער כח פון די מצוות מעשיות? דאָ קומען מיר צום ענין פון גלייכ־אַרטיגקייט. אידען האָט מען ניט געקענט איינברעכען, ווייל פון איין זייט זיינען זיי געווען צווישען זיך שטאַרקער פאַרבונדען דורך זייער גלייכער אופפירונג און פון דער אַנדער זייט זיינען זיי געווען מעהר אָפּגעטיילט פון די גוים דורך זייער פאַרשיידענער אופפירונג. אונ־זערע חכמים האָבען דעם דאָזיגען סוד גוט געוואוסט, „ישראל מצוות מגינות עליהן” (ברכות נ"ג); האָבען זיי געהאַלטען אין איין צוגעבען נאָך חומרות און נאָך מנהגים, אַזוי אַז עס איז כמעט ניט געבליבען קיין מאָמענט אין אידישען לעבען וואָס איז נישט געווען ספּעצי־פיש אידיש.

אויך די געטאָ האָט אויף דעם זעלבען וועג בייגעשטייערט צום אידישען קיום. אַ איד האָט געמוזט לעבען בלויז צווישען אידען, ער האָט דעריבער אַרום זיך געהאַט בלויז דעם אידישען אַרט לעבען, און דער דאָזיגער אַרט לעבען האָט טאַקע דערפאַר געהאַט ביי איהם טויזענט חנ'ען. די ריין־אידישע סביבה אין געטאָ, און שפּעטער אין דעם אידיש־רעדענדען שטעדטעל, האָט ממש אויפגעטאָהן וואונדער.

פרינציפען

א דאנק איהר איינפלום איז ניט געווען א אידיש קינד וואס זאל ניט האבען באזוכט א חדר. א דאנק איהר איינפלום איז דער שטעטעלדיגער שבת געווען אנגעפילט מיט א באזונדער קדושה. איהר געדענקט נאך אודאי די בתי מדרשים אנגעפילט מיט אידען פון אלע שיכטען, וועלכע פלעגען זיך מחיה זיין ביי א פרק משניות, א שטיקעל עין יעקב, אדער גלאט אזוי א נעימות'דיגען קאפיטעל תהילים. דארט האט אודאי ניט אויסגעפעלט דער איינגעבויגענער, שוואר-פארהארעוועטער בעל-מלאכה, וועלכער האט א גאנצע וואך, פופצען שעה א מעת-לעת, אפגעפינסטערט ביים ענגען ווארשטאט. האט זיך איהם גאר ניט געגלוסט ארויסגעהן אביסעל הינטערן שטאדט, אויסרוהען זיך אביסעל די ביינער און טאקע כאפען א דרעמעל אין שאטענדיגען וועלדעל אדער אויף דער גרינער שמעקעדיגער לאנקע? אודאי ניט, ווייל עס האט זיך איהם ניט געגלוסט זיין אן אויסנאם. ער וועט ארויסגעהן שפאצירען דאן ווען אלע וועלען געהן.

אויך דער כלל האט פיינט דעם אויסנאם. פרובירט זיין אנדערש פון אלעמען וועט מען אייך פאראכטען. איך גלויב נאך אלץ אז דער אלטער „ודתיהם שונות" איז דער פאטער פון אנטיסעמיטיזם, טראץ דעם וואס היינט האט מען שוין פיינט יעדען מיטן נאמען איד. פרואווט, אדרבה, זיך געפינען אין א געזעלשאפט און ניט קאאפערירען: ניט מיט-לאכען, ניט מיט-זינגען, ניט נעמען קיין אנטייל אין שמועס, אדער, צווישען שכורים, ניט מיט-טרינקען, וועט מען געווים אויף אייך קוקען קרום — איהר זייט א בעל גאוה אדער א מרוק, און צווישען קינדער ווערט איהר געקרוינט מיטן נאמען „סיסי". אויך אונזערע חכמים האבען רעקאמענדירט גלייכהייט ווי א מדה פון דרך־ארץ. „לא יהא אדם ער בין הישנים ולא ישן בין הערים" (דרך ארץ זומא פרק ה'). ווען עס האנדעלט זיך וועגען א מנהג מוז מען זיך פיהרען ווי דער מנהג איז אין פלאץ וואו מען געפינט זיך (פסחים נ').

די פיטאגארייער פלעגען זאגען, „אז דער גלייכער האט ליב דעם גלייכען". אפשר האט אויף זיי געמאכט מעהר איינדרוק דער דאזיגער פאקט ווי ער ווערט באמערקט אין דער פיזישער וועלט, וואו גלייכע מאלעקולם האלטען זיך אמאל אזוי שטארק צוזאמען אז זיי בילדען די פעסטע מעטאלען. אבער אויך אין פסיכאלאגיע איז דער דאזיגער פרינציפ געגוג בולט. מענשען פון איין עלטער, פון איין שטאנד, פון איין פאלק טוען זיך גיכער חבר'ען. א קינד אינטערעסירט מעהר פון אלץ אן אנדער קינד. א גביר געהט גיכער אן דער גורל פון אן אנדער גביר. איהר האט אודאי באמערקט אז ווען א גביר ווערט א יורד באמיהען זיך אנדערע גבירים צוריק צושטעלען איהם אויף די פיס. (זעהט איהר, אן ארימאן איז עפעס אנדערש.

ער וועט שטאָלצירען מיט די גבירים פון זיין שטעדטעל, ער וועט זיך באַרימען מיט זייער גבירעשאַפט, ער וועט זיך וועלען געפינען אין זייער געזעלשאַפט, וואו ער פיהלט זיך ווי אויסגעוואַקסען איבער זיין סביבה. דאָס איז, ווייל דאָ קומט שוין אַריין דער פּרינציפּ פון פּראָ-גרעם). איהר וועט אויך זעהען ווי לאַנדסלייט קלעפען גיכער צו לאַנדסלייט פון דער זעלבער גובערניע און פון זעלבען אויעזד — „פון וואַנעט איז אַ לאַנדסמאַן?" „פון גראָדנער גובערניע? שלום עליכם. פון וועלכער שטעדטעל?" וואָס אַרט אייך צו סיסלאָוויטץ איז אין גראָדנער גובערניע אָדער אין ווילנער גובערניע, אַז סך-הכל רעדט מען דאָרט דעם זעלבען ליטווישען דיאַלעקט און די מנהגים זיינען דאָרט אויך די זעלבע? עס איז אָבער דאָ אַ חילוק אין נאָמען. און צוליב דעם דאָזיגען חילוק זיינען שוין ימים מיט בלוט פאַרגאָסען געוואָרען.

נעמט קונסט. דער הויפּט וועזען פון מאָלען, סקולפּטור און טעאַטער איז דער פאַרגלייך; דער קינסטלער פּראָדוצירט אַ קאָפּיע פון עפּעס וואָס עקזיסטירט בפועל אָדער אין פאָרשטעלונג. און וואָס גרעסער עס איז דער פאַרגלייך, וואָס מעהר מען קאָפּירט, אַלץ העכער איז די קונסט, אַלץ מעהר באַוואונדערען מיר עס. 1) אין מוזיק האָט איהר דעם רעפריין, די איבער'חזר'ונג פון די זעלבע טענער. אין פּאָעזיע האָט איהר דעם גראַם, אַן איבער'חזר'ונג פון קלאַנג. דער תוך פון דער שעהנער ליטעראַטור בכלל באַשטעהט מערסטענס אין מאָלען. דעם חן פון דער פאָרם, ווידער, שטעלען צו די רעדע-פיגורען: די סימילע, דער מעטאַפאָר, די פּערזאָניפיקאַציע א"וו, ד"ה ווייטער פאַרגלייכונגען. אודאי געדענקט איהר נאָך די הנאה וואָס אַ משכיל האָט אַמאָל געהאַט פון אַ שטיקעלע מליצה, פון אַ מאָגערען געדאַנק אַריינגעפּאַקט אין אַן איבערגע'חזר'טען זאַץ פון תנ"ך אָדער תלמוד. והער רעדט דער משל? דאָס איז דאָך באמת געווען צוקער זים. אונזערע חכמים פלעגען זיך מיט איהם כסדר באַנוצען, „אל יהי משל קל בעיניך" (שיר השירים רבה פּרק א').

געוויינהייט איז אַ פאָרמע פון גלייכהייט, ווען עפּעס ווערט איבערגע'חזר'ט מערערע מאָל ווערט געבילדעט אַ געוואוינהייט. געוואוינהייט האָט דעריבער אַ זעלטענעם איינפלוס, „הרגל נעשה טבע". אַ צוגעוואוינטער לוקסוס, פלעגען זאָגען די אַלטע גריכען, ווערט אַ נויטווענדיגקייט און מען קען אָהן דעם מעהר ניט אויסקומען. די הנאה פון רויכערען און טרינקען איז ביי אַנדערע ווערט אַזוי פיל

1) אין פאָטאָגראַפיע און מאַשין אַרבעט פעלט אויס דער עלעמענט פון יצירה און פּראָגרעס — די זאַלץ פון וועזען — נאָר וועגען דעם וועט אונז אויסקומען צו רעדען ערגעץ אַנדערש.

פרינציפּען

ווי זייער גאַנצער לעבען. מענשען קומט געוויינליך אָן זעהר שווער איבערצוגעהן פון איין אָרט לעבען צו אַן אַנדערען. 1) אַ דאָרפסמאַן וועט אויף לאַנג ניט קענען פאַרטראָגען דעם שטאָדטישען טומעל און אַ שטאַטסמאַן וועט זיך גאַנץ גיך אָנהויבען לאַנגווייליגען אין דאָרף; דער ערשטער וועט בייבקען נאָך זיין הייזעל, נאָך זיין גאָרטען און נאָך דער דאָרפישער רחבות פון דער נאַטור בכלל, דער צווייטער וועט בייבקען נאָך די מענשליכע פּנימער וואָס ער איז געווען געוויינט צו זעהן. אַלץ רופט אַרויס בענקעניש. עס איז זיך שווער צו שיידען אפילו מיט כלים וועלכע האָבען לאַנג און אינטים געדינט. 2) ווער רעדט ווען עס האַנדעלט זיך וועגען מענשליכע פּנימער, דאַן טוט געוויינשאַפט געוויינליך אויסשמידען אַ אינטימע פריינדשאַפט, און אפילו אַ הייסע ליבע, „טוב שכן קרוב מאח רחוק" (משלי כ"ז). אפילו צווישען אייגענע קינדער ווערען מעהר איינגעבאַקען אין האַרצען די וועלכע מען איז מעהר געוויינט צו זעהן, „דאליע אטשי, דאליע סערצע".

קאָנסערוואַטיזם איז אַ פאָרמע פון געוויינהייט. דערפאַר איז קאָנסערוואַטיזם אַ גרויסער פאַקטאָר אין מענשען'ס דענקען און האַנדלען, סיי אין פּריוואַטען לעבען און סיי אין געזעלשאַפטליכען לעבען. יעדער געזעצטער מענש האָט זיך זיינע פרינציפּען, זיינע השקפות און זיינע אָפּשאַצונגען פון ווערטען, וועלכע איהר קענט איהם אַזוי לייכט ניט מאַכען אופגעבען דורך אייערען אַ שלאָגענדען אַרגומענט. עס איז זעהר שווער אַריבערצוגעווינען אַ חסיד פון איין דרך צו אַן אַנדערען. מערסטע רעפּובליקאַנער האָבען געשטימט רעפּובליקאַניש אפילו אין 1932, ווען מען האָט שוין געקענט בולט זעהן אַז די אַנהאַלטונג פון דער זעלבער „פּאָליסי" וועט פירען צו אַ קאַטאַסטראָפע. ווי אָביעקטיוו און ווי ליבעראַל אַ געלערענטער זאָל ניט זיין וועט ער פונדעסטוועגען פיל איבערשאַצען די וויכטיגקייט פון דעם געביט מיט וועלכען ער גיט זיך צופעליג אָפּ. למשל, איינער וואָס אומשטענדען האָבען איהם אַריינגעפירט אין דער פעלד פון אָריענטאַלישע שפּראַכען, וועט אין דער דאָזיגער פעלד, מעהר ווי אין אַלע אַנדערע, זעהן אמת'ע גרויסקייט און אמת'ע אומשטערבליכקייט, פאַר וועלכעם עס לוינט זיך אָפּגעבען אַ לעבען. אַלע אַנדערע געביטען איז רעכט ער זאָל מבטל זיין — ער זעהט ניט איין פאַר וואָס עס זאָל זיך לוינען מקריב זיין גאָר גרויסע קרבנות.

1) גאַנץ יונגע מענשען טוהען געוויינליך גראד גלייכען נייעסען און אוואַנטורעס, ווייל זיי ווערען אין דער דאָזיגער ריכטונג געטריבען פון פרינציפּ פון פּראָגרעס, וועגען וועלכעס עס וועט אונז שפּעטער אויסקומען צו רעדען.

2) פאַר וואָס מען וויל אַמאָל פּטור ווערען פון אַלטע כלים וועלען מיר זעהן שפּעטער.

דער איינפלוס פון איינהייט

מהאי טעמא ווערט יעדער חידוש אין אָנפאַנג באַקעמפט. אַלטע ווייבער שאָקלען נאָך מיט די קעפּ ווען זיי זעהען אַ נייע מאָדע. ווער רעדט ווען איהר זאָלט פּרוּאוון איינפירען אַ פּאָר אומשולדיגע רעפאָרמען, וועט עס אייך געווים אָנקומען מיט גרינעם גאַל. פּעטער „דער גרויסער" האָט געמוזט פאַרגיסען טייכען בלוט ביז עס איז איהם געלונגען אַריינצופירען אין רוסלאַנד אַ פּאָר מערב-אייראָפּיי-אישע מנהגים. פּרוּאווט אפילו באַפרייען אַ פאָלק וועלכעס איז געווען געוואוינט צו לעבען אונטער אַ דיקטאַטור, וועט זיך דער געזעצטערער טייל אייך אַנטקעגען שטעלען מיט געווער אין האַנד. 1) איבערהויפּט וועט איהר האָבען געגען זיך די אַרמיי; די אַרמיי איז מעהר געוואוינט צו לעבען אונטער אַ דיסציפּלין, דערפאַר איז די אַרמיי גיכער געניינגט צו דיקטאַטור אפילו אין דעמאָקראַטישע לענדער, וואו דאָס פאָלק איז מחמת געוואוינהייט אויף דער זייט פון דעמאָקראַטיע. נישט איין מאָל האָט שוין אפילו דער אַריינפיר פון אַ נוצליכען טעכנישען חידוש אַרויסגערופען אַ פּראָטעסט. וואָס דאַרפט איהר מעהר, אפילו אַזאַ וויכטיגער און עפּאָכע-מאַכענדער חידוש ווי באַהן-טראַנספּאָרטאַציע איז אין אָנפאַנג פאַרשריען געוואָרען פון אַלע זייטען אַלס עפּעס וואָס וועט ברענגען מעהר שאָדען ווי נוצען. דאָס אַלץ באַווייזט, די והותר, דעם איינפלוס פון גלייכאַרטיגקייט אויף אונזערע געפיהלען.

ב.

די צווייטע איינהייטס פאָרמע, קאָמבינאַציע, קען אַליין איינגע-טיילט ווערען אין דריי קלאַסען: 1) קאָמפּאַניע. 2) אָרגאַניזאַציע. און 3) אָרדנונג.

מיט דאָס ערשטע מיינען מיר, ווען מערערע אינדיווידומס טוען צוזאַמען די זעלבע זאַך: מען אַרבעט צוזאַמען, מען שמועסט צוזאַמען, מען זיצט צוזאַמען אד"ג. ווי מען זעהט איז קאָמפּאַניע עהנליך צו גלייכהייט, אויך דאָ קומט אַריין דער עלעמענט פון זעלביגקייט. אָבער דאָך איז קאָמפּאַניע פיל אַנדערש פון גלייכהייט מיט דעם וואָס דער עיקר איז דאָ צוזאַמענאַרבעט. די איינהייט איז דאָ דעריבער אַן אינטענסיווע, בעת אין גלייכהייט איז זי בלויז אַן עקסטענסיווע.

מיט אָרגאַניזאַציע מיינען מיר אַ צוזאַמענאַרבעט דורך טאָהן פאַרשיידענע זאַכען וועלכע ערגענצען זיך געגענזייטיג, ווי למשל, ווען אין אַ כאָהר גיסען זיך פאַרשיידענע טענער צונויף אין אַ האַרמאָניע. אין אַן אָרגאַניזאַציע זיינען די טיילען צווישען זיך פעסטער צוזאַמענ-געבונדען ווי אין אַ קאָמפּאַניע, די געגענזייטיגע אָפּהענגיגקייט צווי-

---

1) ווי עס איז שוין דאָ באַטאָנט געוואָרען, ווערט דער איינגערער עלעמענט מעהר באַווירקט פון פּרינציפּ פון פּראָגרעס, וועלכער טרייבט צו נייעסען.

פרינציפען

שען די טיילען איז דא א וועזענטליכע; צו זיין א רבי מוז מען האבען א תלמיד, פונקט ווי צו זיין א תלמיד מוז מען האבען א רבי. די איינהייט איז דא דעריבער א פיל שטארקערע ווי אין קאמפאניע.

מיט ארדנונג מיינען מיר, ווען א זאך שטימט מיט איהר אייגנער סביבה: עס איז אויפן ריכטיגען פלאץ, אין דער ריכטיגער צייט, אין דער ריכטיגער פראפארציע אד"ג. ארדנונג איז שטארק עהנליך צו ארגאניזאציע מיט דעם וואס אויך דא באשטעהט די איינהייט אין אפהענגיגקייט און געגענזייטיגער ערגענצונג צווישען די טיילען. דערפאר באשטעהט אבער דא די קאמבינאציע ניט אין צוזאמענארבעט — ווי אין די ערשטע צוויי קלאסען — נאר אין צוזאמענשטימען.

די ווירקונג פון קאמפאניע אויף אונזערע געפיהלען דארף מען וויסט ניט זוכען. יעדער איינער ווייס אז „טובים השנים מן האחד". זיצט מען אליין, קען מען ווערען דערשטיקט פון לאנגווייליגקייט; זיצט מען מיט קאמפאניע, לאנגווייליגט מען זיך נישט מעהר. געהן אליין אין ערגעץ, וועט איהר זיך אפשר פוילען; צוזאמען מיט נאך אימיצען, וועט איהר זיך שוין נישט אזוי פיל פוילען; צוזאמען מיט א גרויסער קאמפאניע, וועט שוין אייער גאנג אויסזעהן ווי א פיקניק; איז נאך אייער גאנג באגלייט דורך מוזיק, 1) דאן הויבען זיך שוין די פיס פון זיך אליין — מען געהט נישט, נאר מען טאנצט. שמועסען — ווער ווייס עס נישט דעם טעם פון שמועסען? יונג און אלט, אלע האבען צו דעם א באזונדער שוואכקייט. צוליבן חשק צו שמורעסען איז שוין נישט איין לערער אוועק פון דער וועלט פאר דער צייט. צוליב דעם זעלבען חשק איז נישט איין באנדיט אריינגעפאלען אין א נעץ. עס האט זיך איהם געגלוסט צו פארטרויען אימיצען זעהר אינטערעסאנטעס, עפעס וואס זאל יענעם פארבינדען פעסטער אין שמועס. בכלל איז זעהר שווער צו האלטען א סוד, איבערהויפט ווען דער סוד באשטעהט פון עפעס וואס דריקט אויף אייער געמיט. עס ווילט זיך אייך דאן פארלייכטערען די שווערינקייט דורך טיילען זיך מיט איהם מיט קאמפאניע, „דאגה בלב איש ישיחנה לאחרים". בנוגע ארבעט, איז אויך נישט קיין נייעס אז קאמפאניע פארגרעסערט דעם חשק צו יעדער ארבעט אזוי, אז א שווערע ארבעט געטאהן אין קאמפאניע זעהט אמאל אוים ווי א שפיל. אין עקאנאמיע איז „גרופע ווירקזאמקייט" פאררעכענט אלם איינע פון די מעלות פון דעם היינטיגען סיסטעם פון מאסען־פראדוקציע איבער דעם אמאליגען בעל־

---

1) די מוזיק דארף זיין צום טאקט, ד"ה זי דארף צוזאמענשטימען מיטן גאנג. די פארבינדונג געהט דא דערפאר אן ווי א צוזאמענארבעט פון גלייכע, פונקט אזא פארבינדונג וואס ווערט אופגענומען אין קאמפאניע.

מלאכה. אויך איז מסחר, אין די אונטערנעמונגען וועלכע פאדערען ניט פיל הענד און מען קען ניט געניסען די קאמפאניע פון די אנגעשטעלטע, איז א מאדע צו האנדלען בשותפות. דאס זעהט איהר אין דעם דימענטען האנדעל אין אנטווערפען. אין א ישיבה פלעגען בחורים געוויינליך לערנען צוזאמען, „כל האוהב ללמד בהמון לו תבואה" (מכות י'). אליין, פלעגט מען פארנודזשעט ווערען — סיידען מען האט באזעצען אויסערגעוויינליכע התמדה. יעדער איינער ווייס דעם אונטערשייד פון עסען אליין אדער מיט א קאמפאניע. די אלטע רוימער, וועלכע זיינען געווען גרויסע עקספערטען אין הלכות אכילה, פלעגען זיך נוהג זיין צו עסען מיט גרויסע קאמפאניעס; גבירים פלעגען דערפאר האבען ארום זיך גרופען פון שטענדיגע אומזיסטע מיטעסערס. א כלל, וואס איהר זאלט ניט טאהן און אין וואס פאר א צושטאנד איהר זאלט זיך ניט געפינען — אויב ס'איז נאר נישט עפעס מיט וואס איהר שעמט זיך — וועט איהר עס געפינען פיל בעסער אויב איהר זייט מיט קאמפאניע. [1]

איהר וועט באמערקען, אז ווען מען האט קינדער פון א פריי-הערדיגער הייראט און שותפישע, איז זעהר אפט האט מען די שותפישע קינדער ליבער און מען האט צו זיי מעהר געדולד. פאר וואס? זיינען דען ניט יענע קינדער פונקט אזוי אייגען בלוט און פלייש? און איז דען ניט אויף זיי, אויף די יתומים נעבאך, פארקערט, א גרעסערער רחמנות? די זאך איז אבער פשוט. צוליב דעם וואס צו די שותפי'שע קינדער איז דער אינטערעס א שותפישער קומט אן דער געדולד-האבען פיל לייכטער און דער נחת פיל זיסער. די קאמפאניע פארקלענערט די ליידען און פארגרעסערט די פריידען. אפילו אייער טייל משא קומט אייך אן פיל לייכטער ווען איהר ווייסט אז עס ווערט אייך כסדר פארגעבען אדער אז דער אנדער טייל ליגט בשעת-מעשה אויף אן אנדערענס פלייצעס. „טעונא דמדלי איניש לכתפיה תילתא דטעונה הוי" (סוטה ל"ד). און פונקט אזוי ווערט אייער פרייד פארדרייפאכט ווען איהר ווייסט אז אימיצער אנדערש פרעהט זיך מיט אייך אויפריכטיג מיט. שטעלט אייך פאר, א פרוי דערצעהלט איבער פאר איהר מאן די חכמה'לאך פון זייער קינד, ער לאכט און זי לאכט מיט איהם ווידער מיט. אזוי ווערט די שמחה כסדר איבער-גע'חזר'ט און פארגרעסערט דורך געגענזייטיגער סימפאטיע.

אין אונזער רעליגיע איז דער כח פון קאמפאניע שטארק אפגע-שאצט געווארען. דאווענען, קריאת התורה, קדוש לבנה, בענשען און

---

1) אפילו נאכן טויט ווילט זיך בעסער ליגען מיט קאמפאניע, דערפאר, מסתמא, פלעגט עס זיין אזוי שווער צו קריגען דעם ערשטען מת פאר א נייעם בית-עולם, עס איז אויסגעקומען אונהיימליך צו ליגען אליין, צו ליגען אין א טויטען בית-עולם.

בכלל יעדער מצוה וואָס מען קען נאָר דאַרף בעסער געטאָהן ווערען בציבור, ווייל בצבור רוהט גיכער די שכינה. צוליב דעם וואָס קאָמפּאַניע פאַרגרעסערט די שמחה און פאַרקלענערט די ליידען, האָט מען באַדאַרפט מיטהאַלטען מיט איינעם אין זיינע לעגאַלע שמחות און טרויערס. דאָס איז געווען פאַררעכענט פאַר אַ וויכטיגען גמילת חסד און פאַר אַ גרויסער מצוה, בילכער אפילו פאַר תורה, „מבטלין תלמוד תורה מפני הכנסת כלה ומפני הוצאת המת" (כתובות י"ז). בקור חולים פון אַן בן־גיל — פון אַ גלייכען אין יאָהרען — טוט אויף אַזוי וויט פאַרלייכטערען די ליידען אַז עס נעמט אַוועק אַ זעכציגסט חלק פון דער קראַנקהייט. אַ ספּעציעלע מצוה איז אפילו געווען מיט'ן נאָמען הקהל, אין אַ געוויסער צייט האָבען זיך אַלע־מענער, פרויען און אפילו קינדער באַדאַרפט צונויפזאַמלען אין דער עזרה. נאָר וואָס דאַרפט איהר מעהר, לויט דער תורה איז דאָך קאָמפּאַניע געווען די ערשטע זאַך אין וואָס אדם הראשון האָט זיך גענויטיגט, „לא טוב היות האדם לבדו". אויך אונזערע חכמים האָבען געהאַלטען אַז אַ לעבען אָהן קאָמפּאַניע איז ערגער ווי דער טויט, „או חברותא או מיתותא" (תענית כ"ג).

עס איז קיין ספק ניט, אַז די דאָזיגע פאָדערונגען פון קאָמפּאַניע אין רעליגיעזען לעבען האָבען פיל בייגעטראַגען צום אידישען קיום. וואַרעם וואו אַ איד איז געקומען האָט ער געמוזט אויפזוכען און לעבען בשכנות מיט אַנדערע אידען — מען מוז דאָך האָבען אַ מנין. האָבען זיך שוין דעריבער אידען געקליבען צוזאַמען נאָך פאַר דער ענטשטעהונג פון דער געטאָ. און צוזאַמען, האָבען מיר שוין אָנגעוויזען, איז דאָ דער פאַקטאָר פון גלייכהייט. און צוזאַמען זיינען ווידער דאָ שותפישע הצטרכות'ען און שותפישער אייגענטום. דאָס פאָדערט אַ קהילה. און אין אַ קהילה איז דאָ אויטאָריטעט און דעת הקהל, עס איז דאָ וואָס עס זאָל האַלטען דעם יחיד אין באַשטימטע ראַהמען. אין דער קהילה האָט זיך דער איד אויסגעלעבט; דאָרט האָט ער געפילט זיין יש; דאָרט האָט ער געקענט זיין אַ שעהנער איד". אויסער דער קהילה האָט ער שוין געמעגט זיין „ללעג וקלס", עס האָט איהם נישט געהאַרט.

ג.

אין אָרגאַניזאַציע, האָבען מיר געזאָגט, איז די איינהייט אַ שטאַרקערע ווי אין קאָמפּאַניע. דער געפיהל פון צוזאַמענבונד צווישען די וועלכע פילען זיך געגענזייטיג אוים — ווי רבי און תלמיד, מאַן און פרוי, עלטערען און קינדער — מוז דעריבער זיין שטאַרקער ווי דער חבר'שאַפט געפיהל צווישען אַ קאָמפּאַניע פון גלייכע. דעם דאָזיגען שטאַרקערען געפיהל פון צוזאַמענבונד רופען מיר ליבע. ליבע

דער איינפלוס פון איינהייט

טרעפען מיר דערפאַר איבעראַל וואו עס איז דאָ געגענזייטיגע אָפּהענגיגקייט און אַ געגענזייטיגער דערגענצען זיך, וואו איינעמ׳ס אַ יתרון פּאַסט זיך פּונקט אַריין און פילט אוים דעם אַנדערענס אַ חסרון, וואו די וואָס זוכען צו משפּיע זיין טרעפען זיך צוזאַמען מיט די וואָס זוכען צו מקבל זיין השפּעה.

אָבער, כאָטש דער איינפלוס פון אָרגאַניזאַציע אויף אונזערע געפיהלען איז פיל שטאַרקער ווי דער איינפלוס פון קאָמפּאַניע, איז ער פונדעסטוועגען נישט אַזוי בולט. דאָס איז, ווייל אין אָרגאַניזאַציע איז דער געפיהל נישט אַזוי ריין אָרגאַניזאַציש ווי ער איז אין קאָמפּאַניע ריין קאָמפּאַניש. אין קאָמפּאַניע איז דער מאָטיוו און דער רעזולטאַט בלויז קאָמפּאַניע. מיר זוכען קאָמפּאַניע, מיר האָבען פון דעם הנאה, און מיר בעפריינדען זיך בלויז צוליב דעם וואָס עס איז קאָמפּאַניע. דאָ קען דעריבער דער איינפלוס אויף אונזערע געפיהלען צו קיין אַנדער קוואַל נים צוריקגעפירט ווערען. אַנדערש איז אָבער מיט אָרגאַניזאַציע. דאָ מוז קומען דער מאָטיוו פון ערגעץ אַנדערש. ווארעם כדי עס זאָל זיך בינדען אַן אָרגאַניזאַציע מוזען דאָך זיין „יתרונות און חסרונות״, אַ ווילען צו משפּיע זיין און אַ ווילען צו מקבל זיין השפּעה. דער אַנטרייב צו אָרגאַניזאַציע קומט דעריבער פון אַנדערע ווילענס. נאָך מעהר, דער רעזולטאַט איז אויך אַ געמישטער. ווארעם קודם איז דאָך דאָ אין רעזולטאַט אַ באַפרידיגונג פון ווילען וועלכער האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם מאָטיוו — דער משפּיע האָט צופרידענגעשטעלט זיין ווילען צו משפּיע זיין און דער מושפּע האָט צופרידענגעשטעלט זיין ווילען צו באַקומען השפּעה. דער איינפלוס פון אָרגאַניזאַציע קומט דעריבער אויסגעמישט מיט עפּעס וואָס איז מעהר בולט — מיט עפּעס וואָס האָט אונז אַמאָל געהאַט בעאיינפלוסט פאַר זיך אַליין — עס איז דערפאַר רעכט אַז דער דאָזיגער איינפלוס זאָל אינגאַנצען פאַרזעהן ווערען און די ליבע צווישען די מיטגלידער אין דער אָרגאַניזאַציע זאָל צוגעשריבען ווערען אינגאַנצען צום פּרינציפּ מיט וועלכען עס איז פאַרבונדען דער מאָטיוו פון דער אָרגאַניזאַציע. דערפאַר מוז דער איינפלוס פון אָרגאַניזאַציע אין יעדען פאַל באַזונדער אונטערזוכט ווערען.

נעמט דעם פאַל פון „רבי און תלמיד״. דער מאָטיוו וועלכער ברענגט זיי צוזאַמען איז ביי ביידען פאַרבונדען מיטן פּרינציפּ פון פּראָגרעס. דער איינער וויל זיך צו־וואַקסען גייסטיג און דער אַנדערער וויל אויסשפּרייטען די ספערע פון פּערזענליכער ווירקונג. ווען די ביידע קומען זיך צוזאַמען טוט יעדער איינער צופרידענשטעלען זיין וואונש פאַר פּראָגרעס. ביידע טוען זיך דעריבער געגענזייטיג מהנה זיין. מחמת דעם קען אַמאָל די ליבע צווישען רבין און תלמיד אויס־

דער איינפלוס פון איינהייט

געטייטשט ווערען ווי א געפיהל פון געגענזייטיגער דאנקבארקייט פאר דעם געגענזייטיגען מהנה־זיין־זיך. דאס איז אבער א טעות, ווייל די דאזיגע ליבע איז אינגאנצען אנדערש פון דאנקבארקייט. דאנק־בארקייט פיהלט מען ווי א געוויינליכען חוב; מען זוכט אפצוצאהלען די טובה, כדי פטור צו ווערען פון חוב און ווערען אויס דאנק־שולדיג; איידער מען צאהלט אפ די טובה זוכט מען אפט אויסמיידען דעם בעל־טובה, פונקט ווי מען זוכט אויסצומיידען א בעל־חוב. אנדערש איז אבער מיט דער ליבע צווישען רבין און תלמיד, פונקט ווי מיט יעדער אמת׳ער ליבע בכלל. ווען מען ליבט זיך וויל מען זיך גראד זעהן. און די ליבע ווערט אויך ניט אפגעקיהלט דורך אפצאהלונגען, דורך טובות וואס מען טוט זיך. אין געגענטייל, וואס מעהר טובות מען טהוט, וואס מעהר קרבנות מען איז מקריב אויפ׳ן מזבח פון דער ליבע, אלץ שטארקער ליבט מען. קרבנות און מארטירערטום האבען שטענדיג געדינט ווי אויל אויפ׳ן פייער פון ליבע. דאס האט אמאל אויסגעשמידט דעם קריסטענטום אין א רעליגיע, פון וועלכער דער תמצית איז געווען אונבאגרענעצטע ליבע צום רבין. ליבע איז התדבקות; וואס מעהר קרבנות מען ברענגט, אלץ מעהר דערנענטערט מען זיך, אלץ גרעסער איז די התדבקות און אלץ שטארקער איז די ליבע. אפשר אויך דערפאר איז ביי אידען געווען דער ענין פון שמוש תלמידי חכמים אזוי גרויס, „גדולה שמושה של תורה יותר מלמודה" (ברכות ז׳).

נעמט דעם צווייטען פאל, די ליבע צווישען מאן און פרוי. אויך דא פאנגט זיך עס אן מיט די געשלעכטליכע ליידענשאפטען, די בלינדע שלוחים פון אן אינסטינקט וואס איז אם־ענד אויך פארבונדען מיטן פרינציפ פון פראגרעס. אויך דא קען דעריבער די ליבע אויסגע־טייטשט ווערען ווי א געגענזייטיגע דאנקבארקייט פאר דער געגענ־זייטיגער צופרידענשטעלונג פון די געשלעכטליכע ליידענשאפטען. נישט איין פרואוו אזא איז שוין געמאכט געווארען. אבער אויסער דעם וואס די דאזיגע אויסטייטשונג קען אפגעפרעגט ווערען מיט דעם זעלבען ארגומענט וואס אין פאריגען פאראגראף, איז אויך די דאזיגע ליבע צו קאמפליצירט אז זי זאל זיך לאזען ארייגפאסען אין אזא איינ־פאכען ראהם ווי דאנקבארקייט פאר געשלעכטליכער צופרידענשטעל־לונג. ליבע אויס אזא דאנקבארקייט וואלט באדארפט זיין זעהר איינ־פאך. כמעט יעדע פאר פון יונגע און געזונטע מענשען דארפען זיך געשלעכטליך קענען צופרידענשטעלען; כמעט יעדע יונגע פאר וואס באזיצט נאר ניט קיין אלגעמיינע אפשטויסענדע כאראקטעריסטיקס, האבען זיך דעריבער באדארפט מער אדער ווייניגער ליבען. ווער רעדט אז דאס פארל באזיצט נאך אלגעמיינע שעהנע כאראקטעריסטיקס.

דער איינפלוס פון איינהייט

דאַן וואָלט געווים ניט באַדאַרפט זיין קיין אורזאַך פאַר וואָס זי זאָל זיך ניט ליבען מיט דער הייסעסטער ליבע. אין אמת'ען איז אָבער ליבע זעהר איבערקלייבעריש. מען קלייבט זיך אָפּ פאַר דער חתונה און ניט זעלטען אויך נאָך דער חתונה. און דער אָפּקלייבען זיך געהט אויך אָן אויף אַ משונה'דיגען און קאַפּריזנעם אופן. דער זעלבער מענש ווערט דורך מאַנכע פאַרגעטערט און אויף מאַנכע מאַכט ער גאָר קיין איינדרוק; און היינט איז ער געפּעלען און מאָרגען ניט. זעהר אָפט טהוט אונז ליבע ממש צוטומלען. עס קומט אָן זעהר שווער צו פאַרשטעהן, וואָס אַזוינס האָט ער געזעהן אין איהר אָדער זי אין איהם, וואָס זיי האָבען זיך אַזוי פאַרליבט.

איז טאַקע ווירקליך ניטאָ עפּעס וואָס רעגולירט די דאָזיגע קאַפּריזען? ווען מען קוקט זיך גוט צו צו ליבע געפינט מען יע אַזאַ זאַך, דאָס איז אונזער אַלטער פריינד „אָרגאַניזאַציע". מען זעהט איין, אַז אויסער די אַלגעמיינע שעהנקייטען, די פּראַקטישע נוצען, דער געזעלשאַפטליכער שטאַנד און די ערוואַרטעטע קוואַליטעט פון צוקונפטיגען דור, שפּילט אויך אַ וויכטיגע ראָלע אין ליבע די קאָמבינאַציע פון די זיך־געגענזייטיג־ערגענצענדע כאַראַקטעריסטיקס. אַן העלדישער מאַן, למשל, ליבט געוויינליך אַ צאַרטער פרוי, אַזאַ וועלכע איז פון אַ נאַטור צו זוכען שוץ. אַן העלדישע פרוי וועט איהם אויסזעהן צו מענליך, פונקט ווי פאַר אַ צאַרטער פרוי וועט אַ צאַרטער מאַן אויסזעהן צו ווייבליך. אַזוי אויך וועט איינער מיט אַ שטאַרקען ווילען זיך פאַרען בעסער מיט איינער מיט אַ שוואַכען ווילען; אַ האנאַראַוועער וועט זיך גיכער פּאָרן מיט ניט קיין האנאַראַוועער און אַזוי כסדר. די דאָזיגע קאָמבינאַציע איז עס פאַראַנטוואָרטליך פאַר די מערסטע קאַפּריזען און משונה'דיגקייטען פון ליבע. ווארעם עס איז דאָך רעכט אַז אַ כאַראַקטער פון אַ מאַן אָדער אַ פרוי זאָל זיך פונקט קאָמבינירען מיט איינעם און ניט מיט קיין אַנדערען. און עס איז אויך רעכט אַז מאָרגען זאָל זיך איינער גראָד באַגעגענען מיט אַ כאַראַקטער מיט וועלכען ער קאָמבינירט זיך בעסער ווי מיט דעם וואָס ער האָט זיך קאָמבינירט ביז אַהער. איז אַזאַ פאַל איז דאָ איינזייטיגע ליבע און פאַרראַט און טראַגעדיע.

דאָ איז נאַטירליך ניט דער פּלאַץ זיך מיט דעם אויסצושפּרייטען. עס בעט זיך פונדעסטוועגען די באַמערקונג, אַז דער טעם פאַר וואָס נאָך די האָניג חדשים אין פאַרהייראַטען לעבען קומען פאָר אַזוי פיל טראַגעדיעס זעהט אוים צו זיין די ענטוישונג אין דער קאָמבינאַציע. פאַר דער חתונה און אין די האָניג חדשים, ווען מען איז נאָך ניט צוגעוויינט איינע צו די אַנדערע און מען זוכט זיך נאָך צו געפעלען ווערען, דאַן פאַרבויגט מען די אייגענע שפּיצען, מען קומט נאָך

פּרינציפּען

איינער דעם אַנדערענס פאַרלאַנגען, און עס זעהט אוים ווי מען וואָלט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ וואונדערבאַרע קאָמבינאַציע. ווען מען ווערט אָבער מעהר צוגעוויינט איינע צו די אַנדערע און מען שעמט זיך שוין ניט צו ווייזען דעם אמת'ען פּנים, דאַן הויבען זיך אָן אַרויסצוהייזען די לעכער אין דער קאָמבינאַציע. און לעכער אין דער קאָמבינאַציע זיינען דאָס זעלבע ווי לעכער אין דער ליבע. פון דער צווייטער זייט זעהט מען זיך אַרום אַז מיט די שכנים, מיט וועלכע מען איז נאָך ניט אינטים און מען זוכט זיך נאָך געפעלען ווערען, בילדעט מען אַ פּערפעקטע קאָמבינאַציע, און אַזוי ענטוויקעלט זיך אַ לינקע ליבע.

די ליבע צווישען עלטערען און קינדער איז דאָ פאָרגעשטעלט געוואָרען ווי אַ דריטער ביישפּיל פון אָרגאַניזאַציע. אויך אין דעם דאָזיגען פאַל קומט דער אַיינפלוס פון אָרגאַניזאַציע איינגעסענדוויטשט צווישען צוויי אַנדערע אַיינפלוסען, צווישען דעם אַיינפלוס פון פאָרטזעצונג און דאַנקבאַרקייט: עלטערען ליבען קינדער דער עיקר צוליב דעם וואָס זיי פיהלען די קינדער אַלס פאָרטזעצונג פון זיך; קינדער, ווידער, האָבען זייער פיל דאַנקבאַר צו זיין זייערע עלטערען פאַר די אָהן-אַ-שיעור טובות וואָס זיי באַקומען פון זיי. 1) אין דעם דאָזיגען פאַל איז דעריבער אויך זעהר שווער אַרויסצוזעהן דעם אַיינפלוס פון אָרגאַניזאַציע — נאָך שווערער ווי אין די ערשטע צוויי פאַלען: ווייל בעת דאָרט איז דער אַיינפלוס פון אָרגאַניזאַציע געווען אויסגעמישט מין בשאינו מינו, מיט דעם אַיינפלוס פון פרעמדע פּרינציפּען — פּראָגרעס, דאַנקבאַרקייט, נוצליכקייט — איז ער דאָ אויסגעמישט מין במינו, מיט דעם אַיינפלוס פון פאָרטזעצונג וועלכעס איז אַ פאָרמע פון צוזאַמענבונד, אַ פאָרמע פון איינהייט. און אַזוי ווי פאָרטזעצונג איז דאָ דער עיקר, און פאָרטזעצונג איז אויך פריהער — אָרגאַניזאַציע קומט צו שפּעטער ווי אַ שטילע שותפ'טע — איז רעכט אַז מען זאָל די גאַנצע פאַרבינדונג צושרייבען צו פאָרטזעצונג, אויסלאָזענדיג אָרגאַניזאַציע אין גאַנצען פון חשבון.

אָבער כאָטש דער אַיינפלוס פון אָרגאַניזאַציע לאָזט זיך דאָ זעהר שווער באַמערקען דירעקט, הויבען מיר איהם אָן פונדעסטוועגען צו חושד זיין ווען מיר געפינען דאָ די באַדינגונגען פון אָרגאַניזאַציע, משפּיעים און מקבלים פון השפּעה. ווען מיר קוקען זיך דאַן צו נעהנטער געפינען מיר אויך איהרע אומצווייפעלהאַפטע שפּורען; מיר זעהען ווי אָרגאַניזאַציע הויבט אָן צוגרייטען דעם באָדען פאַר עלטערען ליבע, ווי דערוואַקסענע מענשען האָבען זיך ליב צו פאַרנעמען

---

1) דאָס איז אויסער דעם אַיינפלוס פון געוויינשאַפט און קאָמפּאַניע וועלכער קומט צו דאָ אַזוי גוט ווי אין יעדער עהנליכער אָרגאַניזאַציע.

מיט קליינע קינדער, אפילו ניט קיין אייגענע. עס קומט אַ צייט ווען מערסטע מענשען, פון ביידע געשלעכטען, געהען ממש אויס נאָך קליינוואַרג: זיי דאַרפען האָבען וועמען צו ניאַנטשען, וועמען צו קושען, וועמען צו האַלדזען, וועמען צו פאַרשפּילען, אויף וועמען אויפצופּאַסען און וועמען צו באַזאָרגען. האָבען זיי ניט קיין אייגענע קינדער גיבען זיי זיך אָפּ מיט קרוב׳ישע, אַדאָפּטירען זיי קליינע יתומים׳לאך, און על פי הדחק געפינען זיי אַן ערזאַץ אפילו אין קליינע הינטאלאך. דאָס איז בנוגע די עלטערען. קליינע קינדער, ווידער, ווייסט איהר אויך גאַנץ גוט, אַז זיי האָבען זיך כסדר ליב צו טוליען צו דערוואַקסענע, ווילען רק אַז מען זאָל זיי האַלטען אויף די הענד; לאָזט איהר זיי אויף אַ מינוט אַליין איז סכנת נפשות.

די קאָמבינאַציע צווישען די דאָזיגע זיך־ערגענצענדע כאַראַקטעריסטיקס איז געווים אַליין בכח אויפצובילדען אַ ליבע, כמעט אַזוי שטאַרק ווי עלטערען ליבע. אַדאָפּטירטע קינדער האָט מען דערפאַר כמעט אַזוי ליב ווי אייגענע. צווישען אייגענע קינדער האָט מען אויך געוויינליך ליבער די שוואַכערע און די צאַרטערע, כאָטש אין איינקלאַנג מיט דעם פּרינציפּ פון פּראָגרעס האָט מען באַדאַרפט בעסער ליב האָבען די שטאַרקערע. איהר וועט אויך באַמערקען, אַז וואָס קלענער די קינדער זיינען אַלץ מעהר לאַשטשעט מען זיי; צו די שולקינדער איז מען פיל מעהר צוגעלאָזען ווי צו די וועלכע זיינען שוין אויף אייגענע קעסט. מיט די פאַרהייראַטע, די וועלכע פילען זיך שוין אוים מיט אימיצען אַנדערש, רעכענט מען זיך אַמאָל אוים מיט יעדער טובה וואָס מען טוט זיך. דאָס זעלבע איז מיט די קינדער. געפינען זיי זיך אין דער היים און טוהען זיי זיך דאָרט אויספילען, אויף איין אופן אָדער אויף אַן אַנדער אופן, דאַן פיהלען זיי זיך מעהר אַלס קינדער. (איך זאָג, „אויף איין אופן אָדער אויף אַן אַנדער אופן", ווייל אַמאָל טרעפט אַז די קינדער הויבען אָן אויסצוהאַלטען די הויז, און זיי ווערען די משפיעים און טאַטע מאַמע די מושפעים. זייער צוגעבונדענקייט צו דער היים בלייבט דאַן ווי געווען. די מאַמע, וועלכע איז געוויינט צו זיין אין דעם פּרט אַ מושפעת, קען אויך בלייבען צופרידען. דער טאַטע אָבער, דער פריהערדיגער משפיע, פיהלט זיך ניט אויסגעפילט. געוויינשאַפט און דער פּרינציפּ פון פּראָגרעס האַלטען איהם צוריק פון אַראָפּלאָזען זיך אויף דער מדריגה פון אַ מושפע. ער פיהלט זיך דעריבער ווי אַן איבעריגער, ער האָט דאָ קיין אָרט ניט. אין אַזאַ פאַל קען זיך אַמאָל שאַפען אַ טראַגעדיע, ער ווערט נערוויאיש, באַקומט אַלעמען פיינד און אַלע איהם, „סבא בביתא פאחא בביתא" (ערכין י"ט).

נאַציאָנאַלע איינהייט קוקט ניט אוים צו האָבען צו טאָהן מיט

אָרגאַניזאַציע. דער איינציגער פאַקטאָר אין דער אויסבילדונג פון אַ נאַציאָן שיינט צו זיין גלייכאַרטיגקייט: די זעלבע ראַסע, די זעלבע שפּראַך, די זעלבע קולטור אד״ג. אָרגאַניזאַציע, ווי איהר ווייסט, פאָדערט גראַד פאַרשיידענהייט. אָרגאַניזאַציע זעהט דערפאַר אויס צו זיין אויסגעשלאָסען אַלס פאַקטאָר אין דער אויסבילדונג פון אַ נאַציאָן. אָבער אַזוי זעהט עס אויס אונז אוים ווען מיר באַטראַכטען די זאַך נאָר אויבען אויף, ווען מיר כאַפּען אויף די אָפּענע שטריכען פון אַ נאַציאָן, אָדער מיר הערען זיך צו צו די דעקלאַמאַציעס פון די נאַציאָנאַליסטען. 1) שטודירען מיר אָבער די געשיכטע פון פעלקער, זעהען מיר אַז גלייכהייט אַליין איז קיינמאָל ניט געווען גענוג אויסצושמידען אַ נאַציאָן. קאַלאָניסטען פון דער זעלבער ראַסע און שפּראַך האָבען געקענט אָפּלעבען הונדערטער יאָהרען אין שכנות און בלייבען ביי די זעלבע שכנישע באַציהונגען; ניט זעלטען פלעגט מען זיך גוט צוקריגען, מלחמה האַלטען און אפילו זיך פאַרבינדען איינער מיט דעם אַנדערען׳ס שונאים. אַ נאַציאָן האָט זיך פון דעם זעלבען מאַטעריאַל אַנגעהויבען אויסצובריען, ווי נאָר פון דער מאַסע פון גלייכע האָבען זיך אָנגעהויבען אַרויסצואוויקלען פאַרשיידענע, געגענזייטיג־זיך־אויספילענדע אָרגאַנען: געזעצגעבענדע, ריכטערשע און עקזעקוטיווע אָרגאַנען. דער געבורט פון דעם דאָזיגען אָרגאַניזם האָט געמעגט זיין אַ געקינסטעלטער; די אָרגאַנען, אַרויפגעצוואונגענע, — די נאַציאָנאַלע איינהייט איז אָבער מיט דער צייט געוואָרען אַ פאַקטישע; די מיטגלידער פון דער נאַציאָן האָבען איהר שפּעטער פאַרטיידיגט מיט דאָס בעסטע וואָס זיי האָבען פאַרמאָגט. אַמאָל, ווען אַלע אָרגאַנען פון מלוכה אָרגאַניזם זיינען געווען קאָנצענטרירט אין דער פּערזאָן פון קעניג, איז מען געווען געטריי צום קעניג, מענשען זיינען געווען גרייט זיך צו מוסר־נפש־זיין פאַר זייער קעניג. 2) היינט, ווען די נאַציאָנאַלע אָרגאַנען ווערען אויסגעפּילט דורך פאַרשטעהער פון דער נאַציאָן, איז מען טריי דער נאַציאָן. אידען אין גלות האָבען פאַרמאָגט אייגענע געזעצגעבענדע, ריכטערשע און, מערסטענס, אפילו עקזעקוטיווע אָרגאַנען.

---

1) אָרגאַניזאַציע איז זעהר שווער צו אידענטיפיצירען, צוליב דעם וואָס די פאָרמע פון פּראָדוקט איז דאָ אין גאַנצען אַנדערש פון דער פאָרמע פון רויען שטאָף פון וועלכען עס קומט. אין אַלע אַנדערע זאַכען איז דער מאַטעריאַל פון פּראָדוקט געבליבען דער זעלבער וואָס רויערהייד. גלייכהייט איז אַן איבער׳חזר׳ונג פון דעם וואָס איז פריהער געווען. קאָמפּאַניע איז אַ סומע פון די זעלבע אינדיווידומס. אין אָרדנונג בלייבט אויך יעדער טייל ווי געווען, עס איז נאָר צוגעקומען דער צוזאַמען־שטימען. אין אָרגאַניזאַציע, דאַגעגען, איז דער פּראָדוקט אַן איינהייט אויסגעמאַכט פון פאַרשיידענהייטען. אָרגאַניזאַציע ווערט דערפאַר זעהר אָפט אַרויסגעלאָזט פון חשבון, איבערהויפּט ווען זי קומט אויסגעמישט מיט נאָך אַן איינהייטס פאָרמע.

2) מסתמא דערפאַר האָט זיך אידען אין שאול׳ס צייטען אַזוי געגלוסט צו האָבען אַ קעניג.

פרינציפען

זיי האָבען דעריבער מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ פאַלשטענדיגען אָרגאַניזם, פון וועלכען דער אויסשלוס, דער חרם, איז געווען די ביטערסטע שטראָף. דאָ אין אַמעריקא פאַרמאָגען מיר ניט אפילו קיין זכר פון אַ אידישע אָרגאַניזם. אין אַמעריקאַנעם איד קומט דערפאַר אויס שווערליך צו פאַרשטעהן פאַר וואָס דער דעאיסט אוריאל אקאסטא האָט זיך אַזוי שטאַרק גענומען צום הארצען דעם חרם פון דער אַמסטערדאמער קהילה.

פרייהייט איז געווים זעהר טייער ביי יעדען מענשען. פאַר דער פאַרטיידיגונג פון פערזענליכער אָדער נאַציאָנאַלער פרייהייט זיינען מענשען גרייט צו מקריב זיין די גרעסטע קרבנות. דאָך איז עס אַ גאַנץ געוויינליכע זאַך, אַז די זעלבע מענשען זאָלען פריינוויליג אופגעבען זייער פרייהייט און אפילו קעמפען פאַר דער פריווילעגע פון זיין אונטערוואָרפען אונטער אַ דיקטאַטאָרישען רעזשים. וואָס אַזוינס איז דאָ אין אַ דיקטאַטור פאַר וועלכעם מענשען זיינען גרייט צו צאָהלען דעם פרייז פון פרייהייט, און נאָך אפילו צוצאָהלען דעם לעבען אַלס צוגאָב? 1) אַ צוזאָג פון עקאָנאָמישע געווינסען? אָדער אפשר אַ פאַרשפּרעכען פון נאַציאָנאַלער הערשאַפט? אָבער עס גלויב זיך קוים, אַז די זאָרגלאָזע טאַטענ׳ס-זינדלאך, וועלכע פילען מייסטענס אָן די רייהען פון קעמפער פאַר אַ דיקטאַטור, זאָלען וועלען איינשטעלען זייערע עקאָנאָמיש-געזיכערטע פּאָזיציעס, צוזאַמען מיט זייער לעבען, פאַר אַ ספק עקאָנאָמישען פאַרדינסט וואָס אַ דיקטאַטור זאָגט זיי צו. אויך איז עס זעהר אומוואַרשיינליך, און לאָגיש זעהט עס אויס אָן אַבסורד, אַז מען זאָל זיך וועלען פאַרשקלאַפען „ודאי" כדי צו געווינען „ספק" הערשאַפט. דער איינציגער פּאָזיטיווער קער-רענדעל אין אַ דיקטאַטור איז די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז דאָ פעסטער ווי אין אַ דעמאָקראַטיע. אונטער אַ דיקטאַטאָרישען רעזשים, פיהלט מען, וועט דער קבוץ מיט זיך פאַרשטעלען אַ פּער-פעקטערע מאַשין, וואו יעדער שרייפעלע וועט מוזען זיצען פעסט אויף זיין פּלאַץ, און וואו יעדער רעדעלע וועט זיך דרעהען ניט פאַר זיך אַליין, נאָר כדי צו באַוועגען די אַלע אַנדערע. עס איז די אידייע פון אַ פעסטערע נאַציאָנאַלע איינהייט וועלכע באַוועגט די עהרליכערע קעמפער פאַר אַ דיקטאַטור צו באַצאָהלען דעם פרייז פון פערזענליכער פרייהייט און אַמאָל נאָך צוצאָהלען דעם אייגענעם לעבען אַלס צו-גאָב.

---

1) יונגע מענשען יאָגען זיך טאַקע נאָך פאַרשיידענקייט, נאָך בייטען, אָבער אַלץ נאָר ווען דער ציעל פון בייטען שטימט מיטן פרינציפּ פון פּראָגרעס, וועלכעס איז דער מאָטיוו פון יעדער בייטען.

דער איינפלוס פון איינהייט

צווישען די אַלטע גריכען איז אַנגעגאַנגען אַ דיסקוסיע, צו דער גלייכער ליבט בעסער דעם גלייכען אָדער דעם פאַרשיידענעם. ווי מיר האָבען דאָ געזעהן, זיינען ביידע מיינונגען אמת. לויט די פרינציפּען פון גלייכהייט און קאָמפּאַניע, ליבט מען בעסער דעם גלייכען. לויט דעם פרינציפּ פון אָרגאַניזאַציע, ליבט מען בעסער דעם פאַרשיידענעם. ווי אַזוי קענען אָבער זיין ביידע אמת? זיינען דען ניט גלייכהייט און פאַרשיידענהייט אין היפּוך איינס מיט דאָס אַנדערע? איז דער תירוץ — „לכל זמן"; אַמאָל האָט מען בעסער ליב דעם גלייכען און אַמאָל דעם פאַרשיידענעם. עס ווענדט זיך אין וואָס פאַר אַ שטימונג מען איז: איז מען אין אַ שטימונג צו משפּיע זיין אָדער צו באַקומען השפּעה, דאַן האָט מען בעסער ליב דעם פאַרשיידענעם, איז מען ניט אין אַזאַ שטימונג, האָט מען בעסער ליב דעם גלייכען. למשל, פיהלט אַ קינד אַז איהם פעלט עפּעס, ער האָט מורא, אָדער ער איז שוואַך און אויסגעמאַטערט, דאַן וועט ער בעסער וועלען זיין מיט אַ דערוואַקסענער פּערזאָן; די קאָמפּאַניע פון קינדער וועט איהם די מורא אַזוי פיל ניט פאַרטרייבען. פיהלט ער זיך אָבער פרעהליך און ענערגיש וועט ער בעסער וועלען די קאָמפּאַניע פון קינדער. צווישען וועלכע ער לעבט אין זיין ריכטיגער וועלטעל. אַזוי אויך, פיהלט דער רבי אַז ער האָט עפּעס צו זאָגען און דער תלמיד אַז ער האָט עפּעס צו פרעגען, קען קיין בעסערער זיווג ווי די צוויי ניט זיין. זיינען זיי ניט אין אַזאַ שטימונג, וואָלטען זיי זיך בעסער געפונען אין אַ קאָמפּאַניע פון גלייכע, וואו עס פאָדערט זיך ניט קיין צופיל אָנגעצויגענקייט פאַר דעם איינעם און קיין איבעריגע נאָכלאָזונג פון דעם אייגענעם יש פאַר דעם אַנדערען. אפילו מאַן און פרוי, וועלכע האָבען אַזוי פיל געמיינזאַמע אינטערעסען און בילדען צוזאַמען אויסער אַן אָרגאַניזאַציע אויך אַ קאָמפּאַניע פון גלייכע, נויטיגען זיך אויך פון צייט צו צייט אין אַ אָפּרוה צווישען פרעמדע קאָמפּאַניע, וואו זיי זאָלען זיך קענען אויף אַ מאָמענט באַפרייען פון זייערע באַשטימטע ראָלען פון משפּיע און מושפּע.

ד.

דער איינפלוס פון אָרדנונג אויף אונזערע געפיהלען איז מעהר באַקאַנט ווי דער איינפלוס פון יעדער אַנדער איינהייטס פאָרמע. ווייל דאָך יעדער איינער אַז אַלץ זאָל זיין אין דער ריכטיגער צייט, אויף דעם ריכטיגען פּלאַץ און אין דער ריכטיגער פּראָפּאָרציע. אַזוי מעגט איהר אָפּ'בטל'ען גאַנצענע טעג און גאַנצענע נעכט, קומט אייך אָבער אוים צו וואַרטען אויף אַ צוג אָדער אין אַ דאָקטאָר'ס אָפיס אָדער אין אַטשערעד, איז סכנת נפשות, עפּעס פיהלט איהר אַ ליידיגע צייט אינצווישען, עפּעס איז עס ניט אין דער צייט וואָס עס האָט באַדאַרפט

זיין. און אַזוי וועט אייך יעדער איינער זאָגען אַז ווען ער געהט אַריין אין הויז וואָלט ער געוואָלט אַז יעדער זאַך זאָל זיך געפינען אויף איהר ריכטיגען פּלאַץ. און ער וועט אייך אויך זאָגען אַז אַ מענשען האָט ער ליב ניט קיין צושמייעטען: ער זאָל געהן געלאַסען, רעדען געלאַסען, ניט אַריין־פאַלען דעם אַנדערען אין די רייד, זיך קליידען מיט געשמאַק, און טאָן יעדער זאַך אין איהר צייט. פרעגט איהם וועגען זאַכען, וועט ער אייך געווים זאָגען אַז ער האָט ליב צו קוקען אויף זאַכען אין וועלכע די טיילען געפינען זיך אין אַ ריכטיגער פּראָפּאָרציע איינע צו די אַנדערע. ווען עס קומט צו מענשען אין דעם דאָזיגען הינזיכט, איז דאָך ממש ניט אָפּצושאַצען דעם כח פון אַ מאַן אָדער אַ פרוי ביי וועמען די גלידער געפינען זיך גראַד אין אַ ריכטיגער פּראָפּאָרציע. אין ליטעראַטור איז אייער ערפאָלג געזיכערט אויב איהר קענט אויסלעגען אייערע געדאַנקען און געפיהלען אין דער ריכ־טיגער צאָל ווערטער. אַזוי וועט איהר אין מוזיק אויסנעמען אויב די טענער וועלען זיין אין אַ ריכטיגער פּראָפּאָרציע איינע צו די אַנדערע און אויב זיי וועלען זיין צוגעפּאַסט צו דער שטימונג פון פּובליקום. און אַזוי איז אין מאַלען, אין סקולפּטור, אין אַרכיטעקטור און אין אַלץ וואָס האָט צו טאָהן מיט שעהנקייט.

אַלע ווייסען אַז אָרדנונג שפּילט אַ גרויסע ראָלע אין שעהנקייט, אָבער ניט אַלע ווייסען אַז אָרדנונג איז דער ווינקעלשטיין פון געזעץ און גערעכטיגקייט און מאָראַל אין אַלגעמיין. די ריינע פאָרמע פון געזעץ איז באַשטימטקייט. צוויי טוהען די זעלבע זאַך, זיי שטעהען אויף זיבען אַזייגער; איז עס ביי איינעם אַ געזעץ, מיינט עס, אַז ער שטעהט שטענדיג אויף אין דער זעלבער צייט; איז עס ביים אַנדערען ניט קיין געזעץ, מיינט עס, אַז היינט איז ער גראַד אופגעשטאַנען זיבען אַזייגער, מאָרגען קען ער אופשטעהן אין אַן אַנדער צייט און איבערמאָרגען, ווידער אין אַן אַנדער צייט. קומט אויס, אַז געזעץ שליסט אויס צעוואַרפענקייט, ברענגט אַריין סדר. ליגען זאָגען מיינט, זאָגען עפּעס וואָס שטימט ניט מיט די פאַקטען, עפּעס וואָס איז געגען צוזאַמענשטימען, געגען אָרדנונג. גערעכטיגקייט איז אונזער געפיהל אַז יעדער זאַך דאַרף זיין אויף איהר ריכטיגען פּלאַץ. האָט ראובן עפּעס געשאַפען, האָט עס מיט ראובנ'ען מעהר שייכות ווי מיט אימי־צען אַנדערש; דאָ איז פאַראַן ראובן'סענערגיע, דאָס וואָס איז פון דער נאַטור פאַרבונדען מיט ראובנ'ען, און עס דאַרף בלייבען ביי ראובנ'ען.

וואָלטען אַלע פאַלען פון גערעכטיגקייט געווען אַזוי איינפאַך ווי דער, וואָלט מען ניט באַדאַרפט אָנקומען צו קיין געלערענטע ריכ־טער און אַדוואָקאַטען, מערסטע מענשען וואָלטען אַליין געקענט ריכ־טיג משפּט'ן לויט זייער דירעקטען געפיהל פאַר אָרדנונג. איז אָבער

פרינציפען

דער חסרון וואָס אין לעבען זיינען די פאַלען ניט אַזוי איינפאַך. עס זיינען דאָ פאַרשיידענעביישטייערונגען: אַ ביישטייערונג צו דער שטאַט, אַ ביישטייערונג צו דער פאַרמע, אַ ביישטייערונג פון פלאַץ, צייט און נאָך אַזוינע נוצליכקייטען (יוטיליטים) וועלכע געפינען אַ פלאַץ אין דער היינטיגער עקאָנאָמיע; מען מוז דערפאַר אויסרעכענען דעם ריכטיגען חלק פון יעדער ביישטייערונג באַזונדער. אַ רעכט קען אויך אַמאָל געברויכט ווערען אין אַ מאָס און אויף אַן אופן וואָס זאָל זיך אַריינשניידען אין דער טעריטאָריע פון אַן אַנדערען׳ס רעכט, מען מוז דערפאַר אויסרעכענען ווי ווייט אַ רעכט קען געברויכט ווערען. אויך איז די אָרדנונג ניט שטענדיג די בעסטע די וועלכע ווערט דורך אונז דערקענט דירעקט. אַמאָל קען עפּעס וואָס שטימט מיט אונזער דירעקטען געפיהל פון אָרדנונג דערפירען צו אַ גרויסער אומאָרדנונג, וועלכעס מוז געוויס אַריינגענומען ווערען אין חשבון ביים איינריכטען און דורכפירען גערעכטיגקייט. דער חשבון פון גערעכטיגקייט ווערט דערפאַר זעהר קאָמפּליצירט, און מען מוז אָנ־קומען צו בייכיגע געזעץ ביכער און צו יוריסטען חריפים, וואָס זאָלען זיך פונאַנדערקלייבען אין יעדען פאַל באַזונדער, כדי אויסצוגעפינען דאָרט דעם סך־הכל וועלכער שטימט אַם בעסטען מיט אונזער געפיהל פאַר אָרדנונג.

דאָס זעלבע איז מיט גערעכטיגקייט בנוגע קרימינעלע פאַר־ברעכענס. אַ פאַרברעכען רירט אַן אונזער געפיהל פאַר אָרדנונג סיי דירעקט און סיי אומדירעקט: דירעקט, מיט דעם וואָס עס טראָגט מיט זיך פאַרניכטונג פון עקזיסטענץ נישט אין צייט; אומדירעקט, מיט דעם וואָס עס קען פיהרען צו אַ שרעקליכער אומאָרדנונג, צו אַ שרעקליכער אומציימליכער פאַרניכטונג פון עקזיסטענץ. שטעלט אייך פאָר, יעדער איינער זאָל דער׳הרג׳ענען דעם אַנדערען ווען עס וועט זיך איהם נאָר לוינען. אַ פאַרברעכען טוט אונז דערפאַר אַלעמען אַן ליידען. אַנטאָן ליידען ווערט ווידער אויסגעגליכען דורך באַקומען די זעלבע מאָס ליידען, ווען איינער פאַרשאַפט מיר ליידען און איך צאָהל איהם אָפּ מיט דער זעלבער מאָס ליידען פיהל איך זיך מיט איהם קוויט. דערפאַר דאַרף די שטראָף זיין „מדה כנגד מדה". אַ צו גרויסע שטראָף וועט געוויס ניט שטימען מיט אונזער געפיהל פאַר אָרדנונג, פּונקט ווי אַ צו קליינע. נאָר אַזוי ווי פון אַ פאַרברעכען טוהען דאָך אַלע ליידען, און יעדען איינעם ווילט זיך צולעגען אַ האַנד, באַצאָהלען מיט ליידען פאַר ליידען, איז ווען אַ פאַרברעכער זאָל באַשטראָפט ווערען דירעקט דורכן פּובליקום, וואָלט דער סך־הכל פון דער שטראָף אויסגעמאַכט פיל מעהר ווי זי דאַרף זיין. דאָס פאָלק קען לינטשען צום טויט פאַר אַ בערך קליינעם פאַרברעכען. דערפאַר פאָדערט

אָרדנונג, אַז גערעכטיגקייט אַלס אַ שטראָף זאָל קענען אויסגעטיילט ווערן נאָר דורך אַ קאָמפעטענטען בית דין, אַ בית דין של מומחים.

דאָס זעלבע איז מיט פיל אַנדערע מאָראַלישע עבירות, אַזוינע וועלכע קומען ניט אַרונטער אונטער דעם קלאַס פון אומגערעכטיג-קייטען. וואָס אַרט אונז, למשל, אַז איינער באַגעהט זעלבסט-מאָרד? אָדער אַז ער געהט נאַקעט? אָדער אַז ער איז אַ ביגאַמיסט? אָדער אַז איינע איז אַ זונה? וועמען טוהען זיי שלעכטס מיט דעם? און וואָס פאַר אַ רעכט האָט דער ריכטער זיי דערפאַר צו באַשטראָפען? אָבער באמת האָט ער דאָ פונקט די זעלבע רעכט ווי ווען עס האַנדעלט זיך וועגען אַ קרימינעלען פאַרברעכען.

זעלבסט-מאָרד טראָגט מיט זיך די זעלבע „פאַרניכטונג פון עקזיסטענץ נישט אין צייט” ווי אַ געוויינליכער מאָרד. פונקט ווי מאָרד, רירט עס דערפאַר דירעקט אָן אונזער געפיהל פאַר אָרדנונג. געווים זיינען דאָ פיל אונטערשיידען צווישען זעלבסט-מאָרד און מאָרד. אין זעלבסט-מאָרד פיהלען מיר נישט די מורא טאָמער נעמט עס אָן אַ פראָפאָרציע וואָס וועט דערפירען „צו אַ שרעקליכער אום-אָרדנונג”. אויך איז אין זעלבסט-מאָרד דאָ דער געפיהל פון רחמנות. מיר זיינען זיכער אַז דער זעלבסט-מערדער האָט זיך נעבאַך פריהער געמוטשט גענוג אָנליידען איידער ער האָט געקענט זיך באַשליסען צו אַזאַ שרעקליכען טהאָט. און רחמנות, ווי איהר ווייסט, איז אַ געפיהל פון געגענזייטיגער סימפאַטיע. און ליידען, ווי איהר ווייסט, ווערט אופגענומען ווי אָן אָפקומעניש פאַר אַ שטראָף. דער רעכענונג פון זעלבסט-מערדער איז שוין דערפאַר אפשר אויסגעקוויטירט געוואָרען נאָך פון פאָראויס. אַ חוץ דעם, פיהלען מיר אַז די גערעכטיגקייט איז אויך אויפן צד פון זעלבסט-מערדער. ווארעם נאָך אַלעמען, האָט ער מעהר שייכות ווי מיר מיט זיין אייגען לעבען, פונקט ווי מיט זיין איבעריגען אייגענטום, און אויב ער האָט מעהר פון אונז צו זאָגען איבער זיין אייגענטום האָט ער אודאי מעהר פון אונז צו זאָגען איבער זיין לעבען. נאָר פונדעסטוועגען, קענען מיר איהם פאָרט ניט מוחל זיין איגאַנצען זיין פאַרלעצונג פון אונזער דירעקטען געפיהל פאַר אָרדנונג, און אויף פאַרשיידענע וועגען טוהען מיר אָפט רעאַגירען קעגען דעם „מאבד עצמו לדעת”.

נאַקעטקייט, ביגאַמיע, זנות טוען אויך אַזוי פאַרלעצען אונזער געפיהל פאַר פראָפאָרציע און אָרדנונג. אָרגאַניזאַציע, האָבען מיר געזעהן, טרייבט דעם מענשען אויפן וועג פון פאַמיליען לעבען. אָרדנונג רונדעט ווידער אוים דעם פאַמיליען לעבען און וועבט אַרום איהם אַרום אַ פאַסיגע אַטמאָספערע: מאַן און פרוי פאַסען זיך איינע פאַר די אַנ-דערע, אַ מאַן דאַרף דעריבער זיין בלויז מיט זיין פרוי און אַ פרוי מיט

פרינציפּען

איהר מאַן. אַלץ וואָס האָט צו טאָהן מיט געשלעכטס פאַרקער דאַרף דעריבער זיין אַ פּריוואַטער ענין. מיר זאָגען דערפאַר אַז צניעות איז שעהן; עס שטעלט מיט זיך פאַר פונקט דעם צושטאַנד וואָס באַדאַרף זיין, דאָס וואָס שטימט מיט אונזער געפיהל פאַר פּראָפּאָרציע. הפקרות איז אונז דערווידער, עס זעהט אונז אויס מיאוס. זנות ווי אַ פּראָפּעסיע איז דער היפוך פון פּריוואַטקייט, זנות זעהט אונז דער־פאַר אויס אַזוי מיאוס, אַז די זונה ווערט געוויינליך איבערהויפּט ניט פאַררעכענט ווי אַ מענש. אפשר איז דאָס איינער פון די טעמים פאַר וואָס פאַר אַ זונה ווערט ניט געפאָדערט קיין הארבע שטראָף. איז זי ניט קיין מענש, איז זי ניט מחויב אָפּצוהיטען צניעות. אָבער דער עיקר קומען דאָ אַריין די זעלבע חשבונות וואָס אין זעלבסט־מאָרד: ניטאָ קיין מורא פאַר אַלגעמיינער אומאָרדנונג, אַ געפיהל פון רחמנות און אַ געפיהל פון גערעכטיגקייט. גאַנץ אַנדערש איז טאַקע דערפאַר ווען עס האַנדעלט זיך וועגען זנות פון אַן אשת־איש. דאָ קומט קיינע פון די דאָזיגע חשבונות ניט אַריין, און דערפאַר איז טאַקע דער תורה'ס שטראָף פאַר זנות פון אַן אשת איש אַזוי האַרב ווי פאַר מאָרד.

אָרגאַניזאַציע און אָרדנונג, ווי יעדער פאָרמע פון פּראָגרעס, רייסען זיך ניט אַריין ראַפּטום. זיי פאַנגען אָן אַריינצודרינגען לאַנג־זאַם, אויפן וועג פון קלענסטען ווידערשטאַנד, און ביסלאַכווייז פאַר־נעמען זיי זיך אַלץ ברייטער און ברייטער. פיל־ווייבעריי איז דערפאַר אָפּגעשאַפט געוואָרען פיל שפּעטער ווי פיל־מענעריי. די באַרירונג פון אַ מענשליכען קערפּער האָט צו טאָן מיט געשלעכטס פאַרקער, יעדער פאָרמע פון קאָנטאַקט מיט אַ מענשליכען קערפּער דאַרף דער־פאַר זיין אַ פּריוואַטע אַנגעלעגענהייט, און נאַקעטקייט איז ממילא אַן הפקרות. צו דער זעלבער צייט אָבער איז צו פיל פאַרדעקטקייט, פונקט ווי צו פיל אָפּגעשלאָסענקייט, אויך אַ חסרון. עס איז זעהר אומבאַקוועם. עס שטערט די נאָרמאַלע באַציהונגען מיט דער געזעל־שאַפט. עס שטעלט דערפאַר מיט זיך ניט פאָר די ריכטיגע פּראָפּאָר־ציע. די איבערטריבענע צניעות אין די מחמעדאַנישע מדינות, זעהט אונז דערפאַר אויך אויס מיאוס.

צולעצט וועלען מיר נאָך דערמאָנען אַ קלאַס פון אומבאַשטראָפּ־באַרע אומאָרדנונגען. אַזוינע זיינען דאָ וועלכע קומען פון מענשען און ניט פון מענשען. די ערשטע זיינען צו פּריוואַטמעסיג צו ווערען באַ־שטראָפט, אָבער דאָך ווייזען מיר אַרויס צו זיי אָפּענע פאַראַכטונג. אַזוי פאַראַכטען מיר פרעסען, זויפען, פּאָפּען, קאַרגען, אויסברענגען, בטל'ען און איינהאַבעווען אַ וועלט. די צווייטע האָבען מיר ניט בכח צו באַשטראָפען. דערפאַר ווייזען מיר אַרויס געגען זיי אונזער ווידער־

ווילען דורך באַדויערען. אַזוי באַדויערען מיר ווען איינעם האָט פאַסירט עפעס אַן אומגליק. עס טהוט אונז באַנק, ווייל מיר זעהען ניט אַז די ליידען זאָלען זיין פאַרדינטע, זאָלען שטימען מיט אונזער געפיהל פאַר אָרדנונג. דער אמת'ער מאמין, דער וואָס איז זיכער אַז אַלץ געהט צו לויט אַן אָרדנונג, טאָר טאַקע קיין ליידען ניט באַדויערען, „חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה". (ברכות נ"ד). פונקט אַזוי טהוט אונז באַנק, ווען עס קוקט אונז אויס אַז איינער איז ניט באַצאָהלט געוואָרען מיט גוטס פאַר גוטס. אויך דאָ איז דער חשבון ניט אויסגעגלייכט. דערפאַר קלאָגט יעדער איינער אויפן „צדיק ורע לו רשע וטוב לו" — ניט חלילא ווייל מען האַלט זיך פאַר אַ צדיק, נאָר ווייל דער געפיהל פאַר אָרדנונג לאָזט ניט צורוה.

ה.

אָרדנונג האָבען מיר פאַררעכענט אַלס קלאַס פון קאָמבינאַציע צוליב דעם וואָס עס נעמט אויך אויף אַ שותפות פון באַזונדערע טיילען. דאָך איז דאָ אַן אונטערשייד צווישען דער שותפות אין אָרדנונג און דער שותפות אין די אַנדערע קלאַסען פון קאָמבינאַציע. דאָרט ליגט די שותפות בלויז אין דעם עפעקט, אין דער צוזאַמענאַרבעט פון די באַזונדערע טיילען; דאָ אָבער ליגט די שותפות אין עצם מהות, אין צוזאַמענשטימען פון די באַזונדערע טיילען. אָרדנונג דריקט דערפאַר אויס מעהר איינהייט ווי די אַנדערע קלאַסען פון קאָמבינאַציע. נאָר פונדעסטוועגען, איז די איינהייט אין אָרדנונג נאָך אַלץ ניט מעהר ווי אַ שותפישע, צוזאַמענגעזעצט פון באַזונדערע אינדיווידומס. פונדאַנעט קומען מיר אָבער צו דער דריטער איינהייטס פאָרמע, וואו די איינהייט איז אַ צוזאַמענגעגאָסענע: אַלץ שטעלט מיט זיך פאָר איין שטיק, און די טיילען זיינען טיילען פון דער זעלבער שטיק. אַזוי דערקען איך זיך זעלבסט אַלס דער זעלבער אין אַלע צייטען; מיין האַנד איז אויך נישט מעהר ווי אַ טייל פון מיר.

די דאָזיגע איינהייט'ס פאָרמע איז געהאַט באַצייכענט געוואָרען מיטן נאָמען צוזאַמענבונד. אַלס ביישפיל איז אָנגעגעבען געוואָרען, דער צוזאַמענבונד פון די שטאָף אין אַ קערפערליכען געגענשטאַנד. 1) דאָס איז אָבער נאָר איין אופן פון צוזאַמענבונד — צוזאַמענבונד אין שטח. אַ צווייטער אופן איז אידענטיטעט — מיר ווייסען אַז אָט דער באַשטימטער געגענשטאַנד איז אין אַלע צייטען דער

1) באַרירונג איז אַ גראַד פון צוזאַמענבונד אין שטח, דערפאַר מיאוס'ען מיר זיך פון אַ זאַך וואָס איז באַרירט געוואָרען פון עפעס וואָס איז אונז מיאוס און ניט פון עפעס וואָס איז אונז שעהן, איהר ווייסט דאָך ווי צווישען געליבטע קען מען עסען אפילו איינער פון אַנדערען'ס מויל.

זעלבער. א דריטער אופן פון צוזאמענבונד איז פארטזעצונג, עלטערען פיהלען אין דער עקזיסטענץ פון זייערע קינדער א פארטזעצונג פון זייער אייגענער עקזיסטענץ, „יורש כרעיה דאבוהו” (ערובין ע׳). א פיערטער אופן איז נאכפאלגונג, וועלכעס טיילט זיך אליין אויף פיער מינים: אינסטינקטיווע נאכפאלגונג (אינסטינקטיווע דערקענטעניש, אסאסאציע פון אידעען), עסטעטישע נאכפאלגונג (מעלאדיע, פאנטאזיע), לאגישע נאכפאלגונג (ליטערארישער סטיל, לאגישער דענקען), און פאקטישע נאכפאלגונג (אורזאכליכקייט). איהר וועט באמערקען אז די מיטעלסטע צוויי אופנים שטעלען ביידע מיט זיך פאר צוזאמענבונד אין צייט, נאר בעת דער ערשטער פון די צוויי נעמט אויך אריין זעלביגקייט אין שטח נעמט דער צווייטער אריין בלויז נאכפאלגונג. די מיטעלסטע צוויי טוהען אזוי ארום צוזאמענשליסען אלע פיער אופנים פון צוזאמענבונד. פון די דאזיגע פיער אופנים ווערט אין ערשטען אופן דער צוזאמענבונד אופגענומען דורך אונזערע אויסערליכע חושים. אין צווייטען אופן ווערט ער אופגענומען דורך אונזער אינערליכען חוש. אין דריטען אופן ווערט עס דערפילט אינסטינקטיוו. און אין פערטען אופן ווערט עס אדער דערקענט אינסטינקטיוו (ערשטער מין), אדער עס ווערט פארשטאנען (די אנדערע דריי מינים).

אין צוזאמענבונד האבען מיר דערקענט א העכערען גראד איינהייט ווי אין די אנדערע איינהייט׳ם פארמען, דארף דערפאר דער איינפלוס פון צוזאמענבונד אויף אונזערע געפיהלען אויך זיין גרעסער. וועט איהר עס מיר געווים צוגעבען בנוגע צוזאמענבונד אין שטח און אין צייט. דא ווערט דער צוזאמענבונד אופגענומען דירעקט דורך די חושים, טהוט זיין איינפלוס אויך באריהרען דירעקט די חושים, און דערפאר קענען מיר זיך דא קיין אבסאלוטען ניט-צוזאמענבונד, קיין אבסאלוטע פונאנדערגעטיילטקייט אדער ליידיגקייט פון שטח און צייט, איבערהויפט ניט פארשטעלען. און געווים וועט איהר מיר אויך צוגעבען אז ביי א מענשען איז זיין מינדסטער אבר טייערער ווי די גאנצע וועלט און אז קיין זאך ליגט איהם ניט אזוי פיל אין זינען ווי זיין אייגענע צוקונפט. אויך וועט איהר זיך מיט מיר ניט שפארען, ווען איך וועל אייך זאגען, אז אין די זארגען פאר זיין אייגענער צוקונפט נעמט א מענש אויך אריין די דאגה פאר זיינע קינדער. נאך מעהר, געוויינליך זארגט מען זיך פאר קינדער מעהר ווי פאר זיך אליין — מסתמא ווייל אליין פיהלט מען זיך פאר דעם טייל וועלכער דארף באזארגען און די קינדער, פאר דעם טייל וועלכער דארף באזארגט ווערען. וועגען די ערשטע דריי אופנים זיינען מיר אלזא גלייך מושוה געווארען.

זעהט איהר, וועגען דעם פערטען אופן וועט איהר זיך שוין מיט מיר דינגען. זעהר פיעל מענשען ווערען קנאפּ וואָס נתפעל פון אַ מעלאָדיע אָדער פון אַ לאַגישען דערהער אָדער פון דערקענען אַ שייכות צווישען אורזאַך און עפעקט. און אפילו די וועלכע ווערען שוין יע פון דעם נתפעל, איז אויך ניט מערסטענס אויף אַזוי פיל אַז זיי זאָלען עס ניט וועלען פאַרבייטען פאַר דעם פאַרגעניגען פון פאַר־בריינגען מיט אַ פרעהליכער קאָמפּאַניע — טאָ וואו טהוט עס דער איינפלוס פון צוזאַמענבונד אין פערטען אופן איבער׳שטייגען דעם איינפלוס פון אַלע אַנדערע איינהייטס פאָרמען?

נאָר איידער מירן פּרובירען ענטפערען אויף דער דאָזיגער פראַ־גע, וואָלט אפשר געווען גלייך, אַז מיר זאָלען זיך פריהער אריבער־כאַפּען מיט אַ וויזיט צו אַ קינסטלער. שטעלט אייך פאָר, מיר טרע־פען איהם גראָד מיט דער פידעל אין האַנד, באַהערשט פון דער מוזי־קאַלישער מוזע. פרעגט איהם דאַן, צו ער וואָלט געווען אַ בעלן אוועק־צולייגען די פידעל און מיט אונז מיטגעהן צו אַ פרעהליכער קאָמפּאַניע? דאַן וועלען מיר זיך אריינכאַפּען צו אַ גאון אין לאָגיק, צו אַ גרויסען תלמיד חכם, למשל. אויך איהם טרעפען מיר גראַד ביי אַ טיש אָנגע־לעגט מיט ספרים. עס הויבט איהם גראַד יעצט אָן קלאָר ווערען אָן ענין וועלכען ער האָט ביז אַהער ניט פאַרשטאַנען. אדרבה, פּרואווט אייער מזל מיט איהם, אפשר וועט ער מיט אייך מיטגעהן צו אַ „מסיבת מרעים". און אַז איהר וועט ביי די ביידע ניט פועלן, וועלען מיר דאַן געהן צו אַ גרויסען וויסענשאַפטסמאַן, ווען ער איז גראַד פאַרטיפט אין אַ פּראָבלעמע פון אופזוכען אָן אורזאַכע פאַר אָן עפעקט. אויך ער וועט אודאי די איינלאַדונג נישט אָננעמען — נישט חלילא ווייל דורך דער לעזונג פון דער פּראָבלעמע האָט ער עפּעס אַנדערש צו געווינען, נאָר, פּשוט, ווייל די עצם לעזונג טהוט איהם מעהר אינ־טערעסירען, איז איהם בעסער געפעלען.

פאַר וואָס איז עס מענשען פון אָן אַנדער סוג נישט אַזוי שטאַרק געפעלען? קען זיין ערשטענס, ווייל די דאָזיגע מענשען פעלען פּשוט די כלים מיט וואָס אופצונעמען דער דאָזיגער איינהייט. אַ טויבען וועט קיין שעהנע מוזיק ניט אינטערעסירען, ווייל ער הערט עס ניט, פאַר איהם איז עס ניט שעהן. פונקט אַזוי טוהען פיל פון די גע־וויינליכע מענשען ניט דערהערען אַלע טענער וואָס דער קינסטלער דערהערט. אַ געוויינליכער אויער קען אַדורך־לאָזען די דינינקע ניואַנ־סען, וועלכע אונטערשיידען ענליכע טענער, און וועלכע בילדען די רינגאַלאַך צווישען די באַזונדערע טענער אין דער מוזיקאַלישער מע־לאָדיע. פאַר איהם, דערפאַר, וועט די מעלאָדיע מיט זיך קיין איינהייט ניט פאָרשטעלען. צווייטענס קען זיין, אַז די דאָזיגע מענשען זיינען

פּרינציפּען

ניט דערוואַקסען צו אַ שטופּע פון ווערען בעאײַנדרוקט דורך דער דאָזיגער אײנהײט. אַ בהמה זעהט אָרדנונג און ווערט גאָר ניט נתפּעל. פאַר וואָס? ווייל זי שטעהט נאָך ניט אויף אַזאַ מדריגה פון פּראָגרעס אַז זי זאָל בעאײַנפלוסט ווערען פון דער דאָזיגער אײנהײטס פאָרמע. 1) דער בהמה׳ס וועזען איז נאָך בערך קלײן; איהר ספערע פון אינטערעסען איך נאָך באַשרענקט צו דירעקטע ערפאַרונגען; עס באַרירט איהר ניט עפּעס וואָס איז אָפּגערוקט אין דער צייט און עס באַרירט איהר ניט עפּעס וואָס איז מיטעלבאַר אין דערקענטעניש. דאָס זעלבע קען פאָרקומען מיט פיל מענשען. אַן אײנהײט וואָס דאַרף פאַרשטאַנען ווערען, ווי צוזאַמענבונד אויפן פערטען אופן, טהוט זיי נאָך ניט באַרירען. מאַנכע ווידער קענען באַרירט ווערען פון דער דאָזיגער אײנהייט נאָר ווען זי ווייזט זיך אין אַ לייכטער פאָרמע, אָבער נישט אין אַ שווערער פאָרמע. ווען זי פאָדערט אַ טיפע פאַרשטענדעניש. אַזוי האָבען זיי ליב אַ פרעהליכע האָפּקע אָדער אַ לייכטען וויץ. נאָך אַנדערע זיינען דאָ וואָס האָבען אַ „גען” פאַר איין „מין” אײנהייט און ניט פאַר דעם אַנדערען.

ווען איהר ווילט דעריבער וויסען ווי ווייט די דאָזיגע אײנהייט רירט אָן אונזערע געפיהלען, מוזט איהר געהן צו די וואָס באַנוצען גאַנצערע כלים — דורך וועלכע די אײנהייט רינט ניט אַרויס — און וואָס זיינען דערוואַקסען עס צו פאַרשטעהן. איהר מוזט געהן זיך נאָכפרעגען ביים קינסטלער וועגען קונסט, ביים דענקער וועגען לאָגיק, און ביים וויסענשאַפט׳סמאַן וועגען אורזאַכליכקייט. דאָרט וועט איהר געוויס קריגען אמת׳ע אינפאָרמאַציע איבער דעם ווערט פון דער דאָזיגער אײנהייט. דער קינסטלער וועט אייך זאָגען, אַז אַ שעהנע מעלאָדיע האַלט איהם ווי צוגעשמידט. וואָס רירט איהם אַזוי אין דער שיינער מעלאָדיע? דאָס וועט ער אייך מן הסתם ניט קענען דערקלערען.

---

1) לויט דעם דאָזיגען כלל דאַרף אויסקומען, אַז וואָס העכער אַ מענש שטעהט אויפן לייטער פון פּראָגרעס אַלץ מעהר דאַרף ער זיין בעאײַנפלוסט פון געפיהל פאַר אָרדנונג און ממילא פון די געפיהלען פאַר ערליכקייט, גערעכטיגקייט אד״ג. איז טאַקע אין דער לעצטער צייט וויסענשאַפטליך באַשטעטיגט געוואָרען „אַז אינטעליגענץ און מאָראַלישער כאַראַקטער זיינען געשפּונען צוזאַמען אין דער מענשליכער נאַטור, אַז קינדער מיט אַ העכערען „אַיי קיו” ווילען גיכער ניט גנב׳ענען, ניט זאָגען קיין ליגען און בכלל זיך אויפפירען בעסער. אַזוי געפינען מיר אין אַן אַרטיקעל פון אַלבערט עדואַרד וויגאַם, אין זשורנאַל „שול און געזעלשאַפט”, אַ באַריכט פון דריי הונדערט אונטערזוכונגען וועלכער לייענט זיך אַזוי: „ערליכקייט איז פּאָזיטיוו פערוואַנדעלט מיט אינטעליגענץ. כמעט אין יעדער גרופּע קינדער פון אומגעפער דעם זעלבען עלטער איז די וועלכע זיינען פון אַ העכערען גראַד אינטעליגענץ נאַרען ווייניגער ווי די וועלכע זיינען פון אַ נידעריגערען גראַד אינטעליגענץ”. עס איז אָבער אינטערעסאַנט דער טעם וואָס דער מחבר פון דעם אַרטיקעל גיט אָן פאַר דער דאָזיגער ערשיינונג. ביי איהם איז רעכט אַז דאָס אַלץ האָט צו טאָהן מיט אַ פּשוט׳ען חשבון פון עס לוינט זיך, אַז דאָס קינד מיט אַ העכערען „אַיי קיו” איז קלוג אויסצורעכענען אַז עס לוינט זיך ניט צו גנב׳ענען אפילו ווען ער איז זיכער אַז מען וועט איהם נישט כאַפּען, אַז עס לוינט זיך נישט צו זאָגען ליגען אפילו ווען דורך

דער איינפלוס פון איינהייט

איהר פאַרשטעהט עס אָבער אַליין — אַז סך־הכל איז אַ ריכטיגע נאָכפאָלגונג פון טענער די איינציגע כאַראַקטעריסטיק פון אַ מעלאָדיע. זעהט איהר, דער סטיליסט ווייס שוין יע וואָס איהם און זיינע לעזער איז אַזוי שטאַרק געפעלען. ער וועט זיך דערפאַר ניט אָפּשטעלען אויף קיינע קרבנות, ער וועט האַלטען אין איין שרייבען און איבערשרייבען אַבי עס זאָל אַרויסקומען אַ ריכטיגע בינדונג פון ווערטער, פון זאַצען, פון פאַראַגראַפען, פון בילדער און פון געדאַנקען. פרעגט דעם תלמיד חכם, וועט ער אייך זאָגען אַז „אין טוב אלא תורה" (פרקי אבות ו'). ער וועט אייך מוחל זיין אַלע וועלטליכע פאַרגעניגענס, אַבי גיט איהם נאָר אַביסעל צייט פאַר זיין גייסטיגען ספאָרט: פּלעכטען געדאַנקען, בילדען סיסטעמען, מאַכען לשטתות, שטייגען צו פּרינציפּען און זיך אַראָפּלאָזען צו פאָלגען. און פאַרגעסט ניט אַז דער דאָזיגער ספּאָרט שטעלט מיט זיך פאַר ניט מעהר ווי אַ געמאַטערטען פּרואוו צו דערגרייכען איינהייט — אַ פּרואוו וואָס אַמאָל גיט ער זיך איין און אַמאָל ניט. היינט שטעלט אייך פאָר, וואָס פאַר אַ פּרייז וואָלט דער תלמיד חכם באַצאָהלט פאַר דער מעגליכקייט פון אָנקוקען דער דאָזיגער איינהייט פּנים אל פּנים, פאַרן באַקומען, לאָמיר זאָגען, אַזאַ מין ליכטיגען מח, וואָס ראַציאָנאַלע סיסטעמען זאָלען זיך פאַר אים אויסוויקלען אַזוי קלאָר און אַזוי אָפען ווי אַ טעאַטער פאַרשטעלונג פאַרן צושויער?

איהר זאָגט: דער אידישער תלמיד חכם איז דאָך ניט דער איינציגער וואָס קומט אין באַרירונג מיט דער לאָגישער איינהייט. דאָס איז ניט ווייניגער די פּריווילעגיע פון אַלע געלערענטע. דער וועלטליכער יוריסט טהוט דאָס זעלבע וואָס דער אידישער תלמיד חכם. דער פילאָזאָף, האָבען מיר געזעהן, באַשעפטיגט זיך אויך מיט זוכען די פאַרבינדונג פון זאַכען מיט זייערע אַלגעמיינע פּרינציפּען. דער הים־

ליגען קען ער בעסער אויסנעמען, אַז עס לוינט זיך בעסער צו באַקומען קלעפּ און זיך פאַר'עקשנ'ען אויף דעם וואָס עס זעהט איהם אויס אַז אַזוי דאַרף זיין. לייענט איהר אין דעם דאָזיגען אַרטיקעל: „דער הויפּט טעם פאַר וואָס אינטעליגענץ און ריכטיגע אופפירונג זיינען גיכער גענייגט צו געהן צוזאַמען איז ווייל אינטעליגענטע אינדיווידומס ווייסען אַז ריכטיגע אופפירונג איז אויך קלוגע אופפירונג — די דורך וועלכע מען באַקומט די בעסערע רעזולטאַטען. די צעהן געבאָטען, דער גאָלדענער רעגעל, די מאָראַלישע און רעליגיעזע געזעץ ביכער פון יעדער ראַסע, זיינען איינפאַך מיטטיילונגען פון די לעזונגען וואָס די קליגסטע מענשען האָבען געפונען צו די פּראָבלעמען פון לעבען. וואָס קליגער אַ פּערזאָן איז אַלץ וואַרשיינליכער איז אַז זי וועט וועהלען די דאָזיגע וועגען פון באַגעגענען איהרע פּראָבלעמען. גלענצענדע קינדער זיינען גענייגט איסצואווייען דעם דרך הישר איינפאַך צוליב דעם וואָס זיי זעהען אַז עס איז דער ריכטיגער גאַנג פון מעשים וועלכער פאַרשפּרעכט די בעסטע פאָלגען. אַ קלוגע קינד אָדער אַ דערוואַקסענער געפינט אויס אַז ער קען באַקומען וואָס ער וויל אין לעבען לייכטער און זיכערער דורך ערליכקייט ווי דורך נאַרעריי, דורך פריינדליכקייט ווי דורך גרויזאַמקייט, דורך אָננעמען די סאָציאַלע פליכטען ווי דורך אויסמיידען זיי". דאָ זעהט איהר פאַר וואָס עס איז נויטיג אַ פילאָזאָפיע און פאַר וואָס די וויסענשאַפטען קענען נישט פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון פילאָזאָפיע.

פרינציפּען

טאַריקער באַנוגענט זיך אויך ניט מיט רעקאָרדען פאַקטען, נאָר ער זוכט צו באַווייזען אַז איינס האָט באַדאַרפט פאָלגען פון דאָס אַנדערע. און אַזוי זוכט אויך דער וויסענשאַפט'סמאַן צו פאַרבינדען ערשיינונגען אין דער נאַטור. היינט אויב די איינהייט איז טאַקע ווערט דעם פּרייז וואָס דער אַמאָליגער תלמיד חכם פלעגט פאַר איהר באַצאָהלען, וואָלטען די דאָזיגע געלערענטע אויך אַלע באַדאַרפט זיין גרייט צו באַצאָהלען פאַר איהר דעם זעלבען פּרייז. טאָ פאַר וואָס ווייזט זיך טאַקע ניט ביי אַלעמען אַזאַ גרייטקייט? פאַר וואָס זעהען מיר אַזוי אָפט ווי אַ סאַך יוריסטען נעמען ניט זייער שטודיום צו ערענסט? איהר פאַרגעסט אָבער דעם פאַקט וואָס מיר האָבען שוין דאָ אַרויסגעבראַכט, אַז בעאַיינפלוסט פון דער דאָזיגער איינהייט ווערען נאָר די וואָס געפינען זיך אויף אַ העכערער שטופע פון פּראָגרעס. אין דער וועלט ווערט דער דאָזיגער פאַקט פאַרקוקט. צו דער יורידישער פּראָפעסיע, למשל, נעמען זיך אַסאַך וואָס זיינען דערצו גאָר ניט דערוואַקסען. זיי טוען עס בלויז צוליב קאַריערע. זיי געברויכען דעם „עץ הדעת" צום עסען. ער איז דערפאַר ביי זיי ניט מעהר ווערט ווי די ווייץ און די ווײן וואָס ער קען אַרויסגעבען (ברכות מ'). ביי אידען האָט אָבער די רעליגיע פאַרבאָטען צו מאַכען פון דעם אַ קאַריערע, „מה אני בחנם אף אתם בחנם" (בכורות כ"ט). אָפּגעשטעלט ביי תורה האָבען זיך דעריבער נאָר די וועלכע זיינען געווען דערצו דערוואַקסען, די וועלכע האָבען געלערענט תורה לשמה. די אידישע תלמידי חכמים האָבען ניט געגעסען פון „עץ הדעת", איז פאַר זיי געבליבען אָפען דער וועג צום „עץ החיים".

צולעצט, וועט אין שייכות מיט דער דאָזיגער איינהייט'ס פאַרמע ניט זיין איבעריג צו דערמאָנען די אַלטע אקסיאָמע, אַז קיין אַבסאָלוטע איינהייט, איינהייט וואָס זאָל ניט זיין צוזאַמענגעשטעלט פון טיילען, נעמען מיר אין דער ערפאַרונג ניט אויף. עס איז ניט נויטיג צו באַווייזען אַז די דאָזיגע אקסיאָמע האַלט אוים אין גלייכאַרטיגקייט אָדער אין קאָמבינאַציע אָדער אין די לעצטע צוויי אופנים פון צוזאַמענבונד. אין דעם ערשטען אופן פון צוזאַמענבונד, ווים שוין היינט אויך יעדער איינער, אַז דאָס וואָס מיר נעמען אויף אין שטח אַלס איין קערפּער באַשטעהט באמת פון פילע באַזונדערע קערפּערלאַך: מאָלעקולס, אטאמען, עלעקטראָנס, פּאָזיטראָנס, נוטראָנס, און ווער ווייס ווי ווייט די דאָזיגע צוטיילונג געהט נאָך ווייטער אָן.

זעהר איהר, פיל שווערער קומט עס אונז אָן צוצוגעבען אין צווייטען אופן פון צוזאַמענבונד. דוכט זיך אַז איך בין פּונקט דער זעלבער היינט וואָס איך בין געווען נעכטען. ווען מען קוקט אָבער

דער איינפלוס פון איינהייט

אין דעם אריין טיפער זעהט מען, אז דאס וואס ווערט אויפגענומען אלס דאס זעלבע אין משך פון דער גאנצער צייט באשטעהט באמת פון באזונדערע ענטיטעטען. דאס זעהט מען בעסער ווען מען קוקט אויף אזא איינהייט אין א גרעסערען פארמאט. א פאלק איז פונקט אזא איינהייט, עס ווערט אויפגענומען אלס דאס זעלבע ווערענד דער גאנצער צייט פון איהר עקזיסטענץ. קיינעם וועט געווים ניט איינפא־לען אז די הונדערטער דורות וואס האבען זיך נאכגעפאלגט שטעלען מיט זיך ניט פאר קיין באזונדערע וועזענס. פונקט אזוי איז דער מענש, נאר אין א קלענערען פארמאט, איז עס אונז שווער איינצוזעהן. ווערענד דעם מענשען׳ס לעבען האלט זיך אלץ אין איהם אין איין בייטען: די קערפערליכע שטאף, די ערפארונגען, די שטימונגען, די געדאנקען; עפעס ווערט כסדר אפגעווישט און עפעס קומט כסדר צו. וואס איז עס וואס טהוט די דאזיגע אלע באזונדערע צושטאנדען צו־זאמענעמען אין אן איינהייט? דאס איז דער באוואוסטזיין; ריכטיגער געזאגט, דער איינפלוס וואס צוזאמענבונד אין צייט איבט אויס אויף אונזערע געפיהלען. געווים איז לאק גערעכט, ווען ער זאגט ערגעץ אין זיין „בנוגע דעם מענשליכען פארשטאנד״, אז זאל זיך פון מענשען אפשטעלען ניט מעהר ווי דער קליינער פינגערעל, און זאל זיך צו איהם איבערטראגען דעם מענשען׳ס באוואוסטזיין, וועט דער קליינער פינגערעל מיט זיך פארשטעלען די פארטזעצונג פון גאנצען מענשען.

ו.

אין לעצטען אופן פון צוזאמענבונד האבען מיר זיך שוין א ביסעל באקענט מיטן איינפלוס פון איינהייט אויף אונזער העכערען קענטעניש פאקולטעט. מיר האבען געזעהן אונזער געדאנק ביי דער ארבעט אין שפינען איינדריקען און פאנטאזיעס, אין פלעכטען קייטען פון ערשיינונגען, אין ציהען פון זיך לאנגע סילאגיסטישע פעדים, אזוי ווי די שפין וואס ציהט פון זיך איהר שפינוועבס. אבער דער דאזיגער ארט שפינען און פלעכטען אין איין דימענסיע קען נאר שאפען א ליניעאלע פארבינדונג, אין וועלכער די עקען זיינען גאנץ ווייט אפגע־רוקט איינער פון דעם אנדערען. אין איהר פערטער איינהייטס פאר־מע, געהט די איינהייט נאך א טריט ווייטער. זי מאכט דעם געדאנק בילדען רונדע „אוניטס״, איינהייטליכע באגריפען וואס האבען ניט קיין אנפאנג, קיין מיטען, און קיין ענדע. אין דער דאזיגער ארבעט זיינער, באנוצט זיך דער געדאנק געוויינליך מיט פאסיגען מאטעריאל צוגעשניטען דורך די אנדערע איינהייט פארמען: איברים וואס זיינען צוזאמענגעבונדען, ליניעס וואס געפינען זיך אין א באשטימטער פרא־פארציע, בגדים וואס ערגענצען זיך, א קאמפאניע פון בוימער, א צאהל

פרינציפען

וואָס איז גלייך צו דער צאָהל פינגער אין ביידע הענד, דאָס טהוט דער געדאַנק צונויפנעמען אונטער די איינהייטליכע באַגריפען: מענש, גנאָמאָן, גאַרניטור, וואלד און צענדליג. דעם נאָמען פאַרן אוניט קריגט אויך דער געדאַנק דורך די אַנדערע איינהייטס פאָרמען — דורך גלייכ-אַרטיגקייט אָדער דורך דעם פערטען אופן פון צוזאַמענבונד.

אויסער דעם וואָס דער אוניט איז מעהר איינהייטליך געפורעמט, איז ער אויך מעהר פאָרטגעשריטען פון די אַנדערע איינהייט׳ס פאָר-מען. שוין מחמת דעם אַליין וואָס דער אוניט ווערט געבילדעט פון מאַטעריאל וואָס ווערט צוגעגרייט דורך די אַנדערע איינהייט׳ס פאָר-מען, מוז ער קומען שפעטער פון זיי, מוז ער מיט זיך פאָרשטעלען אַ ווייטערע ענטוויקלונג פון געדאַנק, מוז ער באַזעצען די העכערע שטאַפּלען אויפן לייטער פון וועזענ׳ס פראָגרעס. אָבער די זאַך געהט דאָ פיל טיפער. דער אוניט האָט אַליין דעם גרעסטען חלק אין דער עצם אופבילדונג פון די דאָזיגע העכערע שטאַפּלען. זיין ביישטייערונג איז דאָ אַ דאָפּעלטע. פון איין זייט ראַמט ער אָפּ דעם באָדען פאַרן בנין, פון דער אַנדער זייט שטעלט ער צו די ליים און צעמענט, מיט וועלכע ער טהוט טאַקע אַליין בויען דעם בנין. צונויפנעמענדיג מערע-רע קענטענישען אונטער איין אַלגעמיינעם באַגריף האַלט ער קודם אין איין אַפּליידיגען דעם געדאַנק, אין איין מאַכען פלאַץ פאַר אַלץ פרישע קענטענישען. אָפּעריערענדיג דערנאָך מיטן זעלבען כח, אונ-טער דעם נאָמען אינדוקציע, טהוט ער ווידער אויסשמידען די איינ-צעלנע פרישע קענטענישען אין פעסטע אוניווערסעלע כללים, פון וועל-כע די וויסענשאַפטען באַשטעהן.

אָנווייזענדיג די דאָזיגע דאָפּעלטע אָפּעראַציע פון אוניט, פאַר-שפּאָרט מען שוין צו רעדען וועגען זיין וויכטיגקייט אויפן טעאָרע-טישען געביט. עס איז גענוג צו פאַרגלייכען אונזער אונבאַגרענעצטען כח צו צעהלען מיט דער אומבאַהאָלפענקייט פון פרימיטיווען אויס-טראַליער, למשל, ווען עס קומט צו אַ צאָהל פון איבער אַ פאָר צעהנ-דליג. ניט וויסענדיג ווי צונויפצונעמען מערערע צאָהלען אונטער איין וואָרט, מוז ער האַלטען אויפן געדאַנק יעדער איינצעלנע צאָהל באַ-זונדער, און דאָס איז נאַטירליך צו פיל פאַר איהם. אָפּשאַצענדיג די וויכטיגקייט פון דעם דאָזיגען כח פון ווערטער, האָט מען נאָך אַמאָל באַצייכענט דעם מענשען מיטן נאָמען מדבר. מען האָט גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, אַז אין דעם דאָזיגען כח ליגט דער גאַנצער „מותר האדם מן הבהמה". און עס איז איבעריג צו זאָגען אַז אין דעם דאָזיגען „מותר" שפּילט די הויפּט ראָלע דער כח צו בילדען אַלגעמיינע באַ-גריפען. די מעגליכקייט פון אַרויסברענגען דעם קלאַנג פון די צוויי און צוואַנציג אותיות שטעלט נאָר מיט זיך פאָר אַ באַקוועמע מעטאָדע

דער איינפלוס פון איינהייט

פון טיילען זיך מיט די דאָזיגע באַגריפען. אויך איז די דאָזיגע מעטאָדע „לאו דוקא". אויב די טויב שטומע האָבען געקענט אַרויסגעבען אַ „העלען קעלער", אין אַ סימן אַז מען וואָלט זיך על פי הדחק אָהן דער דאָזיגער מעטאָדע אויך געקענט באַגעהן.

בנוגע דער אינדוקציע, וועט אייך יעדער וויסענשאַפט'מאַן זאָגען אַז עס איז דער נויטיגסטער אינסטרומענט פון יעדער וויסענ־שאַפט, אַז דער כלל וועלכער שטעהט אין דער שפּיץ פון יעדער רייהע וויסענשאַפטליכע מסקנות איז געבאָרען געוואָרען פון דעם וואָס ער איז באַמערקט געוואָרען אין איינצעלנע פאַרשיידענע פאַלען. פיל כללים מוזען בלייבען אין דער דאָזיגער שטופע, און זייער קאַליר פון זיכערקייט ווערט אפילו מחמת דעם ניט אָפּגעבליאַקעוועט. נעמט למשל גראַוויטעט. איהר קענט גראַוויטעט אומעטום ניט אויספּרו־בירען. פונדעסטוועגען נעמט איהר אָן אַז דער כלל איז געוויס אמת. אַזוי שטאַרק איז דער כח פון אינדוקציע.

אָבער ניט נאָר אין די וויסענשאַפטען, אפילו אין טאָג־טעגליכען לעבען שפּאַרט איהר זיך כסדר אָן אויף דער אינדוקציע. וואָרעם זאָגט מיר, איך בעט אייך, פונוואַנעט זייט איהר עס אַזוי זיכער אַז אייער חבר וועט אַמאָל שטאַרבען? איהר ווייסט עס ניט בלויז דורכן כלל פון אורזאַך און עפעקט, ווייל פונוואַנעט ווייסט איהר אַז איהר האָט דאָ פאַר זיך די זעלבע אורזאַך, אַז אייער חבר איז פונקט דער זעלבער מענש וואָס אַלע אַנדערע פאַר איהם? אָדער עפּעס אַנדערש: פונוואַנעט ווייסט איהר אַז די ברייט וואָס מען האָט אייך יעצט דער־לאַנגט איז פונקט די זעלבע, און וועט אייך פונקט אַזוי שפּייזען, ווי די ברייט וואָס איהר האָט נעכטען געגעסען?

בנוגע דעם איינפלוס פון אוניט אויף אונזערע געפיהלען, זעהט ער אפילו געוויינליך אוים ניט אַזוי שטאַרק ווי דער איינפלוס פון די אַנדערע איינהייטס פאָרמען. אפשר איז עס דערפאַר וואָס דאָ האָבען מיר ניט פאַר זיך דעם אוניט קעגען דעם ניט־אוניט; אַלץ וואָס מיר נעמען אויף שטעלט שוין מיט זיך פאַר אַ אוניט, דער אונטערשייד ליגט נאָר אין גראַד. נאָר שטאַרק צו שוואַך, באַמערקט מען פונדעסטוועגען גאַנץ גוט די חשיבות פון אַ העכערען גראַד אוניט. ווען איהר זאַמעלט געלט זוכט איהר שטענדיג צו דערגרייכען אַ פולען הונדערטער אָדער טויזענטער אָדער צעהן־טויזענטער. קליינגעלט וועט ביי אייך גיכער צוקריכען ווי אַ גאַנצער דאָלאַר. ווען איהר געהט שפּאַצירען ווילט איהר זיך קיינמאָל ניט אָפּשטעלען אויף אַ מיטן בלאָק, און ווען איהר האָלט שוין נאָהנט ביי צעהן בלאָק ווילט איהר שוין דערגעהן צום צענדליג. דאָס זעלבע, ווען איהר צעהלט וועט איהר זיך ניט וועלען

פּרינציפּען

אָפּשטעלען אין מיטען פון צעהנדליג אָדער פון הונדערטער. אפשר דערפאַר איז דער צעהנדליג אַזוי פאַרגעטערט געוואָרען ביי די פּיטאַ־גאָרייער. בכלל האָט די גאַנצע אין יעדער זאַך אַ באַזונדער חשיבות; פעלט עפּעס, פאַרלירט די זאַך אין איהר חשיבות פיל מעהר ווי דער באַטרעף פון חסרון.

אָבער דאָס אַלץ איז גאָר ניט קעגען דעם איינפלוס פון אוניט, בנוגע די פּערזאָן וועלכע עס בילדט אויף. אייגענטום, אַ נאָמען, ווערק, דער אָנדענקען, אַלץ וואָס ווערט גערופען „מיין”, ווערט פאַרבונדען מיט דער אייגענער פּערזאָן. פּרוואווט איינעם רופען מיט אַן אנדער נאָמען, וועט ער זיין אויף אייך שטאַרק אין כעס — עפּעס אַזוי ווי איהר וואָלט אָפּגעריסען אַ שטיק פון זיין וועזען. 1) ווייס איינער אַז מען דערמאָנט איהם אין ערגעץ, פיהלט ער ווי ער וואָלט דאָרט באמת געווען, „אחים בהספידא דהתם קאימנא”. (שבת קנ”ג). ווייס ער אַז מען רעדט דאָרט וועגען איהם גוטס אָדער שלעכטס, איז ער צופרידען אָדער אומצופרידען, פונקט ווי ער וואָלט דאַביי געשטאַנען. די דאָזיגע אויפגעבילדעטע פּערזאָן איז ביי איינעם אַמאָל מעהר ווערט ווי דער אמת׳ער „איך”, צוליב דעם וואָס עס בלייבט אומשטערבליך. קומט אויס, אַז דאָ טהוט שוין דער אוניט איבערשטייגען אַלע אַנדערע איינ־הייט׳ס פאָרמען מיט זיין איינפלוס.

— מען מוז צוגעבען, אַז עפּעס אמת שיינט יע צו זיין אין אייערע ווערטער. מען קען ניט פאַרלייקענען אַז אין פּסיכאָלאָגיע זעהט זיך טאַקע דער איינפלוס פון איינהייט. אָבער פונדעסטוועגען ווייס איך ניט אויב אייער השקפה אַלס גאַנצע האָט פון דעם עפּעס געוואונען. ווארעם אויב איינהייט האָט אויף אונז אַ פּאָזיטיווען איינ־פלוס מוז דאָך פאַרשיידענהייט האָבען אויף אונז אַ נעגאַטיווען איינ־פלוס. אויב גלייכאַרטיגקייט און קאָמפּאַניע געפעלען אונז מוזען דאָך פאַרשיידענאַרטיגקייט און אָפּגעזונדערקייט אונז ניט געפעלען. וואָס איהר געווינט דעריבער פאַר אייער פּרינציפּ פון איינהייט טהוט איהר,

1) עס איז דער דאָזיגער אויפגעבילדעטער „איך” וועלכער האָט געצוואונגען אַפּיקורסים גמורים און אפילו אַסימילאַטאָרען צו מקריב זיין זעהר פיעל צוליב זייער אידישקייט: עס איז דער דאָזיגער אויפגעבילדעטער „איך” וועלכער האָט אָפּגעהאַלטען די אידישע סטודענטען אין דער צאַרישער רוסלאַנד צו שמאדען זיך צוליב אַ קאַריערע אויף וועלכער זיי האָבען געאָפּפערט זייער גאַנצע יוגענט, און עס איז דער זעלבער „איך” וועלכער האָט נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה אָפּגעהאַלטען די אידישע פּליטים פון פּוילין אַריינצופאַלען אין די הענד פון מיסיאָנערען וועלכע האָבען צוגעזאָגט אַלע גליקען. אַרומ־וואַלגערענדיג זיך אין גרויסע ענוים איבער גאַנץ צענטראל און מערב אייראָפּע האָט מען טאַקע געגעסען טריפה און געטאָהן כל דבר אסור; אָבער אומברענגען דעם דאָזיגען „איך”, באַגעהן זעלבסט־מאָרד. דאָס האָט נאָר געקענט טאָהן איינער מיט גאָר אַ שוואַכען כאַראַקטער. זעהט איהר, אין די אַסימילאַטאָרישע הייזער, וואו אידענטום איז נישט צוגעלאָזען געוואָרען עס זאָל זיך אַריינוועבען אין דעם קינד׳ס „איך”, דאָרט איז שמד אָנגעקומען זעהר לייכט.

דער איינפלוס פון איינהייט

פון דער אַנדער זייט, פאַרלירען פאַר אייער פּרינציפּ פון פאַר־שיידענהייט.

— איהר מאַכט אַ טעות מיין פריינד, פאַרשיידענהייט האָט אויף אונז פונקט אַזאַ פּאָזיטיווען איינפלוס ווי איינהייט. וואָס האָט איהר אַזוי ברייט צועפּענט די אויגען? איך רעד דאָ נישט קיין סתרי תורה, איך קען עס אייך באַווייזען.

— נו, אדרבה, באַווייזט עס טאַקע!

דריטער קאפיטעל

דער איינפלוס פון פארשיידענהייט

— איהר געדענקט דאך אודאי, ווי זוכענדיג איינהייט זיינען מיר פריהער צוגעקומען צו די היפוכים פון איינהייט. מיר האבען זיי דערקענט אונטער די נעמען: פארשיידענארטיגקייט, באזונדערקייט, צוטיילונג און פילהייט. דאס זיינען פארמען פון פארשיידענהייט. די דאזיגע פארמען האבען אויך אונטערפארמען: נייעס איז אן אונטער־פארמע פון פארשיידעארטיגקייט, שטאלץ און אייפערזוכט זיינען אונטערפארמען פון אפגעזונדערקייט. און די דאזיגע פארמען און אונטערפארמען איבען אויף אונז אויס א פאזיטיווען איינפלוס. אלץ געהט אלזא צו מיט פארשיידענהייט ממש ווי מיט איינהייט.

נעמט פארשיידענארטיגקייט. זאכען פון ריינעם קאליר און גלייכער פארמע זיינען אודאי שעהן; איהר קענט אבער די דאזיגע זאכען נאך מעהר פארשעהנערען ווען איהר גיט נאך צו עפעס א וואריאציע פון קאליר אדער פארמע: איהר שטרייפט, איהר קעס־טעלט, איהר מאכט פארשיידענע טאקערייען און שניצונגען. קליידער פון איין קאליר אדער מעבעל פון איין פארמע זעהען אייך אפט אויס צו באשיידען און איהר גיט צו באפוצונגען: א לענטע, א ראנד, א געזימס, עפעס וואס ברענגט אריין פארשיידענארטיגקייט אין קאליר אדער פארמע. אייער הויז פארבט איהר אויך ניט די טירען, די פענ־סטער און די ווענד מיט איין קאליר. ווען איהר ווילט צוציהען די אויגען פון פובליקום צו עלעקטרישע ליכט, מאכט איהר א רעגען־בויגען פון קאלירען, אדער אז די קאלירען זאלען זיך האלטען אין איין בייטען, פארלעשען און אנצינדען. איהר האט בעסער ליב צו קוקען אויפן ים ווי אויפן הימעל, מסתמא ווייל אויפן ים זעהט איהר א פארשיידענקייט פון כוואליעס. אייערע האר ווילט איהר אויך זאל זיין געלאקט ווי כוואליעס. איהר ווילט טאקע אז אייער אנצוג זאל זיין פון זעלבען שטאף, אבער פונדעסטוועגען זעהט איהר, אז פון אייער קעשענע זאל ארויסשטעקען א טיכעלע פון אן אנדער שטאף. א שנעע־ווייסע הון איז אייך געווים געפעלען — ווי קען זי זיך אבער פארגלייכען מיט דער קאלירפולער פאווע? דער נאמען קאלירפול רעדט שוין פאר זיך אליין, עס האט א באזונדער צויבער.

נאר וואס דארף איך מיט אייך א סאך רעדען? באטראכט דעם היינטיגען מענשען, וועט איהר זעהן אז ער קען גאר אהן פאר־שיידענארטיגקייט ניט לעבען. ווי ער שטעהט אוף מוז ער גלייך

דער איינפלוס פון פאַרשיידענהייט

האָבען די צייטונג אָדער דעם ראַדיאָ. און די נייעס, ווייל ער אַז איהר זאָלט איהם געבען רעזומירט, יעדער וואָרט זאָל זיין נייעס. אַ לענגערע קאָרעספּאָנדענץ וועט ער לייענען נאָר דאַן ווען דער סוביעקט איז איהם זעהר צום הארצען אָדער ווען ער דאַרף האָבען רוה. און רוה, ווען מען דאַרף, איז אויך ענדערונג; דער קערפּער טהוט דאַן כסדר פּראָגרעסירען, זיין צושטאַנד ווערט כסדר אויסגעבעסערט. זעהט איהר, ווען איהר דאַרפט עס ניט, איז רוה די גרעסטע אָפּקומעניש. דאַן הייסט עס לאַנגווייליגקייט, וועלכעס איז ביטערער ווי דער טויט. עס קוועלט אַלעמען, גרויס און קליין.

זעהט איהר טאַקע דערפאַר ווי קינדער האַלטען זיך אין איין שפּילען, אַ מינוט קענען זיי ניט איינזיצען רוהיג. ביי אַ קליין קינד איז יעדער זאַך אַ חידוש, קען ער זיך דעריבער שפּילען מיט אַלץ. ביי אַ גרעסערען איז שוין דער שפּילען זיך אַ שטיקעל פּראָבלעמע. דער קלאַנג פון אַ קלאַפּערעל, למשל, איז שוין פאַר איהם קיין חידוש ניט. דאַרפט איהר איהם דערפאַר ברענגען אַלץ נייע שפּילצייג. דער באַל מיט זיין לייכטע באַוועגונג (ענדערונג אין שטח) איז דערפאַר אַזוי גוט צוגעפּאַסט צום שפּיל.

ביי דערוואַקסענע מענשען קענען די פאַרשיידענע מחשבות און פאָרשטעלונגען פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון שפּיל. מיר הערען דערפאַר ניט אויף צו טראַכטען, אונזערע מחשבות האַלטען זיך אין איין ענדערען. אָבער ניט אַלע זיינען פּיהיג כסדר צו דענקען אַבסטראַקט, און ניט ביי אַלעמען זיינען די מחשבות אַזוי לעבעדיג אַז זיי זאָלען קענען אויספּילען דעם באַגער פאַר ענדערונג, און ניט אַלע באַנוגענען זיך מיט ענדערונג אין דער מחשבה אליין; מאַנכע מוזען האָבען אַ מעהר ממשות׳דיגע פאַרשיידענאַרטיגקייט, אַזאַ וואָס זאָל אויך באַרירען זייערע חושים. ווייסען טאַקע אַנדערע פּשוט ניט וואָס צו טאָהן מיט זיך; כסדר דאַרפען זיי עפּעס אַ פרישען ספּאָרט, אַ פרישע צערשטרייאונג. איז פאַר אַנדערע כאַפּען פיש אַ וויכטיגער ענין; דאָ זעהט מען אַלע מינוט אַ נייעם פישעל, אַ נייעם פּלוסק אין וואַסער. זוכען אַנדערע זיך פאַרשפּילען אין קאָרטען, כדי דורכצולעבען יעדע מינוט אַ נייע סיטואַציע. זיינען דאָ אַנדערע וועלכע קענען פּשוט נישט איינזיצען אויף איין פּלאַץ, נאָר זיי מוזען זיך כסדר באַוועגען, כסדר אַרומפאָהרען און מאַכען נייע קאָנטאַקטען, נייע באַקאַנטשאַפּטען. זעהט איהר דערפאַר אויך ווי מאַנכע יונגע מענשען האָבען ליב גלאַט אַזוי זיך צו לאָזען אויף אוואַנטורעס: שטעלען זיך ניט אָפּ פאַר קיין ריזיקעס, נעמען אויף זיך אומזיסטע ליידען, אַבי צו ערפאַרען עפּעס אַ נייעס, צו מאַכען אַ הפסקה אין דעם שטיקעדיגען מאָנאָטאָנעם לעבען. נישט איין אומגליק האָט שוין דער דאָזיגער

פרינציפען

באַגער געבראַכט דער וועלט, נישט איין מלחמה האָט ער געמאַכט מעגליך. ווען אַ יונגער מענש לייענט אַמאָל וועגען גרויסע מלחמות און וועגען גרויסע איבערקערענישען איז ער גאַנץ אָפט מקנא, אַ שאָד וואָס ער האָט דאַן ניט געלעבט אָדער וואָס היינט קומט אַזאַ זאַך ניט פאָר. אָבער דאָס מיינט נישט אַז דער דאָזיגער באַגער איז אַן און פאַר זיך שלעכט. אין געגענטייל, עס איז דער אינסטרומענט פון פראָגרעס, און אין סך־הכל האָט עס געוויס געבראַכט מעהר נוצען ווי שאָדען.

נאַטירליך רעדט זיך עס אַלץ וועגען אומפאַרהייראַטע. מענשען מיט אַ פאַמיליע געפינען גענוג פאַרשיידענאַרטיגקייט אין זייערע היימען. איינער וואָס האָט קינדער לעבט איבער דעם לעבען פון יעדען קינד באַזונדער: ער וואַקסט מיט דעם וואוקס פון יעדען קינד, ער פרעהט זיך מיט זיין פרייד, און ער וויינט מיט זיין געוויין. אַזאַ איינער לעבט דעריבער פיל לעבענס מיט אַמאָל און ער דאַרף צו קיין אַנדערע פאַרשיידענאַרטיגקייטען געוויינליך ניט אָנקומען.

עס איז אַן אַלטער כלל, אַז מען וויל ניט איבערלעבען נאָך אַמאָל אַ פעריאָד פון לעבען. איינער וואָס האָט ליב לעבען, אַ חיות, „כל אשר לו יתן בעד נפשו", און פון יוגענט האַלט ער אויך געוויס אַן עולם ומלאו — אַ קליינינגקייט: געזונט, כח און ערפאָלג איבעראַל — פרעגט איהם, אדרבה, אויב ער וואָלט וועלען צוריק ווערען יונג, נאַר בתנאי, אַז זיין צוקונפטיגער לעבען זאָל אָנגעהן פונקט אַזוי ווי עס איז אָנגעגאַנגען אין דער פאַרגאַנגענהייט, ער זאָל ניט קענען דערפון משנה זיין „כקוצי של יוד". ער וועט זיך דאַן אַביסעל פאַרטראַכטען, און נאָך אַ קורצען ישוב הדעת וועט ער אייך געבען אַ נעגאַטיווען ענטפער. איך אַליין האָב שוין געהאַט ניט איין ערפאַרונג אַזאַ.

איהר וועט איהם דאַן ווייטער פרעגען: איז וואָס זאָרגט ער זיך איצט אַזוי שטאַרק וועגען לעבען? דענקט ער דען, אַז זייענדיג שוין אַלט און שוואַך ערוואַרטעט איהם נאָך אין דער צוקונפט אַ בעסערער לעבען ווי ער האָט געהאַט אין בליהענדסטען פעריאָד פון זיין פאַרגאַנגענהייט? ניין, אודאי ערוואַרטעט ער עס ניט. נאַר וואָס דען? עפּעס איז דער צוקונפטיגער לעבען פאָרט מעהר בע'טעמ'ט, עפּעס איז נאָך ווייזט אוים דאָ אין דער צוקונפט, וואָס איבערלעבענדיג דער פאַרגאַנגענהייט קען ער עס שוין מעהר נישט האָבען. וואָס, ווייס ער אַליין נישט אויף קלאָר. ער וועט אייך מסתמא זאָגען, אַז עס ווילט זיך איהם וויסען וואָס וועט זיין מיט דעם און וואָס וועט זיין מיט יענעם. אויב איהר ווילט וועל איך אייך עס מאַכען בקיצור: דאָס וואָס לאַקט איהם אַזוי אין דער צוקונפט איז נייקייט. אין דער

דער איינפלוס פון פארשיידענהייט

צוקונפט איז יעדער מאָמענט אַ חידוש, איהר ווייסט קיינמאָל ניט אויף זיכער וואָס וועט זיין אַ מינוט שפּעטער — בעת אין דער איבער־געלעבטער פאַרגאַנגענהייט קענען קיין חידושים מעהר ניט זיין. ווייזט אוים אַז די דאָזיגע נייקייט איז די ראָזינקע פון לעבען, עם פאַרזיסט דעם ביטערסטען לעבענס־בעכער, און אָהן דעם איז אפילו דער בעס־טער לעבען אָהן טעם.

איך בין ניט זיכער אַז דער דאָזיגער ענטפער וועט אייך צו־פרידענשטעלען. קען זיין אַז לויט אייער חשבון וועט אויסקומען, אַז צוליב נייקייט אַליין לוינט זיך ניט אָפּפאַקוטעווען אַן עלטער. איז אָבער דאָס זעלבע מיט יעדען געפיהל. קיין געפיהל שטימט ניט מיט חשבון, ווייל עס לאָזט זיך דורכן בעל חשבון, דורכן שכל, ניט תופס זיין. דורך חשבון קענט איהר נאָר אויסרעכענען די מיטלען וועלכע פירען צו דער באַפרידיגונג פון אַ געפיהל, דער געפיהל אַליין אָבער גע־פינט זיך אין שורש פון לעבען, דאָרט וואו דער מענש אין אונז קען מיט זיינע ספּעציפיש מענשליכע כלים ניט דערלאַנגען. נאָר צו וואָס זאָלען מיר דאָ נאָך אַמאָל איבעררעדען דאָס וואָס מיר האָבען שוין גערעדט אין אָנפאַנג פון אונזער שמועס.

אָפּשאַצענדיג לעבען אין דער דאָזיגער ליכט, זעהט איהר, אַז דער אַלטער אידישער „עולם הזה" אין גאָר ניט געווען אַזוי קלעגליך ווי די אַלטע משכילישע ליטעראַטור האָט איהם געמאָלען. די דאָזיגע ליטעראַטור האָט קיין מאָל ניט אָפּגעשאַצט די פאַרשיידענאַרטיגקייט אין דעם אַלטען אידישען לעבען. יעדער איד האָט געהאַט זיינע שבתים און ערב שבתים, זיינע יום טובים און ערב יום טובים, וועלכע זיינען געווען איינגאַנצען אַנדערש פון די געוויינליכע וואָכעדיגע טעג. און יעדער איד האָט זיך געהאַט זיין געביט — חומש מיט רש"י, עין יעקב, משניות אָדער גמרא — וואו ער האָט כסדר באַגעגענט חדושים און וואו ער פלעגט אפילו אַליין שאַפען, אָדער ווייניגסטענס הערען, אַלץ פרישע חדושים. און אין דער היים, צווישען די קינדער, האָט ער ווידער געזעהן חדושים און פראָגרעס; ער האָט אָפּט פאַרהערט די קינדער און ער האָט געזעהן ווי זיי האַלטען אין איין וואַקסען, פון אלף בית ביז גמרא מיט תוספות. ניט־שוין־זשע האָט אַזאַ לעבען ניט געהאַט מעהר אינהאַלט ווי דער מאַנאָטאָנער לעבען פון פויער, וועל־כער פלעגט, צוזאַמען מיט די קינדער און דער קאַץ, אָפּשלאָפען אַ גאַנץ ווינטער אויפן אויוון? נישט אומזיסט האָט דער פויער געהאַל־טען אין איין שיכור'ען און אין איין רויכערען שטאַרקע מאַכאַרקע. דער הונט, די טעליצע און אפילו דער פערד האָבען די ליידיגקייט אין זיין לעבען ניט געקענט אויספילען, ער האָט דערפאַר געמוזט אָנקומען צו אַ כסדר'דיגען רייץ און צו אַ געקינסטעלטער ענדערונג. און נאָך

אלעמען, ווייסט איהר גאַנץ גוט, אַז ביי אידען איז שטענדיג דער לעבען געווען פיל טייערער ווי ביים פויער. אַ פויער פלעגט ניט רעדען מיט אַזאַ אימה וועגען טויט. און אַז ער איז געווען קראַנק פלעגען זיינע קרובים ניט מורא האָבען איהם צו זאָגען דעם אמת, וואו ער האַלט אין דער וועלט. ביי אידען, דאַגעגען, אַז מען האָט גערעדט וועגען טויט פלעגט באַפאַלען אַ פחד — „זאָל ניט אויסגערעדט זיין, זאָל די שעה קיין שעה ניט זיין, אַל תפתח פה לשטן", און אַ קראַנקער האָט חלילה קיין מאָל ניט געטאָרט וויסען ווי עס האַלט מיט איהם.

איהר געדענקט דאָך אודאי ווי רעדענדיג וועגען דעם שייכות צווישען קונסט און גלייכהייט האָבען מיר אָנגעוויזען, אַז וואָס מעהר שטריכען איינער קען אויפכאַפּען אַלץ מעהר קינסטלער איז ער. אָבער מעהר שטריכען הייסט מעהר פאַרשיידענהייטען. אויפכאַפּען פאַר־שיידענהייטען איז דערפאַר אַן עיקר גדול אין וועזען פון קונסט. אַ צווייטער עיקר אין קונסט איז אָריגינאַליטעט, אריינברענגען נייעם אויסדרוק, עפּעס וואָס איז נאָך ניט געווען. אָהן די דאָזיגע צוויי פעהיגקייטען קען זיך קיין קינסטלער ניט באַגעהן — אַ מאַלער, אַ סקולפּטאָר, אַ שוישפּילער, מעגען זיי קענען ווי גוט נאָכמאַכען, דאַר־פען זיי אָבער פריהער האָבען וואָס נאָכצומאַכען. אין מוזיק, ווידער, ווייסט איהר גאַנץ גוט אַז מאָנאָטאָנקייט איז אַ גרויסע פגימה, און אודאי קען אַ מוזיקער אָהן אָריגינאַליטעט ניט מאַכען קיין פאָרשריט. אין ליטעראַטור פאַרנעמט אויך פאַרשיידענאַרטיגקייט דעם אויבען אָן. צו שרייבען פּאָעזיע אָדער פּראָזע מוזט איר באַזיצן אַ באַזונדער פעהיג־קייט אויפצוכאַפּען פאַרשיידענע שטריכען און אָנצוקליידען די דאָזיגע שטריכען מיט פאַרשיידענעם אויסדרוק. ביי אַ פשוט'ען מענשען האָבען אַלע יוואַנים איין פּנים. אַ פּראָזייאיקער וועט אייך שוין באַ־שרייבען יעדען יאָוואַן באַזונדער: זיין אויסזעהן, זיין האַלטונג, זיינע געזיכטס' צוגען אד"ג. אַ פּאָעט וועט זיך נאָך אויסער דעם אריינברע־כען אין יאָוואַנ'ס געפיהלען און פּראָוווען זיי ברענגען צום אויסדרוק. דעם פּאָעט'ס חוש פאַר פאַרשיידענאַרטיגקייט געהט אַלזאָ אַביסעל טיפער ווי דעם פּראָזייאיקער'ס, דערפאַר זעהט איהר ווי זיין התפעלות פון יעדער זאַך איז אויך גרעסער, „כל הגדול מחבירו יצרו גדול ממנו" (סוכה נ"ב). מעהר פאַרשיידענאַרטיגקייט מאַכט אַ גרע־סערען איינפלוס.

נאָר וואָס באַדאַרפט איהר עס געהן זוכען ביי פּאָעטען, איהר קענט דאָס זעלבע זעהן ביי אונז פשוט'ע מענשן. טעאַטער מאַכט אויף אונז אַזאַ גרויסען איינדרוק, ווייל די סצענעס לויפען דאָרט ראַפּטום, פאַרשיידענאַרטיגקייט האַלט זיך אין איין יאָגען נאָך פאַרשיידענאַר־טיגקייט. אַ שעהנע מעשה הייסט, ווען מען דערצעהלט אונז עפּעס

דער איינפלוס פון פארשיידענהייט

אויסערגעוויינליכעס; דאָס וואָס פלוני בן פלוני געהט אַדורך אין אַ געוויינליכען טאָג פון זיין לעבען וועט אונז ניט אינטערעסירען. זעהט איהר, אַ מיסטעריעזע געשיכטע האַלט אונז אַמאָל צוגעשמידט ביים ראַדיאָ, כאָטש מיר ווייסען אַז עס איז אַ ליגען. קאָרטען שפּיל איז זעהר רייך אין פאַרשיידענאַרטיגקייט: פאַרשיידענע קאָלירען, פאַרשיידענע פיגורען, פאַרשיידענע קאָמבינאַציעס וואָס איהר קענט פון דעם אויסמאַכען, די מעגליכקייט פון ענדערונג מיט יעדער מאָל אויסטאַשען די קאָרטען. דערפאַר האָט קאָרטען אויף אונז אַזאַ שטאַרקען איינפלוס, אפילו אַ קיבעצער קען אַמאָל ביי דעם אָפּזיצען גאַנצענע נעכט. אין דער יוגענט, ווען יעדער זאַך איז ביי אונז אַ נייעס, דאַן מאַכט יעדער מאָמענט אויף אונז אַן איינדרוק; יעדער מאָמענט איז אויסגעפילט מיט לעבען, און מיר לעבען דאַן לאַנג. אויף דער עלטער אָבער, ווען זאַכען ווערען מערסטענס בלויז איבערגע׳חזר׳ט, דאַן לויפט די צייט באַרג אַרונטער. עראינערונגען פון די שפּעטערע יאָהרען זעהען אונז געוויינליך אויס ווי ערשט נעכטען וואָלטען זיי געשעהן.

איהר זאָגט מאָדע, איהר זאָגט געוויינהייט, איהר זאָגט רעגעלמעסיגקייט. אמת, דאָ זעהט איהר טאַקע בלויז אַ פינגער פון גלייכאַרטיגקייט. פאַרגעסט אָבער ניט, אַז די דאָזיגע גלייכאַרטיגקייטען ווערען שטענדיג באַאומרוהיגט דורך פאַרשיידענאַרטיגקייטען. מאָדעס האַלטען זיך אין איין ענדערען. געוויינהייט פאָדערט אַמאָל אַן איבערבייט — אַ דאָרפסמאַן ווילט זיך פון צייט צו צייט באַזוכען די שטאָדט און אַ שטאָדטמאַן ווילט זיך אַמאָל אַרויספאָרען אין דאָרף. די קייטען פון רעגעלמעסיגקייט זוכט מען אויך אַמאָל פון זיך אַראָפּוואַרפען. קען מען עס ניט טאָן אויף אַ געוויינליכען וועג טהוט מען עס אויף אַן אומגעוויינליכען וועג: מען שכור׳ט זיך אָן, אָדער מען מאַכט זיך שיכור, אַבי אַרויסצוגעהן אויף אַ מאָמענט פון שפּאַן. שבתים און יום טובים דאַרפען אייגענטליך דינען דעם דאָזיגען צוועק. אומגליקליך איז דער וואָס האָט קיינמאָל ניט קיין שבת, אָדער וואָס איז אין זיין שבת פונקט אַזוי נאָרמאַל ווי אין דער וואָכען. איהר זאָגט, אַז דער איבערבייט און די אומרעגעלמעסיגקייט דויערען נאָר אַ קליינע צייט, באַלד קערט מען זיך אום צוריק צו דער געוויינהייט און צום נאָרמאַלען לעבען. אָבער דאָס שטימט מיט דער נאַטור פון פאַרשיידענאַרטיגקייט, כסדר פאָדערט עס נייעס און נאָך דעם איבערבייט און דער אומרעגעלמעסיגקייט איז שוין די געוואוינהייט און די רעגעלמעסיגקייט אויך אַ נייעס. נאָך מעהר, עס איז אַ נייעס פלוס געוואוינהייט און רעגעלמעסיגקייט, און עס האָט דעריבער אַ דאָפּעלטען איינפלוס. אין מאָדע דאַגעגען, ווערט יעדע ענדערונג גלייך פאַרשפּרייט; זי געווינט אין גלייכהייט און ווערט אַזוי אַרום באַפעסטיגט.

פרינציפען

ב.

די צווייטע פאַרשיידענהייט׳ס פאָרמע, באַזונדערקייט, קען פונקט ווי איהר היפוך, קאָמבינאַציע, איינגעטיילט ווערען אין דריי קלאַסען: 1) אויסצייכענונג. 2) ספּעציאַליטעט. 3) און רעפאָרם. 1) אויסצייכענונג דריקט אויס די באַזונדערקייט פון אינטערעסען צווישען אינדיווידומס וועלכע זיינען מעהר אָדער ווייניגער גלייך, אָדער טוען די זעלבע זאַך. דורך אויסצייכענונג זוכט יעדער אינדיווידום אריבער־צו־יאָגען זיין גלייכען, געוויינליך דורך פאַרשנעלערען זיין אייגענעם גאַנג, און אַמאָל אויך דורך פאַרלאַנגזאַמערען יענעם׳ס גאַנג. ספּעציאַליטעט דריקט אויס די באַזונדערקייט פון אינטערעסען צווישען מיט־גלידער אין אַן אָרגאַניזאַציע. דורך ספּעציאַליטעט זוכט אַ מיטגליד צו פאַרגרעסערען זיין כח, אָדער ווייניגסטענס אָנצוהאַלטען זיין פּאָזיציע, אין דער אָרגאַניזאַציע. רעפאָרם דריקט אויס די באַזונדערע פאַזען פון אָרדנונג: אַן אָרדנונג וועלכע פּאַסט זיך פאַר איין צייט און אַן אָרדנונג וועלכע פּאַסט זיך פאַר אַן אַנדער צייט; אַן אָרדנונג וואָס שטימט מיט דין און אַן אָרדנונג וואָס שטימט מיט רחמים.

וועגען דעם כח פון אויסצייכענונג פרעגט אַ לעהרער. אין די לענדער וואו מען טאָר אַ תלמיד ניט שלאָגען איז אַן אויסצייכענונגס סימן דער איינציגער בייטש וואָס אַ לעהרער האָט איבער זיינע תלמידים. און זייט זיכער, אין די הענד פון אַ לערער וואָס ווייס ווי זיך מיט איהר צו באַנוצען איז די דאָזיגע בייטש זעהרווירקזאַם — אי זי שאַפט אַ גוטע דיסציפּלין און אי זי טרייבט אַן די תלמידים אויפן וועג פון פאָרשריט.

דעם איינפלוס פון אויסצייכענונג זעהט מען אויך אין דעם וואונש פון שפּילען. איהר רייסט זיך צום שפּילען מיט דעם וואונש צו געווינען. 2) זעהט איהר אַז דער קאַן איז פאַר אייך אַ פאַרשפּילטער ווילט זיך אייך איהם אויפגעבען אין מיטען. מעג ער זיין ווי אינ־טערעסאַנט איז ער דאַן פאַר אייך אַן אָפּקומעניש.

און קיין ספק ניט אַז אין די דאָזיגע ביישפּילען געהט אַן דער קאַמף פאַר אויסצייכענונג נאָר צווישען גלייכע. אַ תלמיד זוכט זיך אויסצוצייכענען צווישען זיינע חברים אין זעלבען קלאַס. אַ שותף אין שפּיל זוכט איהר אויך איינעם וואָס איז מעהר אָדער ווייניגער

---

1) עס קען זיין אַז די דאָזיגע ווערטער זיינען נישטאָזוי פונקט אָנגעמאָסטען אַלס טיטלען פאַר די דאָזיגע קלאַסען. רעפאָרם, למשל, ווערט דאָ גענומען אין אַ פיל ברייטערען זין ווי דער זעלבער וואָרט ווערט גענוצט אין געוויינליכען ריידען. אויב אימי־צער האָט פאַר דעם פאָרצושלאָגען אַנדערע ווערטער איז „תבוא עליו ברכה״.

2) עס זיינען דאָ צוויי סאָרטען שפּילען: דער רעגולירטער און דער אומרעגו־לירטער. דער ערשטער הייסט אין ענגליש „גיים״, דער צווייטער „פּליי״. דאָ רעדט זיך וועגען ערשטען. וועגען צווייטען וועלען מיר רעדען שפּעטער.

אין אייער גראד. שפילט מען מיט א שוואכערען, גיט מען איהם א פארצוג כדי ער זאל זיך אויסגלייכען.

אויסצייכענונג אויפן עקאנאמישען געביט דריקט זיך אוים דורך קאנקורענץ און קנאה. איהר זעהט עס אויף שריט און טריט, ווי סוחרים פון איין ליניע שניידען זיך די גארגלען, און ארבעטער פון איין פאך טוהען זיך איינע די אנדערע ארונטעררייסען, איינעם פאר־דריסט ווען דער אנדערער האט ערפאלג, „כל אומנא סני בר אומנותיה" (תרגום יונתן, בראשית ג׳ ד׳). און די דאזיגע קנאה האט איהר נאר צווישען גלייכע, צווישען קאלעגען. אן ארבעטער וועט קיינמאל ניט באנק טאהן דער ערפאלג פון א וויסענשאפטסמאן אדער א שרייבער (סיידען ער האט זיך אמאל מיט איהם געפיהלט גלייך, צ"ב א שול חבר). אין געגענטייל, ער וועט נאך שטאלצירען וואס אין זיין שטאדט, זיין לאנד, זיין דור געפינען זיך אזוינע גרויסע וויסענשאפטסלייט אדער אזוינע גרויסע שרייבער. ארעמעלייט האבען טאקע אויך אמאל פיינט אן אופגעקומענעם גביר, אבער דאס איז ווייל מען האלט זיך ניט אנדערש פון איהם, מען גלויבט אז עס איז נאר די ביסעלע הצלחה וואס האט איהם צוגעשפילט. אין דער היימישער שטעדטעל, וואו צווישען גביר און קבצן איז געווען א גרעסערע מחיצה — צו זיין א גביר האט מען געוויינליך געמוזט געבארען ווערען אין א גבירישער פאמיליע אדער דורך יחוס עצמו ארייננהייראטען אין אזא פאמיליע — האבען טאקע די קבצנים דארט אויך געשטאלצירט מיט דער גביריש־קייט פון זייערע גבירים, און מסתמא האבען זיי בשעת מעשה גע־וואונשען זייערע גבירים נאך גרעסערע עשירות, כדי זייערע גוזמאות זאלען זיין נעהנטער צום אמת.

אבער מיינט איהר אז די דאזיגע קנאה דארף האבען עפעס אן אנהאלט אין עקאנאמישע אינטערעסען? „לאו דוקא". איהר זעהט ווי א גביר א למדן רייסט ארונטער א רב, כאטש אליין וויל ער קיין רב ניט זיין. אויך זעהט איהר ווי אהן־א־פאר־וואס האבען זיך מענשען ליב צו בארעדען, טרייבען רכילות און מאכען חוזק איינער פון צוויי־טען. טאמער געפינט מען אוים אימיצענס א שוואכקייט וועט מען איהם אנציהען אזוי, אז די דאזיגע שוואכקייט זאל זיך ווייזען וואס בולטער. און באמערקען וועט איהר אויך, אז די קיבעצער זיינען גע־וויינליך ניט ווייט פון די געקיבעצטע, „כל הפוסל במומו פוסל" (קדושין ע׳). חשוב׳ע מענשען וועט ניט אנשטעהן צו בארעדען אדער מאכען לצנות פון א פשוט׳ען נאר, זיי וועלען אויסזוכען א קרבן פון זייערע אייגענע רייהען. אויך וועט איהר באמערקען, אז געוויינליך בארעדט מען און מען מאכט חוזק פון מיטגלידער פון אייגענעם געשלעכט, מענער פון מענער און פרויען פון פרויען (און אזוי ווי

פרינציפּען

פרויען באַרעדען מעהר ווערען טאַקע פרויען אויך מעהר באַרעדט). דאָס שטימט מיטן כלל, אַז קאָנקורענץ געהט אָן נאָר צווישען גלייכע. אפשר אויך דערפאַר נעמען זיך לאַנדסלייט מערסטענס צו דער זעלבער באַשעפטיגונג, און אין אַזאַ שטאָדט ווי ניו יאָרק האָט איהר טאַקע ספּעציפיש-אידישע באַשעפטיגונגען און ספּעציפיש-איטאַליענישע באַשעפטיגונגען אא"וו.

מלחמות קומען אויך פאָר צוליב קאָנקורענץ. אָבער ניט אַלע מלחמות זיינען פונדעסטוועגען דאָס זעלבע. פאַראַן מלחמות וועלכע זיינען אָן איבערבלייבעכץ פון קאַניבאַלסטווא. איהר דערקענט זיי מיט דעם וואָס זיי וואַרפען זיך ניט אונטער קיינע כללים פון גלייכהייט, וועלכע זיינען די באַדינגונגען פון עהרליכער קאָנקורענץ. ווי ווילדע חיות באַפאַלט מען די שוואַכע און אומבאַוואָפענטע קרבנות און מען פאַרצוקט זיי, מיט אַמאָל אָדער ביסלאַכווייז, ווי עס לאָזט זיך בעסער פאַרדייען. אין די מלחמות וואָס קומען פאָר צוליב קאָנקורענץ, וואו איינער וויל איבעריאָגען דעם אַנדערען, זעהט איהר אַ טענדענץ פון קאַמפף צווישען גלייכע; אַלעקסאַנדער מוקדון וועט ניט געהן קעמפען מיט ווייבער. אין געפעכטען צווישען יחידים, זעהט איהר ווי אין אַלע ציוויליזירטע לענדער האָבען זיך איינגעפעסטיגט אַזוינע כללים וועלכע גיבען ביידע געגנער גלייכע געלעגענהייטען. אפילו אויסער דער ביהנע וועט אין אַמעריקאַ אַ גרויסער ניט געהן שלאָגען אַ קליינעם. אין די נאַציאָנאַלע מלחמות איז אויך ניט פרעמד די דאָזיגע טענדענץ. ווען אַמעריקאַ זאָל באַפאַלען איהרע קליינע שכנים פון דרום, וואָלט זיך אין לאַנד אופגעהויבען אַ גרויסער שטורם; יעדער אַמעריקאַנער וואָלט זיך געשעמט, עס איז נישט „פער", עס איז נישט ספּאָרטסמעניש.

ווי איהר זעהט איז קאָנקורענץ שולדיג אין אַ היבשע ביסעל פאַרברעכענס: קנאה, ליצנות, רכילות, לשון הרע און אָהן-אַ-שיעור קליינע און גרויסע מלחמות האָט זי אויף איהר רעכענונג. נאָר מיינט ניט פונדעסטוועגען אַז דער געפיהל צו קאָנקורירען איז אויף אונז אָן אָנשיקעניש ר"ל. אין סך-הכל האָבען מיר פון איהם אַסאַך מעהר נוצען ווי שאָדען. פאַרגעסט ניט אַז דער דאָזיגער געפיהל איז דער הויפּט אָנטרייבער צו פּראָגרעס; זוכענדיג אַריבערצושטייגען דעם גלייכען שטייגט מען וואָס ווייטער אַלץ העכער אויפן לייטער פון פּראָגרעס, „קנאת סופרים תרבה חכמה" (בבא בתרא כ"א). ווען עס זאָל זיך אונז דעריבער איינגעבען צו פאַנגען דעם יצר הרע פון קאָנקורענץ, וואָלטען מיר איהם חלילה ניט אַריינגעוואָרפען אין אַ בלייענעם טאָפּ און אויך ניט אויסגעשטאָכען די אויגען. עס איז אין גענענטייל גלייכער אַז זיין שטים זאָל זיך לאָזען הערען וואָס העכער און זיינע אויגען

זאָלען איהם דינען וואָס בעסער. וואָס מיר וואָלטען מיט איהם באַדאַרפט טאָהן, איז בלויז אָפּצושניידען זיינע שאַרפע נעגעל און אָנטאָן איהם אַ פּאָר ווייט-זיכטיגע ברילען, ער זאָל האָבען וויטערע און העכערע השקפות — נישט זיך זוכען אויסצולעבען כסדר אין מאָמענטאַנע גראַשענע ערפאָלגען.

ג.

די טענדענץ פאַר ספּעציאַליטעט דערקענען מיר אַם לייכטסטען אין עקאָנאָמיע. אויף דעם דאָזיגען געביט געהט אַן ממש פאַר אונזערע אויגען אַ געוואַלדיגער פּראָצעס פון ספּעציאַליזירען-זיך. פאַר אונזערע אויגען האָבען מיר נאָך דאָ פון איין זייט דעם צוריקגעשטאַנענען טייל פון דער וועלט, וואו אַלץ האָט נאָך כמעט דעם זעלבען פּנים — מערסטע מענשען פאַרנעמען זיך דאָ מיט דער זעלבער באַשעפטיגונג. און אַ באַשעפטיגונג נעמט דאָ אַרום אַ שלל פון פאַכען וואָס האָבען צווישען זיך עפּעס אַ שייכות: פויערים פאַרנעמען זיך מיט אַלץ וואָס האָט נאָר עפּעס אַ שייכות מיט דער ערד; בעלי מלאכות טוהען פיל אַרבעטען וואָס זיינען אויף עפּעס אַן אופן פאַרבונדען מיט זייער פאַך; קרעמער האָבען צו פאַרקויפען אַלץ וואָס דער קליינשטעטעלדיגער קונד האָט נויטיג; דאָקטוירים היילען אַלע מיני קראַנקהייטען אא"ז. און פון דער צווייטער זייט האָבען מיר שוין דאָ פאַר זיך דעם פּראָגרעסיווערען טייל פון דער וועלט, וואו דאָס פויערטום האָט זיך אויסגעצווייגט אין אַ גרויסער צאָהל פאַרשיידענע מינים פאַרמערייען, און די מלאכות האַלטען זיך אין איין פונאַנדערטיילען אין פאַרשיידענע אינדוסטריעס און פאַרשיידענע פאַכען, און פאַר די באַזונדערע מינים סחורות האָט איהר דאָ באַזונדערע קראָמען אָדער באַזונדערע דעפּאַרטמענטס, און פאַר יעדער מין קראַנקהייט האָט איהר דאָ אַ באַזונדער ספּעציאַליסט און אַזוי כסדר. אויף דעם דאָזיגען געביט זעהען מיר אַלזאָ בעשיינפערליך אַ כסדר'דיגע טענדענץ פאַר ספּעציאַליטעט. און אויך אויף אַנדערע געביטען לאָזט זיך אַזאַ טענדענץ גוט מערקען, כאָטש ניט אויף אַזאַ בולטען אופן ווי אויף דעם עקאָנאָמישען געביט.

אַזוי טרעפען מיר זיך מיט דער דאָזיגער טענדענץ אויפן סאָציאַלען געביט, וואו מיר זעהען ווי די מענשהייט האַלט זיך אין איין פונאַנדערטיילען אין באַזונדערע געזעלשאַפטליכע גרופּען: אין באַזונדערע נאַציאָנען, באַזונדערע שטאַנדען, באַזונדערע קלאַסען אד"ג. און די דאָזיגע אַלע באַזונדערע געזעלשאַפטליכע גרופען האָבען זיך דאָך בילאכווייז געהאַט אויסגעטיילט פון איין געזעלשאַפטליכער גרופּע וואָס האָט געהאַט עקזיסטירט אַמאָל, „ויהי כל הארץ שפה אחת ודברים אחדים" (בראשית י"א).

פרינציפען

און אַזוי טרעפען מיר זיך מיט דער דאָזיגער טענדענץ אויפן קולטורעלען געביט, וואו מיר זעהען ווי די אַמאָליגע אַלץ אומפאַסענדע פילאָזאָפיע אָדער פאָעזיע האָט זיך ביסלאכווייז פונאַנדערגעצווייגט אין אַ שלל פון ספעציעלע וויסענשאַפטען און קולטורעלע צווייגען.

און אַזוי טרעפען מיר זיך מיט דער דאָזיגער טענדענץ אויפן פיזיאָלאָגישען געביט, וואו מיר זעהען ווי די בעלי חיים זונדערען זיך כסדר אָפּ איינער פון די אַנדערע דורך ספעציעלע אָרגאַנען, ספעציעלע שטריכען און ספעציעלע טאַלאַנטען, פונקט ווי די געשלעכטער זונדערען זיך אָפּ דורך ספעציעלע געשלעכטליכע כאַראַקטעריסטיקס. און אַז דאָס איז אַ באַשטימטע טענדענץ קענט איהר זעהן פון דעם אַליין וואָס עס געהט אָן כסדר אויף דעם זעלבען אָרט. יעדער ביאָלאָגיקער וועט אייך זאָגען און די ענטוויקלונג פון עמבריאָן וועט עס אייך באַשטעטיגען, אַז די אָרגאַנישע עוואָלוציע געהט אָן דוקא פון אַלגעמיינע שטריכען צו ספעציעלע שטריכען און קיין מאָל ניט פאַרקערט.

און אַזוי טרעפען מיר זיך מיט דער דאָזיגער טענדענץ אויפן פסיכישען געביט, וואו זי האָט אונז דערפירט אַזוי ווייט אַז צווישען אינטעליגענטען וועט איהר שוין כמעט ניט אָנטרעפען קיין צוויי מענשען וואָס זאָלען זיך פונקט אויסגלייכען אין זייערע מיינונגען, „כשם שאין פרצופותיהם שוין זה לזה כך אין דעתם שוין זה לזה" (תנחומא, פנחס י'). 1)

און מיט דער דאָזיגער טענדענץ טרעפען מיר זיך ענדליך אויך אין אונזער ווילען. זעהען מיר דאָך ווי יעדער איינער שטרעבט צו זיין עפּעס ספעציעל, צו זיין ביי אימיצען אַן אויסנאַם, און ווער עס האָט נאָר די מעגליכקייט וואָלט אויך וועלען האָבען עפּעס ספעציעל אָדער טאָהן עפּעס ספעציעל: פאָהרען אין אַ ספעציעלען צוג אָדער אין אַ באַזונדער יאַכטע אָדער כאַטש אין אַ באַזונדער קאַר; האָבען מעבעל, כלים, אָדער קליידער וואָס זאָלען זיין איינציג אין זייער אַרט און ספעציעל אין זייער נוצען. אפילו אין דער שפּראַך זוכען מאַנכע (טאַקע הויפּטזעכליך צווישען דער אינטעליגענץ) צו זיין אַן אויסנאַם — ריידען זיי אוים אַביסעל אַנדערש דעם לאַמעד, דעם ריש, אָדער די נקודות.

אָבער מעהר פון אַלץ זעהט איהר דער דאָזיגער ווילענס טענ־

---

1) אין תלמוד ווערט דער דאָזיגער מאמר געבראַכט בנוגע אידען, ד"ה בנוגע דער אינטעליגענץ פון יענער צייט, „הרואה אוכלוסי ישראל אומר ברוך חכם הרזים, שאין דעתם דומה זה לזה ואין פרצופיהן דומים זה לזה" (ברכות כ"ה). איך האָב אָבער ציטירט דעם תנחומא ווייל דאָרט זעהט מען קלערער אַז מיט דעם ווערט געמיינט פאַר־שיידענהייט פון געשמאַק און מיינונג.

דער איינפלוס פון פאַרשיידענהייט

דענץ צווישען די וואָס זיינען שוין אויף וועלכען עס איז אופן ספּעציאַליזירט. ווייסט איהר דאָך גאַנץ גוט די געפיהלען פון אַ פאָלק צו איהרע ספּעציפישקייטען: צו איהר שפּראַך, צו איהר קולטור, צו איהר אַרט קליידען־זיך, צו איהרע ספּעציעלע זיטען אד"ג. זיינען דאָך די דאָזיגע געפיהלען די הויפּט מחיצות וועלכע טיילען פונאַנדער פאָלק פון פאָלק און לאָזען זיי ניט זיך אַסימילירען. 1) און פונקט אַזוי ווייסט איהר אַז געוויינליך וועלען זיך מענער מיאוס'ען צו טראָגען פרויען קליידער אפילו ביי זיך אין שטוב, וואו קיינער וועט זיי ניט זעהן, פונקט ווי פרויען וועלען זיך מיאוס'ען צו טראָגען מענער קליידער; און מענער וועלען זיך באַליידיגען ווען איהר וועט זיי זאָגען אַז זיי באַזיצען תנועות פון אַ פרוי, פונקט ווי פרויען וועלען זיך באַליידיגען ווען איהר וועט זיי זאָגען אַז זיי באַזיצען תנועות פון אַ מאַן. איהר וועט אפילו באַמערקען, אַז ווי נאָר איינער ווערט אַ פאָטער ווערט ער גלייך אַן אַנדער מענש, ער וואַרפט געוויינליך אַוועק זיינע פריהערדיגע קינדערשע שטיק און ער פאַנגט אָן צו פירען אַ סטאַט ווי עס פּאַסט פאַר אַ טאַטען.

דער וואונש פאַר ספּעציאַליטעט דאַרף מן הסתם זיין עהנליך צו דעם וואונש פאַר אויסצייכענען־זיך, פונקט ווי זייערע קאָרעספאָנדענטען אין איינהייט, דער וואונש פאַר אָרגאַניזאַציע און דער וואונש פאַר קאָמפּאַניע, זיינען עהנליך. דערקענען מיר טאַקע אין די דאָזיגע ביידע וואונ'שען דעם זעלבען עלעמענט פון זוכען אַ יתרון — ווארעם ווען מיר זוכען זיך צו ספּעציאַליזירען אָדער צו האָבען עפּעס ספּעציעלעס, זוכען מיר דאָך אייגענטליך צו קענען עפּעס מעהר אָדער צו האָבען עפּעס מעהר פון אַן אַנדערען.

פון דער צווייטער זייט, קענען די דאָזיגע צוויי וואונשען אויך ניט זיין אין גאַנצען גלייך, ווייל אין דעם פאַל וואָלטען זיי דאָך געווען ממש דער זעלבער וואונש און זיי וואָלטען ניט געטאָרט באַצייכענט ווערען מיט צוויי באַזונדערע נעמען. זיינען טאַקע דאָ חילוקים צווישען דעם יתרון וואָס מיר זוכען אין אויסצייכענונג און

---

1) אמת, מיר באַמערקען ביי אַ פאָלק אַמאָל אויך אַ פאַרקערטע טענדענץ — אַ טענדענץ פון אַסימילאַציע — פונקט ווי ביי פרויען און קינדער באַמערקען מיר אויך אָפט אַ צוויי־פּנים'דיגע טענדענץ: פון איין זייט זוכט אַ פרוי צו קאָקעטירען מיט איהר פרויאישקייט — און פון דער אַנדער זייט זוכט זי זיך אויסצוגלייכען אין מאָדע און מאַנירען מיט מענער; פון איין זייט זוכט אַ קינד זיך צו פּיעטשען און אַרויסרופען אַ נעבאַך, און פון דער אַנדער זייט האָט ער ליב זיך צו בריה'ווען. דאָס נעמט זיך דערפון וואָס אין די דאָזיגע פאַלען טהוט זידךי טענדענץ פון ספּעציפישקייט אַנשטויסען מיט דעם פּרינציפּ פון פּראָגרעס, וועלכער פאָדערט אַז דער וואָס פיהלט זיך אויף אַ נידעריגערער מדריגה זאָל זיך זוכען אויסצוגלייכען מיט דעם וואָס שטעהט, לויט זיין געפיהל, אויף אַ העכערער מדריגה.

פרינציפען

דעם יתרון וואָס מיר זוכען אין ספּעציאַליטעט: אין אויסצייכענונג זוכען מיר אַן אַלגעמיינעם יתרון אָדער, ריכטיגער געזאָגט, אַ קוואַנטיטיווען יתרון — צו זיין אָדער צו האָבען עפּעס מעהר פון יענעם; אין ספּעציאַליטעט זוכען מיר אָבער אַ ספּעציעלען אָדער אַ קוואַליטיווען יתרון — צו זיין עפּעס וואָס יענער איז ניט, צו האָבען עפּעס וואָס יענער האָט ניט. אגב אורחא איז ווערט צו דערמאָנען, אַז מערסטענס זוכען מיר טאַקע אין ספּעציאַליטעט אַזאַ יתרון מיט וועלכען מיר זאָלען קענען ממלא זיין אַ חסרון פון אימיצען אַנדערש, ד"ה אַ יתרון דורך וועלכען מיר זאָלען קענען זיין משפּיעים.

דאָס איז איין חילוק. אַ צווייטער חילוק צווישען דעם יתרון אין אויסצייכענונג און דעם יתרון אין ספּעציאַליטעט איז דאָס, וואָס דער ערשטער נעמט אויף בלויז יתרון, בעת דער צווייטער נעמט מערסטענס אויף אויך חסרון — ספּעציאַליזירען זיך מיינט געוויינליך, באַקומען מעהר קענטעניש אין איין צווייג אויפ'ן חשבון פון וויניגער קענטעניש אין אַן אַנדער צווייג. און אַזוי ווי קיינער וויל דאָך קיין חסרון ניט האָבען, קומט ווידער אויס, אַז מיט ספּעציאַליטעט מוז מערסטענס מיטגעהן אַ וואונש צו פּטור ווערען פון אַ חסרון, אַ וואונש וועלכער דאַרף זיך ווידער אויסדריקען אין אַ פאַרלאַנג אַז אימיצער מיט אַ יתרון זאָל דעם דאָזיגען חסרון ממלא זיין.

ווען מיר זיינען יעצט מצרף די דאָזיגע אייגענשאַפטען פון וואונש פאַר ספּעציאַליטעט מיט דער אויבענדערמאָנטער טענדענץ פון ספּעציאַליטעט אין אונזער ווילען — די טענדענץ פון ווענלען זיין ביי אימיצען אַן אויסנאַם — באַקומען מיר דאָ, ערשטענס, אַ וואונש צו זיין ביי אימיצען אַן אויסנאַם מיט אונזערען אַ ספּעציעלען יתרון, און צווייטענס, אַ וואונש צו זיין ביי אימיצען אַן אויסנאַם מיט יענעמס גרייטקייט צו ממלא זיין אונזערען אַ ספּעציעלען חסרון.

זיין ביי אימיצען אַן אויסנאַם מיט אונזערען אַ ספּעציעלען יתרון מיינט איינפאַך, אַז נאָר אונזער יתרון, אָדער, וויניגסטענס, אַז אונזער יתרון מעהר ווי אַן אַנדערענס, זאָל דורך אימיצען גענומען ווערען אין באַטראַכט.

און דער דאָזיגער נעמען אין באַטראַכט קען מיינען בלויז אין מחשבה, ד"ה אַנערקענען יענעמס יתרון, אָפּגעבען יענעם כבוד, אָדער עס קען מיינען אויך בפּועל, ד"ה זיך באַנוצען מיט יענעמ'ס יתרון, ממלא זיין מיט איהם אַן אייגענעם חסרון. דאָס צווייטע דאַרף נאַטירליך פאָלגען פון דאָס ערשטע, ווארעם איינער וואָס אַנערקענט אין דעם אַנדערען אַ יתרון דאַרף דאָך ממילא זוכען אַנצופילען מיט דעם דאָזיגען יתרון זיין אייגענעם חסרון.

און עס פאַרשטעהט זיך אויך, אַז דער דאָזיגער וואונש פון

דער איינפלוס פון פאַרשיידענהייט

נעמען אין באַטראַכט זיינעם אַ ספּעציעלען יתרון, דאַרף מיט זיך פאַרשטעלען אַ ספּעציעלען פאַרלאַנג פון איינעם וואָס באַזיצט אַזאַ יתרון צו איינעם וואָס באַזיצט פונקט אַזאַ חסרון, ד״ה צו איינעם ביי וועמען דער דאָזיגער יתרון איז ווירקליך אַ יתרון און קען דערפאַר גענומען ווערען אין באַטראַכט ווי אַ יתרון. מיט אַנדערע ווערטער, דער דאָזיגער פאַרלאַנג דאַרף קומען ספּעציעל פון אַ משפּיע צו אַ מושפּע.

זיין ביי אימיצען אַן אויסנאַם מיט יענעמ׳ס גרייטקייט צו ממלא זיין אונזערען אַ חסרון, מוז ווידער מיינען, אַז יענער זאָל זיין געשטימט צו ממלא זיין נאָר אונזער חסרון אָדער, וויינינגסטענס, אונזער חסרון גיכער ווי יעדען אַנדערענס חסרון. זיין געשטימט מיינט פיהלען אָדער ווינשען; און אַ וואונש פון איינעם צו ממלא זיין אַן אַנדערענס חסרון הייסט ליבע. דער פאַרלאַנג צו זיין אַן אויסנאַם אין אימעצענס ליבע הייסט אייפערזוכט.

און אודאי פאַרשטעהען מיר אויך, אַז דער דאָזיגער וואונש פון זיין אַן אויסנאַם אין ליבע דאַרף מיט זיך פאַרשטעלען אַ ספּעציעלען פאַרלאַנג פון איינעם מיט אַ חסרון צו איינעם מיט פונקט אַזאַ יתרון, ד״ה פון איינעם וואָס ווינשט אַז מען זאָל ממלא זיין זיינעם אַ חסרון צו איינעם וואָס איז אומשטאַנד צו ממלא זיין דעם דאָזיגען חסרון. דער דאָזיגער פאַרלאַנג דאַרף אַלזאָ קומען, פאַרקערט, פון אַ מושפּע צו אַ משפּיע. 1)

און אַזוי פירט אונז ספּעציאַליטעט צוריק צום ענין פון משפּיעים און מושפּעים און עס העלפט אונז אפילו אויסרעכענען אַ פּריאָרי ווי עס דאַרפען זיין מאַנכע באַציהונגען צווישען זיי. און די דאָזיגע אויסרעכענונגען ווערען טאַקע באַשטעטיגט אַ פּאָסטעריאָרי.

אודאי וועט איהר באַמרקען, אַז צווישען די וואָס פיהלען זיך נעגענזייטיג אוים ווי משפּיעים און מושפּעים וועט איהר קיין קאָנקורענץ (אַ שטרעבונג פאַר יתרון אין אַלגעמיין) גראד ניט אַנטרעפען: אַ פאַטער וועט געוויס וועלען אַז זיין זוהן זאָל איהם אין אַלץ איבעריאָגען; אַ רבי וועט אויך זיין געוויס צופרידען ווען זיין תלמיד זאָל שפּעטער אויסוואַקסען אַ גרעסערער למדן פון איהם, „בכול אדם מתקנא חוץ מבנו ותלמידו״ (סנהדרין ק״ה). אַזוי אויך וועט אַ זוהן

---

1) דאָס מיינט נישט אַז בלויז אַ מושפּע פאַרלאַנגט ליבע אָדער בלויז אַ משפּיע פאַרלאַנגט כבוד. דאָ זאָגען מיר נאָר אַז צווישען די וואָס ערגענצען זיך ווי משפּיעים און מושפּעים ווערען כבוד און ליעבע ספּעציעל פאַרלאַנגט, ד״ה אַז פון זייך מושפּע וועט דער משפּיע גיכער פאַרלאַנגען אַכטונג ווי פון אימיצען אַנדערש, פונקט ווי פון זיין משפּיע וועט דער מושפּע גיכער פאַרלאַנגען ליעבע.

פרינציפען

אַדער אַ תלמיד שטאַלצירען מיט דער גרויסקייט פון זיין פאַטער אַדער רבי. און פונקט אַזוי וועט אַ פרוי וועלען אַז איהר מאַן זאָל זיין וואָס חשוב׳ער; און אַ בירגער וועט וועלען אַז זיין קעניג, זיין פּרעזידענט, זיין בירגערמייסטער זאָל זיין גרויס אָהן אַ שיעור. דער שכל פון דעם איז פשוט: מיט די וואָס מען פיהלט זיך געגענזייטיג אוים בילדעט מען איין אוניט, דער אוניט פון אָרגאַניזאַציע, און וואָס חשוב׳ער עס זיינען מאַנכע טיילען פון דעם דאָזיגען אוניט, אַלץ חשוב׳ער איז דער אוניט אַלס גאַנצער, און אַלץ חשוב׳ער פיהלט מען זיך אַליין ווי אַ טייל פון דעם דאָזיגען חשוב׳ען אוניט.

אָבער אויב דער יצר הרע פון קנאה האָט דאָ קיין שליטה ניט, האָט אָבער דאָ דער יצר הרע פון כבוד גאָר אַ גרויסע שליטה. אַזוי זעהט איהר ווי אַ מענש קען גאַנץ לייכט פאַרטראָגען אַז צווישען פרעמדע זאָל מען זיך מיט איהם גאַנץ ווייניג רעכענען, קומט אָבער אין דער היים, צווישען זיינע אייגענע קינדער, וועט ער מאַכען סקאַנ־דאַלען, ער וועט אומבאַדינגט באַשטעהן אויף זיין רעכט פון כבוד־אב. די גריינגשעצונג פון אַ קינד טהוט איהם וועה מעהר פון אַלץ, „יש מאכיל לאביו פסיוני וטורדו מן העולם, ויש מטחינו בריחים ומביאו לחיי העולם הבא" (קידושין ל״א). דאָס זעלבע איז מיט אַ רבין. ווער עס איז ניט געווען אין דעם דאָזיגען פאַך קען זיך גאָר ניט פאַר־שטעלען די ליידען פון אַ רבי ווען די תלמידים ווייזען ניט ארוים צו איהם דעם געהעריגען רעספעקט. ווי ווייט מאַן און פרוי (וועלכע זיינען אין פיל הינזיכטען ביידע אין דער בחינה פון משפיעים און מושפעים) זוכען צו זיין ווירדיג איינער אין דעם אַנדערענס אויגען, קענט איהר זעהן פון פאַקט וואָס נאָך דער חתונה באַמיהט זיך כמעט יעדערער צו זיין בעסער ווי פריהער. עס פאַסירט זעהר אָפט, אַז אומהיילבאַרע פוילאַקעס זאָלען נאָך דער חתונה נעמען אַרבעטען גאַנץ פלייסיג, און געוועזענע אויסוואורפען זאָלען אָנהויבען צו לעבען גאַנץ נאָרמאַל. מיר דוכט אַז די אורזאַך וואָס אַ שכור שלאָגט געוויינליך זיין פרוי איז דאָס וואָס זי קוקט אויף איהם בשעת מעשה מיט גרינג־שעצונג — אַ זאַך וואָס ער קען בשום אופן ניט פאַרטראָגען.

און ניט נאָר דער מאַן און זיין פרוי, נאָר אויך מענער און פרויען אין אַלגעמיין שעמען זיך מעהר איינע פאַר די אַנדערע. דאָס איז ווייל די צוויי מינים זיינען דאָך פיזאָלאָגיש ספּעציאַליזירט דורך זיי־ערע ספּעציעלע געשלעכטליכע כאַראַקטעריסטיקס און זיי מוזען זיך דעריבער נאַטירליך פאַרהאַלטען צווישען זיך ווי משפיעים און מושפעים. זוכען זיי טאַקע דערפאַר אָנצוהאַלטען זייער ווירדיגקייט איינע אין די אויגען פון די אַנדערע: וועלען זיי איינע פאַר די אַנדערע ניט טאָן וואָס זיי וואָלטען געטאָן צווישען זיך. וועלען זיי איינע פאַר

דער איינפלוס פון פארשיידענהייט

די אנדערע ניט ריידען דאס וואס זיי וואלטען גערעדט צווישען זיך. וועלען זיי זיך באזונדערס באמיהען ניט ארויסצואווייזען איינע פאר די אנדערע זייערע שוואכקייטען, די אייגענע אפהענגיגקייט אן דעם גוטען ווילען פון דעם אנדערען, דעם בטול פון דעם אייגענעם יש; וועלען זיי מיט אלע כחות זוכען צו פארבאהאלטען זייערע געפיהלען איינע לגבי די אנדערע; וועלען זיי זיך באמיהען צו זיין שטאלץ איינע געגענאיבער די אנדערע. אזוי ווייט געהט דא דער פארלאנג פאר ווירדיגקייט אז ער איז בכח איינצוהאלטען אין צוים דער מעכטיגער אפראדיטע. און פארגעסט ניט אז דאס וואס מיר ריידען דא באציהט זיך גראד צו דעם נאאיווען טיפ מענער און פרויען, ד"ה צו זייער נא־טירליכען צושטאנד, נישט ווי ער איז שוין איבערגעארבעט געווארען דורך ערפארונג. מענער מיט ערפארונג קענען פיליכט קומען צו א באשלום אז דורך דרייסטקייט וועט זייער ווירדיגקייט גאר ניט פאר־לירען, נאר, אין געגענטייל, געווינען. נאר פונדעסטוועגען זיינען אפילו די גאר־דרייסטע אויך שטארק געפענטעט דורך דעם געפיהל פון וויר־דיגקייט — זאל אזא דרייסטער אוכאזשאר אופגענומען ווערען מיט א מינע פון אמת'ער גרינג שעצונג אזוי וועט איהם געוויינליך גלייך אפגענומען ווערען דער לשון. בדרך כלל טהוט אלזא דער כח פון דעם דאזיגען ווירדיגקייט'ס געפיהל אריבערשטייגען דעם כח פון דער געשלעכטליכע תאוה — די גרעסטע פון אלע תאוות — וואלט עס ניט געווען אזוי, וואלטען מענשען אין זייערע געשלעכטליכע באציהונגען ניט געוון אנדערש פון הינט.

און אזוי טרעפען מיר זיך מיט דעם דאזיגען פארלאנג פון אנ־האלטען א ספעציעלער ווירדיגקייט (די ווירדיגקייט פון זיין אנערקענט מיט א ספעציעלען יתרון ביי איינעם מיט אזא ספעציעלען חסרון) איבעראל וואו מיר טרעפען זיך מיט משפיעים. אזוי וועט א בעל מלאכה זיך פיהלען מעהר גע'חנפ'עט ווען בעלי־בתים זאלען לויבען זיין מלאכה, ווי זיי זאלען איהם לויבען אלס מענש; פונקט ווי א קעניג, א פרעזידענט, אדער א בירגערמייסטער וועט וועלען אז דער בירגער זאל איהם דער עיקר האלטען פאר א גוטען קעניג, א גוטען פרעזידענט, אדער א גוטען בירגערמייסטער. די זעלבע מענשען וועלען אבער ווע־לען אז ארעמע לייט, אדער אנדערע וואס קומען צו זיי פאר וואויל־טעטיגע צוועקען, זאלען זיי דער עיקר האלטען פאר גוטע מענשען. שטעלט אייך פאר — ווי וועט זיך א שוסטער פיהלען, ווען אין אן ענין פון צדקה וועט איהם דער גבאי זאגען אז ער איז א גוטער שוסטער?

און פונקט ווי מיר זעהען ביי די משפיעים א באזונדער פאר־לאנג פאר כבוד אזוי זעהען מיר ביי די מושפעים א באזונדער פאר־

פרינציפען

לאנג פאר ליבע, א פאדערונג אז דער משפיע זאל וואס מעהר ארוים־ווייזען זיין גרייטקייט איהם צו דינען. אודאי האט איהר באמערקט ווי קליינע קינדער מאכען פארשיידענע קונצען: זיי עסען נים, זיי שרייען מיט באנומענע קולות, זיי טוהען אפ אלערליי צו להכעיס׳ען, און אמאל, פארקערט, מאכען זיי גראד זייער זיסע חנדאלאך, אלץ כדי מען זאל זיך מיט זיי וואס מעהר אפגעבען, מען זאל וואס מעהר ארויסווייזען א ווילען זיי צו דינען. און פונקט אזוי איז מיט תלמידים — איך מיין די אמת׳ע תלמידים, וואס נעמען אוף דעם רבין אלס משפיע. דערקענען זיי אין רבין אן אמת׳ען ווילען זיי צו לערנען אזוי ווערען זיי גלייך זיינע פאטריאטען, און די גרעסטע באפרידיגונג פאר א תלמיד איז דאן ווען דער רבי גיט זיך אפ מיט איהם ספעציעל, און די גרעסטע שטראף איז דאן ביי איהם ווען דער רבי טהוט איהם איג־נארירען. און אזוי איז ווען איהר זעהט גלאט א גרויסען מענשען — א משפיע פון סאציאלען אדער קולטורעלען שטאנדפונקט — ווילט איהר גלייך וויסען וואס ער האט אויפגעטאן פאר דער וועלט. איז ער א גביר, למשל, ווילט איהר וויסען אויב ער האט געגעבען א סאך צדקה; איז ער א געלערענטער, ווילט איהר וויסען אויב ער האט עפעס געשאפען. הערט איהר אז ער לעבט בלויז פאר זיך, זייט איהר אין כעס — „וואס האט מען פון זיין געלערענטקייט?״ פונקט ווי איהר וואלט האבען א גרויסען חלק אין זיין געלערענטקייט. דאס נעמט זיך פון דעם וואס איהר פיהלט אז אלס משפיע דארף ער זיין גרייט צו דינען די מושפעים.

אבער מעהר ווי אומעטום איז די דאזיגע פאדערונג פון מושפע צום משפיע בולט אין די באציהונגען צווישען מאן און פרוי. זיינען דאך די גרעסטע טראגעדיעס אין מענשליכען לעבען פארבונדען מיט די ווערטער ליבע, פארראט און אייפערזוכט. זאגט וואס איהר ווילט, פון ריין מאטעריאליסטישען שטאנדפונקט קענט איהר פארט נים פארשטעהן פאר וואס עס ברענט אזא גיהנם אין די הערצער פון אפ־גענארטע מענער און פרויען. נעמט א יונגענמאן, וואס געוויינליך זעהט ער אוים צו זיין גאנץ לעבליך אין זיינע באציהונגען מיט זיין פרוי: פארטראגט נים אירע קאפריזען, האט ליב אוועקצושטעהן פון הויז, א פלירטעוועט טאן מיט אנדערע פרויען — זאל ער, אדרבה, זיך דערוויסען אז זיין פרוי האט איהם פארראטען, אזוי וועט ער גלייך אנגעצונדען ווערען מיט רציחה, וועט זיין גרייט אומצוברענגען זיך און יענעם. אדער נעמט א פרוי אין די מיטעלע יאהרען: די תאות המשגל איז שוין ביי איהר אפגעשוואכט. זי גיט זיך אין גאנצען אפ מיט די קינדער, וועלכע זיינען ביי איהר דער גאנצער לעבען. איהר פארבינדונג מיטן מאן האלט דוכט זיך אן בלויז צוליב „חסד נעורים״,

דער איינפלוס פון פארשיידענהייט

צוליב געוויינשאפט און צוליב שותפישער צוזאמענארבעט פאר דער פאמיליע. זאל אזא פרוי זיך דערוויסען אז איהר מאן פיהרט א לינקע ליבע. מעג ער אלע זיינע פונקציעס דערפילען נאך בעסער ווי פריהער: מעג ער זיין צו איהר גוט ווי די וועלט, איהר נאכגעבען דעם טעלערעל פון הימעל; מעג זי אפילו זיין זיכער אז אויך אין דער צוקונפט וועט ער זיך באמיהען צו זיין צו איהר אזוי גוט — וויסענדיג אז ער האט באמת ליב די קינדער און ווי א געטרייע מאמע צו זיינע קינדער וואלט ער איהר זעהר ניט וועלען פארלירען — עס וועט אבער ניט העלפען: זי וועט מאכען סקאנדאלען, זי וועט מיט איהרע אייגענע הענד צוברעכען די הויז, זיך און די קינדער בארויבען פון אזא ווערטפולען שקלאף. אודאי וואלט זיך בעסער געלוינט צו האלטען איהם וואס לענגער אויפן שטריקעל; אודאי וואלט געווען גלייכער זיך צו מאכען כלא ידע און דולדען די דאזיגע פאלשקייט זיינע, פונקט ווי זי דולדעט פיל אנדערע פאלשקייטען מצד נאהנטע און וויטע. איז אבער די צרה וואס דא העלפען ניט קיין חשבונות. די פאדערונג פון מושפע צו זיין אן אויסנאם אין דער ליבע פון משפיע איז ניט פארבונדען מיט חשבונות, נאר דירעקט מיט א פרינציפ פון וועזען, מיט דעם פרינציפ פון ספעציאליטעט, זי לאזט זיך דעריבער ניט דערדריקען דורך דער וואג פון חשבונות.

צולעצט וועט ניט זיין איבעריג צו באמערקען, אז ניט נאר זעהען מיר ווי ספעציאליטעט פירט צו וואונשען פאר כבוד און ליבע, נאר מיר זעהען אויך ווי כבוד און ליבע פירען צו וואונשען פאר ספעציאליטעט אדער באזונדערקייט. זעהען מיר דאך ווי דער כבוד-זוכער דערווייטערט זיך געוויינליך ניט נאר פון קלענערע פון זיך, וועמענס געזעלשאפט איז פאר איהם אן אום׳כבוד, נאר אויך פון גלייכע און גרעסערע פון זיך, צווישען וועלכע מען צערעמאניעט זיך מיט איהם צו ווייניג. איז דאך דאס אייגענטליך דער הויפט חסרון פון כבוד-זוכער וואס ער איז ניט געזעלשאפטליך, וואס ער איז „ווי דער אייבער-שטער אושאק וועלכען די האנד פון מענשען קען ניט דערגרייכען" (אבות דר׳ נתן פרק כ"ו). און פונקט אזוי איז מיט ליבע. אודאי זעהט איהר דאך ווי אין דעם פייער פון ליבע צושמעלצען זיך אלע פריהערדיגע חבר׳שע פארבינדונגען; ניט נאר טוהען דער ליבהאבער און די געליבטע אליין אפברעכען מיט די פריהערדיגע חבר׳שאפטען, נאר יעדער איינער טהוט עס אויך פארן אנדערען, יעדער איינער פון זיי זוכט מערסטענס ארומבויען ארום דעם אנדערען א שאל פון ענגען פאמיליען-לעבען.

פרינציפען

ד.

אז אָרדנונג האַלט זיך אין איין ענדערען, און אַז די אָרדנונג פון איין צייט זעהט אויס אין אַן אַנדער צייט ווי אַן אומאָרדנונג — דאָס פאַרשטעהט היינט יעדער איינער. שקלאַפעריי האָט געוויס געשטימט מיטן געפיהל פאַר גערעכטיגקייט פון אַמאָל, ווען אַ שקלאַף איז ביי אימיצען אַנטלאָפען האָט ער איהם צוריקגעפאָדערט מיטן כח פון דין. 1) אפילו אַזאַ גריבלער אין דעם וואָס דאַרף זיין און וואָס דאַרף ניט זיין ווי פלאַטאָ, האָט ניט נאָר אין שקלאַפעריי קיין בייז ניט געזעהן, נאָר אין זיינע „געזעצען" האָט ער אפילו אויסגעטיילט צווייערליי גערעכטיגקייטען, איינע פאַרן שקלאַף און איינע פאַרן פרייען מענש, שטעלענדיג דעם שקלאַף אין דער קאַטעגאָריע פון אַ בהמה. שטעלט אייך פאָר: ווען אַ פרייער מענש ווערט אין כעס אויף אַ שקלאַף און ער ערמאָרדעט איהם, קומט ער אָפּ מיט אַ כפרה. געהער דער שקלאַף צו אַן אַנדערען, דאַרף דער מערדער באַצאָהלען דעם בעל־הבית דאָפּעלט וויפיל דער שקלאַף איז ווערט. ערמאָרדעט אָבער אַ שקלאַף אַ פרייען מענשען (פונקט אין די זעלבע אומשטענדען) קומט איהם מיתה, און דער גואל הדם מעג איהם טויטען מיט וואָס פאַר אַ מיתה משונה ער וויל (געזעצען, 9). אַזוי פאַרשטעהט פלאַטאָ גערעכטיגקייט בנוגע אַ שקלאַף. אַן אַנדער אינסטיטוציע וואָס זעהט אונז היינט אויס ווי אומגערעכטיגקייט איז פאָליגאַמיע, וועלכעס ווערט נאָך היינט פראַקטיצירט אין אָריענט. די פאָדערונג זיך אָפּצוזאָגען פון דעם ווערט אין די דאָזיגע קרייזען אופגענומען אַלס אומגערעכטיגקייט — וואָס פאַר אַ רעכט האָט מען זיך צו מישען אין פריוואַטע עסקים, וועלכע רירען ניט אָן קיינעם אויסער די וועלכע שטימען צו דעם איין? דער דועל וועלכעס זעהט אונז היינט אויס

---

1) אין דער תורה געפינט איהר טאַקע דעם אַנזאַג, „לא תסגיר עבד אל אדוניו אשר ינצל אליך מעם אֲדוניו" (דברים כ"ג). דאָס וואָלט אָבער געבראַכען די גאַנצע אינסטיטוציע פון שקלאַפעריי, און חז"ל האָבען דעריבער געהאַט אַ קבלה עס אויסצוטייטשען אַזוי אַז עס זאָל מעהר אָדער ווייניגער שטימען מיטן געפיהל פון אָרדנונג אין יענער צייט (גיטין מ"ה). אָבער דאָך זעהט מען אַז די תורה וועלכע האָט אַריינגעבראַכט אַ רעוואָלוציע אין דער גאַנצער אָרדנונג פון יענער צייט, האָט זיך פאַרנומען אויך אַריינצוברעכען זיך אין דער אינסטיטוציע פון שקלאַפעריי. שקלאַפעריי צווישען אידען אַליין איז אינגאַנצען אָפּגעשאַפט געוואָרען, „כי לי בני ישראל עבדים ולא עבדים לעבדים" (קדושין כ"ב). אין די זעקס יאָהר וואָס אַ איד האָט זיך געקענט פאַרקויפען האָט ער שטענדיג געהאַט אַ רעכט זיך אויסצולייזען, אפילו אַ קאָנטראַקט מיט אַן אַרבעטער האָט מהאי טעמא ניט געגאָלטען, „פועל יכול לחזור בחצי היום" (בבא מציעא י'). אַ ניטאידישער קנעכט איז אפילו יע געווען ערלויבט, אָבער אויך מיט איהם האָט מען זיך געמוזט אופפירען מענשליך. פאַר אַ באַשעדיגונג אין איינעם פון פיער און צוואַנציג פלעצער פון זיין קערפּער (ראשי איברים) האָט מען איהם געמוזט באַפרייען. אין הונגער יאָהרען האָט אַ שקלאַף געקענט זאָגען צו זיין בעל־הבית, „שפייז מיר אָדער באַפריי מיר" (גיטין י"ב). בכלל האָבען אידען נישט געוואָלט קויפען קיין שקלאַפען. „ויהיו עניים בני ביתך" (בבא מציעא ס').

דער איינפלוס פון פארשיידענהייט

אזוי בארבאריש און איז שטרענג פארבאטען אין אלע ציוויליזירטע לענדער, האט נאך ביז ניט לאנג אויסגעזעהן זעהר שעהן און עס איז גאר געווען א חרפה זיך פון דעם אפצוזאגען. לינטשען ווערט נאך היינט פראקטיצירט אין דרום פון די פאראייניגטע שטאאטען. קומט אמאל ארויף אין קאנגרעס א געגען־לינטשען־ביל, טוהען איהם די סענאטארען און קאנגרעסלייט פון יענע שטאאטען באקעמפען מיט ציין און נעגעל — משמעות אז לינטשען שטימט נאך מיט דעם גערעכטיגקייט'ס געפיהל פון די איינוואוינער פון די דאזיגע שטאאטען.

ווער רעדט, ווען איהר געהט צוריק צו די פרימיטיווע שבטים אין אויסטראליען און אויף די פאסיפישע אינזלען, טרעפט איהר זיך דארט מיט אזוינע ארדנונגען פון וועלכע עס שטעלען זיך אייך די האר קאפויער. איהר וועט דארט טרעפען אן אנגענומענעם מנהג פאר קינדער צו טויטען זייערע עלטערען אדער זיי צו באגראבען לעבעדיגערהייד. אן אנדער מנהג וועט איהר דארט טרעפען פאר מוטערס צו טויטען זייערע קינדער. טאמער האלט זיך א מוטער צוריק פון אזא שעהנעם טהאט איז זי געמיין און ווערט אויסגעשלאסען פון דער קאמונע. ארום צוויי דריטעל פון אלע קינדער ווערען דארט געטויטעט דורך זייערע עלטערען. 1) די האטענטאטען פון דרום אפריקא באגהן זיך שוין מיט זייערע עלטערען מעהר מענשליך. זיי שיקען ארוים זייערע אלטע לייט (די וואס זיינען ניט גענוג ארבעטספעהיג) מחוץ למחנה, וואו זיי געהען אוים פון הונגער. און אין דעם זיינען ארעם און רייך אלע גלייך; דער פארמעגען פון די רייכע ווערט קאנפיסקירט. בנוגע קינדער באגעהן זיי זיך אויך מיט מעהר רחמים: זיי טויטען נאר די מיאוס'ע אדער איינעם פון א צווילינג. און די דאזיגע ווילדקייטען ווערען געטאן מיט א געפיהל פון ארדנונג — אזוי דארף עס זיין. אזוי ווייט איז אונזער געפיהל פון ארדנונג פון זייערען.

בנוגע שעהנקייט האט זיך אויך אונזער געפיהל פון פראפארציע שטארק געביטען. א פלאטשיגער נאז איז ביי אונז א חסרון; ביי די טאהיטיער ווערען מיידעלשע נעזער איינגעדריקט זיי זאלען אויסזעהן פלאטשיג. די כינעזישע פארקריפעלטע פיסאלאך מאכען אויף אונז אויך ניט קיין אנגענעמען איינדרוק, און אזוי אויך די נעגערשע אויסגעצויגענע אויבערשטע ליפ. ביז ניט לאנג, איז נאך כמעט איבעראל דיקקייט פאר א פרוי געווען א גרויסע מעלה, היינט טוהען זיך מיידלאך אין אמעריקא ביטער פלאגען כדי זיך צו האלטען מאגער. פון די אמאליגע צירונגען כאפט אייך היינט אן ממש אן

1) גענומען פון בוך „פארהיסטארישע צייטען" (פריהיסטאריק טאימס, ביי לארד אווערבורי).

עקעל. שטעלט אייך פאר: א ביין פון ארום זעקס אינטשעס לאנג און א האלב אינטש די דיק א דורך געשטאכען דורך דער נאז, אדער בלו־טיגע שנארען אויפ׳ן ברוסט און אויפ׳ן פלייצע. ביי אזוינע אפערא־ציעס, אדורכגעפירט מיט די טעמפע מכשירים פון פרימיטיווען מענ־שען, פלעגען נעבאך די אויסטראליער אינגלאך און מיידלאך זיך באַ־גיסען מיט בלוט און זיך פארגעהן פון ווענהטאג. נאר פונדעסטוועגען האבען זיי צו די דאזיגע שמערצליכע אפעראציעס געגאנגען מיט זייער גוטען ווילען — ווארעם וואס טהוט מען ניט צוליב שעהנקייט?

נאר צו וואס זאלען מיר זיך וואונדערען אויפן גוסט פון פרימי־טיווען מענשען ווען אויך היינט האבען מיר נאך רעשטלאך פון דעם דאזיגען גוסט פארשפרייט צווישען די נידעריגע שיכטען אפילו פון די ציוויליזירטע לענדער. ווארעם באמת, מיט וואס זיינען די אויריג־גען, מיט וועלכע פיל פרויען שטעכען זיך נאך היינט אדורך די אויערען, אנדערש פון די געקאלירטע שטיינדלאך און צוגעשליפענע ביינדלאך וואס די עסקימאסען טוהען זיך אנהענגען די באקען און די אונטער־שטע ליפען? א פראגרעסיווען מענשען עקעלט דערפאר פון די דאזיגע ביידע מינים צירונגען. און פונקט אזוי עקעלט איהם דער טאטואירען זיך — אן אנדער רעשטעל פון גוסט פון פרימיטיווען מענשען, ווייל כמעט ביי אלע פרימיטיווע פעלקער טאטואירט מען זיך לשם פוץ. די דאזיגע נבלה איז שוין מיט טויזענטער יאהרען פריהער פארבאטען געווארען פון אונזער תורה, „וכתבת קעקע לא תתנו בכם“ (ויקרא י״ט). אודאי וואלט שוין לאנג צייט געווען נאכצוקומען דעם דאזיגען געבאט און אויסווארצלען פון די ציוויליזירטע לענדער אט דעם פרי־מיטיווען גוסט.

איהר פרעגט — וואס געהט אונז אן יענעמס גוסט, ווען ער טהוט מיט דעם קיינעם ניט קיין שלעכטס? איהר פארגעסט אבער אז אונזער גאנצע ציוויליזאציע איז מייסטענס א גוסט זאך. דער ציוויליזירטער מענש אונטערשיידעט זיך אין זיינע טוגענטען פון פרימיטיווען מענשען הויפטזעכליך צוליב גוסט. ער וועט ניט באַ־גנב׳ענען, בארעבעווען, טויטען און אופעסען זיין שכן צוליב דעם וואס די דאזיגע זאכען זעהען איהם אוים אפשטויסענד. א פרימיטיווער מענש קען מאכען א סעודה פון זיין שכן, וועלכען ער האט פריהער אוועקגעה׳רג׳עט, און זיך בשעת מעשה באלעקען. עס רירט ניט אן קיין סטרונע פון זיין געפיהל. 1) א ציוויליזירטער מענש וועט אייך

1) ווען די מענשליכע אויסוואורפען האבען איבערגענומען די ממשלה אין דייטשלאנד, איז געווען נאטירליך אז זיי זאלען זיך גלייך אומקערען צום הענקער מיט דער האק, דאס האט גיכער געשטימט מיט זייער גוסט.

דער איינפלוס פון פארשיידענהייט

אבער זאגען אז ער קען ניט צוזעהן יענעמס ליידען, אז א סצענע פון שפיכות דם שטעהט איהם פאר די אויגען און גיט איהם ניט קיין מנוחה. אזא איינער וועט פארשטעהט זיך אזוי לייכט קיין מענשליכע בלוט ניט פארגיסען, און ער וועט בעסער שטארבען פון הונגער איידער אופעסען א ברעקעל מענשליך פלייש (ווארעם מעהר פון אלץ מיאוס'ען מיר זיך צו עסען — אריינגעמען אין זיך — עפעס וואס איז אונז אפשטויסענד). כדי צו פארשטארקען ציוויליזאציע דארפען מיר זיך דערפאר וואס מעהר אפגעבען מיטן מענשליכען גוסט. ראפינירען איהם אזוי אז ער זאל וואס וויניגער קענען פארטראגען שפיכות דמים, „לא תעמוד על דם רעך" (ויקרא י"ט), און עס זאל איהם וואס מעהר ציהען צו פריינדליכקייט און געלערזאמקייט.

אזוי האבען מיר געזעהן ווי אונזער געפיהל פאר ארדנונג און פראפארציע איז ניט סטאביל, עס ענדערט זיך מיט דער צייט. אויך ענדערט עס זיך לויט די אומשטענדען. אמאל פאדערען מיר פון ריכ־טער אז ער זאל זיך אין א געוויסען פאל באגעהן מיט רחמים. מיר פאדערען. למשל, אז די שטראף פון א געוויסען פארברעכער זאל געמילדעט ווערען צוליב דעם וואס א פרוי און קינדער זיינען אן איהם אפהענגיג. די דאזיגע פאדערונג איז אבסאלוט גענגען דין, און אפילו גענגען אונזער אייגענעם נארמאלען געפיהל פאר פראפארציע און ארדנונג. מיר אליין פאדערען ניט אז אין יעדען פאל זאל א פאר־ברעכער א פאמיליע מאן אפקומען מיט א מילדערע שטראף. ווארעם ערשטענס, האלטען מיר, אז מען דארף ניט מאכען קיין אונטערשייד צווישען מענש און מענש. צווייטענס, ווייסען מיר, אז מיט דעם וועלען מיר אפשוואכען די מורא פון א פאמיליע־מאן צו באגעהן א פאר־ברעכען, און דאס קען פירען צו אומארדנונג. וואס מיר פאדערען דעריבער איז נאר, אז דער ריכטער זאל אין דעם דאזיגען פאל ניט פאלגען די אלגעמיינע ליניע פון ארדנונג. פארלאנגען מיר, הייסט עס, אז דער ריכטער זאל דא עובר זיין אויפן דין, זאל ניט פסק'ענען ווי עס באדארף זיין? חלילה, דאס פארלאנגען מיר אודאי ניט. פארקערט, מיר קומען אויך מיט א תביעה פון עפעס וואס דארף זיין, דאס הייסט, מיט אונזערען א דין. נאר וואס דען? מיר גיבען צו אז דעם דאזיגען דין נעמען מיר אליין אוף ווי אן אויסנאם, אזא וואס איז געבארען געווארען מיט דעם דאזיגען פאל און וואס וועט מיטן זעלבען פאל צוריק פארשווינדען. רחמים צייגט אלזא אויף עפעס אן אומאפהענגי־גען געפיהל פון ארדנונג.

אדער נעמט אן אנדער פאל. א טרעגער נעמט זיך אונטער אריבערצוטראגען א פאס וויין. ער איז ניט גענוג פארזיכטיג און ער צוברעכט עס. מיטן דין דארף דער טרעגער באצאהלען דעם

שאַדען, ווייל ווען אַ מענש נעמט זיך אונטער עפּעס צו טאָהן, נעמט ער זיך דאָך אונטער צוצולעגען זיין געדאַנק ביי דער אַרבעט, צו זיין פאַרזיכטיג בשעת משעה. נאָר פונדעסטוועגען, ווען אַזאַ דין תורה קומט צו אַ רב, פּאַסירט אַמאָל, אַז ניט נאָר ער איז איז ניט מחייב דעם טרעגער, נאָר ער הייסט אפילו דעם אייגענטימער באַצאָהלען צום טרעגער זיין לוין (בבא מציעא פ"ג). פאַר וואָס? ווייל דער טרעגער איז אַן אָרימאַן, דאַרף מען מיט איהם מטיב זיין, דאַרף מען בנוגע איהם אַנווענדען אַן אַנדער דין, „למען תלך בדרך טובים ואורחות צדיקים תשמור" (דאָרט, משלי ב'). 1) אמת, מיט אַן אָרימאַן דאַרף מען מטיב זיין, אַבער דאָס זיינען אַלע מחויב — טאָ פאַר וואָס זאָל מען אַרופלעגען די גאַנצע לאַסט פון מטיב זיין אויפ'ן וויין־אייגענטימער אַליין? איז דער תירוץ — מיר פיהלען אַז אַזוי דאַרף זיין, דער אייגענטימער דאַרף דאָ אויסטראָגען דעם שאַדען וואָס האָט געטראָפען זיין אָרעמען אַרבעטער. נעמען מיר הייסט עס אַן אַז אַזוי דאַרף זיין דער דין, אַז אַן אייגענטימער דאַרף שטענדיג ליידען די היזקות וואָס זיינע אָרעמע אַרבעטער מאַכען דורך זייער אומפאַרזיכטיגקייט? דאָס וואָלט געווען לעכערליך. עס וואָלט מיינען אַז ווען איינער נעמט זיך אונטער צו זיין פאַרזיכטיג (צוצולעגען זיין געדאַנק ביי דער אַרבעט) דאַרף ער ניט זיין פאַרזיכטיג. אַזאַ דין וואָלט זיך אפילו ניט געלוינט פאַר'ן אָרימען אַרבעטער אַליין, עס וואָלט פאַר איהם פאַרשלאָסען די טיהר פון יעדען אַרבעטסגעבער. אונזער אַבסטראַקטער געפיהל פון דין איז דערפאַר, אַז אָרעם און רייך דאַרפען זיין פאַרן דין אַלע גלייך, „אין מרחמין בדין" (כתובות פ"ד). נאָר פונדעסטוועגען ביי אַ קאָנקרעטען פאַל יאָ־זעט זיך אַמאָל אַ געפיהל פאַר אַ נייעם דין, אַ דין וועלכען איהר קענט ניט פאַר־בינדען מיט די אַלגעמיינע פּרינציפּען פון גערעכטיגקייט. איהר קענט אויך דעם דאָזיגען געפיהל ניט פאַרגלייכען מיטן פאַרלאַנג פאַר רחמים, ווייל דאָ פיהלען מיר פאַרט עפּעס אַ רעכט צו קומען מיט אונזער פאַרלאַנג צו אַ באַשטימטען מענשען, בעת דאָרט האָבען מיר אַזאַ רעכט ניט געפיהלט, די זעלבע רחמנות וואָלטען מיר געקענט בעטען יעדען איינעם. דאָ האָבען מיר אַלזאָ ווידער אַ באַזונדער פאַל פון אָרדנונג — אַ פאַל וואָס געפינט זיך צווישען דין און רחמים, און וואָס מיר באַצייכענען מיטן נאָמען יושר.

אָדער נעמט אַ דריטען פאַל. ווען איהר טרעפט אַ גנב אויס־ליידיגען אייערע שופלאַדען, זייט איהר געוויס באַרעכטיגט איהם

1) נאַטירליך, ווען מען פאָדערט דוקא אַ דין תורה טאָר זיך דער דייען נישט רעכענען צו איינער איז אַ גביר צו אַן אָרימאַן „ודל לא תהדר בריבו" (שמות כ"ג), וואָרעם דער דייען טאָר דאָך קיין ליגען נישט זאָגען.

ניט צו לאָזען אַוועקגעהן מיט דער גניבה. ווען איהר נעמט ביי איהם צוריק צו די גע'גנב'עטע חפצים טהוט איהר אַלזאָ וואָס מען דאַרף. קיינעם וועט גאָר ניט איינפאַלען צו האָבען צו אייך טענות דערפאַר, אָדער בעטען ביי אייך רחמים אַז איהר זאָלט עס ניט טאָהן. נאָר פונדעסטוועגען, ווען איהר לייענט פּרצע'ס „כדי שלא לביש", וואו כדי אימיצען ניט צו פאַרשעמען מאַכט זיך אַ איד ניט דערקענען זיינע זילבערנע לייכטער ווען ער טרעפט זיי אונטער יענעמס פּאָלע, וועט איהר אודאי אויך זאָגען אַז דער איד האָט געטאָהן ווי מען דאַרף. דאָ האָט איהר אַלזאָ צוויי פאַרשיידענע „טוהונגען ווי מען דאַרף".ביידע מוזען פאַרטרעטען אָרדנונג, ווארעם יעדער „טאָהן ווי מען דאַרף" שטעלט דאָך מיט זיך פאָר אַ צוזאַמענשטימען, אַ ריכטיגע פּראָפּאָרציע, אַ פאַל פון אָרדנונג. אָבער די אָרדנונג איז אין ביידע פאַלען נישט די זעלבע. אין ערשטען פאַל קומט זי נאָך אייער געוויינליכען געפיהל פון גערעכטיגקייט. פאַר דעם צווייטען פאַל, אָבער, פאָדערט זיך שוין אַ באַזונדער געפיהל, אַ געפיהל פון חסד. און דער דאָזיגער געפיהל פון חסד איז אַזוי ווייט פון גערעכטיגקייט אָדער יושר אָדער רחמים, אַז מערסטע מענשען ווייסען גאָר ניט פון אַזאַ געפיהל און עס פעלט זיי גאָר ניט איין צו איהם צו אַפּעלירען — סיידען זיי זיינען אליין נוגעים בדבר, זיי מוזען צו איהם אָנקומען. ערשט לאחר המעשה, ווען מען ווייזט זיי אַ מוסטער פון חסד, איז עס זיי געפעלען. און ווען שוין געפעלען — וועלען זיי זיין גרייט עס צו פּראַקטיצירען מהיום והלאה? אין דעם מעגען מיר זיין שטאַרק מסופק. דאָ האָבען מיר אַלזאָ ווידער אַ פאַל פון אָרדנונג, וועלכער איז אפילו פון זעלבען טיפּ וואָס גערעכטיגקייט (טאָהן ווי מען דאַרף) און איז דאָך אין גאַנצען אַנדערש.

ענדליך וועלען מיר נאָך דערמאָנען אונזער שטעלונג לגבי פרייהייט פון ווילען, וועלכעס ווייזט אַזוי פיל אויפן איינפלוס פון פאַרשיידענהייטס פּרינציפּ אויף אונזערע געפיהלען. ווען איהר געהט באַשטראָפען אימיצען פאַר אַ פאַרברעכען נעמט איהר אָן, אַז יענער האָט דעם דאָזיגען פאַרברעכען ניט באַדאַרפט באַגעהן. איהר ווייסט אָבער גאַנץ גוט אַז יעדער איינער טהוט דאָס וואָס זעהט אויס בשעת מעשה ריכטיג אין זיינע אויגען, „אין אדם עובר עבירה אלא אם כן נכנסה בו רוח שטות" (סוטה ג'). אַ פאַרברעכער טהוט אַלזאָ דאָס וואָס לויט איהם האָט ער באַדאַרפט טאָהן — טאָ ווי אַזוי קענט איהר זאָגען אַז ער האָט דעם פאַרברעכען ניט באַדאַרפט באַגעהן? אויף דעם ענטפערט איהר, אַז אַ מענש דאַרף טאָהן דאָס וואָס שטימט מיטן געזעץ אָדער מיט זיין אידעאַל, 1) אָבער ניט

1) זעה „בילִיעף אָנבאָונד" ביי ווילִיאם פעפּערעל מאָנטעיג.

דאָס וואָס זעהט אוים בשעת מעשה ריכטיג אין זיינע אויגען. איז וואָלט אַלץ געווען גוט ווען אַ מענש וואָלט געקענט טאָהן אַנדערש ווי דאָס וואָס זעהט אוים בשעת מעשה אין זיינע אויגען ריכטיג. זאָגען אָבער די דעטערמיניסטען, אַז יעדער איינער מוז טאָהן דאָס וואָס ער טהוט, און זאָגט עמנואל קאַנט, אַז דאָס וואָס איינער קען ניט טאָהן דאַרף ער נישט טאָהן. איז בעת איהר גיט אַרוים אַ משפט, אָדער בית איהר באַדויערט אייערען אַן אייגענעם טהאַט וואָס איהר האָט ניט באַדאַרפט טאָהן, זייט איהר דאָס דאַן אַזוי זיכער אַז די דעטערמיניסטישע טעאָריע איז פאַלש? אודאי זייט איהר אין דעם ניט זיכער. איהר האַלט זיך איבערהויפּט ניט פאַר קיין פּוסק אחרון אין פילאָזאָפיע. נאָר וואָס דען? אין פראַקטישען לעבען זייט איהר אונטער דעם איינפלוס פון פאַרשיידענהייטס פּרינציפּ, לויט וועל־כען איהר זייט מחויב צו גלויבען, אַז אַ מענש קען זיך אין יעדען מאָמענט רעפאָרמירען, קען אַ קירעווע טאָהן מיט אַמאָל דעם קורס פון זיינע געפיהלען פון אַן אָרדנונג געשאַפען דורך אומשטענדען צו אַן אָרדנונג אויסגעלעגט דורכן געזעץ, אָדער איינשטימיג מיט אַן אידעאַל. און דעם איינפלוס פון אַ וועזענטליכען פּרינציפּ קען מען נאַטירליך מיט קיין טעאָריעס ניט באַקעמפען. דערפאַר איז די דעטער־מיניסטישע טעאָריע געווען פאַר׳משפט אין פאַראויס צו פאַרבלייבען אַ טויטער בוכשטאַב, אפילו פאַר די איבערצייגטסטע אַנהענגער איהרע; אויך זיי פירען זיך אויף אין דער פראַקטיק ווי ניט־דעטער־מיניסטען; און אויך זיי האָבען חרטה אויף זייערע מעשים, פּונקט ווי זיי וואָלטען געווען אימשטאַנד די דאָזיגע מעשים אויסצומיידען.

ה.

די דריטע פאַרשיידענהייט׳ס פאָרמע, צוטיילונג, האָט אַזוי פיל אופנים ווי איהר היפוך, צוזאַמענבונד. מיר האָבען דערפאַר צוטיילונג אין שטח, צוטיילונג אין צייט און צוטיילונג אין נאָכפאָל־גונג. און יעדער פון אָט די דאָזיגע אופנים פון צוטיילונג האָט אויף אונז אַ בולטען איינפלוס.

בנוגע דעם איינפלוס פון צוטיילונג אין שטח און צייט, קען דאָ איבערגע׳חזר׳ט ווערען דאָס וואָס איז געזאָגט געוואָרען בנוגע דעם איינפלוס פון צוזאַמענבונד אין די זעלבע אופנים. אויך צוטיילונג ווערט אין די דאָזיגע אופנים אופגענומען דירעקט דורך די חושים, דערפאַר זעהט זיך אויך איהר איינפלוס דירעקט אויף די חושים — קיין אבסאָלוטע אומצוטיילטקייט אין שטח אָדער אין צייט קענען מיר זיך נישט פאָרשטעלען, פּונקט ווי מיר קענען זיך דאָ ניט פאָרשטעלען קיין אבסאָלוטען ניט־צוזאַמענבונד (צוזאַמענבונד אַליין נעמט שוין אויף צוטיילטבאַרקייט).

דער איינפלוס פון פאַרשיידענהייט

צו דעם איינפלוס פון צוטיילונג אין שטח דאַרף מן הסתם צוגעשריבען ווערען דער פאַקט וואָס מענשען זיינען בטבע אַנהענגערס פון פריוואַט אייגענטום. איהר ווערט געווים צוגעבען אַז טעאָרעטיש באַזיצט די קאָמונע פיל מעלות. אין דער קאָמונע קענען מיר זיך פיל בעסער אויסלעבען געזעלשאַפטליך, און די קאָמונע קען אונז פאַרשאַפען אַזוינע מיטלען וואָס יעדער איינער פאַר זיך אַליין איז ניט בכח. די קאָמונע וואָלט אונז דערפאַר באַדאַרפט צופרידענשטעלען סיי פון פסיכאָלאָגישען און סיי פון עקאָנאָמישען שטאַנדפונקט. איז אָבער אַ פאַקט, אַז קאָמונעס צווישען ציוויליזירטע מענשען זיינען שטענדיג געווען אַ דורכפאַל. מען דאַרף נישט געהן ווייט, דער לעצטער יאָהרהונדערט ביי אונז אין די פאַראייניגטע שטאַאטען קען דעם דאָזיגען פאַקט באַשטעטיגען. 1) הונדערטער קאָמוניסטישע געמיינשאַפטען האָבען דאָ דעם לעצטען יאָהר הונדערט געפּרואווט זייער מזל. צעהנער, און אפשר הונדערטער טויזענטער מענשען פון אַלע שאַטירונגען האָבען אַנגסטליך געזוכט איינצופלאַנצען קאָמוניסטישע קערנער אויף דעם היגען דאַן זעהר קולטורבאַרען באָדען. 2) די גאַנצע מיה זייערע איז אָבער געווען אַרויסגעוואָרפען. מערסטע פון די דאָזיגע געמיינשאַפטען האָבען זיך ביסלאַכווייז געמוזט אויפלעזען און צוריקגעהן צו פריוואַט אייגענטום. און פאַרגעסט ניט אַז דאָ רעדען מיר ניט וועגען סתם מענשען, נאָר וועגען אידעאַליסטישע פּיאָנירען אין דעם דאָזיגען פעלד, מענשען ביי וועמען קאָמוניזם האָט פאַרנומען אַ וויכטיגען פּלאַץ אין זייער רעליגיאָן, מענשען וועלכע האָבען געזעהן אין קאָמוניזם די פאַרווירקליכונג פון זייער אידעאַל, פאַר וועלכען זיי זיינען געווען גרייט צו מקריב זיין קרבנות. די מאַסען קענט איהר איבערהויפּט ניט באַוועגען צו מאַכען אַזאַ פּרוואוו.

---

1) די דאָזיגע ווערטער זיינען אַרויסגענומען פון מאָריס הילקוויט'ס איינלייטונג צו זיין „געשיכטע פון סאָציאַליזם אין די פאַראייניגטע שטאַאטען". ער זאָגט: „מיר מעגען זיכער אָננעמען אַז עטליכע הונדערט געמיינשאַפטען האָבען עקזיסטירט אין די פאַרשיידענע טיילען פון די פאַראייניגטע שטאַאטען, וועהרענד דעם לעצטען יאָהר הונדערט, און אַז די צאָהל פערזאָנען וואָס האָבען אין איין צייט אָדער אין אַן אַנדערער איינטייל גענומען אין די דאָזיגע עקספּערימענטען איז געלאָפען אין די הונדערטער טויזענטער".

2) מאָריס הילקוויט ערקלערט אויך די סיבות פאַר וואָס דער היגער באָדען איז דאַן געווען אַזוי מוכשר פאַר קאָמוניסטישע עקספּערימענטען. ערשטענס, האָט מען דאָ געהאַט די פולע פרייהייט אויסצופּרואווען אַזוינע עקספּערימענטען. צווייטענס, האָט מען דאַן באַקומען ערד זעהר ביליג. דריטענס, האָט דאָ דער כסדר'דיגער צופלוס פון אימיגראַנטען (מענשען וועמענס לעבען דאַרף זיך ערשט פון דאָס נייע אָנהויבען צו פאָרמירען) צוגעשטעלט מאַטעריאַל פון וואָס צו בילדען נייע קאָמונעס און מיט וואָס אָנצופילען די לעכער אין די אַלטע קאָמונעס. מען דאַרף אויך צוגעבען, אַז דער אידעאַליזם און דער דראַנג צו גייסטיגער רעפאָרם, וואָס האָט פריהער באַהערשט דער אינטעליגענץ, האָט זיך שוין אין ניינצענטען יאָהר הונדערט אָנגעהויבען אַריבערצוטראָגען צו די מאַסען. מענשען האָבען געזוכט אויסצולאַדען דעם דאָזיגען דראַנג זייערען; און דאָס האָבען זיי געפונען אין קאָמוניזם, אין גלייכהייט און אין ברידערליכקייט — פאָרמען

פרינציפּען

איהר זאָגט, אַז מסתמא נעמט זיך עס דערפון וואָס מענשען זיינען ניט געוואוינט צו לעבען אונטער אַ קאָמוניסטישען סיסטעם. איהר גלויבט אויך, אַז דאָס נעמט זיך פון מיסטרויען, פון מורא צו ווערען אויסגענוצט דורך פוילאַקעס אָדער דורך שוואַכערע מיטגלידער אין דער קאָמונע. אָבער ביידע זאַכען זיינען נישט אמת. מענשען זיינען גראַד, אין אַ געוויסער פעריאָדע פון זייער לעבען, יע געוואוינט צו לעבען אונטער אַ קאָמוניסטישען סיסטעם, און דאָן אָרט זיי ניט אפילו ווען זיי ווערען דאָרט אויסגענוצט. ווארעם וואָס איז די פאַמיליע, אויב ניט קיין קאָמונע? און האָט איהר דען ניט געזעהן ווי איינער אָדער צוויי אין אַ פאַמיליע (איך מיין ניט די עלטערען, ווייל ווען עלטערען טוהען פאַר קינדער הייסט עס געטאָהן פאַר זיך) טוהען אַמאָל דאָס מערסטע אַרבעט און עס אַרט זיי גאָר ניט וואָס זיי ווערען אויסגענוצט פון די איבעריגע אין דער פאַמיליע? און מיינט איהר אפשר אַז די איבעריגע אין דער פאַמיליע מוזען דוקא זיין ברידער אָדער שוועסטער? מאַכט איהר אַ טעות. איהר קענט גאַנץ גוט צוטשעפּען צו דער פאַמיליע אַ גלידשוועסטערקינד אָדער אפילו גאָר אַ פרעמדען; אויב עס זאָל זיך נאָר ווענדען אָן דעם יונגען עלעמענט אין דער פאַמיליע וועט די מאָראַל פון דער קאָמונע פון דעם גאָר ניט ליידען. פאַר וואָס? ווייל דער יונגער עלעמענט איז בטבע קאָמוניסטיש געזאָנען. אודאי האָט איהר באַמערקט ווי צווישען גאַנץ יונגע מענשען בינדען זיך חברותות זייער לייכט, און ווי צווישען די דאָזיגע חברותות איז מען ווייניגער מקפיד אויף דעם ענין „דיינע, מיינע". עס איז מיט זיי ווי מיטן פרימיטיווען מענשען; אויך דער פרימיטיווער איז זעהר חבריש געזאָנען און אויך ביי איהם איז זעהר שוואַך די מחיצה צווישען זיינע און ניט־זיינע, „שלי שלך, שלך שלי. עם הארץ" (פרקי אבות ה'). פאַרשערם דערצעהלען איך, אַז אַלע פרימיטיווע מענשען זיינען גנבים. אַ ציוויליזירטער מענש אָבער, ווען ער ווערט עלטער באַקומט אַ שטאַרקערען געפיהל פאַר פּריוואַט אייגענטום. עס ווילט זיך איהם אַלץ

פון אחדות, וועלכעס איז דער אָביעקט פון יעדען דראַנג נאָך רעפאָרמען. פונקט אַזאַ לאַגע האָבען מיר ערשט געהאַט אין ארץ ישראל. איהר האָט דאָרט געהאַט די פרייהייט אויסצופּרואווען סאָציאַלע עקספּערימענטען אויף ערד וועלכע איהר פלעגט קריגען אומזיסט פון נאַציאָנאַל פאָנד. און איהר האָט דאָרט אויך געהאַט אַ גענוגענדען צופלוס פון אימיגראַנטען מיט וואָס כסדר צו פאַרשטאָפּען די לעכער אין די אַלטע געמיינשאַפטען (ווארעם אויך דאָרט פלעגען פון די קאָמונעס כסדר אוועקגעהן מיטגלידער נאָר עס פלעגען צוקומען אַנדערע אויף זייער פּלאַץ). אויך האָט זיך נאָך נישט געענדיגט דער דראַנג נאָך רעפאָרמען וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען אין זיבעצעהנטען יאָהר הונדערט. אין געגענטייל, ער איז נאָך דערוויילע פאַרשטאַרקט געוואָרען. ביי אידען האָט זיך איבערהויפּט דער דאָזיגער דראַנג (השכלה עפּאָכע) אָנגעהויבען אַביסעל שפּעטער. די ערשטע העלפט פון צוואַנציגסטען יאָהר הונדערט אין ארץ ישראל איז דערפאַר, בנוגע געמיינשאַפטען, עהנליך צו דער ערשטער העלפט פון ניינצעהנטען יאָהר הונדערט אין די פאַראייניגטע שטאַאטען.

אייגענס: אַן אייגענעם ווינקעל, אייגענע כלים און אפילו אייגענע פיער איילען ערד נאָך הונדערט און צוואַנציג יאָהר. נאָך מעהר, עס איז איהם אפילו אַן אונטערשייד ווי ווייט עס איז אייגענס. זאַכען וואָס ער האָט געשאַפען מיט די אייגענע הענד, אָדער פירות וואָס האָבען געוואַקסען אין זיין אייגענעם גאָרטען, זיינען איהם פיעל טייערער ווי געקויפטע, „רוצה אדם בקב שלו יותר מתשעה קבין של חבירו” (בבא מציעא ל״ח).

בנוגע צייט, זעהט עס אויס ווי צוזאַמענבונד און צוטיילונג וואָלטען זיך דאָ איינגעטיילט מיט זייער איינפלוס גלייך אויף גלייך, נעמענדיג איינער די פאַרגאַנגענהייט און דער אַנדערער די צוקונפט. ווען איהר באַטראַכט די באַציהונג פון דער פאַרגאַנגענהייט צו דער צוקונפט זעהט איהר טאַקע הויפטזעכליך דעם איינפלוס פון צוזאַמענבונד; ווען איהר באַטראַכט אָבער די באַציהונג פון דער צוקונפט צו דער פאַרגאַנגענהייט זעהט איהר גיכער דעם איינפלוס פון צוטיילונג. דאָס איז ריכטיג סיי בנוגע אידענטיטעט און סיי בנוגע פאָרטזעצונג.

נעמט אידענטיטעט. לאָגיש וואָלט אידענטיטעט באַדאַרפט אַריינגעמען אונזער פאַרגאַנגענהייט אַזוי גוט ווי עס נעמט אַריין אונזער געגענוואַרט און צוקונפט. אונזער פאַרגאַנגענהייט וואָלט דעריבער באַדאַרפט האָבען אַזאַ חלק אין אונזער פערזאָן ווי די אַנדערע צוויי צייטען; עפּעס וואָס מיר זיינען געווען אין דער פאַר־גאַנגענהייט וואָלט שטענדיג באַדאַרפט מיט זיך פאָרשטעלען עפּעס פון אונזער וועזען; אויב איינער איז ווען עס איז געווען אַ בעטלער אָדער אַן עם הארץ איז ער טיילווייז אַ בעטלער אָדער אַן עם הארץ. 1) שפלות פון אונזער פערזאָן אין דער פאַרגאַנגענהייט וואָלט אונז דעריבער באַדאַרפט פאַרשאַפען די זעלבע ליידען ווי שפלות פון דער זעלבער פערזאָן אין די אַנדערע צוויי צייטען. פאַקטיש איז עס אָבער נישט אַזוי. ניט נאָר פאַרשאַפט עס אונז ניט קיין ליידען, נאָר מיר זיינען אפילו צופרידען צו זיין אין דער פאַרגאַנגענהייט שפל׳ער. עס זעהט אויס ווי מיר קוקען אויף אונזער פאַרגאַנגענהייט ווי אויף אַ פרעמדער פערזאָן, מיט וועלכער מיר פאַרגלייכען זיך און מיר מעסטען זיך, און וואָס שפל׳ער די דאָזיגע פערזאָן איז אַלץ מעהר

---

1) יענעם נעמען מיר אויף מיט אונזערע אויסערליכע חושים און מיטן שכל — נישט מיט אונזער אינערליכען חוש — דערפאַר באַטראַכטען מיר איהם אַזוי ווי ער דאַרף אויפגענומען ווערען לאָגיש; אַ פלעק אויף־יענעמ׳ס פאַרגאַנגענהייט בלייבט פאַר אונז אַן אייביגער פלעק אויף זיין פערזאָן. אַ מענש קען אפילו פאַרלירען אין אונזערע

פרינציפען

פיהלען מיר אונזער אייגענער דערהויבענקייט. דערפאַר פיהלען מיר זיך זעהר גוט אַלס בעלי תשובה, „יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה מכל חיי העולם הבא" (פרקי אבות ד'), ווארעם אין פאַרגלייך מיט אונזערע שלעכטע מעשים אין דער פאַר־גאַנגענהייט קומען אויס אונזערע יעצטיגע גוטע מעשים דאָפּעלט גוט, „זדונות נעשות לו כזכיות" (יומא פ"ו); און ווען מיר דערגרייכען אַ מדריגה וואָס גוטע מעשים פאַרשאַפען אונז אַ גייסטיגען געַנוס — מיר טוהען תשובה מאהבה — איז דאַ דער גייסטיגער געַנוס אונ־זערער דאָפּעלט גרויס, „מקום שבעלי תשובה עומדים צדיקים גמורים אינם עומדים" (ברכות ל"ד).

און דאָס זעלבע איז מיט פאַרטזעצונג. לאַגיש קען אויך דאַ די פאַרבינדונג אַנדערש ניט פאַרשטאַנען ווערען ווי אַ געגענזייטיגע. פאַקטיש איז זי אָבער אויך דאַ נאָר אַן איינזייטיגע. עלטערען פיהלען טאַקע דעם וועזען פון זייערע קינדער ווי אַ המשך פון זייער אייגענעם וועזען, קינדער פיהלען אָבער ניט דאָס זעלבע וועגען דעם וועזען פון זייערע עלטערען. עלטערען טראָגען טאַקע איבער אַלע זייערע אַספּיראַציעם אויף דעם וועזען פון זייערע קינדער; דער גליק פון די קינדער איז זייער גליק און דער ערפאָלג פון די קינדער איז זייער ערפאָלג, „ברא מזכה אבא" (סנהדרין ק"צ). נישט אַזוי אָבער די קינדער. אודאי זיינען זיי צופרידען וואָס די עלטערען געהט גוט, און אודאי נעמען זיי זיך איבער מיט דעם ערפאָלג פון זייערע על־טערען; די דאָזיגע צופרידענהייט און דער דאָזיגער איבערנעמען־זיך זיינען אָבער גאַנץ ווייט פון געפיהל פון אייגענעם גליק און אייגע־נעם ערפאָלג. דער גליק פון עלטערען פאַרשאַפט אַ נחת רוח ווי דער גליק פון אַ פריינד, אַ רבין און אַ בעל־טובה; עס קען אָבער ניט פאַרטרעטען דעם אייגענעם גליק. דער ערפאָלג פון עלטערען איז גאַנץ אַנגענעם. עס מיינט אייגענע גוטע אָפּשטאַמונג; עס מיינט גרויסקייט וואָס איז נאָהנט צו זיך; עס מיינט אָבער דאָך ניט קיין אייגענע גרויסקייט, „אבא לא מזכה ברא". עס איז אַזוי ווייט פון דעם, אַז זעהר אָפט איז די הנאה פון די עלטערען׳ס ערפאָלג צוגע־מישט מיט אַ פאַרדרוס פון אייגענעם מיסערפאָלג — אַט ווי איהר ווייסט ווי עס איז אומאַנגענעם צו זיין אַ קליינער זון פון אַ גרוי־סען טאַטען.

אויגען אַ טייל פון זיין חשיבות בלויז צוליב דעם וואָס מיר האָבען איהם געקענט אַמאָל אַלס איינגעל, ווען ער איז נאָך נאַטירליך קיין חשוב נישט געווען. דאָס רעדט זיך נאַטירליך וועגען פשוט׳ע מענשען. בעלי מדריגה וועלען יענעם נישט מעסטען מיט קיין אַנדער מאָס וואָס זיך.

דער איינפלוס פון פארשיידענהייט

בנוגע נאָכפאָלגונג, זעהט איהר דאָ אויך גאַנץ בולט דעם איינ־פלוס פון צוטיילונג אין אַלע מינים פון דעם דאָזיגען אופן פון צו־זאַמענבונד.

איהר זעהט איהם קודם אין דעם ערשטען מין, אין דער אינ־סטינקטיווער נאָכפאָלגונג. ביים מענשען, וועט איהר אַליין צוגעבען, איז דער אינסטינקט ניט דער איינציגער טאָן געבער. זעהר אָפט ווענדעט זיך דער מענש צום פאַרלאַמענט פון באַזונדערע מיינונגען. און ווייטער וועט איהר צוגעבען, אַז אַ באַשלוס פון דעם דאָזיגען דעמאָקראַטישען פאַרלאַמענט פאָלגט אַ מענש אוים פיל גערנער — אויב אפילו ניט אַזוי שנעל און נויטווענדיג — ווי אַ באַפעהל פון דיקטאַטאָרישען אינסטינקט. מיטן אינסטינקט איז ער גאָר נישט אַלע מאָל אַזוי שוה בשוה. זעהר אָפט רעוואָלטירט ער געגען זיין איינפלוס, פּרובירט זיך ווערען, סטאַרעט זיך איהם באַקעמפען, און אפילו איהם טאָהן צו להכעים, „אוהב לפרוק ושונא לטעון, מצוה בשונא, כדי לכוף את יצרו" (בבא מציעא ל"ב).

איהר זעהט איהם דאָן אין צווייטען מין, אין דער עסטעטישער נאָכפאָלגונג. באַטראַכט נאָר די פאַנטאַזיע פון קינסטלער וועט איהר זעהן, אַז זי וויקעלט זיך ניט אוים בלויז אין דער לענג, נאָר זי שפּרייט זיך אויך אוים אין דער ברייט; זי האַלט ניט אין איין וואַנ־דערען פון אָביעקט צו אָביעקט, נאָר זי שטעלט זיך קודם אָפּ אויף יעדען אָביעקט באַזונדער, פאַרטיפט זיך אין איהם, דרינגט אריין אין אַלע זיינע ווינקאַלאַך, פונקט ווי זי וואָלט אויף איהם געוואָלט מאַכען איהר שטענדיגען נעסט. דורך די דאָזיגע אָפּשטעלען ווערט נאַטירליך די ליניע פון נאָכפאָלגונג כסדר איבערגעריסען, און מען מוז איהר כסדר אָנהויבען ציהען פון דאָס ניי. קומט אוים אַז די פאַנטאַזיע פון קינסטלער באַשטעהט בעצם פון באַזונדערע פאַנטאַ־זיאַלאַך, צונויפגעצויגען ווי פּערעל אויף אַ שנירעל. און קיין ספק ניט אַז די דאָזיגע קינסטלערשע פאַנטאַזיע געפעלט אייך פיל בע־סער ווי די ניט־קינסטלערשע פאַנטאַזיע, די וועלכע האַלט אין איין וואַנדערען אין אַ גלייכער ליניע פון נאָכפאָלגונג, ניט קענענדיג אין ערגעץ אָוועקשטעלען אַ פוס.

דאָס זעלבע איז מיט דעם דריטען מין, מיט דער לאָגישער נאָכפאָלגונג. דער לאָגישער כח פון אַנאַליז פאַרשאַפט אייך אודאי ניט ווייניגער פרייד ווי דער לאָגישער כח פון דעדוקציע. אויב איהר האָט אַמאָל געלערענט אין אַ ליטווישער ישיבה באַדאַרפט איהר נאָך אודאי געדענקען די הנאה וואָס איהר האָט געהאַט פון אַ געלונגענעם חילוק, וואָרעם חילוקים זיינען דאָך דאָן געווען אייער הויפט ספּאָרט. אויך היינט האָט איהר אודאי הנאה פון אַ געפעפּערטען וויץ. וואָס

פּרינציפּען

איז אָבער דאָ אין וויץ, וואָס מאַכט אויף אייך אַזאַ אנגענעמען איינדרוק? טאַקע מערסטענס אַ דערקענטעניש פון אַ חילוק. אין וויץ ווערען געוויינליך צונויפגעבונדען זאַכען וועלכע זיינען בעצם פונאַנדערגעטיילט, און ווען איהר דערקענט דער דאָזיגער פונאַנדערגעטיילטקייט, ווערט איהר דערפון אַזוי דערפרייט, אַז עס ענדערט זיך מיט אַמאָל אייער גאַנצע שטימונג. די דאָזיגע פּלוצלינגע ענדערונג אין שטימונג רופט אַרויס אַ פּלוצלינגער פיזאָלאָגישער ענדערונג, אַ צושטאַנד וועלכען איהר ערפּאַרט ביים לאַכען. 1)

דער איינפלוס פון צוטיילונג אין פערטען מין, אין דער פּאַקטישער נאָכפאָלגונג, איז דער איינפלוס פון פרייהייט, וועלכען מיר האָבען שוין דערמאָנט רעדענדיג וועגען רעפאָרם, און וועגען וועלכען עס וועט נאָך אונז אויסקומען צו ריידען. דאָ איז פונדעסטוועגען דער פּאַסיגסטער אָרט זיך פונאַנדערצוקלייבען פּיל ווייניג אין מהות פון דעם דאָזיגען באַגריף, אין זיין פאַרהעלטעניש צו אורזאַכליכקייט און אין זיין באַנוצונג אין געוויינליכען געשפּרעך.

קודם איז קלאָר אַז דער באַגריף פרייהייט מוז מיינען פרייהייט אויף ביידע זייטען, סיי אויפן פּאָזיטיווען זייט און סיי אויפן נעגאַטיווען זייט: אַ פרייער טהאָט דאַרף זיין פּונקט אַזוי פריי אָנצוגעהן אָדער ניט אָנצוגעהן; אַ פרייע געשעהעניש האָט באַדאַרפט פּונקט אַזוי קענען געשעהן אָדער ניט געשעהן אא״וו. דאָס איז אין היפוך צו אורזאַכליכקייט, אויב אורזאַכליכקייט מיינט אַז יעדע זאַך מוז קומען פון אַן אורזאַך, ד״ה אַז אַ זאַך קען ניט קומען אָהן אַ

---

1) וועגען די פּסיכאָלאָגישע סיבות פון לאַכען איז שוין אפילו פּיעל געשריבען געוואָרען. לוידער איז נאָך אָבער דער דאָזיגער ענין ווייט פון זיין געשלאָסען. דער ענגלישער פילאָזאָף האָבעס האָט אָנגענומען, אַז לאַכען קומט פון צופרידענהייט מיט דער אייגענער חשיבות, וועלכע ווערט שטאַרק אויפגעהויבען אין אַ פאַרגלייך מיט אַ פאַל פון אומפאַלשטענדיגקייט פון עפּעס אַנדערש. די דאָזיגע מיינונג איז אָבער אָפּגעפרעגט שוין דורך דעם אַליין וואָס מיר לאַכען גאַנץ האַרציג אפילו אין פאַלען וואו יענעמ׳ס חשיבות ווערט פאַרקערט אויפגעהויבען, ניט די אייגענע. מיר לאַכען, למשל, פון חכמה׳לאַך פון יענעמ׳ס קליינע קינדער. אויך לאַכען מיר פון איינעמס אַ זעהר־שכל׳דיגער איינפאַל, עפּעס וואָס דריקט אויס יענעמ׳ס שאַרפזין אין אַ הויכער מאָס, אפילו ווען עס איז נישט אויף אימיצען אַנדער׳ס חשבון. מהאי טעמא איז אויך אָפּגעפרעגט בערגסאָן׳ס טעאָריע, אַז לאַכען איז אַ מין געזעלשאַפטליכע שטראָף פאַר אומבויגזאַמקייט, אַ בייטש וועלכעס האַלט אונז אין שפּאַן און טרייבט אונז זיך מיטצודרעהען אין ראָד פון דער געזעלשאַפט. שאָפּענהויער׳ס מיינונג, אַז מיר לאַכען פון ניט־צוזאַמענפּאַסיגקייט (וועלכעס איז דאָ אָנגענומען געוואָרען), דריקט אויס בלויז אַ האַלבען אמת, ווייל, ווי געזאָגט, לאַכען מיר דאָך אויך פון אַ חריפות׳דיגער דעדוקציע, ד״ה גראַד פון סופּער־צוזאַמענפּאַסיגקייט. דער גאַנצער אמת איז דערפאַר, אַז מיר לאַכען פון ביידע, סיי פון אַ חסרון און סיי פון אַ יתרון אין צוזאַמענפּאַסיגקייט. דאָס ערשטע פאַרשאַפט אונז אַ געגוס מיט איהר צוטיילטקייט און דאָס צווייטע, מיט איהר צוזאַמענבונד. מיר לאַכען פּיעל עפטער און שטאַרקער פון דאָס ערשטע ווי פון דאָס צווייטע, ווייל ערשטענס, נעמט אויף דאָס ערשטע סיי צוטיילטקייט און סיי צוזאַמענבונד (זאַכען מוזען דאָך זיין אויף עפּעס אַן אופן

דער איינפלוס פון פארשיידענהייט

אורזאַך און ווען עס איז דאָ איהר אורזאַך מוז די זאַך קומען. ווארעם אויף אַזאַ אופן, איז אָדער אַ זאַך מוז קומען, ווען זי האָט אַן אורזאַך, אָדער זי קען ניט קומען, ווען זי האָט ניט קיין אורזאַך — גלייכע מעגליכקייט אויף ביידע זייטען איז דאָ אויסגעשלאָסען.

איינזעהענדיג אַז אין גאַנצען אָהן פרייהייט קען די עקזיס־טענץ ניט באַגריפען ווערען, איבערהויפּט ווען מען זוכט זיך אָפּ־שטעלען ביי עפּעס אַן אָנפאַנג, האָבען מאַנכע פילאָזאָפען געפּרואווט מאַכען שלום צווישען אורזאַכליכקייט און פרייהייט דורך אַזאַ שפּי־צעל: אַ זאַך קען קומען אָהן אַ אורזאַך ווען זי האָט אין זיך זעלבסט די אורזאַך פון איהר קומען. אַזאַ זאַך איז פריי מיט דעם וואָס עס איז אומאָפּהענגיג פון יעדער אַנדער זאַך, נאָר פונדעסטוועגען איז עס ניט געגען דעם כלל, אַז יעדער זאַך מוז האָבען אַן אורזאַך, ווייל עס האָט דאָך אַן אורזאַך פון איהר זיין אין זיך זעלבסט.

אָבער זעלטען ווען איז אַ וואָרט אַזוי מיסברויכט געוואָרען ווי אין דעם דאָזיגען סאָרט שלום־מאַכען צווישען אורזאַכליכקייט און פרייהייט. די פילאָזאָפען וואָס האָבען זיך באַנוצט מיט דעם דאָ־זיגען שפּיצעל, האָבען, במחילת כבודם, אָדער מיספאַרשטאַנען דעם באַגריף פרייהייט, אָדער פּשוט געזוכט אָפּצונאַרען דעם עולם, באַ־צייכענענדיג אַלס פריי דאָס וואָס האָט בלויז אַ כאַראַקטעריסטיק פון אַ פרייער זאַך, אָבער איז בעצם דער היפוך פון פריי. ווארעם אַ זאַך וואָס האָט די אורזאַך פון איהר עקזיסטענץ אין זיך זעלבסט, האָט דאָך סוף כל סוף אַן אורזאַך צו עקזיסטירען, און מוז דערפאַר עקזיסטירען, ווי יעדער זאַך וואָס האָט אַן אורזאַך צו עקזיסטירען

צוזאַמענגעבונדען כדי מיר זאָלען ווערען בעאײַנדרוקט פון זייער ניט־צוזאַמענפּאַסיגקייט), בעת דאָס צווייטע דאַרף בעאײַנפלוסען בלויז מיט איהר צוזאַמענבונד. צווייטענס, קומט אונז אָן די צוטיילונג לייכטער צו דערקענען ווי דעם חריפות׳דיגען לאָגישען צוזאַמענבונד, צו וועלכען מיר קענען צוקומען נאָר דורך איבערשפּרינגען עטליכע טרעפּ. דערפאַר טאַקע קענען מערסטע מענשען דעם דאָזיגען צוזאַמענבונד איבערהויפּט נישט תופס זיין, און די וואָס זיינען איהם שוין יע תופס קומט עס זיי געוויינליך אָן מיט אָנשטרענגונג און מיט צייט־צואוואַסערונג, אַזוי אַז די צופרידענהייט דערפון ווערט שוין אויסגעוועבט. לייכטער איינהייטס שטאָף מאַכט אייך טאַקע דערפאַר זעהר האַרציג לאַכען. אַזוי לאַכט איהר גאַנץ לייכט ווען דער קאָמיקער מאַכט נאָך פּינקטליך אַ טיפּ וואָס איהר קענט, אָדער ווען איהר דענקט אַז דעם קאָמיקערס מינע דריקט ריכטיג אויס אַ געוויסע סיטואַציע. אויך זעהט איהר ווי מענשען וואָס זיינען פון זייער נאַטור פריינדליך צו אַלעמען (וואָס פיהלען אַביסעל מעהר דעם צוזאַמענבונד) שמייכלען שטענדיג. מיט דעם וואָס איז דאָ געזאָגט געוואָרען איז נאָך נאַטירליך דער ענין לאַכען נישט אויסגעשעפּט; אַסאַך ווענדט זיך אָן דעם צו דער אָביעקט רופט אויך נישט אַרויס קיין אַנטי־לאַכענדע געפיהלען, ווי אַכטונג אָדער טרויער. אויך ווענדט זיך אַסאַך אָן דער שטימונג פון לאַכער: ווען מען געפינט זיך אין אַ פרעהליכער שטימונג איז גענוג אַ קלייניגקייט צו פאַרפולען די שמחה — לאַכט מען פון קלייניגקייטען, לאַכט מען מעהר. יונגע און געזונטע מענשען לאַכען דערפאַר גיכער ווי אַלטע און קראַנקע. אויך אין אַ גרופּע לאַכט מען מעהר, ווייל דאָרט קומט נאָך צו די פרעהליכקייט מחמת קאָמפּאַניע. אָבער דאָ איז פאַרשטעהט זיך נישט דער פּלאַץ אויף דעם אַלעמען זיך אָפּצושטעלען.

פרינציפען

(אין דעם איז קיינער ניט געווען מחולק, אז אויב עס איז דאָ אַ זאַך וואָס האָט די אורזאַך פון איהר עקזיסטענץ אין זיך זעלבסט עקזיסטירט זי נויטיגערווייזע); און אַ זאַך וואָס מוז עקזיסטירען איז דאָך פאַרשטעהט זיך ניט פריי צו עקזיסטירען אָדער ניט עקזיסטירען, אַזוי ווי עס פאָדערט דער באַגריף פרייהייט.

אמת טאַקע, אַז אַ פרייע זאַך טאָר ניט האָבען צו פאַרדאַנקען איהר עקזיסטענץ עפּעס אַנדערש, ווייל איהר עקזיסטענץ טאָר דאָך ניט זיין פאַראורזאַכט דורך קיין זאַך. אַ פרייע זאַך דאַרף דערפאַר זיין אומאָפּהענגיג, דאַרף עקזיסטירען פון זיך זעלבסט — און אין דעם איז טאַקע אַ פרייע זאַך עהנליך צו אַ זאַך וואָס האָט די אורזאַך פון איהר עקזיסטענץ אין זיך זעלבסט. אָבער דאָס מיינט נאָך ניט אַז יעדער זאַך וואָס באַזיצט די כאַראַקטעריסטיק פון אומאָפּהענגיגקייט איז שוין מיט דעם אַליין פריי. כדי אַ זאַך זאָל זיין פריי מוז איהר עקזיסטענץ גאָר קיין אורזאַך ניט האָבען, מוז זי אופגענומען ווערען ווי עפּעס וואָס פאַנגט זיך אָן אַ יש מאין, און זי מוז קענען פונקט אַזוי גוט זיך אָנפאַנגען ווי זיך נישט אָנפאַנגען, עקזיסטירען ווי ניט עקזיסטירען, און אָט די דאָזיגע וועזענטליכע כאַראַקטעריסטיק פון פרייהייט פעלען דער זאַך וואָס האָט די אורזאַך פון איהר עקזיסטענץ אין זיך זעלבסט, ווייל אַזאַ זאַך וואָלט דאָך געמוזט עקזיסטירען אייביג און וואָלט דאָך ממילא קיין מאָל זיך נישט געקענט אָנפאַנגען.

אַזאַ זאַך איז אפילו ווייניגער פריי פון אַ זאַך וואָס האָט די אורזאַך פון איהר עקזיסטענץ אויסער זיך. ווארעם אַ זאַך וואָס האָט אין זיך זעלבסט די אורזאַך פון איהר עקזיסטענץ, האָט דאָך ממילא פאַראייניגט דער אורזאַך און דעם עפעקט אין איין עקזיסטענץ אַזוי, אַז איינס קען ניט עקזיסטירען אָהן דאָס אַנדערע — די אורזאַך מוז פאַראורזאַכען דעם באַשטימטען עפעקט און דער עפעקט מוז האָבען דער באַשטימטער אורזאַך. אַזאַ עפעקט מוז עקזיסטירען לויטן כלל, אַז אַן אורזאַך מוז האָבען אַן עפעקט, אָדער אַז דאָס וואָס האָט אַן אורזאַך צו עקזיסטירען מוז עקזיסטירען. דאַגעגען, אַ זאַך וואָס האָט די אורזאַך פון איהר עקזיסטענץ אויסער זיך, וואו די אורזאַך און דער עפעקט זיינען צוויי באַזונדערע זאַכען, פאַרבונדען בלויז דורך עפּעס אַ פאַרמיטלונג פון פאַלגען, דאָרט קען זיין אַז די אורזאַך זאָל ניט פאַראורזאַכען דעם באַשטימטען עפעקט — אָדער צוליב דעם וואָס די פאַרמיטלונג וועט ניט אַרבעטען ווי געהעריג, אָדער צוליב דעם וואָס די אורזאַך קען זיך אויסלאָדען דורך אַן אַנדער עפעקט. למשל, ווען אַ מענש זאָל וועלען אַרבעטען צוליב דעם וואָס דורך אַרבעט קען ער פּראָגרעסירען, קען זיין אַז אַן אַנדער מענש

זאָל ניט איינזעהן אַז דורך אַרבעט קען ער פּראָגרעסירען, און נאָך אַן אַנדער מענש זאָל געפינען אַז ער קען פּראָגרעסירען דורך עפּעס אַנדערש; דאַגעגען, ווען אַ מענש זאָל וועלען אַרבעטען צוליב דעם וואָס דער דאָזיגער ווילען זאָל ליגען אין דער עצם נאַטור פון מענשען, וועט יעדער מענש מוזען וועלען אַרבעטען.

קומט אויס, אַז אַ זאַך וואָס האָט די אורזאַך פון איהר עקזיסטענץ אין זיך זעלבסט מוז גיכער עקזיסטירען ווי אַ זאַך וואָס האָט די אורזאַך פון איהר עקזיסטענץ אויסער זיך, אַדער, די צווייטע האָט מעהר מעגליכקייט ניט צו עקזיסטירען ווי די ערשטע. און אַזוי ווי פרייהייט איז אַ גלייכע מעגליכקייט צו עקזיסטירען און ניט עקזיסטירען, דאַרף פרייהייט געמאָסטען ווערען מיט דער מאָס פון דער דאָזיגער מעגליכקייט — וואָס מעהר אַ זאַך פאַרמאָגט אַזאַ מעגליכקייט אַלץ פרייער איז זי. קומט ווידער אויס, אַז אַ זאַך וואָס האָט די אורזאַך פון איהר עקזיסטענץ אויסער זיך, האָבענדיג מעהר מעגליכקייט ניט צו עקזיסטירען איז זי ממילא פרייער פון אַ זאַך וואָס האָט די אורזאַך פון איהר עקזיסטענץ אין זיך זעלבסט.

איהר קענט אפילו פּרובירען אָפּפרעגען דעם דאָזיגען אַרגומענט מיט דער אַלטער דעטערמיניסטישער טענה, אַז אונטער די עקזיסטירענדע אומשטענדען האָט די פּאַרמיטלונג צווישען דער אורזאַך און דעם עפעקט געמוזט אַרבעטען ווי געהעריג, און די אורזאַך האָט זיך געמוזט אויסלאַדען דורך דעם באַשטימטען עפעקט, אַז דאָס אַליין וואָס דער עפעקט עקזיסטירט איז אַ סימן, „איגלאי מילתא למפרע", אַז ער האָט געמוזט עקזיסטירען.

איהר וועט אָבער צוגעבען, אַז ווי באַלד דער דאָזיגער עפעקט האָט נאָר געמוזט עקזיסטירען אונטער די עקזיסטירענדע אומשטענדען, און ניט אונטער אַנדערע אומשטענדען, איז זיין נויטיגקייט געווען באַדינגט פון די דאָזיגע אומשטענדען. ער איז דערפאַר ניט געווען אומבאַדינגט נויטיג, אַזוי ווי דער עפעקט וואָס האָט די אורזאַך פון זיין עקזיסטענץ אין זיך זעלבסט. און באַדינגטקייט נעמט שוין אויף מעגליכקייט — אונטער אַנדערע באַדינגונגען קען עס זיין אַנדערש — און נעמט שוין ממילא אויף פרייהייט.

איהר קענט אויך נישט פאַרוים-זאָגען די עקזיסטענץ פון אַזאַ עפעקט, אפילו ווען איהר זאָלט קענען אוים׳חשבונ׳ען אַלע פאַלגען וואָס וועלען בילדען די עקזיסטירענדע אומשטענדען, ווייל עס קען דאָך געמאָלט זיין אַ פרייע יצירה, 1) אַ געבורט פון אַ יש מאין, וואָס

1) דאָ איז נאַטירליך נישט דער פּלאַץ צו רעדען וועגען דער מעגליכקייט פון אַ פרייער יצירה, וועלכעס איז אַן אַלטע פילאָזאָפישע פּראָבלעמע, מיר וועלען נאָך צו דעם זיך אומקערען אין נעקסטען קאַפּיטעל.

זאָל זיך צולייגען צו די אומשטענדען און ענדערען אייער חשבון. דאַגעגען, אַן עפעקט וואָס איז אומבאַדינגט נויטיג קען ניט באַרירט ווערען פון אַזאַ פרייער יצירה, סיידען עס זאָל איהם טרעפען דירעקט אין פינטעל און פאַרניכטען זיין עצם נאַטור, עס זאָל שאַפען אַן אין מיש — אַ זאַך וואָס איז געגען דעם פרינציפּ פון פראָגרעס.

אַ זאַך וואָס האָט די אורזאַך פון איהר עקזיסטענץ אין זיך זעלבסט איז דערפאַר אַמווייטסטען פון אַ פרייער זאַך. צווישען די 2 זיינען דאָ פאַרשיידענע מדריגות פון פרייהייט — מדריגות וועלכע ווערען געמאָסטען לויט דער מעגליכקייט פון עקזיסטירען און נישט עקזיסטירען. דערפאַר איז די אינסטינקטיווע האַנדלונג ווייניגער פריי ווי די געוועהלטע, די האַנדלונג פון שקלאַף, וועלכער מוז טאָהן דעם ווילען פון בעל הבית, איז ווייניגער פריי ווי די האַנדלונג פון פרייען מענשען, וועלכע קען זיך ביי יעדער באַגעגענטער שוועריג־קייט אָפּשטעלען. [1]

לויט דעם זעלבען כלל, קען פרייהייט אויך געמאָסטען ווערען מיט דער דירעקטקייט פון דער פאַרבינדונג צווישען דעם עפעקט און זיין ענדליכער אורזאַך (צווישען דער האַנדלונג און איהר צוועק) — וואָס דירעקטער עס איז די דאָזיגע פאַרבינדונג, וואָס ווייניגער זי נויטיגט זיך אין פאַרמיטלונגען, אַלץ ווייניגער פריי איז דער עפעקט. וואָרעם ווען די פאַרבינדונג נויטיגט זיך אין ווייניגער פאַרמיט־לונגען, איז דאָך קודם דאָ ווייניגער שאַנסען אַז עפּעס אַ פאַרמיטלונג זאָל ניט אַרבעטען ווי געהעריג, אָדער אַז די אורזאַך זאָל זיך אוים־לאָדען דורך אַן אַנדער עפעקט, און דערפאַר איז דאָ ווייניגער מעג־ליכקייט אַז דער עפעקט זאָל ניט עקזיסטירען, און ממילא איז ער ווייניגער פריי.

און אַ חוץ דעם ווירקט די אומדירעקטקייט אַליין צו מאַכען שוואַכער דעם צוואַנג פון דער אורזאַך. אפילו אַ בלויזע הפסקה פון צייט, אַ הפסקה אָהן קיינע חשבונות, מאַכט אייך פיעל פרייער אין אייערע האַנדלונגען. ווען עס מאַכט זיך אַז עס געהט אַריבער אַ שטיקעל צייט פון דער אורזאַך פון אייער כעס, למשל, ביז אייער האַנדלונג, וועט איהר שוין קיין נאַרעשקייט ניט באַגעהן, אפילו איהר זאָלט ווערענד דער צייט ניט טראַכטען איבער די פאָלגען פון

---

2) בכלל איז אַ מענש פיעל ענטשלאָסענער אין זיינע האַנדלונגען ווען ער קען זיך מיט זיי אָנשפּאַרען אויף די ברייטע פלייצעס פון אימיצען אַנדערש, ווי ווען ער מוז זיך אין גאַנצען שטיצען אויפן אייגענעם געדאַנק, „עשה לך רב והסתלק מן הספק“ (פרקי אבות א׳). אַ זאַך וואָס העגנט אָפּ אָן אייגענעם געדאַנק איז דערפאַר איהר קומען ווייניגער באַשטימט ווי ווען זי העגנט אָפּ אָן דעם אַנדערענס געדאַנק (גיטין כ״ה).

אייערע האַנדלונגען (דער הויפּט חסרון פון כעס איז טאַקע דאָס וואָס די הארמאנס מאַכען אייך דאַן האַנדלען צו שנעל).

פון דעם פאָלגט אַז די כעמישע אָדער פיזישע ערשיינונגען זיינען ווייניגער פריי, אָדער מעהר נויטיג, ווי די האַנדלונגען פון אַ לעבעדיגען וועזען, וועלכע מוזען דאָך שטענדיג אַדורכגעהן דער פאַרמיטלונג פון עפּעס אַ קאָנטראָלירענדען פּונקט (אַ נוקלעאוס אָדער אַ נערוועזן קנופּ). און צווישען די האַנדלונגען פון די לעבעדיגע וועזנס מוזען, פאַרשטעהט זיך, זיין דעם מענשען'ס האַנדלונגען די פרייסטע — פּונקט ווי צווישען דעם מענשען'ס האַנדלונגען גופא מוזען זיין די דירעקטערע, די בהול'דיגערע, די ניט־אויסגע'חשבונ־טערע ווייניגער פריי.

דערפאַר טאַקע נעמט איהר אויף דעם בעל־תאוה אַלס שקלאַף, ווייל די ליידענשאַפטען שטעלען דאָך מיט זיך פאָר אַ ניט־אויסגע־חשבונ'טען וואונש פון דעם געגענווערטיגען מאָמענט. און פּונקט אַזוי זיינען די האַנדלונגען פון אַ שקלאַף דירעקטער, נעהנטער צו זייער צוועק, ווי די האַנדלונגען פון אַ פרייען מענש. ווארעם בעת דער צוועק פון פרייען מענשען'ס האַנדלונגען קען זיין אַ ווייט אויס־גע'חשבונ'טע גוטס, איז דער צוועק פון שקלאַף'ס האַנדלונגען (דאָס וואָס ער האָט בשעת מעשה אין זינען) דער דירעקטער ווילען אָדער באַפעל פון זיין בעל הבית, אָבער ניט זיין אייגענע אויסגע'חשבונ־טע גוטס.

ווי מען זעהט, איז די געוויינליכע באַנוצונג פון וואָרט פריי־הייט, ווי אַ קאָנטראַסט צו שקלאַפעריי און דיקטאַטור, פיל מעהר באַרעכטיגט ווי די אויסטייטשונג וואָס מאַנכע פילאָזאָפען האָבען געגעבען דעם דאָזיגען וואָרט. נאָר פונדעסטוועגען טאָר די דאָזיגע באַנוצונג פון וואָרט פרייהייט אויך ניט גענומען ווערען מעהר ווי אין אַ טיילווייזען אָדער רעלאַטיווען זין — דער בן־חורין און דער מעסיגער זיינען פרייער, זיינען ווייניגער געדריקט פון דער אורזאַכ־ליכקייט'ס צוואַנג, ווי דער שקלאַף און בעל־תאוה. אבסאָלוט פריי זיינען זיי אָבער ניט. כדי עפּעס זאָל זיין אבסאָלוט פריי מוז פון דעם אורזאַכליכקייט אין גאַנצען באַזייטיגט ווערען, מוז זיך עס באַוועגען גאָר אָהן אַ גרונד, אָהן אַ פאַר־וואָס; און דאָס קען נאָר, ווי געזאָגט, פאָרקומען דורך דעם געבורט פון אַ יש מאַין. 1)

---

1) דער ענין פרייהייט האָט זעהר גרויסע לאָגישע שוועריגקייטען — שווערי־קייטען וועלכע מען קען נישט און מען דאַרף נישט איבערקומען. וועגען דעם וועלען מיר ריידען ווייטער. צווישען זיי זיינען אָבער אויך דאָ אַזוינע, וועלכע האָבען זיך גענומען פון דעם וואָס דער באַגריף פרייהייט אָדער דער ענין גערעכטיגקייט איז נישט ריכטיג פאַרשטאַנען געוואָרען; אודאי דאָזיגע שוועריגקייטען האָבען גראד מעהר ווי די אַנדערע

פרינציפען

דאָס איז בנוגע דער ערקלערונג פון באַגריף פרייהייט. זוכען, ווידער, ביישפילען צו באַשטעטיגען דעם איינפלוס פון פרייהייט אויף אונזערע געפיהלען, גלויב איך ניט אַז עס לוינט זיך, מחמת אודאי ווייסט איהר אַליין דעם פּלאַץ וואָס פרייהייט פאַרנעמט אין די מענש־ליכע שטרעבונגען. אויך ווייסט איהר געוויס אַז אין אַלע מאָראַלישע סיסטעמען איז פרייהייט פאַררעכענט געוואָרען צווישען די העכ־סטע טוגענדען. ביי מאַנכע (ווי די ציניקער, די סטאָאיקער, אָדער שאָפּענהויער צווישען די מאָדערנע) איז פרייהייט אפילו אויפגענומען געוואָרען אַלס די איינציגע טוגענד. און אודאי איז אייך אויך באַ־קאַנט די באַהויפּטונג פון עמנואל קאַנט, אַז פרייהייט איז אַ באַדינג פאַר יעדער מאָראַלישער האַנדלונג, אַז אַ האַנדלונג וואָס ווערט פאַר־בונדען מיט עפּעס אַ מאָטיוו קען שוין צוליב דעם אַליין נישט זיין מאָראַליש.

וועגען דער מעגליכקייט פון פרייהייט וועלען מיר רעדען אין נעקסטען קאַפּיטעל, ביי דעם ענין פון פּראָגרעס.

ז.

ענדליך קומען מיר צו דער לעצטער פאַרשיידענהייט׳ס פאָר־מע, צו פילהייט. דעם איינפלוס פון פילהייט דאַרפען מיר לאַנג נישט זוכען. מיר טרעפען זיך מיט איהם אין יעדען מאָמענט און אין

אָפּט געמאַטערט די פילאָזאָפען. אַזאַ שוועריגקייט האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט די אַלטע פּראָבלעמע פון בחירה און ידיעה: דער אויבערשטער מוז דאָך וויסען אַלץ, אַנדערש וועט זיין אַ חסרון אין זיין ידיעה און ער וועט נישט זיין פאָלקאָם. ער מוז דערפאַר וויסען אַלץ וואָס אַ מענש וועט טאָהן ביזן סוף פון זיין לעבען. אָבער דאָס וואָס דער אויבערשטער ווייס קען דאָך נישט זיין אַנדערש ווי ער ווייס, ווייל ווען עס זאָל זיין אַנדערש וועט דאָך עס הייסען נישט געוואוסט; און ווי באַלד אַז עס קען נישט זיין אַנדערש וועט דאָך דער מענש מוזען טאָהן דאָס וואָס דער אויבערשטער ווייס פאָרויס — איז ווי איז מעגליך בחירה ד״ה פרייהייט פון ווילען? (דאָס וואָס אונזער צוקונפט קען הייסען דעם אויבערשטענס געגענוואַרט וועט אונז דאָ באמת גאָר נישט העלפען, ווייל סוף כל סוף בלייבט דאָך דאָ אונזער צוקונפט באַשטימטאַזוי אַז מיר קענען איהר נישט ענדערען). קען מען זיך אָבער שטאַרק דינגען אויף דער עצם הנחה, אַז ווען דער אויבערשטער זאָל נישט וויסען אין פאָרויס דאָס וואָס דער מענש וועט טאָהן מיט זיין פרייען ווילען וועט עס זיין אַ חסרון אין זיין ידיעה. ווארעם ווי באַלד אַז פרייהייט מיינט אַן ענטשטעהונג פון אַ יש מאין, מיינט דאָך דאָס אַז איידער דער פרייער טהאַט איז ענט־שטאַנען האָט ער מיט זיך פאַרגעשטעלט אַן אַבסאָלוטען אַין — און אַן אַין איז ניטאָ וואָס צו וויסען; און ווען מען זאָגט אַז דער אויבערשטער ווייס אַלץ, מיינט מען, אודאי, אַלץ וואָס איז ועזען, אָבער ניט דאָס וואָס איז ניט־וועזען, דאָס וואָס איז גאָרניט. דער וויסען פון גאָרניט איז ניט מעהר ווי דער ניט וויסען, און דערפאַר קען דער ניט וויסען פון דעם גאָר קיין חסרון ניט מאַכען אין דעם אויבערשטענס ידיעה. עס מאַכט ניט אויס וואָס שפּעטער וועט אפשר עפּעס זיין, ווי באַלד אַז אין פרייהייט האָט דער שפּעטער מיטן פריהער גאָר קיין שייכות ניט און עס איז פונקט אַזוי ווי ער וואָלט קיינמאָל ניט געוועזן. דאָס זעהט אויס צו זיין די אָנגענומענע מיינונג פון חז״ל: „ואילו צדיק ורשע לא קאמר״ (נדה ט״ז), מיינט געוויס אַז דאָס ווייס דער אויבערשטער ניט, ווארעם ביים אויבערשטען איז דאָך דער זאָגען און דער וויסען אַלץ איינס. פאַרקערט, ווידער, דער „הכל צפוי״ פון פרקי אבות (ג׳) מיינט פשוט אין דער געגענוואַרט (רש״י און ערשטער לשון רע״ב).

דער איינפלוס פון פארשיידענהייט

יעדען ווינקעלע פון אונזער לעבען. שטענדיג האַלטען מיר אין איין זאַמלען. בעת מיר זיינען גאַנץ קליין זאַמלען מיר שפּילצייג, רעם־טאַלאַך, קנעפּלאַך, פאַרצעליקעס און אויסגעלאָשענע שוועבאַלאַך. ווערען מיר אַביסעל עלטער זאַמלען מיר שול קרעדיטס, זאַמלען מיר בלאַט גמרא, און אַמאָל אויך מאַרקעס אָדער ביכער. הויבען מיר אָן צו פאַרדינען געלט גיבען מיר זיך מערסטענס אָפּ מיט זאַמלען דעם דאָזיגען אַרטיקעל, און מיר ווייסען דאָ קיין מאָל ניט ווען אויפצו־הערען. עס פּאַסירט זעהר אָפט אַז דאָס געלט קען אונז בשעת מעשה נוצען אַזוי פיל ווי די פאַרצעליקעס בעת מיר זיינען געווען קליין — הערען מיר פונדעסטוועגען ניט אויף צו זאַמלען, מיט דעם תירוץ, אַז מיר ווילען זיך פאַרגרייטען אויף דער עלטער. אָבער אויב מיר דאגה'ן זיך אַזוי וועגען דער עלטער, טאָ פאַר וואָס טשאַשען מיר אַזוי מיט אונזער געזונט אין דער יוגענט און מיר קלערען גאָר נישט וועגען היטען איהם צוליב דער עלטער? אין דען ניט וואַרשיינליכער אַז אויף דער עלטער וועט אונז גיכער אויספעלען דאָס ביסעל געזונט (דער געזונטער מאַגען למשל) ווי דאָס ביסעל געלט פונוואַנעט צו מאַכען אַ לעבען — טאָ פאַר וואָס זיינען מיר עפּעס פעסימיסטישער בנוגע אונזער געלט ווי בנוגע אונזער געזונט? בלייבט אַ קשיה. און ניט נאָר דאָס, עס פּאַסירט אויך אַמאָל אַז די באַמיהונג צו פאַר־גרעסערען אונזער פאַרמעגען שטעלט אין געפאַר אפילו אונזער ער־וואַרבענע עקאָנאָמישע זיכערהייט. וואָס איז נוגע עקאָנאָמישע זיכער־הייט (דער אַלגעמיינער תירוץ פאַר געלט גייציגקייט) קען אַזאַ באַ־מיהונג אונז בלויז ברענגען שאַדען, מיר האַלטען זיך אָבער ניט צוריק פון איינשטעלען, ווייל דער צוועק איז דאָ ניט זיכערהייט נאָר זאַמלען. זעהט איהר, ווען איהר האָט נאָך אַליין קיין געלט נישט אָנגעהויבען צו פאַרדינען, און איהר געפינט זיך נאָך אין אַ שטופּע וואָס דער וואונש צו זאַמלען דריקט זיך ביי אייך אוים אונטער עפּעס אַן אַנדער פאָרמע, דאַן האָט געלט ביי אייך אַ גאַנץ אַנדערען ווערט; ווען אַ ירושה קומט דאַן אַריין אין אייערע הענד ווערט זי זעהר גיך צורונען.

נאָר מילא, געלט, זאָגט איהר, איז שוין ביי אייך אַ געוויינהייט צו זאַמלען. אויך ווערט איהר אין דעם דאָזיגען וואונש בעאיינפלוסט פון דער מאַסע, אַלע יאָגען זיך נאָך געלט יאָגט איהר זיך אויך. אָבער פאַר וואָס ווילט איהר אַז מעהר מענשען זאָלען דאַוונען מיט אייער מנין אָדער זאָלען זיך באַטייליגען אין חברה ש"ס, אין וועלכען איהר זייט בלויז אַ צוהערער? אָדער נעמט אַזאַ קליינינגקייט. אודאי האָט איהר אַמאָל צוגעגאַנגען צום פענסטער און גלאַט אַזוי, צוליב צייט פאַרטרייב, אָנגעהויבען צו צעהלען די מענשען וואָס זיינען פאַרביי אייך פאַרבייגעגאַנגען. אויב איהר געדענקט, האָט זיך אייך דאַן

פרינציפען

געוואלט אז עס זאלען פארבייגעהן וואס מעהר מענשען, אז אייער צאהל זאל האלטען אין איין וואקסען — און וואס א שטייגער האט איהר פון דעם וואס מעהר מענשען געהען פארביי אייער פענסטער?

אדער נעמט אייער געפיהל פאר אלטע זאכען. אן אנטיק האט ביי אייך א באזונדער חשיבות, אפילו ווען עס באזיצט נישט קיין וויסענשאפטליכען ווערט. אן אלטען אך-קוטצדיגען שיר וועט איהר אופזוכען פון אונטער דער ערד און זיך באמיהען עס אפצודרוקען. איבער כלים וואס איהר האט גע'ירש'ענט פון אייערע אורעלטערען האלט איהר אין איין ציטערען. איהר וואלט וועלען אז אייער פאלק זאל האבען א וואס לענגערע היסטאריע, פונקט ווי איהר וואלט וועלען אז עס זאל באשטעהן פון וואס מעהר מיטגלידער. אלטקייט פאר א מענשען איז אודאי נים גוט. אויף דער עלטער איז מען שוין האלב טויט און מען ווייס אז באלד, באלד מוז אנקומען דער גאנצער טויט. און דאך פאר'גנב'עט זיך אויך א שטיקעל הרחבת הדעת אין האבען אפגעלעבט פיל יאהרען, און איהר מאכט זיך יובילעאומס און איהר טאנצט אויף אייערע גאלדענע חתונות.

פילהייט רופט ביי אייך אויך ארויס א געפיהל פון אכטונג. איהר ווייסט גאנץ גוט אז געלט גיט גאר נים צו צום עצם ווערט פון מענשען, איהר האט אפילו סברות אויף פארקערט, און דאך האט איהר דרך ארץ פאר א גביר. דאס זעלבע איז מיט א גרויסען עולם; אויב איהר זייט נאר נים איינגעוויינט צו רעדען פארן עולם, איז נישט נאר דער גרויסער עולם אליין, נאר אפילו זיין שאטען, די בימה, ווירקט אויף אייך אז איהר זאלט באקומען אימתא דציבורא. וואס דארפט איהר מעהר, אפילו דער דוממדיקער אקעאן מאכט אויף אייך אן היפנאטיזירענדען איינדרוק. איבערהויפט ביי נאכט, ווען אייער אייגענער לעבען'ס כח איז אביסעל אפגעשוואכט, און איהר פיהלט אויך נים ארום זיך די שטיצע פון די ארומיגע נים-וואסערדיגע געגענ־שטאנדען, דאן פאר'גנב'עט זיך ביי אייך א חשק זיך אראפצולאזען און זינקען אין אקעאנס שוים, בטל צו ווערען אין זיינע שטילע טיפע וואסערען.

און פונקט אזוי איז מיט עלטער. איהר קוקט מיט יראת הכבוד אויף א געביידע וואס שטעהט שוין טויזענטער יאהרען, אדער אויף א ווילדערניש וואס דערמאנט אייך אן גאנץ אלטע צייטען. ווער רעדט ווען עס האנדעלט זיך וועגען עלטערע מענשען, איז דער דא־זיגער געפיהל אזוי שטארק אז ער האט באקומען דעם סטאטוס פון א געזעץ, „מפני שיבה תקום והדרת פני זקן״ (ויקרא י״ט).

— אלץ אמת, אבער דאך פארשטעה איך נאך אלץ נים ווי אזוי קענען סיי איינהייט און סיי פארשיידענהייט בעאיינפלוסען

דער איינפלוס פון פארשיידענהייט

אונזער ווילען. דאָ קען נאָר זיין איינס פון דיביידע: אָדער איינ־הייט און פאַרשיידענהייט זאָלען מיט זיך ניט פאַרשטעלען קיין היפוכים, אָדער אונזער ווילען זאָל מיט זיך פאַרשטעלען אַ שטענ־דיגען שלאַכט פעלד פאַר צוויי זיך ־באַקעמפענדע פרינציפּען. וועגען דער ערשטער אַלטערנאַטיווע איז דאָך ניטאָ וואָס צו רעדען. וועגען דער צווייטער, האָט איהר דאָ ווידער אַ ממה נפשך: אָדער די צוויי זיך־באַקעמפענדע פרינציפּען זיינען גלייך אין קראַפט אָדער ניט גלייך. אין ערשטען פאַל וואָלטען זיך די דאָזיגע צוויי פרינציפּען באַדאַרפט געגענזייטיג איינשלינגען און נייטראַליזירען אַזוי, אַז עס זאָל פון ביידע ניט בלייבען קיין שריד ופליט. אין צווייטען פאַל וואָלט ווידער באַדאַרפט בלייבען נאָר איינער, דער שטאַרקערער. אָבער אַ צוטיילטע הויז אין וועלכער די צוויי געגנער זאָלען זיין ביידע פולע בעלי־בתים, דאָס קען איך ניט באַגרייפען.

— אָבער ווער האָט אייך געזאָגט אַז איינהייט און פאַרשיידענ־הייט זיינען אין דער הויז די פולע בעלי־בתים? איהר וועט אַביסעל צואוואַרטען וועט איהר זיך דערוויסען, אַז איבער די דאָזיגע צוויי פרינציפּען איז דאָ אַ העכערער פרינציפּ, אין וועמענס דינסט זיי שטעהען, און וועלכער רעגולירט זיי אַזוי, אַז נישט נאָר טוהען זיי זיך נישט באַקעמפען נאָר אין געגענטייל, זיי טוהען זיך גאָר געגענזייטיג ערגענצען — אָט ווי למשל פייער און וואַסער ערגענצען זיך בעת זיי שטעהען אין דינסט פון שמיד.

— אַזוי גאָר? זעהר אינטערעסאַנט. אדרבה, איך וואָלט טאַקע זעהר געוואָלט הערען וועגען אייער דריטען פרינציפּ, דער, אונטער וועמענס אָנפירענדע האַנד די ערשטע צוויי ווערען פון שונאים מחותנים.

פיערטער קאפיטעל

פראגרעס

די אידייע, אַז אונזער ווילען ווערט רעגירט דורך פאַרשיידענע פּרינציפּען, איז כלל ניט נייע. שוין טויזענטער יאָהרען ווי מיר הערען רעדען וועגען אַ גוטען פּרינציפּ און אַ שלעכטען, וועגען אַ יצר טוב און אַ יצר הרע. אונטער פאַרשיידענע נעמען געפינט איהר די דאָזיגע צוויי פּרינציפּען כמעט אין אַלע מאָראַלישע סיסטעמען.

איהר פרעגט: אויב דער עצם פאַקט פון פאַרשיידענע ווילענס פּרינציפּען איז איבעראַל דערקענט געוואָרען, טאָ ווי קומט עס וואָס דער גרויסער רוב איז ניט געגאַנגען אַביסעל ווייטער און דערקענט אויך די נאַטור פון דער דאָזיגער פאַרשיידענהייט? פאַר וואָס האָבען זיך עפּעס כמעט אַלע, פּה אחד, טועה געווען אין פאַרבייטען איינהייט און פאַרשיידענהייט אויף פּרינציפּען פון גוטס און שלעכטס?

מן הסתם נעמט זיך עס דערפון וואָס דער מענש אינטערעסירט זיך מעהר מיט פּראַקטיק ווי מיט טעאָריע. דער עץ הדעת איז ביי איהם קודם כל „אַ בוים פון וויסען גוטס און שלעכטס". די ערשטע זאַך וואָס האָט איהם אינטערעסירט ביים עקזאַמינירען די פאַרשיידענע וואונשען, האָט דערפאַר געמוזט זיין די פּראַקטישע זייט פון די דאָזיגע וואונשען, די מאָס גוטס און שלעכטס וואָס זיי קענען איהם פאַרשאַפען. און אַזוי האָט ער זיי קודם סאָרטירט אין גוטע און שלעכטע וואונשען. איצט, אויב די דאָזיגע וואונשען זיינען פאַרבונדען מיט פאַרשיידענע פּרינציפּען, פאַרשטעהט זיך, אַז די גוטע וואונשען מוזען זיין פאַרבונדען מיט אַ גוטען פּרינציפּ און די שלעכטע, מיט אַ שלעכטען פּרינציפּ.

נאַטירליך האָבען ניט אַלע אָפּגעפּטר'ט דעם דאָזיגען ענין אַזוי לייכט. פאַרגעסט ניט אַז סאָקראַטעסעס לאָזונג איז געווען, „קען זיך זעלבסט", סאָקראַטעס מיט זיינע תלמידים זיינען דעריבער געגאַנגען גאַנץ טיעף אין זייער סטודיום פון מענשליכען ווילען. פּלאַטאָ האָט זיך אפילו דערגרונטעוועט צו די סאַמע קוועלען פון אונזערע וואונשען. געדענקט איהר דאָך אודאי ווי אין „טימעאוס" ווערט דערצעהלט ווי די נשמה איז געבילדעט געוואָרען פון צוויי עלעמענטען, „פון זעלבען און פאַרשיידענעם". נאָר פונדעסטוועגען האָט פּלאַטאָ ניט געקענט אין גאַנצען איבעררייסען מיט דער הנחה פון „גוטען און שלעכטען פּרינציפּ", ער האָט דעריבער מצרף געווען ביידע הנחות צוזאַמען: איינהייט קומט פון גוטען פּרינציפּ און פאַרשיידענהייט

פראגרעס

— פון שלעכטען פרינציפ, פון דער פארמלאזער מאטעריע. אט דער־פאר זעהט איהר טאקע ווי ביי פלאטאן זיינען אלע טוגענדען פאר־בונדען מיט דעם איינהייט׳ס פרינציפ.

אן אנדער תלמיד סאקראטעסעס, אנטיסטען, האט, פארקערט, פארבונדען אלע טוגענדען מיט דעם פארשיידענהייטס פרינציפ. אפ־געזונדערקייט, מיסאכטונג פאר די געפיהלען פון פראפארציע און ארדנונג, אומאפהענגיגקייט לגבי דער געזעלשאפט, ווי אויך לגבי די אייגענע געוויינהייטען, און פרייהייט פון זארג פאר א פאמיליע, פונקט ווי פאר דער אייגענער צוקונפט — דאס זיינען געווען גוטע מדות ביי אנטיסטען און זיינע נאכפאלגער, די ציניקער.

פארשטעהט זיך, אז קיין ווארימער קבלת פנים האט דעם פארשיידענהייטס פרינציפ אין דעם דאזיגען אויפטריט ניט געקענט דערווארטען. די געזעלשאפט האט זיך געמוזט אפקערען מיט עקעל פון אזא אומגעזעלשאפטליכער מאראל. אפילו די מילדערע פארמע פון די סטאאיקער האט זיך אויך געקענט קלעפען נאר צו יחידי סגולה. די ראלע פון פארשיידענהייטס פרינציפ איז דעריבער פאר א לאנגער צייט געלעגען אין שאטען, ביז עמנואל קאנט האט איהר ווידער גע־פראוועט ארויסברענגען אונטער א נייער אויפלאגע.

קאנט האט אויך געהאלטען אז אונזער ווילען ווערט רעגירט דורך צוויי פארשיידענע פרינציפען, דורך אורזאכליכקייט און דורך פרייהייט. דער אונטערשייד צווישען די ביידע ווילענס פרינציפען ליגט אבער, לויט איהם, ניט אין אביעקט נאר אין מאטיוו פון ווילען. לויט ביידע פרינציפען קענען מיר וועלען דעם זעלבען אביעקט, נאר לויט דעם פרינציפ פון אורזאכליכקייט ווילען מיר דעם אביעקט ווייל דער אביעקט געפעלט אונז, לויט דעם פרינציפ פון פרייהייט ווילען מיר אבער דעם אביעקט ווייל דער ווילען געפעלט אונז. למשל, לויט דעם פרינציפ פון אורזאכליכקייט ווילען מיר העלפען אן אומגליקליכען ווייל מיר ווילען פארלייכטערען זיין אומגליק; לויט דעם פרינציפ פון פרייהייט ווילען מיר איהם העלפען ווייל אזוי דאר־פען מיר וועלען. אין ערשטען פאל טהוט די פארלייכטערונג פון יענעמס אומגליק אנרירען אונזער אן אייגענעם וואונש — א וואונש וואס נעמט זיך פון מיטגעפיהל מיט יענעמס אומגליק; מיר זיינען דעריבער אליין פאראינטערעסירט אין דער דאזיגער פארלייכטערונג, פונקט ווי מיר זיינען פאראינטערעסירט אין דער צופרידענשטעלונג פון אונזערען אן אנדער וואונש. אין צווייטען פאל, דאגעגען, טהוט אונז די עצם פארלייכטערונג פון יענעמ׳ס אומגליק ניט אינטערע־

סירען — אַלענפאַלס, ניט אויף אַזוי ווייט אַז עס זאָל זיך אונז לוינען דערפאַר מקריב זיין דעם קרבן וואָס די הילף צו יענעם פאָדערט פון אונז. נאָר וואָס דען? מיר ווערען צו דעם דאָזיגען גוטען טהאַט באַוואויגען דורך אַן אידייע אַז עס איז גוט.

פון די דאָזיגע לעצטע ווערטער קען מען שוין זעהן דעם שייכות צווישען פרייהייט און גוטס. ווארעם ווי באַלד דער פרייער ווילען ווערט נאָר באַוואויגען דורך דער אידייע פון גוטס, מוז דאָך יעדער טהאַט וואָס ווערט פאַרלאַנגט פון פרייען ווילען מיט זיך פאָרשטעלען אַ גוטען טהאַט. נאָך מער, גוטס קען איבערהויפט ניט פאָלגען פונ׳ם אורזאַכליכקייט׳ס פרינציפ. ווארעם לויט דעם דאָזיגען פרינציפ ווערט דאָך אַלץ געטאָהן צוליב אַן אייגענעם נוצען. יעדער טהאַט איז דאָ דעריבער אַן עגאָאיסטישער טהאַט; און אַן עגאָאיסטישער טהאַט קען ניט אופגענומען ווערען אַלס אַן עטישער טהאַט, מעג ער זיין ווי ווינשענסווערט. אַזוי למשל, ווערט היילען אַ קראַנקען ניט באַטראַכט פאַר קיין עטישען טהאַט, צוליב דעם וואָס עס ווערט געטאָהן פאַר געצאָלט. קומט אויס, אַז ניט נאָר איז אַלץ וואָס פאָלגט פון פרייהייט׳ס פרינציפ גוט, נאָר גוטס קען נאָר פאָלגען פון פרייהייט׳ס פרינציפ.

דאָס איז אָבער נאָר בנוגע דעם מאָטיוו פון גוטס. דער אָביעקט פון גוטס, די טהאַטען פון וועלכע דער ווילען איז אונז געפעלען, מוזען גראד זיין אַזוי ווי עס ווערט געפאָדערט דורך דעם איינהייט׳ס פרינציפ. ווארעם ווי באַלד דער ווילען צו טאָהן גוטס איז אַבסאָלוט פריי קען ער דאָך ניט זיין באַדינגט פון צייט און שטח, מוזען מיר דאָך איהם אַלע (אַלע וואָס זיינען פון מין בר דעת) באַזיצען אין אַלע צייטען. קומט אויס, אַז דאָס וואָס מיר ווינשען מיט אונזער פרייען ווילען באַזיצט די כאַראַקטעריסטיקס פון אוניווערזאַליטעט און פערמאַנענץ — אַלע מענשען ווינשען מיט זייער פרייען ווילען שטענדיג דאָס זעלבע. אנאַליזירענדיג, ווידער, די דאָזיגע לעצטע ווערטער געפינט איהר אין זיי די וואונשען פון עפעס וואָס האָט אין זיך זעלביגקייט, גלייכהייט, שותפ׳ישען אינטערעס, פערמאַנענטע אָרדנונג און נאָך אַזוינע אייגענשאַפטען וואָס פליסען פון איינהייט׳ס פרינציפ.

ווי מיר זעהען, האָט דאָ קאַנט געפרואווט די מעטאָדע פון הרכבה. דער איינהייט׳ס פרינציפ גיט אָרויס גאַנץ בע׳טעמ׳טע פירות, ער מאַכט אייך אָבער צו קאָנסערוואַטיוו און צו פאַסיוו, ער לאָזט גאָר ניט קיין פלאַץ פאַר פערזענליכער איניציאַטיווע. דער פאַרשיידענהייט׳ס פרינציפ פאָדערט גראד פון אייך כסדר׳דיגע אַקטיוויטעט און איניציאַטיווע, דערפאַר אָבער זיינען זיינע פירות זעהר ווילד און די געזעלשאַפט קען זיי נישט פאַרטראָגען. קומט קאַנט און איז מרכיב

פראָגרעס

דעם איינהייטס פרינציפּ אויפן שטאם פון פאַרשיידענהייטס פּרינציפּ, האָפּענדיג דורך דער דאָזיגער קאָמבינאַציע צו באַקומען די געוואונ־שענע קוואַליטעטען פוןביידע פרינציפּען.

אָבער די דאָזיגע קאַנטיאַנישע הרכבה האָט זיך ניט אינגאַנצען איינגעגעבן, צוליב דעם וואָס דער שטאַם איז דאָ ניט ווי געהעריג בעאַרבעט געוואָרען.

נעמט די באַהויפּטונג, אַז דער ווילען צו טאָהן גוטס איז נישט באַדינגט פון צייט אָדער שטח. דאָס מיינט נישט, נאַטירליך, אַז דער דאָזיגער ווילען באַגעגענט קיינמאָל ניט קיין שטערונגען; דאָס מיינט אָבער יע אַז ער קען איבערקומען אַלע שטערונגען. אָבער אויב אַזוי, פרעגט זיך — פאַר וואָס קומט ער אַמאָל יע איבער די שטערונגען און אַמאָל ניט? און פאַר וואָס ביי איינעם יע און ביי אַ צווייטען ניט? אויב ער קען און ער וויל (ער איז דאָך ווילען) וואָלט ער אַלע מאָל באַדאַרפט איבערקומען אַלע שטערונגען.

איז דער תירוץ — אַז דאָס איז די נאַטור פון פרייהייט; דער פרייער ווילען האָט די ברירה צו באַקעמפען שטערונגען און ניט צו באַקעמפען, צו וועלען און ניט צו וועלען.

אודאי זעהט עס אונז אוים לאָגיש ווי אַן אבסורד. אָבער דאָך מוזען מיר אַזוי אָננעמען; די אידייע פון גוטס צווינגט אונז צו דעם. ווארעם אָהן פרייהייט פון ווילען קענען מיר דאָך ניט זיין גוט; און אויב מיר קענען נישט, דאַרפען מיר נישט זיין גוט. פּרובירט אָבער דענקען אַז מיר דאַרפען ניט זיין גוט — איהר וועט געווים אויסקוקען נידערטרעכטיג אפילו אין אייערע אייגענע אויגען. איהר מוזט דער־פאַר צולאָזען די עקזיסטענץ פון פרייען ווילען. איי לאָגיק איז געגען דעם? איז אָבער אונזער לאָגיק ניט מאסגעבענד. זי איז באַברילט דורך די פאַלשע גלעזער פון צייט אין שטח, און זי איז בעאַרבעט דורך אַ סינטעטישען פרינציפּ, וועלכער טהוט אַלע דערשיינונגען צונויפ־פלעכטען אין קייטען פון אורזאַכען און עפעקטען; זי קען דערפאַר קיין פרייהייט בשום אופן נישט באַמערקען.

ווען איהר טראַכט זיך אָבער אריין אין דעם דאָזיגען ארגו־מענט, זעהט איהר, אַז דער באַוויז פאַרן פרייען ווילען רוהט דאָ איגאַנצען אויף אַ וואונש: אויב מיר זאָלען אָפּוואַרפען די עקזיס־טענץ פון פרייען ווילען וועלען מיר אויסקוקען נידערטרעכטיג אין אונזערע אויגען, וועלען מיר זיך ניט געפעלען; און אַזוי ווי מיר ווילען זיך דאָך געפעלען, האָבען מיר נישט קיין אַנדער ברירה ווי צו צו־לאָזען די עקזיסטענץ פון פרייען ווילען. איז אָבער דאָ אַ יש אומרים, אַז פון אַ וואונש קענען מיר צו קיין טעאָרעטישע מסקנות קיין מאָל ניט קומען; פונקט ווי מיר קענען אַמאָל וועלען עפּעס וואָס מיר זיינען

פרינציפען

ניט זיכער אז מיר קענען דערגרייכען, אזוי קענען מיר וועלען עפּעס וואָס מיר זיינען נישט זיכער אז עס איז דערגרייכבאַר.

נאָר אָנגענומען אפילו אז פון אַ וואונש קען מען יע קומען צו טעאָרעטישע מסקנות, קען מען עס פונדעסטוועגען ניט בנוגע פריי־הייט פון ווילען. ווארעם קעגען דעם וואונש וואָס פאָדערט צו־צו־לאָזען די עקזיסטענץ פון פרייען ווילען, זיינען דאָ פיל אַנדערע וואונשען וואָס פאָדערען דוקא ניט צוצולאָזען אַזאַ עקזיסטענץ — פאָדערען דאָך פון אונז אַלע „פראַגמאַטישע" וואונשען אז מיר זאָלען וועלען נאָר דאָס וואָס קען ברענגען נוצען דעם עגאָ. פרייהייט פון ווילען, די מעגליכקייט צו פארקוקען אַן אייגענעם נוצען, ווערט דורך די דאָזיגע וואונשען בפירוש פאַרבאָטען. היינט אויב זיך צו־הערען צו דער שטימע פון וואונשען, טראָגט דער שכל, אַז מיר דאַרפען זיך בעסער צוהערען צו דעם וואָס די פראגמאַטישע וואונשען האָבען צו זאָגען, ווייל זיי זיינען דאָך דער רבים, און „יחיד ורבים הלכה כרבים".

איהר זאָגט, אַז דער יחיד איז דאָ פאַרלעסליכער ווי דער רבים, ווייל ניט זייענדיג איבערגעפּורעמט דורך צייט, שטח און די לאָגישע קאַטעגאָריעס, קומט ער אַרוים עכט, שטעלט ער מיט זיך פאָר „די זאַך אַן און פאַר זיך". איז דאָס וואָלט אַלץ גוט געווען ווען מיר דערקענען איהם טעאָרעטיש, ווען ער גיט זיך צו אונז דירעקט אַ באַוויז אַט אַזוי עכט — דאַן וואָלטען מיר געוואוסט אַז אין איהם דערקענען מיר גיכער דעם אָביעקט ווי ער זעהט אוים באמת, ניט געענדערט דורכן סוביעקטיווען פורעם. האָט אָבער קאַנט אַליין מודה געווען, אַז די טעאָרעטישע טיהרען צו אונזער קענטעניש פאַקולטעט זיינען פאַר פרייען ווילען לחלוטין פאַרמאַכט. טעאָרע־טיש זיינען מיר אפילו ניט באַרעכטיגט צו זאָגען אַז דער פרייער ווילען האָט די מעגליכקייט צו עקזיסטירען, ווארעם עקזיסטענץ און מעגליכקייט געהערען דאָך צו די לאָגישע קאַטעגאָריעס, וועלכע קע־נען נאָר אָנגעווענדעט ווערען צו דאָס וואָס איז שוין איבערגעפּורעמט געוואָרען דורך דעם סוביעקטיווען פורעם, צום „פענאָמען", אָבער ניט צו דער זאַך אַן און פאַר זיך. דער פרייער ווילען ווערט דערפאַר דורך קאַנטען אַריינגעפירט נאָר דורך אַ פּראַקטישער טיהר — אַזוי זיינען מיר מחויב צו דענקען אויב מיר ווילען ניט זיין מאָראַליש געפאַלען. אָבער ווי באַלד די התחייבות איהם צו דענקען הענגט אינגאַנצען אָפּ פון אַ ווילען קען עס דאָך ניט באַזיצען מעהר קראַפט ווי אַ ווילען. און אַ ווילען איז שטענדיג סוביעקטיוו — ניט קיין אונטערשייד וואָס דער אָביעקט פון ווילען איז. און ווי אַ ווילען קען דאָ נאָר זיין אַ רייד ווי ווייט די התחייבות גרייכט, ווי ווייט מען וויל. דאָס אָבער מוז שוין פּשוט אויסגע'חשבונ'ט ווערען. און דאָ

מוז מען אָנקומען צו אַ בעל חשבון. די טענה אַז מען איז אָן אומ־
נאָם טענה'ט יעדער וואונש, זי האָט דערפאַר קיין האַפט נישט ווען
זי קומט פון בעל דבר אַליין. דער בעל חשבון אָבער, דער שכל,
רעכענט זיך גראַד מיט דער מאָס תכלית וואָס אַ וואונש קען אָנ־
ווייזען. אַ וואונש וואָס קען גאָר ניט אָנווייזען אויף קיין תכלית
ווערט דורך דעם דאַזיגען בעל חשבון אינגאַנצען ניט אָנערקענט.

ווי מען זעהט, האָט זיך קאַנט'ס קאָמבינאַציע צווישען איינ־
הייט און פאַרשיידענהייט ניט איינגעגעבען. די אידייע פון אַזאַ
קאָמבינאַציע איז אָבער נישט אויפגעגעבען געוואָרען. זי איז איבער־
גענומען געוואָרען דורך קאַנט'ס אַ נאָכפאָלגער, דאָקטאָר שאָפּענ־
הויער, וועלכער האָט איהר ווידער אויסגעפּרואווט דורך מרכיב זיין,
פאַרקערט, דעם פאַרשיידענהייטס פּרינציפּ אויפן שטאַם פון איינ־
הייטס פּרינציפּ: אַלע וואונשען זיינען לויט זייער מאָטיוו פאַרבונדען
מיט דעם אורזאַכליכקייט'ס פּרינציפּ, זייער אָביעקט איז אָבער פאַר־
שיידענהייט.

לויט שאָפּענהויער'ען איז דערפאַר קיין פרייער ווילען ניטאָ.
יעדער וואונש מוז האָבען אַלס מאָטיוו אַן עגאָאיסטישען נוצען, אַ
זעלבסט צופרידענשטעלונג. דער אָביעקט פון דער דאַזיגער זעלבסט
צופרידענשטעלונג האַלט זיך אָבער אין איין ענדערען, דאָס וואָס האָט
אונז נעכטען צופרידענגעשטעלט וועט אונז מאָרגען מעהר ניט צופרי־
דענשטעלען. אין קורצען איז עס אונזער אַלטער גוט באַקאַנטער
מאמר, „מי שיש לו מנה רוצה מאתים" (קהלת רבה פרשה א' ל"ד,
אין אראַמיש).

אויב אָבער יעדע זאַך איז באַשטימט לויט דעם פּרינציפּ פון
אורזאַכליכקייט, טאָ ווי אַזוי איז עס מעגליך אַז די זעלבע זאַך זאָל
אַמאָל צופרידענשטעלען דעם זעלבען ווילען און אַמאָל ניט? לויטעט
דען ניט דער אורזאַכליכקייט'ס כלל, אַז פון דער זעלבער אורזאַך מוז
שטענדיג פאָלגען דער זעלבער עפעקט?

אָבער דאָ קומען מיר צו שאָפּענהויער'ס טעאָריע וועגען ווילען
און פאָרשטעלונג, וועלכע איז באַזירט אויף קאַנט'ס טראַנסענדענ־
טאַלען אידעאַליזם. ביי שאָפּענהויער איז דער ווילען דער אמת'ער
וועזען, די זאַך אַן און פאַר זיך. אַלע אַנדערע זאַכען געהערען צום
פענאָמען. זייער וועזען באַשטעהט פון די סוביעקטיווע עלעמענטען:
צייט, שטח די לאָגישע קאַטעגאָריעס, און פון סוביעקטיווען און אָב־
יעקטיווען ווילען (דער פענאָמען עקזיסטירט אַזוי אַז ער זאָל קענען
מיט זיך פאָרשטעלען וועלערס און אָביעקטען צום ווילען, ברענגענ־
דיג אַזוי אַרום דעם ווילען צום אויסדרוק).

פרינציפען

פארשטעהט זיך, אז יעדער עלעמענט מוז עפעס צוגעבען צום וועזען פון פענאמען; פעלט אן עלעמענט, פעלט עפעס דעם וועזען פון פענאמען און ער איז ממילא אנדערש. אן אביעקט וואס פאר־נעמט ניט קיין שטח איז אנדערש פון אן אביעקט וואס פארנעמט שטח. פונקט אזוי, איז א זאך וואס ווערט ניט געוואלט אנדערש פון א זאך וואס ווערט געוואלט. ווילען, ווידער, איז א געפיהל פון עפעס פעלען; מען קען דעריבער א זאך ניט ווילען ווען זי פעלט ניט. א זאך וואס מען האט קען ווידער ניט פעלען; אזא זאך קען דעריבער ניט גילטען אלס ווילענ'ס אביעקט, און מחמת דעם אליין איז זי שוין בעצם אנדערש פון דאס וואס זי איז געווען בעת מען האט איהר נאך ניט געהאט. קומט אויס, אז די זאך וואס האט אונז צופרידענגע־שטעלט נעכטען איז בעצם ניט די זעלבע ווי די זאך וועלכע שטעלט אונז ניט צופרידען מארגען, דער גענענדערטער עפעקט פאלגט פון א גענענדערטער אורזאך — פונקט ווי עס פאדערט דער אורזאכליכ־קייט'ס כלל.

עס איז קיין ספק ניט, אז די דאזיגע טעאריע ענטהאלט פיל קערנדלאך אמת. יעדער איינער וואס קוקט אויפ'ן לעבען מיט א קריטישען בליק, קען ניט פארפעלען צו באמערקען די אוממעגליכ־קייט צו שטילען דעם ווילענ'ס דורשט, און ווי דער ווילענ'ס אביעקט ווערט כסדר איבערגערוקט פון דעם וואס מען האט דערגרייכט צו דעם וואס מען האט נאך ניט דערגרייכט. דעם דאזיגען געדאנק טרעפט איהר שוין דערפאר זעהר קלאר ארויסגעבראכט אין דער פילאזאפיע פון די גאנץ אלטע צייטען. אזוי פאררופט זיך שאפענ־הויער אליין מערערע מאל אויף דער אלטער אינדישער פילאזאפיע. אזוי הערט איהר אויך פלאטאן כסדר רעדען וועגען ווילען: אין „גארגיאס" פארגלייכט ער איהם צו א לעכערדיגער פעסעל אין וועל־כער מען האלט אין איין גיסען און זי ווערט קיין מאל ניט פול; און אין „סימפאזיום" געפינט איהר אפילו דעם שאפענהויער'שען אנאליז פון ווילען (אז ווילען איז א געפיהל פון פעלען), נישט מעהר וואס דארט גילט ער אונטער דעם נאמען ליבע. אזוי האט איהר אויך אין אונזער תנ"ך דעם „ספר קהלת" כמעט אינגאנצען געווידמעט צו דער דאזיגער אידייע.

איז וואלט שאפענהויער זיך ביי דעם אפגעשטעלט, וואלט באמת ניט געווען וועגען וואס צו רעדען; מען וואלט איהם נאר גע־קענט זאגען, „כבר קדמוך רבנן". געהט אבער שאפענהויער פיל ווייטער. ער ווייזט אייך אויף אן די סיבה פאר וואס עס איז אומ־מעגליך צו שטילען דעם ווילענ'ס דורשט, און ער וויקעלט פאר אייך פונאנדער א טעאריע וואס איז פארבונדען מיט דער דערקענטעניש

פראָגרעס

פון דער דאָזיגער סיבה — אַ טעאָריע וועלכע שטעלט מיט זיך פאַר אַ מין „מגלת איכה" פון לעבען — און דאָ האָט איהר שוין אַ שפּאַר ביסעל מעקענע אויסגעמישט מיט די קערענדלאַך אמת.

די דאָזיגע פעסימיסטישע טעאָריע איז באַזירט אויף דער אויבענדערמאָנטער הנחה, אַז דער ווילען איז דער איינציגער אַבסאָ־לוטער וועזען. וואָס איז אָבער ריינער ווילען? דאָס קענען מיר אָמ־בעסטען וויסען ווען מיר באַטראַכטען אונזער אייגענעם ווילען. ווען מיר ווינשען, שטרעבען מיר עפּעס צו האָבען אָדער ניט צו האָבען, צו טאָהן אָדער ניט צו טאָהן. דער האָבען און דער טאָהן איז דער אָביעקט פון ווילען. נעמט אַוועק פון וואונש דעם דאָזיגען אָביעקט, בלייבט נישט מעהר ווי די בלויזע שטרעבונג. פון דער דאָזיגער שטרעבונג נעמט ווידער אַוועק דעם באַוואוסטזיין (וועלכעס איז דאָך וויסען און ניט ווינשען), בלייבט נישט מעהר ווי די ציהונג — די פּאָזיטיווע ציהונג און די נעגאַטיווע ציהונג, די צוציהונג און אָפּ־שטויסונג. אָט דאָס איז ריינער ווילען, דער אמת׳ער וועזען אין אַלע עקזיסטירענדע זאַכען. אַלע אַנדערע אייגענשאַפטען פון די זאַכען זיינען בלויז לבושים פאַר דעם דאָזיגען וועזען, אָדער, ווי שאָפּענ־הויער אַליין רופט עס, „די אָביעקטיוויזאַציע פון ווילען", די אופנים אונטער וועלכע דער ווילען לאָזט זיך באַקאַנט מאַכען אומדירעקט, פאַר אונזערע באַגרענעצטע חושים און פאַרשטאַנד.

גענומען דעם ווילען אין זיין אמת׳ען וועזען טרעפט איהר איהם אין אַלע עקזיסטירענדע זאַכען. איהר טרעפט איהם אין דומם, נאָך אין אַ האַלב נאַקעטען צושטאַנד. טהוט איהם נאָר אויס די לבושים פון צייט, שטח און אורזאַכליכקייט, וועלכע איהר האָט איהם אַליין געהאָט אָנגעטאָהן, אַזוי וועט איהר אין איהם זעהן נישט מעהר ווי די אָריגינעלע ווילענס אַקטיוויטעטען — צוציהונג און אָפּשטוי־סונג־אַקטיוויטעטען, וועלכע לאָזען זיך באַקענען דורך געדיכטקייט און לעכערדיגקייט, קלעפּיגקייט און אומדורכדרינגליכקייט, און די מע־כאַנישע, כעמישע און עלעקטרישע כוחות אין דער אומאָרגאַנישער שטאָף.

דאָס איז אין די נידעריגע שטופען פון ווילענ׳ס אָביעקטיווי־זאַציע. אין די העכערע שטופען, די בעלי חיים, ווערט געבאָרען די אידייע, וואו דער ווילען שפּיגעלט זיך זעלבסט אָפּ ווי אין אַ שפּיגעל. די ציהונג איז שוין דאָ נישט מעהר בלינד, זי הייסט שוין דערפאַר שטרעבונג. די אורזאַכליכקייט וואָס קומט מיט דער געבורט פון דער אידייע צווינגט דעם ווילען, אַז ער זאָל זיך זעלבסט אויס־טייטשען, אַז ער זאָל וויסען צו וואָס ער שטרעבט — דעם אָביעקט פון זיין שטרעבען.

פרינציפען

די אויסטייטשונג ווייזט, אז קודם שטרעבט דער ווילען צו עקזיסטענץ, ווארעם אהן דער עקזיסטענץ פון ווילען וועט ניט זיין מעגליך זיין שטרעבען — איז אויב דער ווילען זאל זיין גלייכגילטיג צו זיין עקזיסטענץ וועט ער ממילא מוזען זיין גלייכגילטיג צו זיין שטרעבען, וועלכעס איז געגען דעם באגריף פון שטרעבען. עקזיס־טירען אין דער שטופע פון באוואוסטזיניגקייט הייסט לעבען. דער־פאר זאגט שאפענהויער, אז „דאס וואס דער ווילען וויל שטענדיג איז לעבען, ווייל לעבען איז ניט עפעס אנדערש ווי די פארשטעלונג פון ווילען פאר דער אידייע . . . . לעבען איז דער שפיגעל פון ווילען". אזוי לאנג ווי עס איז דא א ווילען, מוז עס דערפאר זיין א ווילען צום לעבען. די אנדערע זאכען צו וואס דער ווילען שטרעבט זיינען די לעבענ'ס נויטיגקייטען, וועלכע באציהען זיך צו די געפיהלען פון הונגער, דורשט און די געשלעכטליכע ליידענשאפטען, דורך וועלכע דער ווילען שטרעבט פארטצוזעצען דעם לעבען נאכן טויט פון אינ־דיווידום.

די דאזיגע שטרעבונגען גליצען זיך ניט לייכט אויף זייער וועג צו זייער אביעקט. זייענדיג באקליידט מיט אינדיווידועלע בעל חיים'שע קערפערס, וועלכע קענען זיך נאר דערהאלטען יעדער איינער אויפ'ן חשבון פון אנדערען, געהט אן צווישען זיי א שטענ־דיגער קאמף פארן דאזיין, יעדען איינעמ'ס שטרעבונגען זיינען שטע־רונגען אויפן וועג פון יעדען אנדערענ'ס שטרעבונגען. א שטערונג אויפן וועג פון א שטרעבונג צו איהר אביעקט הייסט ליידען. דער בייקומען פון אזא שטערונג הייסט צופרידענהייט.

דאס איז בנוגע בעלי חיים אין אלגעמיין. אין דער העכסטער שטופע פון די בעלי חיים, אין מענש, טהוט זיך די אידייע ווידער אפשפיגלען אין אן אידייע פון דער אידייע; וויסענדיג וואס עס איז געוועזען אין דער פארגאנגענהייט רעכענט דער מענש אויס וואס עס וועט זיין אין דער צוקונפט. אזוי חשבונ'ט ער אויס זיינע צוקונפטיגע שטרעבונגען און די שטערונגען אויפן וועג פון די דאזיגע שטרעבונ־גען; און ער שטרעבט, ווידער, בייצוקומען די דאזיגע פראספעקטיווע שטערונגען. און אזוי ווי די צוקונפט איז דאך אומענדליך, איז ניטא קיין ענד צו דעם מענשענ'ס פראספעקטיווע שטרעבונגען און שטע־רונגען; און עס איז דערפאר אויך ניטא קיין ענד צו די מענש־ליכע ליידען; קומט ער ביי איין שטערונג איז דא גלייך אויפן אויג אן אנדערע.

אבער מחמת דעם אליין שטעלט דער מענש מיט זיך פאר א העכערע שטופע פון ווילענס אויסדרוק. ווארעם שטרעבען איז דאך דער עצם וועזען פון ווילען. די הפסקות אין דעם שטרעבען, די צו־

פראגרעס

פריידענהייטען, פארקריפלען בלויז דעם ווילען׳ס וועזען, צוהאקען איהם אויף שטיקלאך. זיי קומען בלויז צוליב דער שוואכקייט פון דער אידייע: די אידייע איז ניט אימשטאנד מיטצומאכען דעם כסדר־דיגען גאנג פון ווילען, זי מוז האבען סטאנצעס אויף איהר וועג, וואו זיך אפשטעלען און אפכאפען דעם אטעם. קיין שטרעבען אהן א תכלית קען די אידייע ניט תופס זיין. איז דער ווילען געפאלען אויף אן המצאה, ווי ארומצוגעהן דער דאזיגער שוואכקייט פון דער אידייע. ער האט איהר אויסגעשטאט מיט א שכל, פאר וועמען דער תכלית שיינט אפ אין פארויס. זעהענדיג דעם אביעקט פון איהר שטרעבען כסדר פארווערטס, האלט זיך די אידייע אין איין יאגען נאך איהם — אט ווי מען יאגט זיך דארט, אין דער לעגענדע, נאך דעם פייערעל וואס שיינט אפ פון געפונענעם אוצר, מיינענדיג, אז אט, אט דער־גרייכט מען איהם. און אזוי יאגענדיג זיך ווערט די אידייע ממילא מיטגעריסען מיט דעם ציללאזען גאנג פון ווילען.

אט אזוי פאסט שאפענהויער אוף דעם ווילען — א ווילען אהן א וועלער און אהן עפעס צום וועלען, אהן א סוביעקט און אהן אן אביעקט.

אונז קוקט עס אפילו אוים זעהר פרעמד. אין אונזערע אויגען איז ווילען בעצם נישט מעהר ווי א באציהונג פון א סוביעקט צו אן אביעקט, און אלס אזעלכעס, שיינט אונז די עקזיסטענץ פון אן אב־סטראקטען ווילען ווי אן אומזין. אבער דאס נעמט זיך מסתמא דערפון וואס מיר זיינען נישט קיין פילאזאפען; מיר קענען נישט ארונטערקוקען אונטער דעם לבוש אין וועלכען אונזערע חושים און פארשטאנד האבען דעם ווילען איינגעהילט; מיר קענען זיך ניט בא־פרייען פון איינפלוס פון צייט, שטח, אורזאכליכקייט און פון דער גאנצער כאפטע פאלשע ערשיינונגען און באגריפען: די אינערליכע פערזאן, די אויסערליכע וועלט, סוביעקט און אביעקט אד״ג. מיר קענען זיך דערפאר קיינמאל ניט דערשלאגען צום ריינעם געפיהל פון ציהונג, און דערפאר איז אונז אזוי פרעמד די סביבה פון ווילען׳ס אמת׳ען וועזען.

גוט. אבער לאמיר זיך פארשטעלען, אז מיר האבען דא פאר זיך א פילאזאף וואס קען זיך יע דערשלאגען צום ריינעם געפיהל פון ציהונג. מיר וועלען איהם פרעגען: אויב עס ציהט, מוז דאך עס ציהען אין עפעס א ריכטונג — איז וואו ציהט עס, אין א בא־שטימטער ריכטונג אדער אין פארשיידענע ריכטונגען? — אודאי ציהט עס אין א באשטימטער ריכטונג, וועט אונז דער פילאזאף מסתמא ענטפערען; ווארעם ווען עס זאל ציהען אין פארשיידענע ריכטונגען, וואלט דאך דא געווען א באלאנס פון ציהונגען, וואלט דאך

איין ציהונג איינגעשלונגען דער אַנדערער, און אין סך־הכל וואָלט עס גאָר ניט געצויגען.

פרעגען מיר ווייטער: אויב דער ווילען מוז ציהען אין אַ באַשטימטער ריכטונג, איז דאָך די ריכטונג פונקט אַזוי אָריגינעל און פונקט אַזוי וועזענטליך ווי דער ווילען — טאָ פאַר וואָס זאָגט איהר אַז דער אבסראַקטער ווילען איז דער איינציגער אַבסאָלוטער וועזען? און פאַר וואָס קען די ריכטונג צו וועלכער דער ווילען ציהט ניט באַצייכענט ווערען אַלס דער וועזענטליכער אָביעקט פון ווילען? רופט עס אָן מיט אַ נאָמען: אויבען, אונטען, פאָרווערטס, ריקווערטס, און זאָגט, אַז דער ווילען ציהט נאָך אויבען, נאָך אונטען או״וו. מעג דער אויבען זיין אָהן אַ דעק און די ציהונג אָהן אַ סוף, מעג דער ווילען קיינמאָל ניט דערגרייכען זיין ענדציל — איז ער בלויז ענדלאָז אָבער ניט ציללאָז. כדי דער ווילען זאָל זיין ציללאָז מוז ער זיין אַ ווילען אָהן אונטערשייד פון ריכטונג, מוז ער ציהען אין אַלע ריכטונגען. קען אַזאַ ווילען ניט עקזיסטירען, קען קיין ציללאָזער ווילען ניט עקזיסטירען.

און מיינט ניט אַז דאָ האַנדעלט זיך בלויז וועגען אַן אויסבעסערונג פון אַ וואָרט — עס איז דאָ אַ גרויסער אונטערשייד צווישען אַן ענדלאָזען און ציללאָזען ווילען, אַן אונטערשייד אַן וועלכען אַלע מסקנות פון דער פּעסימיסטישער טעאָריע הענגען אָפּ. שטעלט אייך פאָר, צוויי מענשען געהען אויף אַ וועג וואָס ציהט זיך אומענדליך. איינער געהט צוליב אַן הבטחה, אַז דאָס דאָזיגע לאַנד וואָס ער געהט אַדורך וועט צו איהם געהערען. דער צווייטער געהט צוליב אַ קראַנקהייט ר״ל: ער קען נישט ליגען, ער קען נישט זיצען, ער קען נישט שטעהן, ער האָט קיין אַנדער ברירה ניט ווי נאָר געהן.ביידע געהען אין דער זעלבער ריכטונג: דער ערשטער געהט אָבער דאָ מיט אַ ציעל; ער וועט אין קיין אַנדער ריכטונג ניט געהן. דעם צווייטען, אָבער, איז אַלץ איינס וואוהין ער געהט; זיין גאַנג איז ציללאָז. אַ זייטיגען בעאָבאַכטער קען זיך אַמאָל אויסדוכטען, אַז בנוגע דעם דאָזיגען גאַנג געפינען זיך די ביידע אין דער זעלבער לאַגע: ביידע בראַדזען אָהן אויפהער, און ביידע האָבען צער ווען זייער גאַנג ווערט דורך עפּעס געשטערט. קוקט אָבער אַריין אין זייערע געפיהלען וועט איהר זעהען, אַז צווישען די צוויי איז אַן אונטערשייד ווי פון טאָג ביז נאַכט. דער ערשטער פיהלט אַז מיט יעדען טריט האָט ער עפּעס דערגרייכט. זיין גאַנג שטעלט מיט זיך פאָר אַ קייט פון דעראָבערונגען, ממש אַ טריאומף צוג. זיינע ליידען, ווען ער באַגעגענט שטערונגען אויף זיין וועג, זיינען אויך ניט אַזוי ביטער און אַזוי דויערענד. ווארעם אָט כאַפּט ער אַ קוק אויף הינטען, ער

פראָגרעס

זעהט די שטרעקע וואָס ער האָט אַדורכגעמאַכט, די ש"י עולמות וואָס ער האָט זיך שוין דערוואָרבען, און עס ווערט איהם פרעהליכער אויפ'ן הארצען, זיין צער טרעט מעהר אָדער וויניגער אָפּ פאַר אַ געפיהל פון שמחה. דער צווייטער, דאַגעגען, פיהלט אַז מיט זיין גאַנג קען ער גאָר קיין פּאָזיטיוועס ניט דערגרייכען, דער ביליאנסטער טריט קען איהם ניט געבען עפּעס מעהר ווי דער ערשטער טריט, „מה יתרון לאדם בכל עמלו". אַלץ וואָס ער קען מיט זיין געהן דער־גרייכען איז אַ ניט־זיין, פּטור ווערען פון ליידען. די דערגרייכונגען זיינע אָדער זייער אָפּשפּיגלונג אין באַוואוסטזיין, די צופרידענהייטען, זיינען דערפאַר בלויז נעגאטיווע — בעת זיינע ליידען זיינען פּאָזי־טיווע.

אָט די דאָזיגע מערכה פון געהער אָהן אַ ציל שרייבט שאָפּענ־הויער צו צום ווילען אין דער העכסטער שטופע פון זיין אָביעקטיווי־זאַציע, צום מענש. עס איז אָבער קלאָר, אַז ווי באַלד דעם ווילען ווילט זיך געהן אין אַ באַשטימטער ריכטונג איז די דאָזיגע ריכטונג זיין ציל; און אויב ער בלאָנדזעט נאָר ניט, אויב צוליב אַ מיראזש אין דער אידייע נעמט ער ניט די פּאַרקערטע ריכטונג, געפינט ער זיך אין דער לאַגע פון געהער מיט אַ ציל.

דער דאָזיגער חשבון ווערט אויך באַשטעטיגט דורך אומבאַ־שטרייטבאַרע פאַקטען פון קאָנקרעטען לעבען. ווארעם אויב דער ווילען זאָל זיין פון דער נאַטור צייללאָז, און די אַלע ווילענס אָביעקט־טען זאָלען זיין נישט מעהר ווי פאַלשע אילוזיעס געשפּונען דורך דער אידייע, וואָלט דאָך יעדער ווילענס אָביעקט באַדאַרפט אויסקוקען פיל ווערטפולער פריהער, איידער ער איז דערגרייכט געוואָרען, ווי דערנאָך, ווען די אילוזיע אַרום איהם האָט שוין געמוזט צורינען. זעהען מיר אָבער פאַקטיש ווי אַ סאַך אַזוינע אָביעקטען זיינען אונז גראָד שפּעטער פיל טייערער ווי פריהער.

נעמט, למשל, אַזאַ ווילענס אָביעקט ווי אַ קינד — קענען על־טערען קיינמאָל פריהער ניט אָפּשאַצען דעם ווערט וואָס דאָס קינד וועט ביי זיי שפּעטער האָבען. עס פּאַסירט אפילו אַמאָל, אַז דאָס קינד איז פריהער געווען אינגאַנצען אומגעוואונשען, דער פאַרשוואָנ־גערען איז גאָר געווען פאַררעכענט פאַר אַן אומגליק, די עלטערען האָבען ניט געקענט אָדער ניט געוואָלט נעמען אויף זיך די לאַסט פון ערציהען אַ קינד — קוים איז אָבער דאָס קינד געקומען אויף דער וועלט, ווערט עס ביי די עלטערען אַזוי טייער אַז זיי וועלען עס פאַר מיליאָנען ניט אוועקגעבען.

אָדער נעמט אַזאַ זאַך. שרייבער זיינען גאַנץ אָפט מקריב פיל פון זייער צייט און ענערגיע אויפ'ן מזבח פון געלט. אודאי גלויבען

זיי אין זייערע כחות; אודאי זיינען זיי זיכער, אז ווען זיי ווידמען די דאָזיגע צייט און ענערגיע פאַר ווערטפולע ליטעראַרישע אַרבעט וואָלטען זיי געשאַפען אומשטערבליכע ווערק. טוען זיי עס ניט, איז אַ סימן אַז די געלט איז דאָן ביי זיי מעהר ווערט ווי די אומשטערב־ליכע ווערק. זאָלען זיי אָבער אַזוינע ווערק האָבען געשאַפען, מעגט איהר זיין זיכער, אַז פאַר קיין געלט אין דער וועלט וועלען זיי עס ניט ערלויבען שפּורלאָז צו פאַרניכטען.

און דאָס זיינען נישט קיין אויסנאַם׳ס פאַלען; מערסטע אלטרו־איסטישע האַנדלונגען זיינען אונז לאחר המעשה פיל טייערער ווי קודם המעשה. אודאי האָט איהר ניט איין מאָל געהערט רעדען וועגען אַ מצוה, אַז מען וואָלט איהר פאַר קיין מיליאָנען ניט אוועק־געגעבען, כאָטש פריהער, ווען זי איז נאָך געווען צו באַקומען פאַר סענטען, האָט מען זיך גאָר ניט אַזוי געיאָגט נאָך איהר, האָט מען גאָר ניט געוואוסט אַז זי איז אַזאַ ווילדע מציאה. הייסט עס, אַז דאָ האָט מען זיך עפּעס אַזוי ווי צופעליג אָנגעשטויסען אויף אַ זעהר ווערטפולען ווילענ׳ס אָביעקט — אַן אָביעקט צו וועלכען פריהער האָט גאָר נישט אַזוי שטאַרק געצויגען. און אויב איהר ווילט וועל איך אייך אויסזאָגען אַ סוד, אַז אויך אויף ווייטער וועט מסתמא צו דעם דאָזיגען אָביעקט נישט זעהר שטאַרק ציהען. בדיעבד וועט מען טאַקע זיין צופרידען וואָס מען האָט געהאַנדעלט אלטרואיסטיש; לכתחילה אָבער, וועט מען וועלען זיך פון דער דאָזיגער האַנדלונג אַרויסדרעהען. עס איז טאַקע אַ האַנדלונג וואָס שטימט מיטן ווילען; ציהען אָבער אין פאָרויס, ציהט צו איהר ניט. וואָלט אָבער דער וועזען פון ווילען באַשטאַנען בלויז אין ציהען, און וואָלט דער ווילענס אָביעקט געווען נישט מעהר ווי אַ מיטעל דורך וועלכען דער דאָזיגער ציהען לאָזט זיך באַקענען פאַר דער אידייע, וואָלט אַ ווילענס אָב־יעקט צו וועלכען עס ציהט ניט אין פאָרויס באַדאַרפט זיין אומ־מעגליך.

אַזוי זעהט איהר ווי שאָפּענהויער׳ס שוואַרצער לאָמפּ האָט ניט נאָר אַריינגעבראַכט מעהר טונקעלקייט און מיסטעריעזיטעט אין לאַבירינט פון ווילען, נאָר ער האָט אונז דאָרט אויך פאַרפירט אין אַ טעמפּען ווינקעל, פונוואַנעט עס זעהט זיך ניט קיין אויסגאַנג. בעת די פאַר פינסטערע אַלעען, וועלכע עס האָט פּרעטענדירט צו בע־לייכטען, זיינען באמת גאָר ניט אַזוי פינסטער, אַז מיר זאָלען זיי אָהן דער ליכט פון דעם דאָזיגען לאָמפּ ניט קענען אַדורכבראָדזען.

עס זיינען דאָ צוויי שוועריגקייטען אויף וועלכע שאָפּענהויער האָט זיך געמוזט אָפּשטעלען, און וועלכע ער האָט געזאָלט באַזייטי־

גען מיט זיין טעאָריע פון אבסאָלוטען ווילען: 1) אויב דער ווילען זאָל אָפּהענגען אין אַן אָביעקט, וואָלט ער באַדאַרפט אויפהערען מיט דער דערגרייכונג פון אָביעקט — טאָ פאַר וואָס זעהען מיר ווי עס איז אוממעגליך צו שטילען דעם ווילענס דורשט? און פאַר וואָס זעהען מיר ווי אַ מענש איז אומצופרידען און לאַנגווייליגט זיך גראד דאַן ווען עס פעלט איהם דוכט זיך גאָר ניט? 2) אויב דער ווילען זאָל באמת האָבען אַן אָביעקט וואָלט ער דאָך באַדאַרפט שטענדיג קלעבען צו דעם דאָזיגען אָביעקט — טאָ פאַר וואָס זעהען מיר ווי דער ווילען האַלט אין איין וואַנדערען פון אָביעקט צו אָביעקט?

איז בנוגע דער ערשטער שווערigkeit, קען זי זעהר לייכט באַזייטיגט ווערען, ווען מיר זאָלען אָננעמען, אַז דער אָביעקט פון אונזער ווילען איז, אַלענפאַלס פאַר אונז מענשען, אומדערגרייכבאַר. אויב עס איז אוממעגליך צו שטילען דעם ווילענס דורשט, אויב מיר האַלטען אין איין וועלען אַלץ מעהר און מעהר, איז אַ סימן אַז דער אָביעקט פון אונזער ווילען איז צו דערגרייכען אַלץ מעהר און מעהר, ד"ה צו פּראָגרעסירן.

די צווייטע שוועריגקייט פאַלט אויך אַוועק, ווען מען האָט אין זינען, אַז דאָ האַנדעלט זיך ניט וועגען סתם אַ ווילען, נאָר וועגען מענשליכען ווילען, וועלכער איז אונטערוואָרפען דער מענשליכער השגה; אַ מענש קען וועלען נאָר דאָס וואָס ער האָט אויפן מאָמענט פאַרן אויג. דעם מענשען׳ס אויג, ווידער, איז באַגרענעצט; זי קען באַהערשען נאָר אַ באַשטימטען שטח, זי דערגרייכט נאָר צו ווילענס שטאָף וואָס געפינט זיך אין שכנות פון מענשען׳ס מצב; 1) ענדערט זיך דעם מענשען׳ס מצב, ענדערט זיך ממילא די שכנות פון זיין מצב, רוקט זיך זיין אויג איבער צו אַנדערע ווילענס שטאָף, מוז זיין ווילען ממילא איבערוואַנדערען פון איין ווילענס אָביעקט צו אַן אַנדערען.

מהאי טעמא ווערט טאַקע אונזער אינטערעס צו אַ ווילענס אָביעקט אָפּגעקיהלט פונקט דאַן ווען מיר האָבען איהם דערגרייכט (פאַר וואָס דער אלטרואיסטישער סאָרט ווילענס אָביעקטען קומט ניט אַרונטער אונטער דעם דאָזיגען כלל וועלען מיר זעהען אַן אַנדער מאָל). וואָרעם דורך דער דערגרייכונג פון אַ ווילענס אָביעקט ווערט דאָך געענדערט דעם מענשען׳ס מצב, זיין אויג גיט זיך דאַן דערפאַר

1) ווען דער מלמד ווינשט זיך צו זיין ראטשילד קען עס אפשר אויסזעהן ווי זיין אויג האָט דערגרייכט ווייט איבער זיין מצב. מען דאַרף אָבער נישט פאַרגעסען, אַז אין אמת׳ען האָט ער דאַן נישט קיין השגות וועגען באַהערשונג פון דער פינאַנציעלער וועלט, אָדער וועגען אַרומפאָרען אויף יאַכטען און זאַמלען קאָלעקציעס פויגאלאך. אַלץ וואָס ער האָט בשעת מעשה אויפן אויג איז: פאַרריכטען דעם אויווען אָדער דעם דאַך, און געבען זיין טאָכטער אַ שעהנעם נדן.

אַ רוק־איבער העכער צו, און ממילא קומט דאָן פאָר אַן איבערוואַנדערונג פון זיין ווילען.

פאַרשטעהט זיך, אַז ווען דעם מענשען'ס אויג גיט זיך אַ רוק־איבער העכער צו, ווענדעט זי זיך אָפּ בשעת מעשה ניט נאָר פון דעם אָקאָרשט דערגרייכטען אָביעקט, נאָר אויך פון דעם גאַנצען ווילענס שטח אונטער דעם דאָזיגען אָביעקט. דערפאַר זעהען מיר טאַקע, אַז ווען מיר דערגרייכען עפּעס, ווערט אונזער אינטערעס אָפּגעקיהלט ניט נאָר צום דערגרייכטען ווילענס אָביעקט, נאָר אויך צו דער גאַנצער רייהע ווילענס אָביעקטען אונטער איהם. למשל, ווען מיר באַקומען אַ נייעם בגד, ווערט גלייך ביי אונז דער שבת'דיגער בגד וואָכענדיג, און דער וואָכענדיגער בגד זעהט אונז דאָן אויס אין גאַנצען ניט מעהר טראָגבאַר.

דערפאַר אויך, ווען עס מאַכט זיך עפּעס וואָס טהוט אונזער אויג צוריק אַ קירעווע צו אַ ווילענס אָביעקט, וועלכער האָט אונז שוין לאַנג געהאַט אופגעהערט צו אינטערעסירען, אַזוי טרעפט איהר דאָרט גלייך אונזער ווילען. איינער, למשל, וואָס האָט אַזוי פיל גאָלדענע אָדער זילבערנע כלים אַז ער האָט זיך שוין לאַנג אויף זיי אופגעהערט אומצוקוקען און געפינען אין זיי אַ נחת רוח, פּרובירט, אדרבה, ביי איהם ווען אַוועקנעמען דאָס מינדעסטע כלי, אַזוי וועט זיין ווילען גלייך אופהויבען אַזאַ גוואַלד ווי איהר וואָלט איהם מיט דעם ממש אומגליקליך געמאַכט.

היוצא מדברינו, אַז פון דעם וואָס עס איז אוממעגליך צו שטילען דעם ווילענס דורשט, און פון דעם וואָס מיר האַלטען אין איין ווען שטענדיג עפּעס אַנדערש, קען מען ניט דרינגען אַז אונזער ווילן איז אַבסאָלוט. פון דער צווייטער זייט, ווידער, זיינען דאָ גענוג סימנים וועלכע ווייזען אַז דער ווילען האָט גראַד יע אַ באַשטימטען אָביעקט — כאָטש דער דאָזיגער אָביעקט שיינט צו זיין אומדערגרייכבאַר, און אַלץ וואָס מיר שטרעבען איז בלויז זיך אַריינצובייסען אין איהם אַלץ טיפער און טיפער. און אויב, ווידער, דער ווילען האָט אַ באַשטימטען אָביעקט, בלייבט נאָך אַלץ די פראַגע וואָס מיר האָבען זיך געשטעלט אין אָנפאַנג פון דעם דאָזיגען קאַפּיטעל, ווי אַזוי דער דאָזיגער אָביעקט קען אַריינגעמען אַזוינע צוויי ענטגעגענגעזעצטע עלעמענטען ווי איינהייט און פאַרשיידענהייט.

ב.

מיר האָבען זיך אָפּגעשטעלט אביסעל לענגער איבער שאָפּענהויער'ס ווילען־טעאָריע און איבער קריטיק פון דער דאָזיגער טעאָריע, ווייל דורך דעם דאָזיגען שקלא וטריא זיינען מיר געקומען צו דער וויכטיגער מסקנא, אַז אונזער ווילען איז הויפּטזעכליך אַ ווילען

צו דערגרייכען אַלץ מעהר און מעהר, אַ ווילען פאַר פּראָגרעס. אַזוי דערוויסען מיר זיך פון אַ דריטען ווילענס עלעמענט, דער עלעמענט פון פּראָגרעס.

וואָס איז פּראָגרעס? יעדער איינער וועט אייך זאָגען, אַז ווען ער וויל עפּס דערגרייכען, וויל ער עפּעס זיין אָדער עפּעס האָבען. אויב אַזוי, איז מיט דערגרייכען אַלץ מעהר און מעהר מוזען מיר אודאי מיינען מעהר זיין און מעהר האָבען. פּראָגרעס מוז דערפאַר מיינען, אַ פאַרמערונג פון אונזער וועזען און אַ פאַרמערונג פון אונזער אייגענטום, וואוקס פון אונזער פּערזאָן און וואוקס פון דאָס וואָס איז פאַרבונדען מיט אונזער פּערזאָן.

דאָ בעט זיך אָבער אַן ערקלערונג: מיר ווינשען דאָך אייגענ־טום ניט נאָר לשם אייגענטום נאָר אויך לשם הנאות. אויב אַזוי, קען דאָך זיין אַז מיט דעם וואונש צו האָבען אַלץ מעהר און מעהר זאָלען מיר גאָר מיינען מעהר און מעהר הנאות — טאָ פונוואַנעט איז גע־דרונגען אַז מחמת דעם פּרינציפּ פון פּראָגרעס ווינשען מיר אויך דעם וואוקס פון אייגענטום לשם אייגענטום, ד״ה דער וואוקס פון דער עצם זאַך וואָס איז מיט אונז פאַרבונדען?

זעהען מיר אָבער פון ערפאַרונג, אַז דער וואונש פאַר פּראָ־גרעס באַרירט גיכער אייגענטום אָהן הנאות ווי הנאות אָהן אייגענ־טום — מיר זיינען מעהר פאַראינטערעסירט אין פּראָגרעס פון דאָס וואָס איז מיט אונז פאַרבונדען דורכן געפיהל פון אייגענטום, אפילו אויב עס קען אונז ניט פאַרשאַפען קיין הנאות, ווי מיר זיינען פאַר־אינטערעסירט אין פּראָגרעס פון דאָס וואָס פאַרשאַפט אונז הנאות און איז ניט מיט אונז פאַרבונדען דורכן געפיהל פון אייגענטום. למשל, אַ נאַציאָנאַלער איד אין חוץ לארץ וועט זיך אָפּרופען פיל וואַרעמער אויף דער פאַרשענערונג פון אַ שטעדטעל אין ארץ ישראל ווי אויף דער פאַרשענערונג פון דער פאַסאַדע פון זיין שכן׳ס הויז, כאָטש דאָרט קען ער פון דער שעהנקייט קיין ממשות׳דיגע הנאה ניט האָבען, בעת דאָ קען איהם קיינער ניט שטערען צו קוקען אויף דעם און הנאה האָבען פון דער שעהנקייט ניט וויניגער פון דעם אייגענ־טימער אַליין.

אָבער אין דען ניט אָנגענומען, אַז עס איז דאָ אַ פאַרבינדונג צווישען אַלץ וואָס עקזיסטירט אויף דער וועלט, און אַ פּשיטא שוין צווישען מיטגלידער פון איין פאָלק אָדער איין לאַנד אָדער איין שטאָדט אָדער איין שכונה — איז אויב אַ מענש זאָל זיין פאַראינ־טערעסירט אין פּראָגרעס פון דאָס וואָס איז מיט איהם פאַרבונדען, וואָלט ער דאָך באַדאַרפט זיין פאַראינטערעסירט אין פּראָגרעס פון יעדער זאַך, און אַ פּשיטא שוין אין פּראָגרעס פון זיינעם אַ לאַנדסמאַן

אָדער אַ בן־עיר אָדער גאָר אַ שכן? טאָ פאַר וואָס זעהען מיר טאַקע ניט אַזאַ אינטערעס? פאַר וואָס זעהען מיר, פאַרקערט, ווי אפילו צווישען שכנים הערשט גיכער אַ געפיהל פון קנאה?

איז דער תירוץ: די קנאה צום שכן, פונקט ווי צו יעדען מענש, נעמט זיך ניט פון אַ נעגאַטיווען געפיהל לגבי איהם, נאָר פון אַ פאָזיטיווען געפיהל לגבי זיך. אודאי האָבען מיר אַן אינטערעס אין אונזער שכן׳ס פראָגרעס. דער דאָזיגער אינטערעס ווערט אָבער ווייט אַריבערגעוואויגען דורך אַ געגען־אינטערעס, וועלכער פאָדערט דוקא אונזער שכן׳ס רעגרעס, כדי דאַדורך אונטערצוהאַלטען דעם אייגענעם פראָגרעס.

איהר ווייסט גאַנץ גוט, אַז פראָגרעס און רעגרעס זיינען רעלאַטיווע באַגריפען: איינער איז פראָגרעסיוו אין פאַרגלייך מיט אַ רעגרעסיווערען פון זיך און רעגרעסיוו אין פאַרגלייך מיט אַ פראָגרעסיווערען; אין אַ פאַרגלייך איז דעריבער די עליה פון איינעם אַ ירידה פאַרן אַנדערען, פונקט ווי די ירידה פון איינעם איז אַן עליה פאַרן אַנדערען. און אַזוי ווי אַ מענש איז געוויינליך אַריינגעטאָהן ראשו ורובו אין זיך זעלבסט, און ער פאַרגעסט ניט אָן זיך אפילו ווען ער דענקט וועגען עפּעס אַנדערש — סיידען ווען דער עפּעס אַנדערש פאָדערט אַ באַזונדער קאָנצענטראַציע פון געדאַנק — איז ווען ער דענקט וועגען זיין שכן אָדער זיין שכן׳ס פרנסה האָט ער בשעת מעשה אויך זיך און זיין פרנסה אין זינען, און אַזוי קומט אויס אַז ער באַטראַכט זיין שכן אין פאַרגלייך מיט זיך. אויף אַזאַ אופן, איז די עליה פון זיין שכן פאַר איהם פערזענליך אַ ירידה, פונקט ווי די ירידה פון זיין שכן איז פאַר איהם פערזענליך אַן עליה, „מלמד שכל אחד ואחד נכוה מחופתו של חבירו" (בבא בתרא ע"ה). עס איז דערפאַר קיין וואונדער ניט וואָס געוויינליך איז אַ מענש גיכער פאַראינטערעסירט אין דער ירידה פון זיין שכן ווי אין זיין עליה.

וואַרעם איהר פאַרשטעהט דאָך אַליין, אַז ווי איך זאָל ניט זיין פאַראינטערעסירט אין יענעם׳ס פראָגרעס מוז איך פונדעסטוועגען זיין פיל מעהר פאַראינטערעסירט אין מיין אייגענעם פראָגרעס, „אדם קרוב אצל עצמו". אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלעס. אין אַזאַ פאַל מוז מיין פאָזיטיווער געפיהל צו יענעם איבערהויפּט אָפּשטאַרבען; מיין אייגענער ווערט דאַן מיט מיר אין גאַנצען אויס אייגענער. וואַרעם מיין אינטערעס אין יענעם׳ס פראָגרעס האָט דאָך געצויגען זיין גאַנצע יניקה פון דעם וואָס יענער איז מיט מיר פאַרבונדען, ד"ה וואָס איך פיהל יענעמס פראָגרעס אַלס מיין פראָגרעס; קוים אָבער פיהל איך אַז יענעמס פראָגרעס איז, פאַרקערט, געגען מיינעם, קען איך דאָך איהם בשעת מעשה מעהר ניט פיהלען אַלס מיינעם, און ממילא מוז מיין

פראָגרעס

אינטערעס אין יענעמס פראָגרעס אין גאַנצען אוועקפאַלען, „אם אני כאן הכל כאן ואם איני כאן, מי כאן?" (סוכה נ"ג).

זעהען מיר טאַקע פאַקטיש ווי אין אַ צוזאַמענשטויס מיט אַ גרעסרער קרובה'שאַפט פאַרלירט די קלענערע קרובה'שאַפט אפילו איהר רעלאַטיווען ווערט. נעמט ברודערשאַפט. אודאי בין איך זעהר שטאַרק פאַראינטערעסירט אין פראָגרעס פון מיין ברודער, ווי אין איינעם פון מיינע נאָהנטסטע קרובים. שטאַלציר איך דאָך מיט מיין ברודער'ס חשיבות פונקט ווי עס וואָלט געווען מיין אייגענע חשיבות, און נעם איך דאָך אַנטייל אין זיינע פריידען און ליידען פונקט ווי זיי וואָלטען געווען מיין אייגענע. ווען עס מאַכט זיך דעריבער אַ סכסוך צווישען מיין ברודער און אימיצען אַנדערש בין איך בלוטיג פאַראינטערעסירט אין מיין ברודער'ס נצחון, און דאָרט וואו עס איז אַ מאָדע פון גאולת דם שטעל איך אפילו מיין לעבען אין סכנה כדי צו נעמען נקמה פאַר זיין לעבען. אַזוי ווייט גרייכט מיין קרובה'שאַפט צו מיין ברודער, און אַזוי פיל איז זי ביי מיר ווערט. נאָר פונדעסטוועגען קען איך אייך נישט קאַווירען, אַז צווישען מיר און מיין ברודער הערשט נישט אַמאָל דער זעלבער געפיהל פון קנאה ווי צווישען פרעמדע. האָבען דאָך יוסף'ן זיינע ברידער געוואָלט הרג'ענען צוליב קנאה — און קנאה צוליב וואָס? צוליב קליינינגקייטען, צוליב חלומות, צוליב אַ בידנע זיידענע העמדעל. אָבער האָבען דען ניט די זעלבע מענשען אַמאָל געהאַט איינגעשטעלט זייער לעבען כדי צו ראַטעווען דעם כבוד פון זייער שוועסטער? איז ווי קומט עס וואָס דאָ האָט די זעלבע ברודערשאַפט אַזוי ווייט אויסגעוועבט? איז דער תירוץ, אַז דאָ איז באמת מעהר ניט געווען די זעלבע ברודערשאַפט, ריכטיגער געזאָגט, דאָ איז איבערהויפט מעהר קיין ברודערשאַפט ניט געווען; צוליב דעם וואָס דאָ איז דער סכסוך פאָרגעקומען צווישען איהם מיט זיי אַליין האָט ביי זיי דער געפיהל פון ברודערשאַפט געמוזט אָפּטרעטען. דאָס זעלבע זעהט איהר בנוגע נאַציאָנאַליזם. אויך פאַר מיין פאָלק באַזיץ איך אַ גאָר גרויסען געפיהל פון קרובה'שאַפט; אויך פאַר איהר כבוד וועגען קעמף איך זעהר אָפט מיט מסירות נפש. און דאָ פונקט ווי דאָרטען, ווען עס קומט צו עפּעס אַ סכסוכ'על מיט מיר אַליין, לאָמיר זאָגען וועגען אַ פאָר דאָלאַר טאַקסעס וואָס איך בין שולדיג, באַהאַנדעל איך מיין פאָלק נישט אַנדערש ווי אַ פרעמדען בעל דבר, און אויב איך בין נאָר ניט קיין עהרליכער מאַן זוך איך אַלערליי דריידלאַך איהר צו באַשווינדלען. פונקט דאָס זעלבע איז בנוגע מיין שכן. ערגעץ וואו אין מיין הארצען קען זיך געפינען אַ געפיהל פון אויפריכטיגען אינטערעס אין פראָגרעס פון מיין שכן; דער דאָזיגער געפיהל וועט אָבער מוזען בלייבען פאַרפאָרען פאַר דער גאַנצער צייט וואָס אין

פרינציפען

אַן אַנדער ווינקעל פון מיין האַרץ וועט טליהען געגען מיין שכן אַ פונק פון קנאה.

ווילט איהר זיך באַקענען מיט אַ מענשען'ס ריינע געפיהלען צו זיין שכן, דאַרפט איהר זיי אונטערזוכען דאַן ווען זיי זיינען ניט פאַרדאָרבען דורך דעם געפיהל פון קנאה, ד"ה דאַן ווען אַ מענש באַטראַכט זיין שכן ניט פאַרגלייכענדיג איהם מיט זיך. ביי געוויינליכע מענשען קען דאָס פאָרקומען נאָר אונטער באַשטימטע אומשטענדען: 1) ווען ער פאַרגלייכט זיין שכן מיט עמיצען אַנדערש. 2) ווען די קוואַליטעטען פון איהם מיט זיין שכן זיינען אויסער פאַרגלייך און 3) ווען דער פאַרגלייך צווישען זיי איז אויסער פראָפּאָרציע. פּרובירט, אדרבה, אונטערזוכען אַ מענשען'ס געפיהלען אונטער די דאָזיגע אומשטענדען, וועט איהר געוויס זעהן ווי ער האָט אַן אויפריכטיגען אינטערעס אין פראָגרעס פון זיין שכן. אַזוי וועט איהר זעהן, ווי אין אַ קאָנפליקט מיטן עמיצען אַנדערש וועט יעדער איינער זיך אַננעמען געוויינליך פאַר זיין שכן. אויך וועט איהר זעהן, ווי אַ ניט-שרייבער, וואָס וואוינט אין שכנות מיט אַ שרייבער, וועט זיך גראַד גרויסען מיט דער חשיבות פון זיין שכן און ער וועט אודאי וועלען אַז זיין שכן זאָל אויסשטייגען און ווערען דער גרעסטער שרייבער. און אויך וועט איהר זעהן, ווי אַן אָרעמער פויער, וואָס וואוינט אין שכנות מיט אַ רייכען פּריץ, וועט וועלען אַז זיין שכן זאָל זיין דער רייכסטער און חשובסטער פּריץ.

און ניט דוקא צום שכן, דעם זעלבען געפיהל האָבען מיר אויך צו יעדען מענש, ווען מיר פאַרגלייכען איהם ניט מיט איינעם וואָס איז נעהנטער צו אונז, און אפילו צו יעדען געגענשטאַנד, ווען מיר פאַרגלייכען איהם ניט מיט עפּעס וואָס איז מעהר אונזער אייגענטום. אַזוי זיינען מיר אין גרוים סימפּאַטיע מיט די העלדען פון דערצעהלונגען און מיר ווינשען זיי אַ גליקליכען סוף. און אַזוי האָבען מיר ליב צו דערצעהלען נסים ונפלאות וועגען אַ גרויסען צדיק, אַ גרויסען געלערנטען, אַ גרויסער קינסטלער, אַ גרויסען העלד וכד. און דערצעהלענדיג, האָבען מיר טאַקע אויך ליב אַביסעלע צו מגזם זיין — איז דאָך דאָס מסתמא ווייל מיר וואָלטען וועלען אַז די העלדען פון די דאָזיגע דערצעהלונגען זאָלען זיין נאָך גרעסער ווי זיי זיינען. און אַזוי איז אויך מיט פיזישען וואוקס: מיר האָבען הנאה ווען מיר זעהען מענשען, בעלי-חיים, צמחים, און אפילו דוממים וואַקסען און פאַרפאָלקאָמען זיך יעדער אויף זיין שטייגער. האָט איהר דאָך געוויס געהערט ניט איין מאָל אַרויסזאָגען מיט התפעלות און מיט אַ גליקליכען שמייכעל אויפן פּנים, „זעהט ווי ער איז עס אָהן עין הרע מיט אַמאָל אויסגעוואַקסען אַ בחורעץ". און ווייסט איהר דאָך געוויס

פּראָגרעס

אויך פון פיל מענשען וועלכע גיבען זיך אָפּ מיט האָדעווען בעלי־חיים און וואַזאַנעס בלויז צוליב דער הנאה פון זעהען די דאָזיגע בעלי־חיים און צמחים וואַקסען און זיך ענטוויקלען. און אַזוי ווייסט איהר אויך, אַז ווען אין ערגעץ ווערט געבויט אַ הויז פּאַרווילט זיך אייך גאַנץ אָפט געהן אָנקוקען דער געביידע און זעהן ווי זי וואַקסט עטאַזש אויף עטאַזש.

און ניט נאָר פּראָגרעס און וואוקס, נאָר אפילו הויכקייט בכלל איבט אויס אַ ממשות'דיגען איינפלוס איבער אונזער ווילן. ווייסט איהר דאָך דעם כח פון הסבה, ווי ווייט אַ מענש מיט אַ געשטעל איז גיכער געאייגענט ביי אונז אויסצונעמען. 1) אפילו קליינע קינדער ווילען אויך בעסער זיצען ביי אַ העכערען מענשען אויפן האַנד, פּונקט ווי זיי גלייכען איבערהויפּט בעסער צו זיצען אויף אַ העכערען פּלאַץ, און פּונקט ווי זיי האָבען בכלל שטאַרק הנאה ווען איהר הויבט זיי אין דער לופטען. אויך ווייסט איהר, אַז דער מענש האָט תמיד אַרויפגעקוקט אין דער הויך מיט אַכטונג און ליבע, די אויבערשטע וועלט איז פאַר איהם געווען גאָר ניט דער ערך חשוב'ער און בעסער פאַר דער אונטערשטער. די וועזענס פון אויבען, די „צבא השמים", האָט ער געהאַלטען פאַר מושלים איבער איהם, פאַר בעלי בתים איבער זיין גורל. די אַנדערע אָפּגעטער זיינע האָט ער אויך באַזעצט אויף די העכסטע בערג. די ווידער וועלכע האָבען געגלויבט אַז עס זיינען דאָ גוטע כוחות און שלעכטע, זיינען געווען זיכער, אַז די גוטע געפינען זיך אויבען און די שלעכטע אונטען, „מפלגך לעילאי דהורמיז מפלגך דתתאי דאהורמין" (סנהדרין ל"ט). אפילו צו אַ פּשוט'ען בשר ודם וואָס געפינט זיך אויבען באַציהט זיך דער מענש פיל בעסער ווי צו איינעם וואָס געפינט זיך אונטען. צווישען די אַלע גרויסע און שטאַרקע בעלי חיים פלעגען מלכים בעסער אויסוועהלען אַלס זייער סימבאָל דעם בערך קליינעם אבער הויך פליהענדען אָד־לער. צו קיין בעל־כנף, אפילו צו פליגען און קאַמאַרעס, די גרעסטע איבערטרעגערס פון קרענק, האָבען מיר קיין מאָל נישט געפיהלט אַזאַ עקעל ווי מיר פיהלען צו דער דזשאַבע, דעם וואָרעם, די אומ־פּליט אָדער אַנדערע נידעריגע באַשעפענישען; זיינען דאָך געווען געט־שען דינער וועלכע האָבען געגעבען זייער אָפּגאָט, דעם בעל זבוב,

1) דאָס איז נישט אין סתירה מיט דעם וואָס מיר האָבען געוויינליך ליבער קליינע קינדער ווי דערוואַקסענע. פּונקט ווי מיר האָבען ליבער קעצאלאך, הינטאלאך אד"ג, וואָרעם ערשטענס, אַרבעט דאָ דער געפיהל פון אָרגאַניזאַציע, קליינוואַרג דאַרף מען באַזאָרגען; צווייטענס, זיינען קליינוואַרג גראַד אין דער בעסטער שטופע פון פּראָגרעסירען. אין מאַנכע פאַלען זעהען מיר אין דאָס קליינע פּונקט אַזוי פיעל וועזען ווי אין דאָס גרויסע (ווען דאָס איז וועלען מיר זעהען אַן אַנדער מאָל) און דאַן וואַקסט דאָס קליינע ביי אונז אויס זעהר פיעל אין פּראָפּאָרציע.

פרינציפען

די פאָרמע פון אַ פליג. ווער רעדט, די טייבעלע אָדער פויגעלע? זי האָט אין גענענטייל אַזוי פאַרנומען אונזער הארץ מיט אַ געפיהל פון ליבע, אַז מיט די דאָזיגע נעמען טוהען מיר עד היום צערטלען אונזערע טייערסטע און ליבסטע. נאָר וואָס דאַרפט איהר מעהר, הויכקייט און נידעריגקייט זיינען דאָך ביי אונז געוואָרען סינאָנימען פאַר קדושה און טומאה, גוטס און שלעכטס, גליק און אומגליק אד"ג. אַזוי ווייט גרייכט דער איינפלוס פון הויכקייט אויף אונזער ווילען — און פון דעם קענט איהר ווידער זעהן ווי ווייט עס גרייכט אונזער וואונש פאַר וואוקס און פראָגרעס אין אַלגעמיין, פונוואַנעט דער דאָזיגער איינפלוס ציהט זיין יניקה.

אויב אונזער וואונש פאַר פראָגרעס אין אַלגעמיין גרייכט אַזוי ווייט, פאַרשטעהט איהר דאָך שוין ממילא ווי ווייט עס מוז גרייכען יעדען איינעמס וואונש פאַר זיין פערזענליכען פראָגרעס. זעהט איהר טאַקע ווי דער דאָזיגער וואונש פיהלט אָן אַלע קעמער־לאַך פון אונזער הארץ, און ווי ער האַלט אונז כסדר געשפּאַנט מיט זיינע באַפעלען.

אַזוי זעהט איהר ווי אַ קינד איז שוין שטענדיג פאַרהאוועט שטענדיג פאַרנומען מיט שפּילען זיך. און וואָס איז די טרייב־קראַפט אין שפּילען זיך? אין פאָריגען קאַפּיטעל האָבען מיר שוין געזעהן אַז אין די רעגולירטע שפּילען זוכט מען זיך אויסצוצייכענען. און אויס־צייכענונג פאַרנעמט אַ גאַנץ חשוב'ען פלאַץ אין וואונש פאַר פראָגרעס (דאָס וועלען מיר זעהן דאָ באַלד. ווען מיר וועלען אויסגעפינען דעם שייכות צווישען איינהייט און פאַרשיידענהייט מיט פראָגרעס). אין די אומרעגולירטע שפּילען ווידער, זעהען מיר מערסטענס די טענדענץ, אָדער נאָכצומאַכען גרעסערע פון זיך אָדער צו איבען און פאַרפאָל־קאָמען די פיזישע און גייסטיגע כוחות. דער הויפּט אָביעקט אין די דאָזיגע שפּילען איז דערפאַר גרעסערקייט און קערפּערליכע השלמה, וואוקס אין עקסטענסיוויטעט און אינטענסיוויטעט.

די דאָזיגע פאַזע פון פּראָגרעס באַהערשט אונזער ווילען געוויינליך אין אונזער פּעריאָדע פון וואַקסען, דאַן ווען קערפּערליכע השלמה שטעלט מיט זיך פאַר אַ דבר בעתו, אַ פּראָגרעסיווע מדריגה וועלכע מיר האָבען בשעת מעשה מעהר פון אַלץ פאַר'ן אויג, „ואם לא עכשיו אימתי?" 1) מיט דער עפּאָכע פון בגרות קומט אָבער געוויינליך אָן איבערברוך אין אונזער השגה פון פּראָגרעס. דאַן איז די צייט פון

1) דערפאַר זיינען מענשען אין יענעם עלטער אַזוי פאַרקאָכט אין אַלערליי מינים ספּאָרט; פאַר זיי איז ספּאָרט באמת דער איינציגער אידעאַל פון פּראָגרעס.

געשלעכטליכער בענקעניש, ווען מען הויבט אָן פיהלען אַז פאַר זיך אַליין איז מען ניט גענוג, אַז מען מוז זיך ערגענצען. וואָס מען האָט דאַן פאַר׳ן אויג איז דערפאַר די אייגענע ניט-גענוגהייט, און דאָס שפּיגעלט זיך דאַן אָפּ אין דעם דראַנג נאָך פּראָגרעס.

זעהט איהר דערפאַר ווי בעת יונגע לייט דערגרייכען יענעם עלטער ווערען זיי מיט אַמאָל אומרוהיג. דער פריהערדיגער שטאַנד זייערער שטעלט זיי מעהר נישט צופרידען. און זיי הויבען אָן צו קלער־רען וועגען אַ תכלית. דער בעל-הבית׳ישער לעדיג-געהער ווערט מיט אַמאָל אַ פאַרשמייעטער סוחר אָדער אַן ענערגישער כלל-טוהער. דער ישיבה בחור ווערט מיט אַמאָל אַ מתמיד, אָדער עס ווערט איהם דאַן פלוצלונג ענג די דלד אמות של הלכה און ער לויפט זוכען אַ פּלאַץ אין דער ברייטער וועלט. דער אַרבעטער ווערט מיט אַמאָל קלאַסען באַוואוסטזיניג. דער סטודענט הויבט דאַן אָן ערענסטער צו לעזען, ערענסטער זיך צו פאַרטראַכטען, ערענסטער צו זוכען זיין תיקון. בקיצור, יעדער איינער אין יענעם עלטער פיהלט אַז זיין שטאַנד איז ניט גענוג חשוב, און ער שטרעבט צו דערגרייכען אַ חשוב׳ערען שטאַנד.

און ניט נאָר דער פּערזענליכער שטאַנד, נאָר אויך דער שטאַנד פון דאָס גאַנצע פאָלק און דער שטאַנד פון דער גאַנצער וועלט זעהען דאַן אויס ניט גענוג חשוב אין זיינע אויגען. יונגע לייט אין דעם דאָזי־גען עלטער זיינען דעריבער אויך גיכער גענויגט צו זוכען תקונים אין מצב פון זייער פאָלק און אין דער אָרדנונג פון דער וועלט. ווערען זיי דעריבער הייסע פּאַטריאָטען אָדער פייערדיגע רעוואָלוציאָנערען, און אַ פּשיטא שוין אַז זיי ווערען פאַרכאַפּט פון אַ פאָרמולע וואָס נעמט אַריין פּאַטריאָטיזם און וועלט רעוואָלוציע צוזאַמען. זעהען מיר טאַקע ווי אַזוינע באַוועגונגען געפינען מייסטענס אַ וואַרעמען אָפּרוף צווישען יונגע לייט אין דעם דאָזיגען עלטער. איבערהויפּט זעהען מיר עס ביי דער שטודירענדער יוגענט, וועלכע, לעבענדיג אין גרופּען, דים־קוסירט זי מעהר די אינטערשטעליגקייטען פון די גרופּען, איז זי מעהר גרופּען-באַוואוסטזיניג.

דאָס איז די צווייטע פאַזע פון וואונש פאַר פּראָגרעס, די פאַזע וועלכע נעמט אַרום די בליהונג׳ס פּעריאָדע פון לעבען. דאַן קומט אַ דריטע פאַזע, וועלכע פאַלט צונויף מיט דער פּעריאָדע פון פאָטער־שאַפט. דער וואונש פאַר פּראָגרעס ווערט דאַן אין גרעסטען טייל אויסגעפילט מיט דעם פּראָגרעס פון די קינדער, מיט דעם וואָס די קינדער וואַקסען קערפּערליך און גייסטיג. דערפאַר זיינען טאַקע עלטערען מעהר פאַראינטערעסירט אין קערפּערליכען און גייסטיגען פאָרטשריט פון זייערע קינדער ווי אין זייער אייגענעם. מיטן דין איז

פרינציפען

טאַקע אַליין לערנען מעהר מצוה, „הוא קודם לבנו" (קידושין כ"ט), נאָר פונדעסטוועגען וועט אַ ניט-פאַרמעגליכער מענש זעלטען זיך פאַרגינען צו דינגען פאַר זיך אַליין אַ מלמד, מעג ער דערוויסט ווי ליב האָבען לערנען; פאַר קינדער אָבער, געדענקט איהר דאָך נאָך מסתמא ווי דער אָרעמער בעל-מלאכה פלעגט ממש אָפּשפּאָרען פון ביסען פון מויל און שיקען די קינדער אין חדר, און ווי דער אָרעמער ישוב'ניק פלעגט זיך אַנטאָהן אַ כח און אַראָפּברענגען אַ מלמד פאַר זיינע קינדער (נאַטירלאך רעדט זיך דאַ וועגען עלטערען אמאָל, ווען אין קענען לערנען האָט מען געפיהלט אַ ווירקליכע גייסטיגע דערהויבענקייט).

די דאָזיגע דריטע פאַזע פון פּראָגרעס קען זיך אמאָל אויסציהען און אַריינגעמען אויך דעם וואוקס און בליהונג פון די אייניקלאך, געוויינליך אָבער האַלט זי נאָר אַן ביז איבער דעם וואוקס און בליה-צייט פון די קינדער. ווען די זוימען פאַלען אַראָפּ פון שטאַם און וואָרצלען זיך איין אין באַזונדערע נעסטען, ווערט דער שטאַם איבעריג פאַרן פּראָגרעס פון דער צוקונפט. דאַן קומט אַ פערטע עפּאָכע. דער וואונש פאַר פּראָגרעס ווערט דאַן גאַנצען אַ יורד, ער מוז זיך באַנוגענען מיט מעלה-גרה'ווען ברעקלאך וואָס איז געווען פּראָגרעס אין זיין פאַרגאַנגענהייט: שפּייזט ער זיך אויף נחת פון קינדער; לעבט ער אויף עראינערונגען פון די גוטע אַלטע צייטען; זוכט ער נאָכצומאַכען ווי ווייט מעגליך זיינע אַמאָליגע דערגרייכונגען: איז ער אַ תלמיד חכם, זיינען זיינע הויפּט אויפטוהען געווען אין לערנען, נעמט ער זיך זעהר אָפט צוריק צום לערנען; איז ער אָבער אַן עם הארץ, מוז ער זיך זעהר אָפט צוריקקערען צו זיינע דערגרייכונגען פון די קינדער יאָהרען, נעמט ער זיך בריה'ווען, נעמט ער זיך ווידער צום שפּיל (וואָרעם זיינע דערגרייכונגען אין געשלעכטליכען זין איז ער דאָך געוויינליך מעהר נישט ביכולת נאָכצומאַכען), „השתא דקשישנא לדרדקי". (בבא קמא צ"ב).

נאָר פונדעסטוועגען וואָלט דאָס אַליין געווען ווייניג אויסצופילען די ליידיגקייט אויף דער עטלער. האָט אָבער די עלטער אַ מעלה וואָס זי פאַרבינדט פעסטער די סביבה מיט דער פּערזאָן, אויספילענדיג די איכות'דיגע ליידיגקייט דורך כמות. אויף דער עלטער ווערט אַ מענש מעהר בעפריינדעט מיט יעדער בוימעלע אין זיין גאָרטען, מיט יעדער געגענשטאַנד אין זיין הויז, מיט דעם מאַרק און מיט דעם בית המדרש פון זיין שטעדטעל; אַלץ איז איהם נאָהנט, אַלץ איז זיינע. דאָס מאַכט זיין לעבען פולער, דאָס פאַרגיטיגט איהם פאַר זיין פאַרלוסט אין פּראָגרעס.

ניט זייענדיג אויף דער עלטער מעהר בכח צו מחדש זיין, קלאַמערט ער זיך פעסטער אָן דאָס אַלטע, זוכט ער מיט אַלע כוחות איינ-

פראָגרעס

צוהאַלטען דאָס וואָס ער האָט: איז ער דערפאַר קאַרג, איז ער עגאָ־איסטיש, איז ער קאָנסערוואַטיוו, איז ער עקשנות'דיג. פון דער צווייטער זייט, ווידער, ניט האָבענדיג מעהר דעם שוואונג צו שפּרינגען צו נייעסען איז ער נישט בהול'דיג, איז ער מעהר אויסגערעכענט, מעהר פאַרזיכטיג. בנוגע מדות איז דערפאַר עלטער אַמאָל אַ מעלה און אַמאָל אַ חסרון; פאַר דעם וואָס קען זיך באַנוצען מיט חשבון, פאַרן תלמיד חכם, איז עלטער אַ מעלה; פאַרן עם הארץ איז עלטער אַ חסרון, „תלמידי חכמים כל זמן שמזקינין חכמה נתוספת בהם. ועמי הארץ כל זמן שמזקינין טפשות נתוספת בהם" (שבת קנ"ב).

דער וואונש פאַר פּראָגרעס האָט אַלזאָ פּיער פאַזען, וועלכע הערשען ביים מענשען אין זיינע פאַרשיידענע לעבענ'ס פּעריאָדען. דאָס וואָס איז אין איין לעבענ'ס פּעריאָדע אַן עיקר איז אין אַן אַנדער לעבענ'ס פּעריאָדע אַ טפל. דערפאַר קענען זיך מענשען פון פאַרשיידענעם עלטער זעהר שווער צוזאַמענרעדען; דערפאַר איז אַמאָל אַזוי שאַרף די פּראָבלעמע פון „האבות והבנים". איז דער זוהן אַ קאַריעריסט אָדער אַן אוהב תורה, דאַן פּאַסט זיך געוויינליך אריין זיין אידעאַל אין דעם אידעאַל פון זיין פאָטער. איז אָבער דער אידעאַל פון זוהן וועלט רעוואָלוציע, און ער איז גרייט דערפאַר מקריב זיין זיין לעבען, דאַן איז עס פּונקט דער היפוך צום אידעאַל פון זיין פאָטער אין יענער צייט. דער פאָטער האָט בשעתו אויך געמעגט זיין אַזאַ פייערדיגער רעוואָלוציאָנער; ער מיינט אָבער אַז איצט איז ער געוואָרען קליגער, און ער שטורעמט מיט צאָרן געגען דעם זוהן'ס נאַרעשקייט. דער אמת איז אָבער, אַז די מיינונגס פאַרשיידענהייט צווישען פאָטער און זוהן נעמט זיך ניט פון חכמה און נאַרעשקייט נאָר פון געפיהל, פאַרן זוהן איז זיין געפיהל פּונקט אַזוי נאָרמאַל ווי פאַרן פאָטער זיין געפיהל. זאָל דער אידעאַל פון אַ קינד זיין תורה לשמה, אָדער זאָל ער דערפיהלען דעם וועלט'ס שמערץ פּונקט ווי אַ דערוואַקסענער, וועט ער הייסען אַ גאון; און פּונקט אַזוי אומנאָרמאַל ניט־דערוואַקסען וועט זיין אַ באַיאָרענטער מענש וועמענס אידעאַל זאָל בלייבען ספּאָרט.

נאָר כאָטש מיט דער צייט בייט זיך ביי אַ מענשען דער געפיהל, דאַרף מען פונדעסטוועגען ניט מיינען אַז דער וואונש זעלבסט בייט זיך ביי איהם איבער. עס איז דער זעלבער וואונש פאַר פּראָגרעס וועלכער האָט יעדער מאָל אַן אַנדער אָביעקט פאַרן אויג: אין דער יוגענט ווערט דער דאָזיגער וואונש אָם בעסטען אויסגעפילט דורך וואַקסען. שפּעטער, ווען קערפּערליכע וואוקס איז שוין מעהר אָדער וויינִיגער דערגרייכט, איז דער אָביעקט פון דעם דאָזיגען וואונש אַ ניט־קערפּערליכע אויסשפּרייטונג. נאָך שפּעטער, ווען עס קומט די

פרינציפּען

צייט פון פאַרזיכערען די צוקונפט, איז דאָס דער הויפּט תכלית און דאָס מעהר פון אַלץ האָט מען דאַן פאַרן אויג. אָס ענדע, ווען מען האַלט זיך שוין אין איין אַרונטערגליטשען באַרג אַראָפּ, צום אָפּגרונט, זוכט דער דאַזיגער וואונש זיך אָנצוכאַפּען אָן יעדער שטרויעלע, קלאַמערט מען זיך אָן וואָס נאָר עס לאָזט זיך.

ג.

שוין רעדענדיג וועגען די פיער פאַזען פון פּראָגרעס מוזען מיר זיך דערמאָנען אָן די פיער איינהייט׳ס פאָרמען, „אם אין ראיה לדבר זכר לדבר". עס איז ניט די זעלבע צאָהל פיער וועלכעס ברענגט אַרוּף דעם שייכות, נאָר יעדער פּראָגרעס׳ פאַזע באַזונדער דערמאָנט אָן אָן עהנליכער איינהייטס פאָרמע. אַזוי טהוט אונז וואוקס אין עקסטענ־סיוויטעט דערמאָנען אָן דעם וואונש צו פאַרמערען גלייכאַרטיגקייט און זעלביגקייט; בעת וואוקס אין אינטענסיוויטעט איז עהנליך צום וואונש פאַר קאָמפּאַניע. די פאַזע פון ניט געניגהייט דערמאָנט אונז אָן וואונש פאַר קאָמבינאַציע. די פאַזע פון פאַטערשאַפט דערמאָנט אונז אָן וואונש פון נאָכפאָלגונג און צוזאַמענבונד. און ענדליך די פיערטע פאַזע, וועלכע ווערט אויסגעפיהלט דורך דער אייגענשאַפט פון צוזאַמענבינדען מיט אונז וואָס נאָר עס לאָזט זיך, איז פּונקט אַזוי עהנליך צו אונזער אייגענשאַפט פון צוזאַמענגעמען מערערע זאַכען אין איין אוניט.

באַטראַכטען מיר ווידער די זאַך גרינטליכער, זעהען מיר אַז אין דעם איז דאָ פיל מעהר ווי אַ זכר לדבר אַז דער שייכות צווישען פּראָגרעס מיט איינהייט, ווי אויך מיט פאַרשיידענהייט, איז טאַקע אַ וועזענטליכער. קודם זעהען מיר, אַז איינהייט און פאַרשיידענהייט, ריכטיג רעגולירט, דערפירען שטענדיג צו פּראָגרעס: אַ געזעלשאַפט וועט שטענדיג אויפטאָהן מעהר ווי ווען די זעלבע צאָהל מענשען זאָלען לעבען ביחידות; און ווען מאַנכע אין דער געזעלשאַפט זוכען זיך אויסצוצייכענען וועלען זיי אודאי אופטאָהן נאָך מעהר. אמת, עס איז רעכט אַז אָן אוממעסיגע איינהייט אָדער פאַרשיידענהייט, ווי למשל נאַציאָנאַליסטישער שאָוויניזם אָדער אַנאַרכיע, זאָל דערפיהרען צו רעגרעס; אָבער אויך דאָ איז די איינציגע פּרעטענזיע פּראָגרעס, און ווען איהר זאָלט קענען באַווייזען אַז די דאָזיגע באַוועגונגען זיינען ניט פּראָגרעסיוו וועלען זיי זיך מוזען צופאַלען. דאָס ווייזט, אַז איינהייט און פאַרשיידענהייט זיינען ניט קיין אומאָפּהענגיגע פּרינציפּען, נאָר זיי שטעהען אין דינסט פון פּראָגרעס.

אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ. אָנגעהענדיג ווייטער מיט דעם דאָזיגען עקזאַמען, געפינען מיר אויס אַז דער עצם וועזען פון איינ־

פראָגרעס

הייט און פאַרשיידענהייט איז פּראָגרעס, ד"ה אַז פּראָגרעס געהט אָן דורך איינהייט און פאַרשיידענהייט: פאַרשיידענהייט זוכט אַריינצוברענגען וואָס מעהר נייעס, וואָס מעהר פרישע קוואַליטעטען, וואָס מעהר צו פאַרגרעסערען די שטאָף פון וועזען; איינהייט נעמט ווידער צונויף דאָס דאָזיגע שטאָף און בילדעט דערפון כסדר אַלץ קאָמפּליצירטערע, אַלץ גרעסערע וועזענס; דורך פאַרשיידענהייט געהט אָן דער פּראָגרעס פון וועזענ'ס חומר, בעת דורך איינהייט געהט אָן דער פּראָגרעס פון וועזענ'ס צורה.

אָבער דאָ מוז גלייך באַמערקט ווערען, אַז די דאָזיגע מיטאַרבעטערשאַפט צווישען פאַרשיידענהייט און איינהייט בנוגע פּראָגרעס איז נישט גלאַט אַזוי אַ צופעליגע, אַ צוזאַמענגעטראָפענע, נאָר עס איז אַ וועזענטליכע; אָהן פאַרשיידענהייט קען ניט אָנגעהן קיין פּראָגרעס אפילו בלויז אין וועזענ'ס צורה, פּונקט ווי אָהן איינהייט קען נישט אָנגעהן קיין פּראָגרעס אפילו בלויז אין וועזענ'ס חומר.

ווארעם שטעלט אייך פאָר אַ וועלט אין גאַנצען אָהן פאַרשיידענהייטען, אין גאַנצען אָהן ענדערונגען: אַלץ וועט אין אַזאַ וועלט מוזען אויסזעהן דאָס זעלבע און אַלץ וועט דאָרט מוזען אויף אייביג אַזוי פאַרבלייבען דאָס זעלבע — איז ווי וואָלט אייך אַזאַ וועלט געקענט געבען אפילו עפּעס אַ השגה פון צורה? שוין ניט רעדענדיג וועגען דער אוממעגליכקייט דאָרט פון צוקומען עפּעס נייעס, פון עפּעס צו־צו־וואַקסען צום חומר אָדער צו דער צורה. און פאַרגעסט אויך נישט, אַז אין פּראָגרעס מוז דערהערט ווערען אַ שטייגען פון אַ נידעריגערען שטאַנד צו אַ העכערען שטאַנד, פּראָגרעס מוז שוין דערפאַר אויפנעמען לכל הפחות צוויי פאַרשיידענע שטאַנדען, ד"ה אין עצם באַגריף פון פּראָגרעס דערהערען מיר עפּעס אַ פאָרמע פון פאַרשיידענהייט.

און פּונקט אַזוי איז יעדער אופן פון פּראָגרעס אויסגעשלאָסען פון אַ וועלט פון כולו פאַרשיידענהייט, כולו ענדערונג. ווארעם אויב אין פּראָגרעס ווערט דערהערט אַ שטייגען פון אַ נידעריגערען שטאַנד צו אַ העכערען, מוז דאָך זיין עפּעס אַ המשך צווישען די דאָזיגע צוויי שטאַנדען, אַזוי ווי עס פאָדערט דער באַגריף שטייגען; מוז דאָך די עקזיסטענץ פון דער זאַך אין העכערען שטאַנד פאָלגען פון דער עקזיסטענץ פון דער זאַך אין נידעריגערען שטאַנד (נאַטירליך מוז פּראָגרעס אויפנעמען עפּעס נייעס אין דעם העכערען שטאַנד, אָבער נאָר עפּעס, ווען די גאַנצע זאַך זאָל זיך אָנפאַנגען פון דאָס ניי' קען עס הייסען יצירה אָדער ענטשטעהונג אָבער נישט פּראָגרעס); מוז דאָך די זעלבע זאַך וואָס האָט פריהער עקזיסטירט אין אַ נידעריגערען שטאַנד שפּעטער איבערגעהן אין אַ העכערען שטאַנד; מוז דאָך דאָ אופגענו־

פרינציפען

מען ווערען איין און די זעלבע סובסטאַנץ. פראַגרעס קען דערפאַר נישט אויפגענומען ווערען אַהן המשך, זעלביגקייט און איינהייט, און עס קען דעריבער בשום אופן ניט אַנגעהן אין אַ וועלט פון כולו פאַרשיידענהייט, וואו עס טאָר נישט זיין קיין שייכות צווישען איין זאַך מיט דער אַנדערער, וואו אַלץ מוז זיך אַנפאַנגען פון דאַס ניי, פון בראשית.

ווי מיר זעהען, מוז פראַגרעס אויפנעמען סיי איינהייט און סיי פאַרשיידענהייט, או זוען מיר ווינשען פראַגרעס מוזען מיר ממילא ווינשען סיי איינהייט און סיי פאַרשיידענהייט. דאַ קומען מיר אַלזאַ צוריק צו דאַס וואָס מיר האַבען שוין דערמאַנט אין אַנפאַנג פון אונ־זער שמועס, אז איינהייט און פאַרשיידענהייט קומען זיך צוזאַמען אונטער דער פירערשאַפט פון פראַגרעס, און אז ווען מיר ווינשען איינהייט אַדער פאַרשיידענהייט ווינשען מיר באמת פראַגרעס. דעם דאָזיגען קערענדעל פון פראַגרעס געפינען מיר אין אַלע פאָרמען פון איינהייט און פאַרשיידענהייט וועלכע איבען אוים אַן איינפלוס אויף אונזערע געפיהלען.

נעמט גלייכאַרטיגקייט און איהר גענענזאַץ, פאַרשיידענאַר־טיגקייט. עס פאַרשטעהט זיך, אז ווען זאַכען זעהען אוים די זעלבע, אַדער זיינען ווייניגסטענס עהנליך אויף אַזוי פיעל אז זיי קענען פאַרבונדען ווערען אין אַן איינהייט, דריקען זיי גיכער אוים גרוים־קייט ווי ווען זיי זיינען אין גאַנצען פאַרשיידען, צוברעקעלט, האַבען נישט צווישען זיך קיין שום פאַרבינדונג. דער חשבון איז דאַ אַ פשוט׳ער: צוויי זאַכען די זעלבע פאַרטאָפּלען דעם פאַרנעם פון דער זעלבער זאַך, טהוט די זאַך אויסקוקען צוויי מאָל אַזוי גרוים; ווען זיי זיינען אַבער פאַרשיידען, און האַבען נישט צווישען זיך קיין פאַרבינדונג, בלייבען זיי אַזוי קליין ווי זיי זיינען יעדערע באַזונדער.

פון דער צווייטער זייט, ווען פאַרשיידענהייטען פאַסען זיך אַריין אין אַ קאַמפּלעקס, בילדען דאָרט אַ האַרמאָניע, ווערט די פאַר־בינדונג דורך זיי פיל פאַרשטאַרקט. וואָרעם דורך די פאַרשיידענ־הייטען באַקומט דער קאַמפּלעקס אַ באַשטימטע פאָרמע, אַ באַשטימ־טען בילד, וואו יעדער טיילכעלע האַט זיין באַשטימטען פּלאַץ, און איז ממילא נויטיגערווייזע פאַרבונדען מיט דאַס גאַנצע און מיט יעדען אַנדער טיילכעלע פון קאַמפּלעקס; נעמט איהם אַוועק ווערט קאַליע אַדער צופאַלט זיך דער גאַנצער קאַמפּלעקס. אין אַזאַ פאַל זיינען אַלזאַ די פאַרשיידענהייטען אַ געווינס פאַר דער איינהייט און גרוים־קייט פון דער זאַך. אויסער דעם ברענגען אַריין די פאַרשיידענהייטען נייע וועזענ׳ם פאַרמען — די געשטאַלט פון גאַנצען קאַמפּלעקס און

פראַגרעס

די פאַרשיידענהייטען אינערהאַלב דעם קאָמפּלעקס — און נייע וועזענס פאָרמען פאָרמערען דעם וועזען, קומט אויס, אַז דורך די פאַרשיידענהייטען טהוט פּראָגרעס טאָפּעלט געווינען, און דערפאַר זיינען זיי אונז אַזוי שטאַרק געפעלען.

נאָכצוטאָהן אַנדערע, איבערהויפּט דעם רבים. נעמט אוף זעלביגקייט און נעמט ממילא אוף גרויסקייט. נאָך מעהר גרויסקייט דערפילען מיר ווען אַנדערע טוהען נאָך אונז, נעמען־אָן אונזער מיינונג, אונזער לעבענס שטייגער אד״ג.[1] ווארעם מיט דעם וואָס אַנדערע טוהען אונז נאָך שפּרייט זיך דאָך אויס עפּעס וואָס איז מיט אונז פאַרבונדען, עפּעס וואָס נעמט אַנטייל אין דעם אוניט פון אונזער וועזען, ווערט דאָך מיט דעם אונזער וועזען גרעסער. פאַרקערט, ווידער, דאָס וואָס איז אַנדערש פון אונז שליסט אויס אונזער וועזען, און עס שטעהט ממילא ווי אַ מחיצה געגען זיין אויסשפּרייטונג. און גרויסקייט פון דאָס וואָס איז אַנדערש פון אונז איז אויך פאַר אונז אַ חסרון מיט דעם וואָס דאָס בילדעט אַ פאַרגלייך צווישען אונז און די אַנדערע, וואו זייער גרויסקייט איז אונזער קליינקייט. איז עס דערפאַר אין איינקלאַנג מיט דעם ווונש פאַר פּראָגרעס אַז מיר זאָלען דאָ ליב האָבען די איינהייט און פיינט האָבען די פאַרשיידענהייט.

אָבער אויך אין דעם דאָזיגען פאַל איז פּראָגרעס באמת ניט פאַרטראָטען אין גאַנצען דורך איינהייט. ווארעם שטעלט אייך פאָר ווען מען זאָל טאַקע דערגרייכען צו דעם אַז אַלע זאָלען זיין גלייך מיט אונז, אַז אַלע זאָלען אַננעמען, לאָמיר זאָגען, אונזער מיינונג; אַלע וואָלטען דאַן געהאַט איבער אַלץ פּונקט די זעלבע מיינונגען — איז ווי וואָלט דאַן די וועלט אויסגעזעהן? אין אַזאַ וועלט וואָלטען נאַטירליך נישט געקענט זיין נישט קיין שרייבער, נישט קיין לעזער און נישט קיין קריטיקער; נישט קיין רעדנער, נישט קיין דעבאַטירער און נישט קיין קיבעצער. אין אַזאַ וועלט וואָלט קיין מיינונג קיינמאָל ניט דורכגעלופּטערט געוואָרען, אַלץ וואָלט דאָרט דעריבער געווינליך געמוזט בלייבען ביים אַלטען — איז ווי וואָלט אין אַזאַ וועלט געקענט אָנגעהן פּראָגרעס? און ווי וואָלט איהר אַזאַ וועלט געליכען?

---

1) עס פּאַסירט אַמאָל ווען מיר ווילען נישט אַז אַנדערע זאָלען אונז נאָכטאָהן. דאָס איז, ווען די אַנדערע זיינען אַזוי געפאַלען אין אונזערע אויגען אַז יעדער עהנליכקייט פון אונז מיט זיי קומט אונז אויס ווי אַ פאַרביליגונג פון אונזער ווערט. אַמאָל אויך, ווען מיר האָבען נישט מיט אַנדערש זיך אויסצוצייכענען געגענאיבער די אַנדערע ווי נאָר מיט דעם דאָזיגען לעבענס שטייגער. די דאָזיגע פאַלען האָבען אַלזאָ צו טאָהן מיט אַן אומנאָרמאַלער לאַגע.

פרינציפען

עס פאַרשטעהט זיך, אַז איצט, ווען עס זיינען דאָ פאַרשיידענע מיינונגען, און ווען אַן אויסלופטערונג פון די דאָזיגע מיינונגען קען גראד פאַרקומען נאָר דאַן ווען יעדער איינער באַמיהט זיך ארויס־צוברענגען זיין מיינונג און איהר ווארעם פאַרטיידיגען, ווען יעדער איינער איז פאַראינטערעסירט אַז זיין מיינונג זאָל באַזיגען די אַנ־דערע מיינונגען, ד״ה אַז די פאַרשיידענהייט גופא קען דאָ צושטאַנד קומען נאָר ווען מיר זיינען בלויז פאַראינטערעסירט אין איינהייט — איז דאָ דער אינטערעס פאַר איינהייט דער דירעקטער וועג וועלכער פירט צו פראָגרעס, איז דאָ דערפאַר איינהייט אונזער איינציגער וואונש.

פונקט אַזוי קען זיך אונז אויסדוכטען, אַז בנוגע דער צוקונפט איז פראָגרעס אין גאַנצען פאַרטראָטען דורך פאַרשיידענהייט, ווייל פראָגרעס פאָדערט דאָך אַז אין דער צוקונפט זאָל יעדער מאָמענט מיטברענגען עפּעס אַן ענדערונג; אין צוויי מאָמענטען פונקט די זעל־בע קען קיין פראָגרעס ניט זיין. און אונזער דירעקטער וואונש וועט אייך אויף דעם אויך געווים געבען זיין הסכמה, ווארעם באמת ווינ־שען מיר טאַקע כסדר׳דיגע ענדערונג; אפילו ווען מיר ווינשען אַז די צייט זאָל זיך אַזוי ציהען און ציהען, ווינשען מיר באמת אויך נאָר אַז אַזוינע ענדערונגען — אַזוי לאַנג ווי זיי זיינען ענדערונגען — זאָלען אַנגעהן און אַנגעהן. למשל, מיר ווארעמען זיך און מיר ווילען נישט אַוועקגעהן פון פייער, אָדער מיר רוהען און מיר ווילען זיך ניט נעמען צוריק צו דער אַרבעט, הייסט עס, אַז אַזוי לאַנג ווי עס איז אונז קאַלט וואָלטען מיר וועלען האָבען די ענדערונגען פון ווארעמ־קייט, און אַזוי לאַנג ווי מיר זיינען מיד וואָלטען מיר וועלען האָבען די ענדערונגען פון אויסרוהונג; קוים וועלען מיר זיין גענוג ווארעם און אויסגערוהט וועלען מיר געווים ווינשען עפּעס אַן אַנדער ענ־דערונג.

אָבער פונקט ווי דאָרטען די איינהייט אַזוי איז אויך דאָ די פאַרשיידענהייט בלויז דער איניציאַטאָר פון פראָגרעס. דער ענדציל איז דאָ גראד עפּעס אַ פאָרמע פון איינהייט. אין די אויבענגעבראַכ־טע ביישפּילען, איז עס די נאָרמאַלע טעמפּעראַטור און דער גלייכ־געוויכט פון די קערפּערליכע שטאָפען, אַ דאַנק וועלכער דער קערפּער איז אַמבעסטען אימשטאַנד אַנצוהאַלטען אין דעם מאָמענט זיין קער־פּערליכע אָרגאַניזאַציע. אַן אַנדער מאָל איז דער ענדציל נאָכפאָל־גונג; אַ דריטען מאָל איז עס די אויסשפּרייטונג פון וועזען, און אַזוי כסדר. דורך פאַרשיידענהייט קומט אַלזאָ דאָ צושטאַנד איינהייט, פונקט ווי דאָרט איז דורך איינהייט צושטאַנד געקומען פאַרשיי־דענהייט.

פראָגרעס

איהר געדענקט דאָך אודאי ווי רעדענדיג וועגען גלייכאַרטיג־קייט און וועגען דעם פּאָזיטיווען איינפלוס וואָס געוואוינהייט האָט אויף אונזערע געפיהלען, האָבען מיר דאַן אָנגעוויזען ווי דער דאָזיגער איינפלוס פאַרבינדעט אונז אפילו מיט דוממדיגע געגענשטאַנדען צו וועלכע מיר זיינען געוואוינט. פון דער צווייטער זייט איז אָבער באַקאַנט, אַז אַלטע זאַכען טוהען אָפט שטאַרק דערעסען און מען וואָלט גאַר פון זיי געוואָלט פּטור ווערען — נישט איין מאָל וואַרפען מענשען אַרוים אַלטע כלים אָדער אַלטע בגדים וועלכע זיינען נאָך גאַנץ נוצבאַר, נאָר צוליב דעם וואָס זיי האָבען זיך זיי שוין צוגע־געסען. דאָ האָבען מיר אַלזאָ פאַר זיך דעם איינפלוס פון איינהייט געגענאיבער דעם איינפלוס פון פאַרשיידענהייט, און אין מאַנכע פאַ־לען פּרעדאָמינירט דער ערשטער און אין מאַנכע פאַלען פּרעדאָמינירט דער צווייטער — וואָס איז צווישען זיי דער כח המכריע?

דאָ קומען מיר ווידער צום פּרינציפּ פון פּראָגרעס: אויב די אַלטע זאַכען זיינען אויף עפּעס אַן אופן פאַרבונדען געוואָרען מיט אונזער וועזען אָדער כאָטש מיט חשוב׳ען וועזען אין אַלגעמיין, אויב די זאַכען דערמאָנען אונז אָן מענשען וועלכע זיינען אונז געוועזען ליב (זיינען געווען פאַרבונדען מיט אונזער וועזען), אָדער אָן אונזער אייגענער יוגענט, אָדער אַזוי אין אַ צייט ווען עס איז אונז געווען גוט, אָדער אָן אַ פּלאַץ וואו אונזער וועזען איז געווען געהויבען, אָדער, פאַרקערט, ווען זיי דערמאָנען אונז אָן אַ צייט אָדער אָן אַ פּלאַץ ווען אָדער וואו אונזער וועזען איז געווען אַזוי געפאַלען אַז די דאָזיגע זאַכען זיינען דאַן געווען די איינציגע וועלכע האָבען אונז אָנגעוויזען אויף אונזער יש, אויף אונזער בעל־הבית׳ישקייט, אָדער ווען זיי דערמאָנען אונז ווייניגסטענס אָן גרויסע פּאַרציעס וועזען אין אַלגע־מיין, אָן היסטאָרישע עפּאָכען, אָן וויכטיגע געשעהענישען אד״ג (אין דעם דאָזיגען פאַל זיינען די דאָזיגע אַלטע זאַכען פאַרבונדען נאַטיר־ליך מיט אַלעמענס וועזען און זיי באַזיצען דעריבער אַ מאַרק־ווערט) — דאַן טוהען זיי מיט זייער עקזיסטענץ פאַרגרעסערען דעם וועזען, און דעריבער איז דאַן זייער עקזיסטענץ דורך אונז געוואונשען. אויב אָבער די אַלטע זאַכען זיינען מיט אַזאַ וועזען ניט פאַרבונדען גע־וואָרען, דאַן שטעלען זיי מיט זיך פאַר גיכער אַ שטער פאַר פּראָגרעס, וואָרעם זיי שטעהען דאַן אין וועג נישט נאָר פון פאַרשיידענאַרטיג־קייט, נאָר אויך פון מאָדע, וועלכעס איז אַ פאָרמע פון גלייכאַרטיג־קייט. דער פּרינציפּ פון פּראָגרעס פאָדערט דערפאַר אַז מיר זאָלען דאַן פון זיי וועלען פּטור ווערען.

בנוגע קאָנסערוואַטיזם איז ווערט צו דערמאָנען, אַז כאָטש דער קאָנסערוואַטיוו זוכט געוויינליך איינצוהאַלטען די אַלטע אינ־

סטיטוציעס, שטעלט ער זיך פונדעסטוועגען נישט צופרידען מיט דעם וואס עס איז. פונקט ווי דער אנטי-קאנסערוואטיוו אזוי שטרעבט אויך דער קאנסערוואטיוו צו ענדערונג און פראגרעס; נישט מעהר, דער קאנסערוואטיוו האלט, אז די אלטע אינסטיטוציעס זיינען גוט געננג פאר דעם דאזיגען צוועק, בעת דער אנטי-קאנסערוואטיוו האלט, פארקערט, אז די אלטע אינסטיטוציעס זיינען פאר דעם דא-זיגען צוועק ניט גענוג און ער פאדערט דערפאר תקונים. אין אנ-דערע ווערטער: דער אונטערשייד צווישען קאנסערוואטיוו און אנטי-קאנסערוואטיוו ליגט נישט אין ציל פון זייער שטרעבען נאר אין די וועגען וועלכע פיהרען צום ציעל, אין די אורחות חיים:ביידע שטרע-בען צו פראגרעס, נאר בעת דער קאנסערוואטיוו שטרעבט צו פרא-גרעס דורך נאכפאלגונג, שטרעבט דער אנטי-קאנסערוואטיוו צו דעם זעלבען ציל דורך תקונים.

אודאי געדענקט איהר דאך ווי דא נישט לאנג, רעדענדיג וועגען די פארשיידענע פאזען פון פראגרעס, האבען מיר אויסגעפונען, אז די דאזיגע צוויי אופנים פון שטרעבען הערשען גראד אין צוויי פארשיידענע פראגרעס׳פאזען, די פאזע פון פאטערשאפט און די פאזע פון ניט-גענוגהייט. אויך האבען מיר דאן אויסגעפונען דעם שייכות צווישען די פארשיידענע פראגרעס פאזען מיט די פארשיי-דענע פעריאדען פון אונזער לעבען, און עס איז אויסגעקומען, אז אויף דער עלטער שטרעבען מיר געוויינליך צו פראגרעס דורך אויפהיטען דער נאכפאלגונג, און אין דער יוגענט שטרעבען מיר געוויינליך צו דעם זעלבען ציל דורך א געפיהל פון ניט-גענוגהייט און דורך זוכען תקונים. פון דעם קומט אויס, אז אויף דער עלטער זיינען מיר גיכער גענויגט צו קאנסערוואטיזם און אין דער יוגענט — צו אנטי-קאנסערוואטיזם.

נאטירליך זיינען דא אויך אנדערע פאקטארען, ווי למשל, עקאנאמישע אינטערעסען, וועלכע נויגען אונזער טענדענץ פאר פרא-גרעס צו דער ריכטונג פון קאנסערוואטיזם אדער אנטי-קאנסערווא-טיזם, צו איינהייט אדער פארשיידענהייט.

באווייזענדיג דעם שייכות צווישען פראגרעס און גלייכארטיג-קייט האבען מיר שוין ממילא אויך באוויזען דעם שייכות צווישען פראגרעס און קאמפאניע, ווארעם קאמפאניע נעמט דאך אויך אריין גלייכארטיגקייט, די מיטגלידער אין א קאמפאניע מוזען דאך טאהן עפעס דאס זעלבע. נאר אויסער דער גלייכארטיגקייט קומט נאך אין קאמפאניע אריין אן אנדער פאקטאר פון גרויסקייט, דאס איז די צוזאמענארבעט, וועלכעס גיט צו פארבינדונג און ממילא אויך

גרויסקייט. אין גלייכאַרטיגקייט איז די פאַרבינדונג בלויז אַן עקס־טענסיווע; די טיילען עקזיסטירען דאָרט יעדערער גאַנץ פאַר זיך אַליין, און זיי בלייבען דעריבער אַזוי קליין ווי זיי זיינען יעדערער באַזונדער. אַ קערענדעל צוקער, למשל, איז אויף אַ האָהר ניט זיסער צוליב דעם וואָס ער ליגט אין אַ גאַנצען זאַק מיט מאַנטשקע. גרויס־קייט האָט איהר דאָרט בלויז אין סך־הכל, ווען איהר רעכענט צונויף אַלע טיילען צוזאַמען. אין קאָמפּאַניע, דאַגעגען, איז די פאַרבינדונג אַן אינטענסיווע, די טיילען זיינען דאָרט צונויפגעגאָסען אַזוי, אַז אין יעדען טייל געפינט איהר די ווירקונג פון יעדען אַנדער טייל; איהר האָט דאָרט דעריבער גרויסקייט ניט נאָר אין סך־הכל, נאָר אויך אין די טיילען.

דער דאָזיגער לאָגישער חשבון ווערט נאַטירליך אונטער־שטיצט דורך פאַקטען אין פּסיכאָלאָגיע: איהר ווייסט גאַנץ גוט, אַז עס איז אַ גרויסער אונטערשייד צו מערערע מענשען דאַווענען ביחידות אָדער זיי דאַווענען מיטן מנין, צו זיי לערנען יעדערער פאַר זיך אָדער זיי לערנען מיט אַן עולם. איבערהויפּט זעהט איהר דעם דאָזיגען אונטערשייד אין זאַכען וועלכע נעמען אַריין מערערע צוזאַמענאַר־בעטענדע טעטיגקייטען, ווי, למשל, די פּסח׳דיגע סדרים, וואו מען זאָגט צוזאַמען, מען זינגט צוזאַמען, מען עסט צוזאַמען, מען טרינקט צוזאַמען אד״ג. די ווירקונג פון דער צוזאַמענאַרבעט טהוט זיך דאָ צואוואַקסען דורך דעם סך־הכל פון די פאַרשיידענע צוזאַמענאַרבעטען, און דערפאַר איז דאָ דער אונטערשייד צווישען יע־צוזאַמענאַרבעט און ניט־צוזאַמענאַרבעט פיל מעהר קענטיג — די סדרים אָפּגעריכט באַזונדער וועלען געווים פאַרלירען זייער גאַנצען טעם. 1)

עס איז איבעריג צו זאָגען אַז מיר באַמערקען אויך ווי צוזאַ־מענאַרבעט איז אַ וויכטיגער אינסטרומענט פון פּראָגרעס אויך בפועל. יעדער איינער פאַרשטעהט אַ פּריאַרי און וויים עס אויך פון ער־פאַרונג, אַז דאָס וואָס אַ קאָמפּאַניע קען דערגרייכען אין אַרבעט און פּלאַנעווען קענען די זעלבע מענשען באַזונדער קיינמאָל נישט דערגרייכען.

בנוגע אָרגאַניזאַציע, איז גענוג צו זאָגען, אַז אָרגאַניזאַציע פאַרהאַלט זיך צו קאָמפּאַניע ווי אַן האַרמאָנישער קאָמפּלעקס פון

---

1) דאָס וואָס ימים נוראים זיינען די שוהלען אַזוי אָנגעפּאַקט מיט מתפללים, וועלכע האָבען שוין געוויינליך אין גאַנצען אַראָפּגעוואָרפען פון זיך דעם יאָך פון אידישקייט, נעמט זיך אויך ניט מסתמא אַזוי פיעל מחמת מורא פאַרן יום הדין, ווי מחמת דעם וואָס אַ ימים נוראים׳דיגער דאַווענען האָט מער בשותפישע טעטיגקייטען — מען זינגט צוזאַמען, מען שרייט צוזאַמען אד״ג. דאָס פאַרבינדט דעם גאַנצען עולם ווי טיילען פון איין גרויסען וועזען. קיין ספק ניט, אַז די פאַרשיידענאַרטיגקייט איז דאָ אויך אַ וויכטיגער פאַקטאָר.

פרינציפען

פאַרשיידענהייטען פאַרהאַלט זיך צו ריינער גלייכאַרטיגקייט. די אָרגאַניזאַציע מוז דעריבער מיט זיך פאָרשטעלען מעהר וועזען ווי די קאַמפּאַניע, פּונקט ווי דער האַרמאָנישער קאָמפּלעקס פון פאַר־שיידענהייטען שטעלט מיט זיך פאַר מעהר וועזען ווי די ריינע גלייכ־אַרטיגקייט.

דעם דאָזיגען יתרון פון אָרגאַניזאַציע איבער קאַמפּאַניע זעהט מען דורך געגוג פאַקטען אין פּסיכאָלאָגיע. מען זעהט עס אין דער שטימונג פון חשיבות ביי אַן אַלט פּאָר פּאָלק ווען זיי זיינען צוזאַמען און אין דער נידערגעשלאָגענקייט, ווען איינער פון זיי בלייבט אַליין; די בעסטע קאַמפּאַניע קען דעם דאָזיגען חסרון נישט ממלא זיין. און מען זעהט עס אין דעם וואונש פון קינדער צו האָבען ערגעץ וואו עלטערען, מעגען זיי זיך געפינען דערווייסט ווי ווייט, און מעגען זיי אפילו פאַלען שטאַרק צו לאַסט. און מען זעהט עס אויך אין דער איבערגעבענהייט פון אונטערטאָן צום קעניג אַמאָל, אָדער פון ביר־גער צום בירגער מייסטער היינט, אָדער, להבדיל, פון אַ חסיד צו זיין רבין. וואָס דאַרפט איהר מעהר, אפילו אַן אַמעריקאַנער שול באַ־געהט זיך נאָך היינט אויך זעלטען אָהן אַ רב, כאָטש זעהר אָפּט האָבען שוין די רבנישע דרשות אָדער סערמאָנס צוגעגעסען די אומ־געדולדיגע שול־מעמבערס, און ווען עס מאַכט זיך אַמאָל אַז דער רב זאָגט נישט איז ביים עולם אַ גאַנצער יום טוב.

וועגען דעם, ווידער, ווי ווייט אָרגאַניזאַציע איז אַן אינסטרו־מענט פון פּראָגרעס בפועל און וועגען איהר יתרון איבער קאַמפּאַניע אין דעם דאָזיגען הינזיכט, איז געגוג אַ בליק צו טאָהן אויף דעם גאַנג פון פּראָגרעס און אויף דעם חלק וואָס אָרגאַניזאַציע האָט אין דעם דאָזיגען גאַנג. ווי אַ וויסענשאַפט־מאַן, ווייסט איהר דאָך בעסער פון מיר אַז סיי דער קערפּער פון איינצעלנעם בעל־חי און סיי די גרופּע פּראָגרעסירט הויפּטזעכליך אַ דאַנק דער ספּעציאַליזאַציע און דעם געגענזייטיגען ערגענצען־זיך צווישען די אינדיווידומס. אודאי קען קיין אָרגאַניזאַציע נים זיין אָהן עפּעס אַ צוזאַמען־קומען־זיך, אָהן עפּעס אַ פאָרמע פון קאַמפּאַניע. אָבער דירעקט טהוט נים די קאַמפּאַניע בייטראַגען אַזוי פיל צו פּראָגרעס. אודאי האָט זיך נעבאָך אדם הראשון געמוזט שטאַרק פּלאָגען „ביז ער האָט באַקומען ברייט צום עסען”. אָדער „אַ בגד אָנצוטאָהן”, אָבער עס וואָלט איהם נים אָנגע־קומען פיל לייכטער ווען אפילו מיליאָנען אדם הראשון'ס טוהען צוזאַמען די אַלע אַרבעטען, וואָס ער האָט איינער אַליין געמוזט טאָהן. זאָגען טאַקע אונזערע חכמים, אַז ווען מען זעהט אידישע מאַסען דאַרף מען דאַנקען דעם אויבערשטען „וואָס זייערע געדאַנקען זיינען נים גלייך איינע צו די אַנדערע”.

פראָגרעס

בנוגע אָרדנונג, איז עס דאָך פון זעלבען טיפ פון געגענזייטיגען ערגענצען זיך פון טיילען ווי אָרגאניזאציע. אָרדנונג שטעלט דעריי־בער מיט זיך פאָר דעם זעלבען צוזאַמענבונד און דאָס זעלבע פאַר־גרעסערונג פון וועזען וואָס אָרגאניזאציע.

די דאָזיגע פאַרגרעסערונג פון וועזען דערפיהלען מיר אויך פאַקטיש, ווען מיר טוהען עפּעס אָן אַקט פון גערעכטיגקייט אָדער עפּעס אַנדערש וואָס מיר האָבען באַדאַרפט טאָהן. אויך אַנדערע זעהען דאַן חשיבות אין אונזער וועזען און קוקען אויף אונז מיט רעספּעקט.

און אודאי איז אָרדנונג, און בפרט גערעכטיגקייט, אַ וויכטי־גער אינסטרומענט פון פּראָגרעס בפועל. דאָס וואָס איז אין דער בעסטער אָרדנונג איז ממילא אין בעסטען צושטאַנד צו פּראָגרעסי־רען. און פאַרקערט, ווידער, וואו עס איז ניטאָ קיין אָרדנונג, וואו די טיילען שטימען ניט צוזאַמען, דאַרט מוז אַלץ געהן אויף צוריק — אָהן אָרדנונג קען קיין אָרגאניזאציע זיך ניט האַלטען צוזאַמען, מוז יעדער אָרגאניזם פאַרדאַרבען ווערען, מוז אַ לעבעדיגער קערפּער אָפּשטאַרבען, מוז אַ געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציע צוזאַמענפאַלען. זאָגען דאָך אונזערע חכמים זכרונם לברכה. „אַז די וועלט האַלט זיך אויף דריי זאַכען: אויף אמת, און אויף דין, און אויף שלום" (פרקי אבות א'), און די דאָזיגע דריי זאַכען זיינען גראַד אַלע אופנים פון אָרדנונג.

בנוגע די דריי קלאַסען באַזונדערקייט, איז וועגען דעם שייכות פון פּראָגרעס מיט אויסצייכענונג לוינט זיך באמת גאָר ניט צו פאַר־לירען קיין פיל רייד. ווייס דאָך יעדער איינער. אַז מיט אויסצייכע־נען זיך מיינט ער אַריבערצושטייגען זיינע חברים און זיין אייגענעם פריהערדיגען נאָרמאַלען צושטאַנד, ד"ה אַז וועלענדיג זיך אויסציי־כענען וויל יעדער איינער זיין עפּעס מעהר, וויל יעדער איינער פּראָ־גרעס פון אייגענעם וועזען. דערפאַר טאַקע זוכט מען געוויינליך זיך אויסצוצייכענען געגענאיבער אַ גלייכען. מחמת געגעאיבער אַ קלענערען פון זיך איז מען דאָך פריהער אויך געווען גרעסער, איז דאָך די גרעסערקייט ניט קיין פּראָגרעס, און געגענאיבער אַ גרעסע־רען איז ווידער זעהר שווער צו האָפען זיך אויסצוצייכענען, ווייל דאָס איז געגען דעם נאָרמאַלען גאַנג פון פּראָגרעס.

אויך ווייס יעדער איינער אַז ביים אויסצייכענען זיך דערפילט ער טאַקע אַ פּערזענליכע חשיבות, אַ פאַרגרעסערונג פון זיין וועזען. און די דאָזיגע פּערזענליכע חשיבות פאַרשאַפט איהם געוויס פיל

פאַרגעניגען. אויך זעהט יעדער איינער ווי אפילו זייטיגע מענשען — די וואָס געהערען נאָר ניט צום קלאַס פון פאַרגלייכען זיך און מקנא זיין — קוקען מיט צופרידענהייט אויף איינעם וואָס צייכענט זיך אויס. 1) דאָס שטימט מיט דעם וואָס מיר האָבען דאָ נישט לאַנג געהאַט גערעדט, אַז מענשען ווינשען נישט נאָר זייער אייגענעם פראָגרעס נאָר אויך פראָגרעס אין אַלגעמיין.

און אַזוי וויים אויך יעדער איינער, אַז אויסצייכענונג איז זעהר אַ וויכטיגער אינסטרומענט פון פראָגרעס בפועל. מען פאַרשטעהט עס אפילו אַ פריאָרי. ווארעם זוכענדיג זיך אויסצוצייכענען, אריבערצושטייגען זיך און אַנדערע, האַלט מען דאָך ממילא געשפּאַנט די אייגענע ענערגיע, און אַלץ וואָס מען האָט נאָר צום האַנד, אין דער ריכטונג פון שטייגען, ווערט דאָ אַזוי אַרום דער וועזען געטריבען אין דער ריכטונג פון פראָגרעס.

עס איז אויך נישט שוועער איינצוזעהן דעם שייכות פון פראָגרעס מיט רעפאָרם. ווארעם קודם פאָדערט דאָך פראָגרעס אַז די מענשען וואָס לעבען שפּעטער זאָלען זיין פראָגרעסיווער און ממילא פאַרשיידענער פון די מענשען וואָס האָבען געלעבט פריהער, און דערפאַר מוזען דאָך די געפיהלען פון די שפּעטערדיגע מענשען אויך זיין פאַרשיידענער פון די געפיהלען פון די פריהערדיגע מענשען, און דאָס וואָס שטימט צוזאַמען לויט די געפיהלען פון די שפּעטערדיגע מענשען מוז ממילא אויך זיין פאַרשיידען פון דאָס וואָס שטימט צוזאַמען לויט די געפיהלען פון די פריהערדיגע מענשען. און אַזוי ווי אָרדנונג מיינט דאָך צוזאַמענשטימען, קומט אויס, אַז דאָס וואָס הייסט אָרדנונג ביי די שפּעטערדיגע מענשען מוז זיין עפּעס אַנדערש ווי דאָס וואָס האָט געהייסען אָרדנונג ביי די פריהערדיגע מענשען. פראָגרעס קען דערפאַר ניט אָנגעהן אָהן רעפאָרמען (דער זעלבער באַווייז וועט דאָ שפּעטער אַביסעלע קלערער אַרויסגעבראַכט ווערען). און עס פאַרשטעהט זיך אויך אַז די רעפאָרמען מוזען זיין ערגערען צום בעסערען, אַנדערש וועלען זיי זיך ווידער אַנשטויסען מיט דעם פרינציפּ פון פראָגרעס (ווי אַזוי עס קענען אַמאָל פאַרקומען

1) גרויסקייט רופט געוויינליך אַרויס אַכטונג. אָבער דער דאָזיגער געפיהל דאַרף מסתמא האָבען דעם זעלבען טייטש ווי דאָס וואָרט אַכטונג האָט אין אַ געוויינליכען געשפּרעך, ווען מען הייסט באַמערקען אַ געפאַהר אָדער אַ שטרויכלונג. דאַן זאָל אַכטונג צו אַ וועזען אָנווייזען אויף אַ געפיהל פון אַנערקענונג, אַז דער וועזען איז פון אַזאַ פאַרנעם אַז ער קען ניט פאַרבייגעגאַנגען ווערען אומבאַמערקט, ד״ה אַ הסכמה אויף דער גרויסקייט פון וועזען.

רעפאָרמען צום ערגערען וועלען מיר זעהן שפּעטער). דער עצם באַגריף פון פּראָגרעס פאָדערט שוין אַלזאָ רעפאָרמען פון אַ פּראָגרעסיווען כאַראַקטער, און אויב עס איז דאָ פּראָגרעס מוזען ממילא זיין אַזוינע רעפאָרמען, און אויב מיר ווינשען פּראָגרעס מוזען מיר ממילא ווינשען אַזוינע רעפאָרמען.

און עס איז אויך אויסער יעדען ספק, אַז די רעפאָרמען וואָס האָבען זיך צוגענומען זיינען טאַקע אַלע פון פּראָגרעסיווען כאַראַקטער. ווי פיל טענות מיר זאָלען נישט האָבען קעגען דער היינטיגער אָרדנונג וועלען מיר דאָך מוזען צוגעבען, אַז די היינטיגע מאָראַל. די היינטיגע גערעכטיגקייט און די היינטיגע עסטעטיק זיינען גאָר ניט דער־ערך פּראָגרעסיווער ווי די אַמאָליגע מאָראַל, אַמאָליגע גערעכטיגקייט און אַמאָליגע עסטעטיק. 1) פאַרשטעהט־זיך אַז אַמאָל מיינט דאָ ניט מיט אַ פופציג אָדער הונדערט יאָהר צוריק — אַ צייט וועלכע שפּילט גאָר קיין ראָלע נישט אין גאַנג פון וועזען, „כי אלף שנים בעיניך כיום אתמול כי יעבור ואשמורה בלילה” (תהלים צ׳).

און אודאי וועט יעדער איינער צוגעבען, אַז די געפאָדערטע אָפּנויגונגען „לפנים משורת הדין”, זיינען אויסגערעכענט פאַר אַזוינע פאַלען אין וועלכע דער קיום פון דער וועלט קען דורך זיי בלויז געווינען, „בתחילה עלה במחשבה לבראתו במדת הדין וראה שאין העולם מתקיים והקדים מדת הרחמים ושתפה למדת הדין” (רש״י בראשית א׳, ב״ר סוף פ׳ י״ב אין אַן אַנדער לשון). למשל, ווען מיר בעטען רחמים פאַר אַ פאַרברעכער, אַן וועלכען עס הענגט אָפּ די עקזיסטענץ פון אַ פאַמיליע, נעמען מיר אָן, אַז דער רווח וואָס דער קיום פון דער וועלט באַקומט דורך דער רעטונג פון דער דאָזיגע אומ-

---

1) די נייע וועלט מלחמה און דער נאַצישער באַרבאַריזם האָבען ביי אַסאַך אָוועקגענומען דעם גלויבען אין גאַנג פון פּראָגרעס. מען פאַרגעסט אָבער אַז מאָראַלישע קריזיסען קומען גראַד ווי געבורטס וועהען פון פּראָגרעס, און אַזוינע מאָנסטערס ווי דער נאַציזם פאַלען געוויינליך אַרויס פאַר דעם געבורט פון אַן אמת׳ען קינד פון פּראָגרעס. האָבען דאָך שוין אונזערע חכמים פאָרויסגעזאָגט גרויסע מלחמות און מאָראַלישע קריזיסען ווי סימנים פון עקבתא דמשיחא (פאַר וואָס עס איז אַזוי וועלען מיר זעהן שפּעטער). און נאָך אַלעמען קענט איהר פאָרט ניט פאַרגלייכען אפילו דעם קריזיסדיגען צושטאַנד פון דער היינטיגער מאָראַל מיט דעם אַמאָליגען נאַטירליכען צושטאַנד פון קאַניבאַלסטווא, מענשליכע קרבנות און אומברענגונג פון אייגענע עלטערען און קינדער. און אודאי איז דאָ אַ גרויסער מרחק צווישען דער גניבה פון דעם היינטיגען סוחר, אינדוסטריאַליסט און מלוכה בעאַמטען מיט דער אַמאָליגער הערשאַפט פון ברוטאַלען כח, ווען אַלץ האָט געהערט צום שטאַרקען און דער געוויינליכער מענש האָט גאָר ניט געהאַט קיין מעגליכקייט זיך צו פאַרגרייטען אויף אַ רעגענדיגען טאָג. דערפאַר פלעגען טאַקע אין הונגער יאָהרען גאַנצע שבטים אומקומען, און נישט איין מאָל האָט דער גאַנצער מין מענש מחמת דעם געהאַלטען ביים אונטערגעהן. און פונקט אַזוי איז, ווען מיר פאַרגלייכען דעם אַמאָליגען געפיהל פון שעהנקייט, וועלכער האָט מערסטענס געפאָדערט די פאַרקריפּלונג אָדער כאָטש פאַרבלוטיגונג פון קערפּער, מיט דעם היינטיגען שעהנקייט׳ס געפיהל, וועלכער פאָדערט, אין געגענטייל, שטריכען פון פיזישער און גייסטיגער פולקאָמענהייט: הויכקייט, שטאַרקייט, בויגיגקייט, סימנים פון טאַלאַנט אד״ג.

שולדיגער פאַמיליע וועגט אַריבער דעם שאָדען וואָס די אומאָרדנונג פון דעם אומבאַשטראָפטען פאַרברעכען ברענגט מיט.

און פאַרגעסט נישט, אַז די דאָזיגע אָפּנויגונגען פון דין שטעלען מיט זיך אויך פאָר אַ פאַרפיינערונג פון געפיהל, אַ געפיהל וואָס דערפיהלט נישט נאָר גערעכטיגקייט נאָר אויך עפּעס איבער גערעכטיגקייט, „לא חרבה ירושלים אלא על . . . שהעמידו דיניהם על דין תורה ולא עבדו לפנים משורת הדין” (בבא מציעא ל׳). זייער בייטראג צום וועזענם פראָגרעס איז דערפאַר אַ טאָפּעלטער — פראָגרעס פון וועזען אין כמות און פראָגרעס פון וועזען אין איכות.

זעהט איהר, וועגען מאַנכע פאָדערונגען פון צווייטען קלאַס באַזונדערקייט — ספּעציאַליטעט — קען מען זיך פּילייכט אַביסעל דינגען, און אויב מען זאָל זיי שלעכט אויסטייטשען קען מען אין זיי ווירקליך זעהן אַ נעגאַטיווען שייכות מיט פּראָגרעס.

יעדער איינער וועט אפילו צוגעבען, אַז גענומען אין סך־הכל איז ספּעציאַליטעט גאָר אַ וויכטיגער פאַקטאָר און גאָר אַ וויכטיגער סימן פון פּראָגרעס — אפשר וויכטיגער פון די אַנדערע קלאַסען באַזונדערקייט און פון די אַנדערע פאָרמען פון פאַרשיידענהייט.

נעמט ספּעציאַליטעט אויפן פיזיאָלאָגישען געביט. דאָ וועט קיינער געוויס ניט לייקענען די וויכטיגקייט פון ספּעציאַליטעט ווי אַ פאַקטאָר פון פּראָגרעס. ווייס דאָך שוין היינט אפילו אַ חדר־אינגעל אַז אָהן דעם אָנפאַנג פון ספּעציאַליזאַציע אויף דעם דאָזיגען געביט, אָהן דער בראשית׳דיגער פונאַנדערטיילונג פון דער לעבעדיגער צעל אין אלגיי, פונגי, און פּראָטאָזאָאַ, וואָלט קיין לעבען איבערהויפּט ניט געקענט אָנגעהן. און מען קען זיך אויך פאַרשטעלען וואָס פאַר אַ פּנים דער וועזען וואָלט געהאַט ווען די פיזיאָלאָגישע ספּעציאַליזאַציע וואָלט זיך געהאַט אָפּגעשטעלט ביי די פּראָטאָזאָאַ; וואָס פאַר אַ פּראָגרעס די סיטאָ־פּלאַזמאַ וואָלטען געקענט מאַכען, ווי פיל פונקציעס זיי וואָלטען זיך געקענט דערווערבען און ווי ווייט די דאָזיגע פונקציעס וואָלטען ביי זיי געקענט זיין קאָאָרדינירט, ווען יעדע איינע פון זיי וואָלט מוזען די דאָזיגע אַלע פונקציעס אַליין אויסאיבען.

עס איז אויך קיין ספק נישט, אַז אויף דעם דאָזיגען געביט איז ספּעציאַליטעט אַ סימן פון פּראָגרעס, אַז וואָס העכער אַ בעל־חי שטעהט אויפן לייטער פון פּראָגרעס אַלץ ספּעציאַליזירטער אין זייערע פונקציעס זיינען די אָרגאַנען און די טישום אין זיין קערפּער און אַלץ ספּעציאַליזירטער אין זייערע טאַלאַנטען זיינען די אינדיווידועם אין זיין מין. אַזוי וועט אייך יעדער סטודענט זאָגען אַז די אַנאַטאָמיע

פראָגרעס

פון מענשליכען קערפּער איז גאָר ניט דער ערך שווערער ווי די אנאַטאָמיע פון אַלע אַנדערע בעל-חיים׳שע קערפּערס. און אויב איהר האָט ווען עס איז געהאַט ערפאַרונג אין לערעריי, וועט איהר פּונקט אַזוי מוזען צוגעבען, אַז אַזאַ אונטערשייד ווי מען זעהט צווישען אַ תּלמיד מיט אַ שאַרפען קאָפּ און אַן אַנדערען מיט אַ טעמפּען קאָפּ קען מען זיך בשום אופן נישט פאַרשטעלען ערגעץ אַנדערש, צווישען נאָרמאַלע אינדיווידומס פון דעם זעלבען מין.

און אויב מענשען אונטערשיידען זיך אַזוי אין זייערע טאַלאַנ־טען, פאַרשטעהט מען דאָך ממילא, אַז איין פאַך אָדער איין קולטו־רעלער צווייג קען זיין גראַד צוגעפּאַסט צו איין מענשען׳ס טאַלאַנט און אַן אַנדער פאַך אָדער אַן אַנדער קולטורעלער צווייג קען זיין גראַד צוגעפּאַסט צו אַן אַנדער מענשען׳ס טאַלאַנט. און עס פאַר־שטעהט זיך אויך, אַז יעדער איינער וועט אויפטאָהן מעהר און וועט זיך ממילא אויך פיהלען בעסער, אין דעם פאַך אָדער אין דעם קול־טורעלען צווייג צו וועלכען ער איז ספּעציעל צוגעפּאַסט: איינער וואָס איז גיכער צוגעפּאַסט צו אַרבעט ווי צו פאַרוואַלטען וועט אויפ־טאָהן מעהר און וועט זיך פיהלען בעסער אַלס אַרבעטער ווי אַלס פאַרוואַלטער, פּונקט ווי איינער וועלכער איז גיכער צוגעפּאַסט צו מאַטעמאַטיקס ווי צו פּאָעזיע וועט מעהר אויפטאָהן און וועט זיך פילען בעסער אין מאַטעמאַטיקס. פון דעם פאָלגט, אַז דער מאַקסי־מום שאַפען און דער מאַקסימום גוטס קען דערגרייכט ווערען נאָר דאַן ווען יעדער איינער זאָל זיין באַגרענעצט צום פאַך אָדער צום קולטורעלען צווייג צו וועלכען ער איז באַרופען. אָט די דאָזיגע באַ־גרענעצונג איז נישט עפּעס אַנדערש ווי ספּעציאַליטעט אויפן עקאָ־נאָמישען געביט און אויפן קולטורעלען געביט.

וועט אייך דערפאַר יעדער עקאָנאָמיקער אָדער יעדער קולטור מענש רעקאָמענדירען ספּעציאַליזאַציע אויף זיין געביט, ווי אַן אינ־סטרומענט פון פראָגרעס. ער וועט אייך זאָגען, אַז דער סיסטעם פון ספּעציאַליזאַציע אָדער, ווי ער רופט עס אויך, צוטיילונג פון אַרבעט פירט צו געשיקטקייט, צו צייט-שפּאָרונג, צו ערפינדונג אד״ג. און עס איז איבעריג צו זאָגען, אַז ספּעציאַליזאַציע אויף די דאָזיגע געבי־טען איז טאַקע אויך אַ סימן פון פראָגרעס. זעהען מיר דאָך אַלע ווי אין די פראָגרעסיווערע לענדער פאַרשפּרייט זיך אַלץ מעהר דער סיסטעם פון ספּעציאַליזאַציע.

און זאָגענדיג, אַז יעדער איינער וועט זיך פיהלען בעסער ביי דעם פאַך צו וועלכען ער איז פיזאָלאָגיש באַרופען, קומען מיר דאָ איינגענטליך ווידער צו דעם וואָס מיר האָבען גערעדט אין אָנפאַנג פון אונזער שמועס. אַז די מענשליכע אינטערעסען זיינען פון דער נאַטור

פּרינציפּען

פאַרשיידען, אַז דאָס וואָס שטעלט צופרידען מענשען פון איין קלאַס וועט ניט צופרידענשטעלען מענשען פון אַן אַנדער קלאַס, 1) און אַז פאַר יעדען קלאַס מענשען פאָדערט זיך דעריבער אַ ספּעציעלער „אורח חיים״ און אַ ספּעציעלער „לעבענסרוים״, אין וועלכען עס זאָלען זיך קענען פריי אויסוויקלען זיינע ספּעציעלע קלאַסען אינטע־רעסען. דאָס זיינען די קלאַס ספּעציאַליטעטען וועלכע געהערען, ווי געזאָגט, צו די ספּעציאַליטעטען אויפן סאָציאַלען געביט. זיי האָבען אָבער אַ גרויסען חלק אין דער ווירקזאַמקייט פון די ספּעציאַליטעטען אויפן עקאָנאָמישען און קולטורעלען געביט, ווייל דורך זיי ווערט דאָך יעדער איינער געטריבען צו דעם פאַך אָדער צו דעם קולטורעלען צווייג צו וועלכען ער איז באַרופען. די דאָזיגע ספּעציאַליטעטען קענען דערפאַר מיט רעכט פאָדערען אַ חלק פון קרעדיט וואָס מיר האָ־בען צוגעשריבען אויפ'ן חשבון פון יענע, און מען מוז זיי ממילא אויך אופנעמען ווי אינסטרומענטען פון פּראָגרעס. און פּרובירט איהר ווירקליך פאַרגוואַלדיגען די דאָזיגע ספּעציאַליטעטען, פּרובירט איהר צוזאַמענדריקען אַלע פאַרשיידענע קלאַסען אין איין סדום־בעטעל און אויסקאָכען פאַר זיי אַלע איין לעבענס פילאָזאָפיע, פּרו־בירט איהר, למשל, דערשטיקען אין פאַרוואַלטער דעם וואונש אָנצו־פירען און אין דעם אַרבעטער דעם וואונש אָנגעפירט צו ווערען, אַזוי טהוט איהר נאַטירליך באַגרענעצען דעם פאַרנעם פון זייער שאַפען, און אַזוי טהוט איהר בפירוש שטערען דעם גאַנג פון פּראָגרעס.

אויב די קלאַסען ציהען זייער הויפּט יניקה פון די פאַרשיידענע פעהיגקייטען, איז אָבער די נאַציאָן מעהר פון אַלץ אַ פּסיכישע יצירה, און דער בייטראַג צו פּראָגרעס וואָס די ספּעציאַליטעט פון נאַציאָנען ברענגט דאַרף דערפאַר געזוכט ווערען אין דעם בייטראַג צו פּראָגרעס וואָס די ספּעציאַליטעט אויפן פּסיכישען געביט ברענגט. און דאָס

1) עס וועט אפשר נישט זיין איבעריג צו דערמאָנען, אַז מיט דער פאַרשיידענהייט פון אינטערעסען צווישען קלאַסען ווערט דאָ נישט געמיינט די טאָג־טעגליכע קאַמפען צווישען אַרבעטער און אַרבעטס געבער, וואָס ווערען געוויינליך גענומען אַלס ביישפּילען פאַר די פאַרשיידענע קלאַסען־אינטערעסען. דער אמת איז, אַז אין דעם זיינען די קלאַסען גאָר נישט פאַרשיידען, ווארעם ווען דער אַרבעטער פאָדערט אַן הוספה אין פּרייז אָדער אַ פאַרקלענערונג פון זיינע אַרבעט'ס שטונדען און דער אַרבעטס־געבער וויל עס איהם נישט באַוויליגען, האָבען זיי דאָך דאָ בעצם דעם זעלבען אינטערעס — אַן אינטערעס אין כסף אָדער אין שוה כסף. פאַרשיידען אין זייערע אינטערעסען זיינען זיי נאָר דאַן, ווען איין קלאַס וויל נישט לעבען אויף דעם זעלבען שטייגער אָדער וויל פאַר דעם זעלבען פּרייז נישט טאָן די זעלבע מלאכה וואָס דער אַנדערער וויל — אָט ווי למשל, ווען דער פילאָזאָף זוכט זיך אויסצולעבען אויף אַ גאַנץ אַנדער לעבענס שטייגער ווי דער ניט־פילאָזאָף, אָדער דער פאַר־וואַלטער וועט אפילו פאַר די זעלבע שכירות וואָס ער באַקומט פאַר פאַרוואַלטען נישט וועלען טאָהן די אַרבעט פון אַן אַרבעטער, פּונקט ווי דער אַרבעטער וועט באַפאַרצוגען דעם פאַך צו וועלכען ער איז באַרופען.

איז גראד נישט שווער צו געפינען. פאַרשטעהען מיר דאָך אַלע, אַז ספּעציעלע געפיהלען, ספּעציעלע מיינונגען און ספּעציעלע פּלאַנען, מיינען פרישע געפיהלען, פרישע מיינונגען און פרישע פּלאַנען. און ווער פאַרשטעהט עס ווידער ניט ווי ווייט פרישע געפיהלען, פרישע מיינונגען און פרישע פּלאַנען זיינען וויכטיג פאַר פרישען שאַפען אָדער פאַר אויסבעסערונג פון דעם אַלטען.

און אַזוי זעהען מיר טאַקע ווי ספּעציאַליטעט איז דאַ אַ סימן פון פּראָגרעס, סיי פון נאַציאָנאַלען פּראָגרעס און סיי פון אינדיווי־דועלען פּראָגרעס.

נעמט למשל דאָס אידישע פאָלק: גראד ווען זיי האָבען דער־גרייכט דעם העכסטען פּונקט אין זייער מלוכה איז געקומען דער פונאַנדערטייל צווישען מלכות יהודה און מלכות אפרים. האָבען זיי ווידער דערגרייכט דעם העכסטען פּונקט פון זייער נאַציאָנאַלער ווי־טאַליטעט דורך זייער געמיינזאַמען צובונד צו תורה שבכתב (נאָך דער נצחון פון די חשמונאים), איז ווידער געקומען דער פונאַנדער־טייל צווישען פרושים, צדוקים און איסיים. שפּעטער, ווען עס איז דערגרייכט געוואָרען דער העכסטער פּונקט פון דער תורה שבע"פ, וועלכע האָט דאַן מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם לעבענס נערוו פון דער נאַציאָן, איז געקומען דער פונאַנדערטייל צווישען רבנים און קראים. און אין דער צייט פון ווילנער גאון, ווען דער רבניזם האָט דערגרייכט די העכסטע מדריגה, איז געקומען די שפּאַלטונג צווישען מתנגדים און חסידים. און דער אויסערגעוויינליך לעבענספולער חסידיזם האָט זיך נאָך ביז דאַ ניט לאַנג געהאַלטען אין איין צוטיילען אין באַ־זונדערע הויפען.

די גריכען, אַן אַנדער פּראָגרעסיווע פאָלק פון יענער צייט, האָבען זיך אויך געוויינליך ניט געקענט צוזאַמענקומען, ניט אין זייערע אידייען און ניט אין זייער נאַציאָנאַלער איינהייט. די פּראָ־גרעסיווע פעלקער פון דער היינטיגער צייט האָבען דעם סיסטעם פון שטאַאטען, דאָמיניאָנס, אָדער קאַנטאָנען אין וועלכען די ספּעציאַלי־טעטען קענען זיך גאַנץ גוט אויסלעבען.

נאָך מעהר זעהט איהר דעם דאָזיגען שייכות צווישען פּראָ־גרעס און ספּעציאַליטעט אין דער פּסיכיק פון אַן אינדיווידום: וואָס פּראָגרעסיווער אַ מענש איז אַלץ מעהר אומאָפּהענגיג איז ער אין זיינע מיינונגען אָדער געפיהלען, אַלץ וויינינגער לאָזט ער זיך בע־איינפלוסען פון אַנדערע, און פאַרקערט, וואָס וויינינגער אַ מענש איז פּראָגרעסיוו אַלץ וויינינגער אומאָפּהענגיג איז ער אין זיינע מיינונגען אָדער געפיהלען, אַלץ מעהר לאָזט ער זיך בעאיינפלוסען פון אַנדערע. אַזוי ווערען קינדער זעהר לייכט בעאיינפלוסט פון יענעמס אַ וואָרט

פרינציפען

אדער יענעמס א געפיהל, ווען א קינד זעהט אימיצען לאכען אדער וויינען וועט ער געוויינליך מיט-לאכען אדער מיט-וויינען. אויך א פרוי קענט איהר נאך לייכטער איבערריידען, און אויך א פרוי ווערט נאך שטארק בעאיינפלוסט פון יענעמס א געפיהל, „נשים דעתן קלה עליהן" (שבת ל"ג), מסתמא דערפאר איז לויטן אידישען דין א פרוי „פסול לעדות". א מאן ווערט שוין נישט אזוי לייכט בעאיינ־פלוסט אין זיינע מיינונגען אדער אין זיינע געפיהלען; זיינע א מיינונג אדער זיינער א געפיהל מוז אין זיך האבען עפעס ספעציעל זיינס, עפעס א מקור אין איהם אליין; זאגט ער אז ער האט עפעס געזעהן, מוז זיין עפעס אין איהם אליין וואס מאכט איהם אזוי זאגען, און דערפאר קען מען זיך אויף די עדות-זאגען פון א מאן געוויינליך פארלאזען. אבער אויך ביי מענער איז דא אן אונטערשייד צווישען א תלמיד חכם און אן עם הארץ: ווען אן עם הארץ איז אליין אין צווייפעל איבער עפעס, איז רעכט אז ער זאל זיך אין דעם לאזען בעאיינפלוסען פון יענעמס א מיינונג, ארויסגעזאגט אין א פעסטען טאן, און דעריבער, ווען א בעל-דין (א פאראינטערעסירטער) דער־מאנט איהם עפעס וואס ער האט זיך אליין נישט געקענט דערמאנען דאן איז זיין עדות-זאגען פסול, „והלכתא עצמו לא" (כתובות כ'). פון א תלמיד-חכם ווערט אבער אזא עדות-זאגען יע אנגענומען, ווייל מען איז זיכער, אז זיינע א מיינונג מוז זיין ספעציעל זיינע אן אייגענע. קען זיין, אז אידען האבען טאקע דער דאזיגער ספעציאליטעט צו פארדאנקען זייער קיום, ווארעם פארגעסט נישט, אז כמעט יעדער איז געוועזן מעהר אדער ווייניגער א תלמיד חכם און דערפאר איז איהם געוועזן אזוי שווער צו פארקויפען א מיינונג וועלכע האט צו איהם ניט געקלעפט.

און פונקט אזוי זעהט איהר אויך א שייכות פון פראגרעס מיט דער טענדענץ פון ספעציאליטעט אין אונזער ווילען — וואס פראגרע־סיווער א מענש איז אלץ מעהר שטרעבט ער צו זיין עפעס פאר זיך, עפעס אן אויסנאם. געדענקט איהר דאך אודאי שלום עליכם'ס בא־שרייבונג פון ערשטען, צווייטען און דריטען קלאס, ווי אזוי אין די ערשטע צוויי קלאסען זוכט יעדערער צו זיין אפגעזונדערט און איהר קענט צו קיינעם דארט ניט צוקומען, בעת אין דריטען קלאס ווערט איהר גלייך מיט אלעמען היימיש. דער דאזיגער חילוק צווישען די פארשיידענע קלאס-פארער שפיגעלט זיך אפ אין אלע זייערע לעבענס אלייען: זיינען דאך די העכערע שיכטען וועלכע זוכען זיך צו ספעציאליזירען אין זייערע באשעפטיגונגען, צו וואוינען אין אפ־געזונדערטע הייזער, צו פאהרען אויף ספעציעלע צוגען אדער אויף ספעציעלע יאכטען, צו זיין אן אויסנאם מיט זייער קליידונג, מיט

זייער מעבעל אד"ג. און זיינען דאָך דאָס געווען באמת גרויסע מענשען וועלכע האָבען אין אַלע צייטען געזוכט צו פּראָווען התבודדות. פּשוט'ע מענשען לעבען זיך פאַרקערט בעסער אוים מיט חברה. און נידעריגע מענשען, גענגסטערס אָדער טרעמפּס, קענען אָהן חברה ממש ניט לעבען. פונקט אַזוי קענען קינדער ניט אויסקומען אָהן חברים. און פרויען רעדען מעהר ווי מענער, מסתמא צוליב דעם וואָס דורך רעדען געהט אָן דער קאָנטאַקט צווישען דער געזעלשאַפט, אַ קאָנטאַקט וועלכען פרויען מוזען מעהר געברויכען. 1)

קיינער וועט זיך אויך געווים נישט דינגען וועגען דעם פּאָזיטיווען שייכות פון פּראָגרעס מיט איבערגעבענהייט און ליבע, די פאָדערונגען פון מושפע צום משפיע. יעדערער פאַרשטעהט, אַז וואָס גרעסער עס איז די איבערגעבענהייט פון משפיע צום מושפע אַלץ שטאַרקער איז צווישען זיי דער בונד, אַלץ וויליגער איז דער איינער צו משפיע זיין און דער אַנדערער צו מקבל זיין השפעה, אַלץ בעסער אַרבעטען זיי צוזאַמען, אַלץ מעהר טהוט זיך אויסשפּרייטען דער וועזען פון דער אָרגאַניזאַציע און דער וועזען פון יעדען מיטגליד באַזונדער, און אַלץ אַ גרעסערער געווינס איז עס דערפאַר פאַרן פּראָגרעס פון וועזען אין אַלגעמיין.

אויך וועט יעדערער צוגעבען. אַז די אַנערקענונג וואָס דער משפיע פאָדערט פון מושפע איז געוואונשען פאַר דער אָנהאַלטונג פון אויטאָריטעט אין דער אָרגאַניזאַציע. און אויטאָריטעט איז אודאי זעהר וויכטיג פאַר דעם וועזען פון אַן אָרגאַניזאַציע, עס האַלט יעדען מיטגליד אויף זיין ריכטיגען פּלאַץ. אויף וועלכען ער שטערט נישט דעם אַנדערען אין זיין פונקציע, און אויף וועלכען ער קען דערפילען זיין אייגענע פונקציע מיט מעהר שלימות. אַלע וועלען דערפאַר מודה זיין, אַז פון דעם דאָזיגען זייט איז אויך די פאָדערונג פון אַנערקענונג אַ געווינס פאַר דעם וועזען פון דער אָרגאַניזאַציע און ממילא פאַרן פּראָגרעס פון וועזען אין אַלגעמיין.

פון דער אַנדער זייט אָבער, לאָזט זיך די פאָדערונג פון אַנערקענונג זעהר לייכט פאַרמישען מיט גאוה, אויך דער בעל-גאוה פאָדערט אַן אַנערקענונג פון זיין סופּעריאָריטעט. און גאוה איז פאַרשטעהט זיך אַ שלעכטע מדה, גאוה איז זעהר שעדליך פאַר יעדער אָרגאַניזאַציע, פאַר יעדער צוזאַמענאַרבעט — מיט אַ בעל גאוה וויל

---

1) אונזער ווילען איז אַזוי ווייט באַהערשט פון דעם דאָזיגען שייכות צווישען גרויסקייט און אָפּגעזונדערקייט אַז אויך פון אַנדערע פאָדערען מיר אַזאַ שייכות. ווען פּשוט'ע מענשען זאָלען זיך האַלטען אָפּגעזונדערט פון דער חברה וועלען מיר זיי דאָס פאַררעכענען פאַר אַ חסרון, מיר וועלען זיי האַלטען פאַר בעלי גאוה אָדר מרוקען. בנוגע גרויסע מענשען נעמען מיר אָבער אָן התבודדות פאַר אַ מעלה; ווען זיי זאָלען זיך צו פיעל מישען מיט דער מאַסע וועלען זיי פאַרלירען זייערע חשיבות אין אונזערע אויגען.

קיינער ניט האָבען צו טאָהן — איז ווי שיקט זיך עס, אַז די פאָדערונג פון אַנערקענונג אָדער גאוה זאָל גאָר קענען זיין אַן אינסטרומענט פון פראָגרעס?

נאָר לאָמיר טאָקע אויף אַ מאָמענט פרואווען אָננעמען אַז גאוה און די פאָדערונג פון אַנערקענונג זיינען איין זאַך. דער היפוך פון גאוה, ענוה, וועט דאַן מיט זיך פאָרשטעלען די פאַרקערטע פאָ-דערונג, די פאָדערונג פון אַנערקענען יענעמס סופעריאָריטעט. עס וועט דאַן הייסען, אַז פאָדערענדיג מעהר כבוד פון יענעם מוז דער בעל-גאוה האַלטען, אַז ער שטעהט העכער פון יענעם ,און זוכענדיג אָפצוגעבען יענעם מעהר כבוד, מוז דער עניו אַנערקענען, אַז יענער שטעהט העכער פון איהם. און אַזוי ווי גרויסע מענשען, תלמידי חכמים אָדער צדיקים, דאַרפען זיין גרויסע ענוים — ווייסט איהר דאָך פון דעם כלל, אַז אַ תלמיד חכם טאָר ניט פאַרמאָגען אפילו אַ שמינית שבשמינית גאוה, „כי תועבה ה' כל גבה לב" (משלי ט"ז, סוטה ה'). — הייסט עס ווידער, אַז גרויסע מענשען דאַרפען האַלטען, אַז יענער שטעהט העכער פון זיי, אין תורה אָדער אין מדות. מיט אַנדערע ווערטער, גרויסע מענשען דאַרפען זיין גענאַרט אין זיך און אין יענעם, אָדער ווייניגסטענס דאַרפען זיי זיך אופפירען ווי זיי וואָלטען געווען גענאַרט — אַ פאָדערונג פון שקר און חניפה וואָס קיין מאָראַל דאַרף זיך ניט ערלויבען ארויסצושטעלען.

נאָך מעהר. ווען מען האַלט, אַז יענער שטעהט העכער, דאַרף מען זעהן זיך אויפצוהויבען צו יענעמס מדריגה, דאַרף מען פון איהם לערנען, דאַרף מען נאָכגעהן זיינע מדות. איז אויב דער גרויסער מענש זאָל האַלטען, אַז דער קליינער מענש שטעהט העכער פון איהם, דאַרף ער פון איהם לערנען; דאַרף דער תלמיד-חכם אָננעמען די מיינונג פון עם הארץ, דאַרף דער צדיק נאָכגעהן די מדות פון פשוט'ען מענשען, וואָלט משה רבינו, דער „עניו מכל האדם אשר על פני האדמה" באַדאַרפט געהן לערנען מדות ביי דתן ואבירם — אָט צו אַזוינע אַבסורדען קומען מיר, ווען די מדות פון גאוה און ענוה ווערען אויפגענומען ווי פאָדערונגען פון אַנערקענען די אייגענע אָדער יע-נעמס סופעריאָריטעט.

עס איז דערפאַר קיין ספק נישט, אַז גאוה און ענוה האָבען גאָר ניט צו טאָהן מיט אַנערקענונג פון סופעריאָריטעט: אַ מענש קען גאַנץ גוט וויסען אַז יענער שטעהט העכער פון איהם אין אַלץ און דאָך וועלען פון יענעם כבוד, פונקט ווי ער קען וויסען אַז ער שטעהט העכער פון יענעם און דאָך זאָל ער יענעם אָפגעבען כבוד.

ווארעם קודם פאַרשטעהט איהר דאָך אַליין. אַז ווי נידעריג און אומבעדייטענד איך זאָל באמת ניט זיין האָט פונדעסטוועגען

פראָגרעס

מיין עקזיסטענץ ביי מיר זעהר פיל חשיבות, „אם אני כאן הכל כאן”. און מהאי טעמא, מוז איך געווים וועלען אַז מיין עקזיסטענץ זאָל קומען וואָס מעהר אין באַטראַכט, אַז וואָס מעהר מענשען זאָלען זיך מיט איהר וואָס מעהר רעכענען, מחמת דער דאָזיגער קומען אין באַטראַכט איז דאָך טאַקע דער עצם טייטש פון חשיבות, און טהוט טאַקע בעצם פאַרגרעסערען מיין עקזיסטענץ (ווי אַזוי וועלען מיר זעהן שפּעטער). פון דעם פאָלגט ווידער אַז מיר דאַרפען וועלען כבוד פון אַלעמען, אפילו פון איינעם וואָס שטעהט העכער פון מיר. 1)

פון דעם וואָס כבוד פאַרגרעסערט מיין עקזיסטענץ, און דער־פילט אַזוי אַרום מיין וואונש פאַר פּראָגרעס, פאָלגט ווידער, אַז ווען מען גיט מיר אָפּ כבוד, גיט מען מיר עפּעס וואָס איז פאַר מיר זעהר ווינשענסווערט, זעהר ווערטפול, פונקט ווי ווען איך גיב אָפּ יענעם כבוד, גיב איך יענעם עפּעס וואָס איז פאַר איהם ווערטפול. דער ענין פון כבוד איז דערפאַר אַן ענין פון געבען און נעמען. פאַרדין איך דעם כבוד, גיט מען מיר עפּעס וואָס איך האָב פאַרדינט, וואָס מיר קומט; פאַרדין איך עס נישט. גיט מען מיר עפּעס וואָס מיר קומט נישט, גיט מען מיר אַ מתנה. און בנוגע דעם ענין פון געבען און נעמען עפּעס וואָס עס קומט נישט זיינען דאָ פאַרשיידענע כאַראַק־טערען מיט פאַרשיידענע מדות, און אין דעם טאַקע ליגט דער אונ־טערשייד צווישען גאוה און ענוה און די פאַרשיידענע מדריגות אין צווישען.

עס זיינען דאָ אַזוינע וואָס וואָלטען נאָר געוואָלט נעמען און ניט געבען; און עס זיינען דאָ, פאַרקערט, אַזוינע וואָס וואָלטען גרייליך געוואָלט געבען אָבער ניט נעמען עפּעס וואָס קומט זיי נישט, „ושונא מתנות יחיה” (משלי ט"ו, קידושין נ"ט); און עס זיינען ווידער דאָ אַזוינע וואָס וואָלטען וועלען געבען און נעמען,און אַזוינע וואָס וואָלטען וועלען ניט געבען און ניט נעמען. דאָס זיינען אונזערע באַקאַנטע „ארבע מדות באדם”, וואָס ווערען אויסגערעכענט אין פינפטען פרק פון פרקי אבות. צו דעם ערשטען סוג געהערען נאַ־טירליך די אַממייסטען פאַרהאַסטע בעלי-גאוה. צו דעם צווייטען סוג געהערען, פאַרשטעהט זיך, די אַממייסטען באַליבטע ענוים. די אי־בעריגע צוויי סוגים שטעלען מיט זיך פאָר מדריגות צווישען די ערשטע צוויי.

איהר האָט דערפאַר פאַרשיידענע מדריגות אין גאוה און ענוה. איהר האָט ערשטענס גאָר דעם ענגהאַרציגען בעל-גאוה, דער וואָס

1) אין געגענטייל, דער וואָס שטעהט העכער, איז זיין נעמען אין באַטראַכט פיעל מעהר ווערט.

וויים נאָר צו באַקומען כבוד און נישט צו געבען. ער איז בנוגע כבוד ווי דער אומבאַרעכענטער עגאָאיסט בנוגע אַנדערע פאַרלאַנגען. דער עגאָאיסט זעהט ניט קיינעם נאָר זיך, ער וויים דערפאַר נאָר פון זיינע רעכט אָבער נישט פון יענעמס, „שלך שלי ושלי שלי". יענעמ'ס איז דערפאַר ביי איהם קיין אָפּהאַלט, ער וועט עס זוכען צו באַקומען דורך אַלע מעגליכע מיטלען: שנאָרען, גנב'ענען, גזל'ענען, אָדער ווי אַזוי עס וועט זיך איהם לאָזען. דאָס זעהט איהר אויך ביי דעם אומבאַרעכענטען בעל-גאוה; ער וועט זוכען צו זשעברעווען כבוד, וואָס עס לאָזט זיך און ווי אַזוי עס לאָזט זיך: ער וועט זיך נישט שעמען אויסצובעטלען אָביסעלע כבוד; ער וועט זיך האַלטען אין איין ריהמען און בלאָפען אויף וואָס די וועלט שטעהט; ער וועט זוכען צו מבטל זיין אַנדערע און זיין אַזוי אַרום אַ „מתכבד בקלון חבירו" — דאָס און נאָך אַזוינע טריפה'נע מיטלען. און פּונקט ווי דער חסרון מיטן עגאָאיסט איז וואָס ער שטעהט נאָך אויף אַ נידעריגערער שטופע פון פּראָגרעס, ער האָט נאָך ניט דערגרייכט צום געפיהל פון אָרדנונג און רעכט, אַזוי איז אויך דער חסרון מיט די דאָזיגע בעלי-גאוה, וואָס בנוגע זייער וואונש פאַר כבוד געפינען זיי זיך נאָך אויף אַ נידעריגערער שטופע פון פּראָגרעס (כאָטש דער עצם וואונש פאַר כבוד שטעלט שוין מיט זיך פאָר אַ היבשע פּראָגרעסיווע מדריגה), זיי האָבען נאָך ניט דעם געפיהל צו מבחין זיין צווישען ריינעם און אומריינעם כבוד.

אַן אַנדער טיפּ בעל-גאוה האָט איהר, וואָס אונטערשיידעט זיך אפילו זעהר ווייניג פון דעם ערשטען בנוגע דער מדה פון באַקו-מען כבוד, ער האָט אָבער די מעלה וואָס ער קען אויך געבען כבוד. פּונקט ווי יענער איז ער נישט אַזוי שטאַרק איבערקלייבעריש אין די מיטלען פון באַקומען טריפה'נע כבוד, דערפאַר איז ער אָבער נישט אַזוי קאַרג אין געבען יענעם אַ כבוד-מתנה: נעמט ער אוף מענשען בסבר פנים יפות; היט ער זיך זיי נישט צו באַליידיגען; קען ער זיך אָביסעל צו חנפ'ענען, צו שמייכלען; איז ער געוויינליך זעהר גע-זועל-שאַפטליך, מיט אַלעמען „פּאַני בראַט". דאָס איז אין אַלגעמיין דער טיפּ פון „שלי שלך ושלך שלי", עם הארץ".

אַ דריטער טיפּ איז ווידער דאָ, וואָס קען באַצייכענט ווערען אַלס דער „איסטניס" צווישען די כבוד זוכער, דער איידעלער בעל גאוה. ער איז שוין אינגאַנצען אַנדערש פון די ערשטע צוויי בנוגע דער מדה פון באַקומען כבוד. ער האָט זיך שוין דערהויבען צו אַ געפיהל פון וועלען ריינערען כבוד, כבוד וואָס איז מעהר אָדער וויי-ניגער פאַרדינט. ער איז דערפאַר שטאַרק איבערקלייבעריש אין די מיטלען פון באַקומען כבוד — גניבה, גזילה, שנאָרען, און אפילו גלאַט

אַזוי נעמען מתנות שטעהט איהם נישט אָן, איז פאַר איהם אַן אומ־כבוד. אפילו פאַרדינטען כבוד קען ער זיך אויך אַליין נישט נעמען, ער מוז ווארטען אַז איהר זאָלט עס איהם צוטראָגען אויף אַ טעלערעל, ווייל אַליין גענומענער כבוד זעהט אויס ווי אומפאַרדינטער. ווי כבוד וואָס יעדער איינער קען זיך נעמען. און טיילט איהר איהם אמאָל צו אומזיסטען כבוד, פיהלט ער זיך ווידער ווי אַ בעל־חוב, ווי ער וואָלט אייך דערפאַר דאַרפען בּאַצאָהלען, כדי דער כבוד זאָל נית זיין אומזיסט, זאָל נישט זיין קיין מתנה. פון דער צווייטער זייט, איז ער אָבער אויך נישט קיין נדיב־לב; עס ווילט זיך איהם אויך נישט געבען אימיצען אַנדערש אומזיסטען כבוד, און עס ווילט זיך איהם אויך נישט מוותר זיין אויף זיינ׳ס, אויף דאָס וואָס ער האַלט אַז עס קומט איהם. איז טאַקע פאַר איהם דער ענין כבוד זעהר אַ וועהטאָגדיגער פונקט: גיט איהר איהם אָפּ כבוד, איז ער נישט זיכער אַז ער האָט עס פאַרדינט, פיהלט ער זיך ממילא דאַנקשולדיג; גיט איהר איהם ווידער קיין כבוד נית אָפּ, זעהט איהם אויס ווי איהר וואָלט איהם באַ׳עול׳ט, טהוט עס איהם ווידער וועה, „כל ימי עני רעים זה איסטנים" (בבא בתרא קמ"ה). זעהט איהר טאַקע ווי אַזוינע מענשען לעבען אָפּט זעהר צוריקגעצויגען, זיי מיידען אויס געזעלשאַפט כדי נית צו ווערען געפייניגט פון דעם כבוד־דילעמא. זיינען זיי פונקט דער היפוך צו דעם טיפ עם־הארץ, זיי זיינען אַזוי אומגעזעלשאַפטליך ווי יענע זיינען געזעלשאַפטליך, „לית דעניא מכלבא ולית דעתיר מחזירא" (שבת קנ"ה).

דער אמת׳ער עניו, ווידער, האָט אויך די מדה פון נישט וועלען קיין אומזיסטע כבוד, ער איז אָבער דערצו אויך אַ נדיב־לב. ער קען גאַנץ גוט געבען אימיצען אַנדערש אומזיסטען כבוד, און ער קען גאַנץ גוט מותר זיין אויף זיין פאַרדינטען כבוד, „שלי שלך, ושלך שלך, חסיד". ער איז ווי דער אמת׳ער אלטרואיסט, וועלכער קען דענקען וועגען ווענען אָביעקטיוו, אומגעשטערט דורך אַ פאַרגלייך מיט זיך, און וועלכער איז דערפאַר נישט געשטערט אין זיין וואונש פאַר פראָגרעס פון וועזען אין אַלגעמיין, פראָגרעס פון וועזען פון יעדער זאַך און פון יעדען איינעם. דער אמת׳ער עניו ווינשט דערפאַר יענעמ׳ס פראָגרעס ווי ער ווינשט זיינעם, יענעמ׳ס עקזיסטענץ ווי ער ווינשט זיינער; מעג יענער זיין ווי אומבאַדייטענד רעכענט ער זיך מיט איהם, האָט ער ביי איהם חשיבות, פונקט ווי יעדער איינער רעכענט זיך מיט זיך אַליין, מעג ער זיין ווי אומבאַדייטענד. דאָס איז טאַקע וואָס אונזערע חכמים ז"ל פאָדערען ווי אַ מדה פון ענוה, „זאָל זיין דער כבוד פון דיין חבר אַזוי ליב אויף דיר ווי דיין אייגענער" (פּרקי אבות ב׳). דאָס איז דער פּרינציפּ פון ענוה. איז עס דערפאַר

זעהר אויסגעהאַלטען צו פאָדערען ווייטער, „זאָל זיין דער כבוד פון דיין תלמיד אַזוי ליב אויף דיר ווי דיין אייגענער" (פרקי אבות ד'); און עס איז פונקט אַזוי אויסגעהאַלטען צו דערקלערען די אייגענע גרויסקייט און זיין פונדעסטוועגען אַן עניו, „בכל מקום שאתה מוצא גדלתו של הקב"ה שם אתה מוצא ענותנותו" (מגילה ל"א). אודאי קען מען נישט זאָגען, אַז דער אויבערשטער איז כביכול געגאַרט אין זיך, אַז ער האַלט זיך נישט „גרויס, שטאַרק און פורכטיג", ער איז אָבער אַן עניו מיט דעם, וואָס, „ער טהוט דעם משפט פון יתום און דער אלמנה און ער האָט ליעב דעם גר צו געבען איהם ברויט און אַ קלייד", ד"ה מיט דעם וואָס ער נעמט אין באַטראַכט די אומבאַדיי־טענדסטע.

קומט אויס, אַז די פאָדערונג פון אַנערקענונג, אָדער די פאָ־דערונג פון אויטאָריטעט, איז אין גאַנצען אַנדערש פון גאוה. זיי פליסען איבערהויפט נישט פון די זעלבע קוועלען: די ערשטע פליסט פון גוטער ידיעה. פון אמת'ער אָפּשאַצונג, און די צווייטע פליסט פון שלעכטען וואונש, פון ענאָאיזם. אויב עס איז דאָ עפּעס אַ קאָזו־אַלער שייכות צווישען דיביידע, איז עס גיכער אַ נעגאַטיווער; מחמת דער בעל-גאוה, זייענדיג זעהר סוביעקטיוו, זעהר בעאיינפלוסט דורך דעם וואונש פון בלויז אייגענער חשיבות, קען ער נישט זיין אימ־שטאַנד אָפּצושאַצען די ריכטיגע מאָס פון אויטאָריטעט; בעת דער עניו, וועלכער איז אימשטאַנד צו באַטראַכטען יעדער זאַך אָביעקטיוו, קען עס יע ריכטיג אָפּשאַצען. די ריכטיגע פאָדערונג פון אויטאָ־ריטעט איז דערפאַר קאַוזאַל גיכער פאַרבונדען מיט דער מדה פון ענוה, אוןביידע זיינען טאַקע אינסטרומענטען פון פּראָגרעס.

דעם שייכות פון צוזאַמענבונד מיט פּראָגרעס זעהט מען אויך אַ פּריאָרי. וואָרעם זאַכען וואָס זיינען צוזאַמענגעבונדען ווערען אופגענומען ווי איין גרויסע זאַך, אַזוי גרויס ווי זיי זיינען אַלע צו־זאַמען; בעת ווען זיי זיינען נישט צוזאַמענגעבונדען ווערען זיי אופּ־גענומען אַזוי קליין ווי זיי זיינען יעדערער באַזונדער.

און פאַקטיש זעהען מיר אויך ווי פּראָגרעס געהט אַן דורך אַלע קלאַסען פון צוזאַמענבונד: דורך כעמישען צוזאַמענבונד פון אַטאָמען, דורך פיזישען צוזאַמענבונד פון מאָלעקולס, דורך ביאָלאָ־גישען צוזאַמענבונד פון אָרגאַנען, דורך אידענטיטעט'ס צוזאַמענבונד אין באַוואוסטזיין, דורך פאַרטזעצונג'ס צוזאַמענבונד אין דעם וואונש פון זאָרגען פאַר אַ נאָכפאָלגונג, 1) דורך אידייען-צוזאַמענבונד אין

---

1) איהר וועט באַמערקען, אַז אפילו צווישען מענשען, איז וואָס העכער עס איז די ציוויליזאַציע אַלץ מעהר זאָרגט מען זיך פאַר דער צוקונפט פון קינדער און אַלץ פּראָ־

אינסטינקטיווער, עססטעטישער און לאָגישער נאָכפאָלגונג, און ענדליך דורך אורזאַכליכקייט, וועלכעס שטעלט צו דעם צוזאַמענבונד אין די דאָזיגע אַלע קלאַסען פון צוזאַמענבונד גופא, דעם צוזאַמענבונד וועלכער גיט זיי באַשטימטע עפעקטיוויטעט, אָהן וועלכעס זייער פּראָגרעסיווע ווירקזאַמקייט וואָלט געווען אוממעגליך. ווארעם שטעלט אייך פאָר די דאָזיגע אַלע קלאַסען פון צוזאַמענבונד אָהן אורזאַכליכקייט, אָהן דעם כאַראַקטער לויט וועלכען פון דער זעלבער אורזאַך פאָלגט דער זעלבער עפעקט. זייערע עפעקטען וואָלטען דאַן נישט באַדאַרפט זיין שטענדיג די זעלבע: אונטער די זעלבע אומשטענדען וואָלט אַמאָל באַדאַרפט פאָרקומען אַ באַשטימטע כעמישע רעאַקציע און אַמאָל ניט; אַמאָל וואָלטען מיר זיך באַדאַרפט זאָרגען פאַר אונזער מאָרגען און פאַר אונזערע קינדער און אַמאָל נישט; אַמאָל וואָלט די צונויפקייטלונג פון אידייען באַדאַרפט דערפירען צו איין סאָרט האַנדלונגען און געפיהלען און אַמאָל צו אַן אַנדער סאָרט — איז וואָס פאַר אַ פּנים וואָלט דאַן די וועלט געהאַט? און ווי וואָלט דאַן געקענט אָנגעהן פּראָגרעס?

פון דער צווייטער זייט, לייגט זיך אויך אויפן שכל, אַז צוזאַמענבונד אַליין איז נישט גענוג פאַרן כסדר׳דיגען גאַנג פון פּראָגרעס, אַז כדי נאָכ׳ן צוזאַמענבונד זאָל זיך קיין פּראָגרעס נישט אָפּשטעלען מוז דאָס צוזאַמענגעבונדענע ווידער וואַקסען. און וואַקסען קען דאָס צוזאַמענגעבונדענע בלויז דורך דעם וואוקס פון די טיילען (וואוקס פון דאָס גאַנצע אָהן דעם וואוקס פון די טיילען קען נאָר זיין דורך צוזאַמענבונד וועלכעס איז שוין דאָ גענומען געוואָרען אין חשבון). פּראָגרעס מוז דעריבער פאָדערען, אַז די טיילען זאָלען אויך פּראָגרעסירען באַזונדער. אַז זיי זאָלען זיך אויסשפּרייטען יעדערער פאַר זיך אַליין.

אָט דאָס איז עס וואָס איהר זעהט ווי יעדער טיילכעלע פון וועזען, יעדער וועזענדעל, זוכט זיך אויסצושפּרייטען אויף זיין אייגענעם חשבון. פונדאַנעט נעמט זיך דער הייסער וואונש פון יעדער יונגער פּאָר צו האָבען אַן אייגענעם ווינקעלע. האָבען זיי געמעגט האָבען ביי טאַטע־מאַמע פון אַלדאָס גוטס, האָבען זיי פונדעסטוועגן אַ באַזונדער הנאה פון זייער ערשטער אייגענער, אפילו גאַנץ מאָגערער, סעודה׳לע. דאָס איז עגאָאיזם; דאָס איז פּריוואַט אייגענ-

---

גרעסיווער קענען ממילא די צוקונפטיגע דורות אויסוואַקסען. אין די היינטיגע ציוויליזירטע לענדער נעמען מערסטע מענשען אויף זיך דעם יאָך פון קינדער ערציהונג ממש ביז צו די קינדער׳ס חתונה. מען זאָרגט זיך אפילו פאַר אייניקלאך. אידען שטעהען שוין פון לאַנג אויף אַ פּראָגרעסיווערער שטופע, האָבען זיי דעריבער שוין פון לאַנג גענומען אויף זיך דעם דאָזיגען יאָך.

טום; אָבער עס איז דער איינציגער וועג דורך וועלכען מען קען צו־קומען צו פראָגרעס, אפילו צו אלטרואיסטישען פראָגרעס, צו פראָ־גרעס פון וועזען אין אַלגעמיין. ווארעם כדי צו קענען עפּעס טאָהן פאַרן פראָגרעס פון וועזען אין אַלגעמיין, מוז מען דאָך שוין זיין א שאַפּענדער כח, מוז מען דאָך שוין שטעהען אויף א העכערער מדריגה; די ערשטע זאַך וואָס די מעגליכקייט פון פראָגרעס פאָדערט פון אונז מוז דערפאַר זיין א וואונש צו שטעהן אויף א העכערער מדריגה, א וואונש פאַר אייגענעם פראָגרעס. עגאָאיזם, און אַלץ וואָס איז מיט דעם פאַרבונדען, איז דערפאַר אַן אינסטרומענט פון פראָ־גרעס. אודאי איז עגאָאיזם אויך שלעכט; אודאי איז עס אויך שעד־ליך פאַר פראָגרעס; אָבער דאָס איז נאָר אויף אַזוי ווייט ווי עס שטעהט אין וועג פון פראָגרעסיווען אלטרואיזם, אויף אַזוי ווייט ווי עס דערלאָזט נישט פראָגרעס דורך אלטרואיזם.

און פונקט אַזוי איז געוואונשען פאַר פראָגרעס, אַז מענשען זאָלען נישט זיין פאַראינטערעסירט אין זייער פראָגרעס אין דער פאַרגאַנגענהייט אַזוי ווי זיי זיינען פאַראינטערעסירט אין זייער פראָגרעס אין דער געגענוואַרט און צוקונפט. די געגענוואַרט און די צוקונפט ליגען נאָך מערסטענס אין אונזערע אייגענע הענד, צו מיר זאָלען זיין גרויס אָדער קליין אין די דאָזיגע ציטען ווענדט זיך פיל אַן אונזער אייגענער אויפפירונג. ווען מיר וועלען דעריבער ווינשען גרויסקייט אין די דאָזיגע צייטען, וועלען מיר זיך ווי ווייט מעגליך אויפפירען אַזוי, אַז דער דאָזיגער וואונש זאָל פאַרווירקליכט ווערען, וועלען מיר דורך דעם דאָזיגען וואונש ווירקליך פראָגרעסי־רען, איז דערפאַר דער דאָזיגער וואונש אַן אינסטרומענט פון פראָ־גרעס. וואָס אָבער, איך בעט אייך, קען פראָגרעס געווינען פון דעם וואָס מיר וועלען ווינשען צו האָבען געווען גרויס אין דער פאַרגאַנגענ־הייט? די פאַרגאַנגענהייט ליגט דאָך שוין מעהר נישט אין אונזערע הענד און מיר קענען איהר דערפאַר מעהר נישט ענדערען, מעהר נישט גוט מאַכען (דער בעל תשובה מאַכט גוט בלויז זיין געגענוואַרט און צוקונפט אָבער נישט זיין פאַרגאַנגענהייט).

פאַרן פראָגרעס פון אונזער וועזען אין דער פאַרגאַנגענהייט וואָלט אַלזאָ אַזאַ אינטערעס גאָר קיין נוצען נישט געבראַכט. דער־פאַר וואָלט ער אָבער געבראַכט פיל שאָדען פאַרן פראָגרעס פון אונזער וועזען אין דער געגענוואַרט און צוקונפט. ווארעם אויב מיר וואָלטען געווען פאַראינטערעסירט אין פראָגרעס פון אונזער וועזען אין דער פאַרגאַנגענהייט אַזוי ווי מיר זיינען פאַראינטערעסירט אין פראָגרעס פון אונזער וועזען אין דער געגענוואַרט און צוקונפט, וואָלט פאַרגאַנגענע גרויסקייט און קליינקייט באַדאַרפט מאַכען אויף אונז

פראָגרעס

דעם זעלבען איינדרוק וואָס געגענווערטיגע און צוקונפטיגע גרויסקייט און קליינקייט; אַ פאַרגאַנגענע חשיבות וואָלט אונז פונקט אַזוי באַדאַרפט צופרידענשטעלען און אַ פאַרגאַנגענע דערנידערונג וואָלט אונז פונקט אַזוי באַדאַרפט דערשלאָגען. דאָס ערשטע וואָלט אָבער ביי אונז אָפּגענומען דעם חשק צו זוכען חשיבות אין דער געגענוואַרט און צוקונפט, ווייל צו וואָס זאָלען מיר זיך ווידער אָנשטרענגען צו שטייגען אויפ׳ן לייטער פון פראָגרעס, ווען מיר פיהלען זיך פונקט אַזוי באַקוועם זיצענדיג אויף די לאָרבער קרענץ פון דער פאַרגאַנגענהייט? דאָס צווייטע וואָלט ווידער ביי אונז אָפּגענומען דעם כח עפּעס צו טאָהן כדי צו באַקומען חשיבות אין דער געגענוואַרט און צוקונפט, ווייל מיר וואָלטען זיך שטענדיג באַדאַרפט פיהלען דערשלאָגען פון די דערנידערונגען וואָס מיר זיינען ווען עס איז אויסגעשטאַנען — און וואָס משטיינם געזאָגט קען אַ מענש אופטאָהן בעת ער פיהלט זיך דערשלאָגען? אודאי נישט עפּעס גרויסעס, „שאין השכינה שורה לא מתוך עצבות" (שבת ל׳). קומט אויס, אַז אַזאַ אינטערעס וואָלט געבראַכט בלויז שאָדען דעם פראָגרעס פון וועזען, און דער פעלען פון אַזאַ אינטערעס איז דערפאַר אַן אינסטרומענט פון פראָגרעס.

נאָר באמת פאָדערט זיך דאָ גאָר נישט אַזוינע לאַנגע חשבונות. מיר קענען דאָס זעלבע דערהערען אין עצם באַגריף פון פראָגרעס. ווארעם ווי באַלד אַז פראָגרעס מיינט שטייגען וואָס ווייטער אַלץ מעהר, פאָדערט דאָך פראָגרעס אַז מען זאָל וואָס ווייטער, וואָס שפּעטער שטעהן אַלץ העכער. פריהערדיגע חשיבות איז דערפאַר בפירוש אויסגעשלאָסען פון באַגריף פראָגרעס. אפילו דאָס וואָס איז אין דער פאַרגאַנגענהייט געווען פראָגרעס (דער אַמאָליגער שטייגען וואָס ווייטער אַלץ מעהר) מוז כסדר אַרויספאַלען פון דעם באַגריף פראָגרעס און מוז כסדר ווערען אוים אָביעקט פאַר׳ן וואונש פון פראָגרעס. 1) ווייל עס שטימט מעהר נישט מיט דעם באַגריף ווייטער, מיט דעם עלעמענט פון צוקונפט וואָס ווערט דערהערט אין באַגריף פון פראָגרעס.

---

1) די דאָזיגע ווערטער פאָדערען אַ ברייטערע דערקלערונג — זיינען דען מענשען נים צופרידען פון זייערע גוטע מעשים אין דער פאַרגאַנגענהייט, און האָבען זיי דען נישט חרטה אויף זייערע פאַרגאַנגענע שלעכטע מעשים? און איז דען דאָ אַליין נישט אָנגעוויזען געוואָרען, ווי זעהר אָפט איז פאַר אונז אַ פאַרגאַנגענער פראָגרעסיווער טהאַט מעהר ווערט ווי דער זעלבער טהאַט אין דער צוקונפט, ווי למשל, די אומשטערבליכע ווערק פאַר אַ שרייבער אד"ג? בכלל זעהט אויס ווי די דאָזיגע רייד וואָלטען סותר געווען דאָס וואָס איז באַוויזען געוואָרען אין ערשטען טייל פון דעם דאָזיגען קאַפּיטעל. ווארעם ווי באַלד אַז פאַרגאַנגענער פראָגרעס איז מעהר קיין פראָגרעס נישט און קען מעהר נישט דינען אַלס אָביעקט פאַרן וואונש פון פראָגרעס, הייסט דאָך עס, אַז מיר זיינען דאָ אין גאַנצען גלייכגילטיג צו דאָס וואָס מיר האָבען שוין אַדורכגעמאַכט, צו דאָס וואָס מיר האָבען שוין דער־

פרינציפען

מהאי טעמא, מוז טאַקע אין דריטען אופן פון צוזאַמענבונד, אין פאַרטזעצונג, דער ווּזען פון די עלטערען זיך צולעגען און פאַרגרעסערען דעם ווּזען פון די קינדער — און נישט פאַרקערט — מחמת דאָ שטעלען די קינדער מיט זיך פאָר די צוקונפט און די עלטערען די פאַרגאַנגענהייט. דערפאַר איז דאָ דער המשך אַן איינזייטיגער; אַזוי פאָדערט דער פרינציפּ פון פראָגרעס.

און אודאי איז די דאָזיגע איינזייטיגקייט אויך אַן אינסטרומענט פון פראָגרעס בפועל. ווארעם שטעלט אייך פאָר, ווי וואָלט געקענט אָנגעהן פראָגרעס ווען קינדער גיבען זיך אָפּ מיט זייערע עלטערען אַזוי ווי עלטערען גיבען זיך אָפּ מיט זייערע קינדער? ווען אָנשטאָט צו פאַרווענדען זייער גאַנצער ענערגיע פאַר דער אייגענער קערפּערליכער און גייסטיגער ענטוויקלונג, וואָלטען די יונגע קינדער ליבערשט מקריב געווען זייער געזונט און לעבען פאַר'ן וואוילזיין פון זייערע עלטערען? וואָס פאַר אַ פּנים וואָלטען דאַן די יונגע דורות געהאַט? און ווי וואָלט זיך אַ יונגערמאַן געקענט אַמאָל אָפּרייסען פון זיינע עלטערען כדי צו בויען אַן אייגענע היים? אפילו די על-

---

גרייכט — עס איז אונז אַלץ איינס צו מיר האָבען עס אַדורכגעמאַכט אָדער נישט, צו מיר האָבען עס דערגרייכט אָדער נישט. און אויב אַזוי, זיינען מיר דען דאָ נישט אין דער פּאָזיציע פון ציללאָזען געהער, און קומען מיר דען נישט ווידער צו שאָפּענהויער'ס פּעסימיסטישע הנחות?

איז ענטפערענדיג „על ראשון ראשון ועל אחרון אחרון", דאַרף ערשטענס געמאַכט ווערען אַ חילוק צווישען דעם פרינציפּ פון גוטע און שלעכטע מעשים מיט דעם פרינציפּ פון חשיבות. גוטע און שלעכטע מעשים האָבען ניט צו טאָהן מיט דעם געפיהל פון חשיבות נאָר מיט דעם עסטעטישען חוש פאַר מאָראַל, מיט דעם געפיהל פאַר אָרדנונג און גערעכטיגקייט: טהוט אַ מענש גוטס, פיהלט ער אַז ער טהוט ווי עס באַדאַרף צו זיין, שטעלט ער צופרידען זיין חוש פאַר מאָראַל; טהוט ער שלעכטס, פיהלט ער אַז ער טהוט נישט ווי עס באַדאַרף צו זיין, איז ער אומצופרידען, האָט ער חרטה, ער ווינשט עס איבערמאַכען אַזוי, אַז עס זאָל זיין ווי עס באַדאַרף צו זיין. און שלעכטס קען מען אודאי איבערמאַכען, קען מען גוט מאַכען: גנב'עט מען, גזל'ט מען, קען מען צוריקצאָהלען די גניבה אָדער די גזילה; אפילו ווען מען מאָרדעט קען מען באַקומען אַ שטראָף, מדה כנגד מדה, דורך וועלכעס מען פיהלט ווי צוריקגעצאָהלט און אויסגעקוויטירט (זעה אָרדנונג). און נישט נאָר מען קען עס איבערמאַכען, נאָר עס איז טאַקע אויך זעהר וואַרשיינליך אַז מען וועט עס איבערמאַכען, אויב מען זאָל האָבען אַן אינטערעס אין די מעשים פון דער פאַרגאַנגענהייט: ווארעם קודם איז רעכט, אַז ווערענד דער צייט זאָל מען אָפּגעקיהלט ווערען צום וואונש וועלכער האָט געפאָדערט דער אומאָרדנונג, און מען זאָל זיין וויליג צו מקריב זיין דעם דאָזיגען וואונש, כדי צו פאַרריכטען דער אומאָרדנונג. צווייטענס, ווערען וואָס ווייטער אַלץ מעהר איבערגע'חזר'ט די ליידען מחמת דעם געפיהל פון דער אומאָרדנונג גופא, און מיט דער צייט קענען זיי אויסוואַקסען צו אַזאַ כמות, אַז דער „הפסד עבירה" זאָל אַריבערוועגען איהר שכר. דריטענס, קען דער מענש גופא פראָגרעסירען צו אַ העכערער מדריגה אַזוי, אַז זיין געפיהל פאַר אָרדנונג זאָל ווערען פיינער, ער זאָל פיהלען אַ גרעסערען גענוס פון אָרדנונג און גרעסערע ליידען פון אומאָרדנונג. פאַר אָרדנונג איז דערפאַר גראַד וויכטיג אַן אינטערעס אין דער פאַרגאַנגענהייט, און דערפאַר פאָדערט דער געפיהל פאַר אָרדנונג אַזאַ אינטערעס.

און אַז גוטע און שלעכטע מעשים האָבען נישט צו טאָהן מיט דעם געפיהל פון חשיבות, קענט איהר זעהן פון דעם וואָס נאָר אַ שלעכטער טהאָט, און נישט אַ שלעכטע כוונה, רופט אַרויס געוויסענסביסע. למשל, אַ מענש וועט זיך געוויס פיהלען שלעכט אפילו

פראָגרעס

טערען וואָלטען נישט געקענט פאַרלאָזען זייערע קינדער, ווען זיי וויסען אַז די קינדער זיינען מיט זיי אַזוי ווייט פאַרבונדען און נויטי־גען זיך נאָך אין זיי אַזוי שטאַרק. בקיצור, ווען די קינדער זאָלען טאַנצען אַרום זייערע עלטערען אַזוי ווי די עלטערען טאַנצען אַרום זייערע קינדער, וואָלט מען כסדר געטאָפּטשעט אויף איין אָרט — אויב מען וואָלט נאָך דאַן איבערהויפּט געהאַט כח צו טאָפּטשען.

דער שייכות פון פראָגרעס מיט אַלע מינים פון פירערטען אופן פון צוטיילונג — צוטיילונג אין נאָכפאָלגונג — איז אָפען. יעדער איינער ווייס, אַז ווען ער געהט מיט ישוב הדעת קומט ער צו פיל בעסערע רעזולטאַטען, סיי פאַר זיך און סיי פאַר דער וועלט, ווי ווען ער לאָזט זיך פירען פון בלינדען אינסטינקט — פון בלינדען כעס, פון בלינדער תאוה אד״ג. ליגט דאָך טאַקע אין דעם דער הויפּט אונטערשייד צווישען מענש און אינסעקט. און פונקט אַזוי ווייס יעדער איינער, אַז די קינסטלערשע פאַנטאַזיע איז פיל שעפערישער ווי די ניט־קינסטלערשע פאַנטאַזיע, פונקט ווי מען ווייס. אַז אָהן דעם כח צו אַנאַליזירען, צו דערקענען פאַרשיידענהייטען, וואָלט קיין וויסען נישט מעגליך געווען, און וואָס גרעסער עס איז דער כח צו אַנאַליזירען אַלץ גרעסער איז דער וויסען.

ווען ער האָט נישט־ווילענדיג פאַראורזאַכט דעם טויט פון אַן אַנדערען (איינער וואָס הרג׳עט אַ מענשען בשוגג דאַרף טאַקע דערפאַר אָפּווישען זיין טהאַט דורך אָפּקומען גלות „כי היכי דלהוי להו כפרה (מכות ב׳), ער וועט אָבער נישט פיהלען קיין געוויסענסביסע פון דעם וואָס ער האָט אַמאָל געלויערט אויף אַ מענשען׳ס לעבען און האָט איהם צופעליג נישט דער׳הרג׳עט; אַזאַ עראינערונג קען נאָך אַמאָל ביי איהם גאָר אַרויסרופען צופרידענהייט — צופרידענהייט מיט דעם וואָס עס האָט זיך איהם גליקלעכערווייזע אויסגעמיטען דער שלעכ־טער טהאַט, וועלכען ער האָט יעצט נישט צו באַדויערען. וואָלט געוויסענסביסע געמיינט אַ געפיהל פון קליינקייט אין דער פאַרגאַנגענהייט, אַ באַדויערונג אויף דעם אַמאָליגען געפאַלענעם צושטאַנד פון אייגענעם וועזען, וואָלט דוקא אַ שלעכטע כוונה, און נישט אַ צופעליגער שלעכטער טהאַט, באַדאַרפט אַרויסרופען געוויסענסביסע.

דערפאַר אויך, ווען איינער ווערט געפייניגט פון געוויסענסביסע, ער איז באַגאַנגען אַ מאָרד, למשל, וועט ער אייך זאָגען, אַז דער טויטער שטעהט איהם פאַר די אויגען, פונקט ווי איינער וואָס זעהט ביים עסען אַ שמוציגע זאַך, אָדער ער האָט אַראָפּגעשלונגען אַ שפין, וועט ברעכען צוליב דעם וואָס עס שטעהט איהם פאַר די אויגען.ביידע געפיהלען נעמען זיך פון זעלבען עסטעטישען חוש.

צווישען די טהאַטען וואָס זיינען אייך לאחר המעשה בעסער געפעלען ווי קודם המעשה, זיינען דאָ אַזוינע, וועלכע הויבען אייך בשעת מעשה אויף אויף אַ העכערער פּראָ־גרעסיווערער מדריגה, אויף אַ מדריגה אין וועלכער איהר דערפילט מעהר די פאַסיגקייט פון דעם דאָזיגען טהאַט, „הוי רץ למצוה קלה ובורח מן העבירה, שמצוה גוררת מצוה ועבירה גוררת עבירה, ששכר מצוה מצוה ושכר עבירה עבירה" (פרקי אבות ד׳). למשל, ווען איינער שפייזט אַ הונגעריגען אָרעמאַן באַקומט ער בשעת מעשה אַ געפיהל פון אייגענער חשיבות, פון זיין ראַנג ווי אַ משפיע; און ווי אַ משפיע, פיהלט ער ווייטער, האָט איהם געפאַסט דער דאָזיגער טהאַט, האָט ער איהם באַדאַרפט טאָהן: און וואָלט ער איהם נישט געטאָהן, וואָלט ער נישט געטאָהן וואָס ער דאַרף, און האָט ער איהם געטאָהן, איז ער צופרידען וואָס ער האָט געטאָהן וואָס ער דאַרף.

עס זיינען ווייטער דאָ אַזוינע טהאַטען דורך וועלכע איהר שאַפט זיך איין וועזען פאַר דעם געגענוואַרט און צוקונפט, איהר קענט אָבער דעם דאָזיגען וועזען פאַרויס מיטן

פרינציפען

צווישען פרייהייט און פראַגרעס איז ווידער די פאַרוואַנדשאַפט אַזוי נאָהנט אַז אין זייער אבסאָלוטען זין גיסען זיך דיביידע פאַלשטענדיג צונויף אין איין וועזען. אודאי געדענקט איהר דאָך, ווי רעדענדיג וועגען פרייהייט זיינען מיר געקומען צו דער מסקנא, אַז אַן אבסאָלוט פרייע עקזיסטענץ, אַן עקזיסטענץ וואָס ווערט דורך קיין זאַך נישט פאַראורזאַכט, פאָדערט אַן אָנפאַנג פון א יש מאַין — און דאָס מוז אודאי אויך זיין די פאָדערונג פון אבסאָלוטען פראַגרעס, פון אַן אבסאָלוטער פאַרמערונג אָדער צוקומונג פון וועזען.

פון דעם פאָלגט, אַז דער שייכות צווישען פרייהייט און פראַגרעס איז אַזאַ, אַז איינס קען גאָר נישט געמאָלט זיין אָהן דאָס אַנדערע, און דערפאַר מוז דער וואוקס פון פראַגרעס כסדר באַגלייט ווערען פון א וואוקס פון פרייהייט. דאָ האָבען מיר אַלזאָ דעם טעם פון דאָס וואָס מיר האָבען דערמאָנט אין אָנפאַנג פון אונזער געשפרעך, אַז וואָס פראַגרעסיווער עס איז די שטופע פון א וועזען אַלץ פרייער איז דער דאָזיגער וועזען אין זיינע האַנדלונגען, ד״ה אַלץ וויינציגער דירעקט זיינען זיינע האַנדלונגען פאַרבונדען מיט זייער צוועק, און אַלץ מעהר מעגליכקייט איז דאָ אַז די דאָזיגע האַנדלונגען זאָלען אָנגעהן אָדער נישט אָנגעהן. קלוגע מענשען האָבען שטענדיג

שכל נישט דערקענען, מוזט איהר דערפאַר עס פריהער דערפאַרען, דערפיהלען לאחר המעשה. צו דעם דאָזיגען סוג געהער דאָס וועזען וואָס איהר דערפיהלט דערנאָך אין אַן אומשטערבליך ווערק אָדער אין אַ קינד.

מיט דעם אַליין איז שוין באמת אויך פאַרענטפערט די דריטע פראַגע. ווארעם ווי באַלד מיר בלייבען ביי דעם, אַז גוטע מעשים פאַרשאַפען אונז שטענדיג, ווען מיר דערמאָנען זיך אָן זיי, אַ גייסטיגען גענוס, און אַז מאַנכע אָביעקטען זיינען אונז נאָכדעם ווי מיר האָבען זיי דערגרייכט פיעל טייערער ווי פאַר דעם, זיינען מיר דאָך שוין מיט דעם אַליין זעהר וויט אַוועק פון שאָפּענהויער׳ס פעסימיסטישע הנחות. אָבער אפילו בנוגע אונזער גלייכגילטיגקייט צו פאַרגאַנגענער חשיבות איז אויך די הנחה דאָ אין גאַנצען אַנדערש פון שאָפּענהויער׳ס. ביי שאָפּענהויער׳ען איז די גלייכגילטיגקייט אַ וועזענטליכע — אַ דערגרייכטער אָביעקט שטעלט אונז נישט צופרידען וויל ער האָט נישט און האָט קיינמאָל נישט געהאָט מיט וואָס אונז צופרידענצושטעלען. דער גאַנצער געדאַנק, אַז דער אָביעקט וועט אונז ווען עס איז צופרידענשטעלען, מוז לויט איהם זיין אַן אילוזיע, וויל אין תוך איז אונזער ווילען אומצופרידענשטעלבאַר, אַ ווילען אָהן אַ צוועק. דאָ האָט אָבער דער ווילען פאַר פראָגרעס יע אַ צוועק; נישט מעהר, דער דערגרייכטער אָביעקט מוז דאָ באַקומען אַ פגימה׳לע, ער פאַרלירט דעם עלעמענט פון צוקונפט; און דער צוועק פון פראָגרעס פאָדערט גראַד, אַז מען זאָל זיך האַלטען אין איין יאָגען נאָכן פולען אָביעקט, אַז מען זאָל זיך נישט פאַרנעמען מיט דאָס וואָס בלייבט פון איהם אין דער פאַרגאַנגענהייט, מיט פאַרגאַנגענער חשיבות און דערנידערונג. דערפאַר זעהט איהר טאַקע, ווי די גלייכגילטיגקייט געהט דאָ נאָר אַזוי ווייט ווי זי ווערט געפאָדערט פון דעם צוועק פון פראָגרעס, אַזוי ווייט ווי מיר קענען נאָך פראָגרעסירען. אין אַ צייט ווען מיר קענען שוין מעהר נישט פראָגרעסירען, ווי אויף דער עלטער למשל, האָבען מיר גראַד ליעב איבערצו־פאַנטאַזירען און זיך קוויקען מיט אַמאָליגער חשיבות. ווען אונטער אומנאָרמאַלע אומשטענדען טהוט עס אַמאָל אַ יונגער מענש, מוז ער טאַקע דאַן אויך אויפהערען צו פראָגרעסירען, „ודאשתמש בתגא חלף״. למשל, איינער וואָס האָט אַמאָל געוואונען אין אַ שאַך קאָנטעסט, זאָל וועלען קלעפּען צו זיין חשיבות אידער דאָזיגער צייט און אופהערען ווייטער צו שפּילען, אַזוי וועט ער געוויס אופהערען צו פראָגרעסירען אין שאַך שפּיל.

פראָגרעס

פאַרשטאַנען דעם דאָזיגען שייכות צווישען פּראָגרעס און פרייהייט: מיר געדענקען דאָך נאָך אַלע ווי אויף אונזערע קינדערשע פראַגען, פאַר וואָס דער אויבערשטער האָט באַשאַפען דעם מענשען אַזוי, אַז ער זאָל קענען זיין אַזוי שלעכט, פלעגען אונז אונזערע רביים, אָדער סתם קלוגע מענשען, ענטפערען, אַז די דאָזיגע מעגליכקייט פון בחירה מוז מיטגעהן מיט גרויסקייט.

בנוגע דעם שייכות צווישען פּראָגרעס מיט די לעצטע פאָר־מען פון איינהייט און פאַרשיידענהייט, קען דאָ איבערגע׳חזר׳ט ווע־רען דאָס וואָס איז געזאָגט געוואָרען בנוגע די אַנדערע פאָרמען פון איינהייט און פאַרשיידענהייט, אַז דער דאָזיגער שייכות ווערט דערהערט אַ פריאָרי און ווערט דערפאַרען אַ פּאָסטעריאָרי: וואָרעם יעדער איינער פאַרשטעהט, אַז צוזאַמענגעמען מערערע באַגריפען אין אַן איינהייט מיינט פאַרגרעסערונג, און זאַמלען וואָס מעהר מיינט פאַרמערונג, 1) פונקט ווי יעדער איינער ווייס ווי וויט שפּראַך און זאַמלען פון מאַטעריאַלען זיינען וויכטיג פאַר וויסענשאַפט, פאַר בויען און שאַפען און פאַר פּראָגרעס אין אַלגעמיין.

אַזוי קומט אויס אַז אַלע פאָרמען פון איינהייט און פאַרשיי־דענהייט טוהען ביישטייערען צום בנין פון פּראָגרעס. אונזער וואונש פאַר פּראָגרעס דאַרף דערפאַר מיט זיך פאַרשטעלען אַ געמיינזאַמע באַזע פאַר די וואונשען פון די דאָזיגע פאָרמען.

ד.

ווי איהר זעהט, האָבען מיר דאָ אַן אַנדער ענטפער אויף דער פראַגע, פאַר וואָס מיר ווינשען סיי איינהייט און סיי פאַרשיידענ־הייט. דאָ ווערען די קאָנטראַסטען אין אונזער ווילען אויסגעגליכען, נישט דורך פונאַנדערטיילען דעם ווילענ׳ס מאָטיוו פון ווילענס אָב־

---

1) די וואָס וואַרפען אונז אידען פאָר, אַז מיר גיבען זיך אָפּ מעהר ווי אַלע אַנדערע מיט זאַמלען געלט, וועלען פונדעסטוועגען נישט לייקענען, אַז די דאָזיגע אייגענ־שאַפט פון זאַמלען זעהט זיך ערשט ביי די העכערע בעלי־חיים — ביי די העכערע אינסעקטען און ביים מענשען צווישען די ווערטערבראַטען. די דאָזיגע אייגענשאַפט פאָדערט אויך פיעל אַנדערע פּראָגרעסיווע מעלות: אַן אומדירעקטען דענקען, אַ באַהערשונג פון די געגענ־ווערטיגע תאוות, אַ גרעסערע אַקטיוויטעט און אַ גרעסערע מאָס פרייהייט. און קוקט זיך צו, וואָס זיינען באמת די אייגענשאַפטען פון דעם וואָס גיט זיך געוויינליך ניט אָפּ מיט זאַמלען געלט? ער פוילט זיך צו אַרבעטען, ער טרינקט, ער שפּילט אין קאָרטען, ער האָט נישט קיין מוט צו פּראָבירען נייעס אד״ג. אודאי זיינען דאָ וויכטיגערע זאַכען ווי געלט; אודאי באַטרעפט דער ווערט פון אַ מענשען׳ס לעבען פיעל מעהר ווי דער ווערט פון די שעהנסטע פּאַלאַצען; אודאי קען די ליכט פון די שיינענדיגסטע דיאַמאַנטען ניט פאַרבייטען די ליכט פון בילדונג — ווען די שונאי ישראל וואָלטען דעריבער געקענט טענה׳ן אַז אידען גיבען ווייניגער צדקה אָדער לאָזען זיך ווייניגער קאָסטען אויף שכר למוד ווי ניט־אידען, וואָלטען זיי געוויס גערעכט געווען. צום גליק קענען זיי אָבער דאָס ניט טענה׳ן.

יעקט, צושרייבענדיג דעם איינעם צו איינהייט און דעם אַנדערען צו פאַרשיידענהייט (אַ פונאַנדערטיילונג וועלכע איז, ווי איהר געדענקט, געוואָרען אָפּגעפרעגט דורך דעם פאַקט, וואָס זעהר אָפט טרעפען מיר דעם מאָטיוו און דעם אָביעקט נישט אַזוי פונאַנדערגעטיילט), נאָר דורך צוזאַמענברענגען די ענטגעגענגעזעצטע ריכטונגען צו איין באַזע און איין ציל. פּונקט ווי די רעכסטע האַנד און לינקע האַנד געהען אַרויס פון זעלבען קערפּער און דינען דעם זעלבען קערפּער, אַזוי געהען אַרויס די וואונשען פאַר איינהייט און פאַרשיידענהייט פון זעלבען וואונש פאַר פּראָגרעס און זיי קאָמבינירען זיך צו דינען דעם זעלבען וואונש. די פראַגע איז נאָר, ווי אַזוי זאָלען זיך איינהייט און פאַרשיידענהייט, ווי היפּוכים, קאָמבינירען?

קאָמבינאַציעס זיינען דאָ דרייערליי: 1) אַזוינע אין וועלכע די זיך-קאָמבינירענדע עלעמענטען בלייבען ביי זייער פולען וועזען. 2) אַזוינע אין וועלכע די זיך-קאָמבינירענדע עלעמענטען גיבען אויף אין גאַנצען זייער באַזונדערען וועזען. און 3) אַזוינע אין וועלכע די זיך-קאָמבינירענדע עלעמענטען גיבען אויף איין טייל פון זייער באַזונדערען וועזען און בלייבען דאָרט פאַרטראָטען מיט אַן אַנדער טייל. למשל. ווען אַ מענש איז וויים, קען ער גאַנץ גוט זיין פאָלשטענדיג מענש און פאָלשטענדיג וויים. אין אַ כעמישער מישונג פאַרלירען די עלעמענטען אַלע זייערע וועזענטליכע כאַראַקטעריסטיקס. אַ קינד באַזיצט געוויינליך אַ טייל כאַראַקטעריסטיקס פון פאָטער און אַ טייל כאַראַקטעריסטיקס פון דער מוטער.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז איינהייט און פאַרשיידענהייט קענען קיין מאָל ניט בילדען קיין קאָמבינאַציע פון ערשטען סאָרט. ווארעם אין אַ קאָמבינאַציע פון ערשטען סאָרט וואָלט דאָך באַדאַרפט קענען הערשען סיי פאָלשטענדיגע איינהייט און סיי פאָלשטענדיגע פאַרשיידענהייט, ד"ה אַז די קאָמבינאַציע וואָלט באַדאַרפט זיין פון אַזאַ נאַטור, אַז זי זאָל קענען אין יעדען אינזיכט באַזיצען סיי איינהייט און סיי פאַרשיידענהייט. אָבער אַזוי ווי איינהייט און פאַרשיידענהייט זיינען היפּוכים, און היפּוכים טוהען זיך דאָך געגענזייטיג אויסשליסען, די עקזיסטענץ פון איינעם איז די ניט-עקזיסטענץ פון דעם אַנדערען, קומט אויס, אַז אין דעם אינזיכט וואָס די איינע עקזיסטירט טהוט ממילא די אַנדערע ניט עקזיסטירען, און דערפאַר קען קיין מאָל ניט געמאָלט זיין אַ קאָמבינאַציע פון אַזאַ נאַטור וואָס זאָל אין יעדען אינזיכט באַזיצען סיי איינהייט און סיי פאַרשיידענהייט.

און מחמת דעם זעלבען טעם, קענען איינהייט און פאַרשיידענהייט אויך נישט בילדען קיין קאָמבינאַציע אין וועלכער זיי זאָלען ביידע אויפגעבען אַלע זייערע וועזענטליכע כאַראַקטעריסטיקס. וואַ-

פרינציפען

דעם אזא קאָמבינאַציע וואָלט דאָך באַדאַרפט מיט זיך פאָרשטעלען א וועזען פון אזא נאַטור, וואָס זאָל באַזיצען נישט קיין איינהייט און נישט קיין פאַרשיידענהייט. אָבער אַזוי ווי צווישען היפוכים איז דאָך די ניט-עקזיסטענץ פון איינעם די עקזיסטענץ פון דעם אַנדערען, קומט אוים, אַז דאָרט וואו עס איז ניטאָ קיין איינהייט מוז ממילא זיין פאַרשיידענהייט און דאָרט וואו עס איז ניטאָ קיין פאַרשיידענהייט מוז ממילא זיין איינהייט. אַ וועזען אַ טומטום, וואָס זאָל באַזיצען ניט קיין איינהייט און ניט קיין פאַרשיידענהייט, קען דערפאַר ניט גע־מאָלט זיין. נאָר ווען אפילו עס זאָל קענען געמאָלט זיין אזא וועזען וואָלט ער אויך ניט געטויגט פאַר פּראָגרעס, מחמת פּראָגרעס פאָ־דערט דאָך אַ קאָמבינאַציע וואָס זאָל, אין געגענטייל, ענטהאַלטען סיי איינהייט און סיי פאַרשיידענהייט.

בלייבט דאָ דעריבער נישט מעהר ווי די מעגליכקייט פון דעם דריטען סאָרט קאָמבינאַציע, ד"ה אַ קאָמבינאַציע אין וועלכער איינ־הייט און פאַרשיידענהייט זאָלען זיין פאַרטראָטען בלויז מיט אַ טייל פון זייערע וועזענטליכע כאַראַקטעריסטיקס.

ווי ווייט מעג געהן דער טייל פון יעדער איינער אין דער קאָמ־בינאַציע, און מיט וועלכע וועזענטליכע כאַראַקטעריסטיקס קענען זיי דאָרט זיין פאַרטראָטען? אויך איבער דעם קענען מיר זיך מאַכען כללים אַ פּריאָרי. ווארעם ווי באַלד אַז פּראָגרעס געהט אָן דורך אַ קאָמבינאַציע צווישען איינהייט און פאַרשיידענהייט, איז וואָס מעהר אַזאַ קאָמבינאַציע עקזיסטירט אַלץ בעסער דאַרף עס זיין פאַרן גאַנג פון פּראָגרעס. פון דעם פאָלגט, אַז איינהייט און פאַרשיידענהייט דאַרפען דאָרט זיין פאַרטראָטען אַזוי ווייט און מיט אַזוינע כאַראַק־טעריסטיקס וואָס זאָלען מעהר דערמעגליכען צווישען זיי אַ קאָמבי־נאַציע, ד"ה אַז די איינהייט דאַרף דאָרט זיין אַזאַ וואָס זאָל צולאָזען אין זיך וואָס מעהר פאַרשיידענהייטען און די פאַרשיידענהייטען דאַר־פען דאָרט זיין אַזעלכע וואָס זאָלען זיך וואָס מעהר קענען צוזאַמענ־בינדען אין אַן איינהייט. פאַרקערט, ווידער, אַן איינהייט וואָס זאָל ניט צולאָזען קיין פאַרשיידענהייטען און פאַרשיידענהייטען וואָס זאָלען זיך נישט קענען צוזאַמענבינדען אין אַן איינהייט דאַרפען, לויט דעם זעלבען כלל, מיט זיך פאָרשטעלען שטערונגען אויפן וועג פון פּראָגרעס.

דער דאָזיגער חשבון ווערט אודאי אויך באַשטעטיגט אַ פּאָס־טעריאָרי. מיר זעהען, ווי נאָר אַזוינע קאָמבינאַציעס צווישען איינ־הייט און פאַרשיידענהייט זיינען אונז געפעלען; און מיר זעהען אַז נאָר אַזוינע קאָמבינאַציעס זיינען געאייגענט צו פירען צו פּראָגרעס.

פרינציפען

א געמיש צווישען גלייכארטיגקייט און פארשיידענארטיגקייט איז אונז נישט שטענדיג געפעלען, און נישט שטענדיג גלייך געפעלען. גלאט אזוי א שניץ אין א מעבעלשטיק ווארפט איהם פיל ארונטער פון זיין ווערט. מערערע שניצען אין דעם זעלבען מעבעלשטיק קענען איהם מאכען אין גאנצען פאר א שברי־כלי, און מיר וועלען איהם אין גאנצען ארויסווארפען. זעהט איהר, ווען די דאזיגע שניצען בינדען־זיך־צוזאמען אין עפעס אן איינהייט, לאמיר זאגען א בילד. דאן זיינען זיי אונז שטארק געפעלען, און דאן הויבען זיי פיל אויף דעם ווערט פון מעבעלשטיק. און עס פארשטעהט זיך. אז וואס מעהר שניצען עס נעמען זיך צוזאמען צו בילדען מעהר בילדער אדער, נאך בעסער, צו בילדען א קאמפליצירטערן בילד, אלץ מעהר איז עס אונז געפעלען און אלץ ווערטפולער איז ממילא דער מעבעלשטיק.

און אזוי איז אויך מיט פארשיידענארטיגקייט אין קאליר אדער קלאנג. כדי אונז צו געפעלען, מוזען די פארשיידענהייטען האבען צווישען זיך עפעס א צוזאמענבונד, מוזען זיי מיט זיך פארשטעלען עפעס א בילד, א פאנטאזיע, א געפיהל, אדער וועלכע עס איז אנדער קאמבינאציע. דעם חוש צו דערקענען דעם צוזאמענבונד צווישען די דאזיגע פארשיידענהייטען רופען מיר אן געשמאק. דער אויסשטעלען די דאזיגע פארשיידענהייטען אזוי, אז זיי זאלען זיך צוזאמענבינדען, טראגט דעם נאמען קונסט. געשמאק פארשאפט אונז דערפאר פארגעניגען מיט אונזער דערקענטעניש פון פראגרעס; קונסט פארשאפט אונז אבער א פיל גרעסערען פארגעניגען מיט אונזער שאפען פראגרעס.

א געגענשטאנד וואס איז איינפאך, אהן פארשיידענהייטען פון קאליר אדער פארמע, וואלטען מיר געוואלט, אז ער זאל כאטש זיין רונד, ווייל אין דער רונדער פארמע, וואו יעדער פונקט געפינט זיך אויף אן אנדער ליניע, געפינען מיר א גרעסערע צאהל פארשיידענהייטען צוזאמענגעבונדען אין א גרעסערער מאס איינהייט. פארקערט ווידער, אין זאכען מיט א גרעסערער מאס פארשיידענהייט — זאכען וואס זיינען פונאנדערגעטיילט אין שטח — זוכען מיר א פארגיטונג דורך א גרעסערער מאס גלייכהייט: ווילען מיר אז אין אונזערע גארניטורען זאל יעדער שטיק זיין פון זעלבען קאליר, אלץ זאל „מאטשען"; האבען מיר א באזונדער הנאה צו קוקען אויף בעלי־חיים וואס זעהען אויס דאס זעלבע, און בפרט אויף מענשען וואס זיינען אין גאנצען געראטען.

און אזוי איז אויך מיט ענדערונג, מיט פארשיידענארטיגקייט אין דער צייט. מיר גלייכען עס בלויז ווען עס קומט אויסגעגלייכט

פראָגרעס

און צוזאַמענגעבונדען: אָפּגעריסענע איינצעלהייטען פון נייעס, אַן אָנפאַנג פון אַ מעשה אָהן אַ סוף, אַ שפּיל איבערגעהאַקט אין מיטען, דאָס און נאָך אַזעלכע פּגום׳דיגע ענדערונגס שטאָף טהוט פאַרקערט אופרייצען אונזער נייגעריגקייט און מאַכט אונז נאָך אומצופרידענער ווי אָהן דעם. און פּונקט אַזוי בלייבען מיר אומצופרידען פון ענ־דערונגס שטאָף אָהן אַ ריכטיגען צוזאַמענבונד — ווייסט איהר דאָך גאַנץ גוט ווי לייכט מען קען אַ מענשען אַרויסברענגען פון געדולד דורך אַ דערצעהלונג אָהן אַ טאַלק, אַ מעשה בתוך מעשה, אָדער דורך מאַכען גלאַט אַזוי אָפּטע הפסקות אין מיטען.

בנוגע אויסצייכענונג און קאָמפּאַניע, ווייסען מיר ערשטענס פון ערפאַרונג, אַז דער שייכות צווישען די צוויי איז געוויינליך אַ פּאָזיטיווער: גראַד אין אַ קאָמפּאַניע זוכען מיר זיך גיכער אויסצו־צייכענען, און גראַד ווען מיר צייכענען זיך אויס, און מיר האָבען זיך מיט וואָס צו ווייזען, זוכען מיר גיכער אַ קאָמפּאַניע.

און דער דאָזיגער פּאָזיטיווער שייכות צווישען אויסצייכענען־זיך און קאָמפּאַניע ווערט אויך דערהערט אַ פּריאָרי, אין עצם באַגריף פון אויסצייכענען־זיך. ווארעם אויסצייכענען־זיך קען מען דאָך נאָר צווישען אַנדערע. ד״ה אַז דער זיין צווישען אַנדערע, די קאָמפּאַניע, מוז אופגענומען ווערען ווי אַ באַדינג פאַר דער מעגליכקייט פון אויס־צייכענען־זיך.

און ועל כולם, איז אויך נישט שווער איינצוזעהן ווי די נויטיג־קייט פון אַזאַ קאָמבינאַציע איז פאַרבונדען מיט דער עצם מעגליכ־קייט פון כסדר׳דיגען גאַנג פון פּראָגרעס. ווארעם אויב אויסצייכע־נען־זיך איז אַן אינסטרומענט דורך וועלכען אַן אינדיווידום טהוט פּראָגרעסירען איז דאָך קאָמפּאַניע אַן אינסטרומענט דורך וועלכען דער אינדיווידום קומט אין קאָנטאַקט מיט אַנדערע אינדיווידומס און טיילט מיט די אַנדערע די אייגענע דערגרייכונגען, ד״ה קאָמפּאַניע איז אַן אינסטרומענט דורך וועלכען פּראָגרעס געהט איבער פון אינ־דיווידום צו אינדיווידום. מיט אַנדערע ווערטער: דורך דעם וואונש פאַר אויסצייכענען־זיך געהט אַן דער וואוקס פון פּראָגרעס אין דער הויך און דורך דעם וואונש פאַר קאָמפּאַניע טהוט ער זיך ווידער צו־שפּרייטען אין דער לענג און דער ברייט. נעמט איהר אַוועק דעם וואונש פאַר אויסצייכענען זיך, טהוט איהר מיט דעם צומאַכען אַ קוואַל פון פּראָגרעס. נעמט איהר אַוועק דעם וואונש פאַר קאָמפּאַניע, טהוט איהר דעם פּראָגרעס פון דעם דאָזיגען קוואַל באַשרענקען צו אַ שטראָם פון אַ גאַנץ דינינקער ליניע אין דער הויך, אַ ליניע וועלכע

פרינציפען

מוז זיך איבעררייסען מיטן טויט פון יעדען פראָגרעסירענדען אינ־דיווידום, און דער וועזען מוז כסדר צוריקפאַלען צו זיין אַלטען נידע־ריגען ניווא. דער כסדר׳דיגער גאַנג פון פראָגרעס פאָדערט אַלזאָ, אַז די דאָזיגע צוויי וואונשען, דער וואונש פאַר אויסצייכענען־זיך און דער וואונש פאַר קאָמפאַניע, זאָלען כסדר קאָאָפּערירען.

אין דעם פאַל פון אָרגאַניזאַציע און ספּעציאַליטעט איז די קאָמבינאַציע נויטיג ניט נאָר פאַרן גאַנג פון פּראָגרעס נאָר אויך פאַר זייער אייגענעם וועזען, ווארעם די איינע קען גאָר ניט עקזיסטירען אָדער אָנהאַלטען אויף לאַנג איהר עקזיסטענץ אָהן דער אַנדערער. די צוויי זיינען דאָ באמת צוויי העלפטען פון דער זעלבער זאַך.

נעמט אָרגאַניזאַציע. געדענקט איהר דאָך אודאי וואָס מיר האָבען געהאַט גערעדט, אַז אַן אָרגאַניזאַציע באַשטעהט פון מיט־גלידער וואָס זיינען אָפּהענגיג איינע פון די אַנדערע, פון משפּיעים און מושפּעים וואָס פיהלען זיך געגענזייטיג אויס — און אַט די דאָ־זיגע געגענזייטיגע אָפּהענגיגקייט ווערט דאָך צוגעשטעלט דורך ספּע־ציאַליטעט, וועלכעס נעמט אויף יתרונות און חסרונות און עס שאַפט משפּיעים און מושפּעים, וועלכע זיינען אַנגעוויזען איינע אויף די אַנדערע. קומט אויס, אַז ספּעציאַליטעט שטעלט צו דעם מאַטעריאַל פאַר דעם וועזען פון אָרגאַניזאַציע. און דערפאַר קען אָהן ספּעציאַלי־טעט קיין אמת׳ע אָרגאַניזאַציע גאָר ניט געמאָלט זיין.

און פונקט אַזוי קען אָהן אָרגאַניזאַציע קיין ספּעציאַליטעט לאַנג ניט אָנהאַלטען. ווארעם אַזוי ווי יעדערער וואָס האָט חסרונות פאַרלאַנגט דאָך פון דעם פּטור צו ווערען, מוזען דאָך די ספּעציאַליס־טען פאַרלאַנגען פּטור צו ווערען פון זייערע חסרונות, מוזען זיי דאָך אָדער אָנקומען צו די וואָס באַזיצען יתרונות אָדער זעהן זייערע חסרונות אַליין צו באַזייטיגען. דאָס ערשטע מיינט, אַז די ספּעציאַ־ליסטען מוזען זיך אופזוכען איינע די אַנדערע און זיך געגענזייטיג אויספיהלען, ד״ה זיי מוזען בילדען אָרגאַניזאַציעס. דאָס צווייטע מיינט, אַז די ספּעציאַליסטען מוזען זעהן אַז זיי זאָלען מעהר קיין חסרונות ניט האָבען, ד״ה זיי מוזען ווערען אויס ספּעציאַליסטען. דער איינציגער וועג ווי ספּעציאַליטעט קען אָנהאַלטען איהר עקזיס־טענץ איז דעריבער דורך אָרגאַניזאַציע.

אַזוי זעהען מיר ווי אָרגאַניזאַציע מוז אָנקומען מיט איהר עקזיסטענץ צו ספּעציאַליטעט און ספּעציאַליטעט מוז אָנקומען מיט איהר עקזיסטענץ צו אָרגאַניזאַציע, יעדע איינע קען נאָר עקזיסטירען אין אַ קאָמבינאַציע מיט דער אַנדערער. און אַזוי ווי דער גאַנג פון

פראַגרעס

פראַגרעס פאָדערט דאָך אָרגאַניזאַציע און ספעציאַליטעט, פאָדערט ער ממילא די קאָמבינאַציע צווישען די צוויי.

דאָס וואָס מיר האָבען דאָ אויסגעחשבונ׳ט אַ פריאָרי זעהען מיר אויך אין דער ערפאַרונג אַ פאָסטעריאָרי. זעהען מיר ווי דאָרט וואו עס עקזיסטירען אָרגאַניזאַציעס באַשטעהען זיי פון ספעציאַליסטען, און דאָרט וואו עס טרעפען-זיך-צוזאַמען ספעציאַליסטען בילדען זיי געוויינליך אָרגאַניזאַציעס, און דאָרט וואו עס איז דאָ אַזאַ קאָמבינאַציע צווישען ספעציאַליטעט און אָרגאַניזאַציע איז דאָ פראָגרעס, און דאָרט וואו צוליב עפעס אַ סיבה קען אַזאַ קאָמבינאַציע נישט צושטאַנדקומען איז נישט נאָר קיין פראָגרעס ניטאָ נאָר עס מאַכען זיך קריזיסען, עס קומען פאָר קאָנפליקטען, און דער וועזען ליידט בשעת מעשה אַ צוריקשטויס. די געשיכטע פון עוואָלוציע לערענט אונז אפילו, אַז דער גאַנג פון פראָגרעס האָט נאָכגעפאָלגט דעם וועג פון דער דאָזיגער קאָמבינאַציע, און אַז די צוריקשטויסען וואָס דער וועזען קריגט געוויינליך אויף זיין וועג פון פראָגרעס נעמען זיך טאַקע הויפטזעכליך פון דעם וואָס עס זיינען געוויינליך דאָ שוועריגקייטען פאַר דעם צושטאַנדקומען פון אַזאַ ריכטיגער קאָמביגאַציע — און אָט די דאָזיגע שוועריגקייטען מוז דער וועזען איבערקומען אויף זיין וועג פון פראָגרעס.

אַזוי האָט דער צושטאַנדקומען פון אַזאַ ריכטיגער קאָמבינאַציע איין שוועריגקייט מיט דעם צוזאַמען-טרעפען-זיך פון ספעציאַליסטען מיט ריכטיגע זיך-ערגענצענדע ספעציאַליטעטען. איהר קענט טרעפען ספעציאַליסטען וואָס באַזיצען גראָד די יתרונות און חסרונות דורך וועלכע זיי וואָלטען זיך זעהר גוט געקענט אויספיהלען געגענזייטיג, ד״ה בילדען אַן אָרגאַניזאַציע, נאָר זיי טוהען דאָס נישט צוליב דעם וואָס זיי ווייסען פשוט נישט איינע פון די אַנדערע, אָדער צוליב מאַנכע סיבות קענען זיי זיך ניט צוזאַמענקומען. אין אַזאַ פאַל מוזען די ספעציאַליסטען נאַטירליך בלייבען ביי זייערע חסרונות. און ניט קענענדיג אַזוי אָנגעהן, אָדער ניט קענענדיג קאָנקורירען מיט אַנדערע וואָס באַזיצען ניט די דאָזיגע חסרונות, מוזען זיי צאַנקען, מוזען אונטערגעהן.

אַ צווייטע שוועריגקייט מיט דעם צושטאַנדקומען פון דער דאָזיגער קאָמבינאַציע איז דאָס וואָס עס איז שווער אויסצוגעפינען דעם ריכטיגען פלאַן פון אָרגאַניזאַציע — דעם פלאַן וואָס ווערט געפאָדערט פון פראָגרעס — דעם פלאַן וועלכער לאָזט צו וואָס מעהר ספעציאַליטעטען און וואָס מעהר אָרגאַניזאַציע. און אַזוי קומט אויס, אַז ביז עס ווערט אויסגעפונען דער ריכטיגער פלאַן פון אָרגאַניזאַציע ווערען

פּרינציפּען

געמאַכט פיל פאַרשיידענע און אומגעלונגענע פּרואוון. און פאַרשיידענע פּרואוון ברענגען געוויינליך צו קאָנפליקטען; און אומגעלונגענע פּרואוון ברענגען דורכפאַלען און קריזיסען. 1)

אַט די דאַזיגע שוועריגקייטען, קאָנפליקטען און קריזיסען, פּונקט ווי דעם געבורט פון ספּעציאַליטעטען און די באַמיהונגען פון אָרגאַניזאַציע, טרעפען מיר טאַקע ביי יעדען געבורט פון נייע פּראָגרעסיווע פאָרמען. און דאָס זעהען מיר טאַקע, מעהר אָדער ווייניגער, אויף יעדען געביט.

נעמט דעם פיזיאָלאָגישען געביט. דאָ איז קיין ספק ניט, אַז קודם האָט פּראָגרעס געפאָדערט דעם געבורט און דעם צוזאַמענלעבען פון די צעלען וואָס פאַרטרעטען די ספּעציאַליטעטען פון בעל-חי, צומח און באַקטעריום. איהר מעגט אפילו אָננעמען אַז דער צומח אליין וואָלט געפונען גענוג שטאָף אָנצוהאַלטען אָן אָרעמע עקזיסטענץ — פּראָגרעסירען וואָלט ער דאָך אָבער געוויס ניט געקענט. און ווייטער האָט פּראָגרעס געמוזט פאָדערען, אַז צווישען די בעלי-חיים און די צמחים גופא זאָלען זיך די צעלען כסדר אָרגאַניזירען, כדי צו בילדען אַלץ גרעסערע און קאָמפּליצירטערע קערפּערס. און אויף דער פאָדערונג פון פּראָגרעס, האָבען זיך די קערפּערס ווידער ספּעציאַליזירט אין געשלעכטען, און ווידער אין אַ רייהע פון קלענערע און גרעסערע ספּעציאַליטעטען, כדי זיך ווידער צונויפצופאָרען און בילדען אַלץ קאָמפּליצירטערע קערפּערס (עס מאַכט ניט אויס וואָס איהר קענט היינט זעהען ווי אַזוי די דאַזיגע ספּעציאַליטעטען קומען צושטאַנד, איהר קענט אָבער ניט לייקענען אַז דער געבורט פון די דאַזיגע ספּעציאַליטעטען און זייער שפּעטערדיגער צוזאַמענפאָרען-זיך דינט ווי אָן אינסטרומענט פון פּראָגרעס).

בנוגע די שוועריגקייטען וואָס פּראָגרעס האָט געמוזט איבערקומען אויף דעם דאַזיגען געביט, קענען מיר אפילו אויף זיי ניט אָנ-

---

1) די דאַזיגע שוועריגקייטען געפינען זיך אויפ'ן וועג פון דעם צושטאַנדקומען פון אַ ריכטיגער אָרגאַניזאַציע. אָרגאַניזאַציע אין אַלגעמיין ברענגט נאַטירליך מיט אויך אַנדערע קאָנפליקטען— קאָנפליקטען וועלכע זיינען פאַרבונדען מיט קאָנקורענץ און עגאָאיזם. אַזוי קומען פאָר צוליב אָרגאַניזאַציע קאָנפליקטען צווישען ספּעציאַליסטען פון זעלבען מין און קאָנפליקטען צווישען ספּעציאַליסטען פון די געגענגעזעצטע מינים, צווישען די וואָס באַזיצען די זעלבע יתרונות און חסרונות און צווישען די וואָס באַזיצען געגענגעזעצטע יתרונות און חסרונות. די ערשטע קעמפען צווישען זיך צוליב דער פּריווילעגיע פון בילדען אַן אָרגאַניזאַציע, ווען מערערע פון זיי וואַרפען אַן אויג אויפן זעלבען ספּעציאַליסט פון געגענגעזעצטען מין. די צווייטע קעמפען צווישען זיך גראַד דאַן ווען זיי זיינען שוין פאַרבונדען אין אַן אָרגאַניזאַציע. זיי קענען דאַן נישט דורכקומען בנוגע דער מאָס יתרון און חסרון וואָס יעדער צד גלויבט צו פאַרטרעטען און ממילא מוזען צווישען זיי פאָרקומען רייבונגען איבער דעם קרעדיט און דעביט, אויטאָריטעט און ליבע וואָס מאַכט אויס אויפן חשבון פון יעדען צד. די דאַזיגע קאָנפליקטען האָבען אָבער נישט צו טאָהן מיט דעם געבורט פון נייע פאָרמען פון אָרגאַניזאַציע, זיי האָבען דעריבער נישט צו טאָהן מיט דעם געבורט פון פּראָגרעס.

פראָגרעס

ווייזען דירעקט מיטן פינגער. גראד זעהען מיר דאָ ניט פראָגרעס אין פראָצעס פון וואקסען נאָר אין אַן אויסגעוואקסענעם צושטאַנד, אין אַ צייט וואָס ער האָט שוין זיינע שוועריגקייטען אויסגעפּאַקט און אויסגעמאָזעלט. פארגלייכענדיג אָבער די צייט וואָס נעמט אוים־צובעסערען עפּעס אַ מין דורך קינסטליכע וויסענשאַפטליכע מעטאָדען (מעטאָדען אין וועלכע די שוועריגקייטען פון אָרגאַניזאַציע ווערען קינסטליך באַזייטיגט) מיט דער צייט וואָס עס האָט גענומען אויסצו־בעסערען אַ מין דורך דער נאַטירליכער עוואָלוציע פון פּראָגרעס, קען מען זיך גאַנץ גוט משער זיין די שוועריגקייטען וואָס פּראָגרעס האָט געהאַט איבערצוקומען בנוגע אָרגאַניזאַציע, פּונקט ווי מען קען זיך אויך משער זיין דעם חלק אין די אַלע קריזיסען און פארלוסט פון מינים, וואָס דאַרף צוגעשריבען ווערען אויפן חשבון פון די דאָזיגע שוועריגקייטען.

זעהט איהר, אויפן עקאָנאָמישען געביט, וואו דער וואוקס פון פּראָגרעס געהט אַן פאר אונזערע אויגען, טרעפען מיר זיך טאַקע מיט די דאָזיגע אָרגאַניזאַציע שוועריגקייטען פנים אל פנים, און מיר זעהען זיי דאָ דירעקט ביי דער ארבעט. זעהען מיר דאָך אַלע די פּעריאָדישע און אומפּעריאָדישע קריזיסען, די סלעק, די זאָרגען פאַרן מאָרגען און די מלחמות וואָס זיינען פאַרבונדען מיט דעם היינטיגען עקאָנאָמישען סיסטעם פון ספּעציאַליטעט. קען מען דאָך ניט לייקע־נען, אַז די איצטיגע גרויסע וועלט מלחמה, צוזאַמען מיט איהרע אונ־טערפירער, זיינען טאַקע הויפּטזעכליך אַ פּראָדוקט פון דעם וואָס די געגענזייטיגע אָפּהענגיגקייט פון אַלע טיילען וועלט, וואָס איז גע־קומען פון ספּעציאַליזאַציע אויפן עקאָנאָמישען געביט, איז ניט נאָכ־געפאָלגט געוואָרען פון אַ געהעריגען סיסטעם פון אָרגאַניזאַציע — אַ סיסטעם וואָס זאָל צוזאַמענפּירען די לענדער און קלאַסען אַזוי נאָהנט, אַז די וואָס באַזיצען פארשיידענע ספּעציאַליטעטען זאָלען זיך לייכט קענען פארשטענדיגען. אָהן אַזאַ סיסטעם, האָבען מאַנכע לענדער געהאַט שוועריגקייטען אין משלים זיין זייער חסרון און אין אָפּזעצען זייער איבערפלוס אין מאַנכע רויהע מאַטעריאַלען אָדער פּראָדוצירטע אַרטיקלען; האָט זיך געשאַפען אַ דוחק אויף לעבענס־רוים און אַ הונגער אויף אָפּזאַץ־מערק. און אָהן אַזאַ סיסטעם, האָט דער פּראָדוצירער פּראָדוצירט ניט לויט דעם געברויך פון פארברוי־כער און דער פארברויכער האָט ניט געהאַט די מיטלען ווי צוצוקומען צום פּראָדוצירער; האָט זיך געשאַפען איבער־פּראָדוקציע, ארבעטס־לאָזיגקייט און דעפּרעסיע. און אָהן אַזאַ סיסטעם, האָבען ווידער די פּראָדוצירער פון זעלבען אַרטיקעל זיך ניט געקענט פארשטענדיגען איבער דעם פּאַרנעם און די באַדינגונגען פון דער פּראָדוקציע; איז

פרינציפען

צווישען זיי אָנגעגאַנגען אַ גאָרגעל־שניידענדע קאָנקורענץ; האָט יע־דער פראָדוצירער געזוכט צו פאַרביליגערען דעם אַרטיקעל, דורך שניידען דעם אַרבעטסלוין און פאַרלענגערען די אַרבעטסשעהען; האָט עס, ווי איהר ווייסט, פאַרגרעסערט דעם כאַאָטישען צושטאַנד, און עס האָט געמאַכט רייף דעם באָדען פאַר רעוואָלוציעס און מלחמות. 1)

דאָס איז גראַד די ערשטע שוועריגקייט וואָס מיר האָבען דאָ געהאַט פאַרגעשטעלט, די שוועריגקייט מיט דעם צונויפקומען־זיך פון די ספעציאַליסטען. דאָ זעהען מיר אָבער אויך די צווייטע שווע־ריגקייט ביי דער אַרבעט, די שוועריגקייט מיט דעם וואָס עס ווערען געמאַכט פאַרשיידענע און אומגעלומפערטע פרוּוען פון אָרגאַני־זאַציע.

זעהען מיר צוערשט אַ פרוּוו פון טאָטאַלער אָרגאַניזאַציע, אָן אָרגאַניזאַציע כמעט אָהן ספעציאַליטעטען. האָט מען געפרוּווט אָפ־שאַפען די סאָציאַלע ספעציאַליטעטען — די ספעציאַליטעטען פון קלאַס. האָט מען געפרוּווט אָפשאַפען די פסיכישע ספעציאַליטעטען, די רעכט צו דענקען, פיהלען אָדער גלויבען פאַרשיידענאַרטיג. האָט מען אפילו געמאַכט אַ פאַרזוך אָפצושאַפען די רעכט פון ווילען זיין ביי אימיצען אַן אויסנאַם; האָט מען געפרוּווט אין גאַנצען לויז מאַכען דעם בונד פון פאַמיליען־לעבען. גליקליכערווייזע האָט מען גאָר ניט געקענט טאָהן געגען דער פיזיאָלאָגישער ספעציאַליטעט, האָט מען שוין ממילא אויך צורוה געלאָזט די ספעציאַליטעטען וואָס זיינען בולט פאַרבונדען מיט דער פיזיאָלאָגישער ספעציאַליטעט, האָט מען שוין צורוה געלאָזט דער עקאָנאָמישער ספעציאַליטעט און טיילווייז אויך דער קולטורעלער ספעציאַליטעט — אַזוי ווייט ווי די דאָזיגע ספעצי־

---

1) עס איז אפילו אמת, אַז אַמאָל, ווען די וועלט איז נאָך נישט געווען אַזוי עקאָנאָמיש ספעציאַליזירט, זיינען אויך געווען מלחמות: מלחמות פאַר מאַכט, מלחמות פאַר רויב, און מלחמות גלאַט לשם וואָנטורע, „ישחקו נא הנערים לפנינו”. און מען מוז אויך צוגעבען, אַז צווישען די אורזאַכען פון דער איצטיגער מלחמה איז אויך פראָמי־נענט דער עלעמענט פון מאַכט גייציגקייט. פונדעסטוועגען קען מען אָבער אויך נישט פאַר־קוקען דעם עקאָנאָמישען עלעמענט צווישען די דאָזיגע אורזאַכען. דירעקט איז עס מסתמא נישט געווען די הויפט סיבה פון דער מלחמה, כאָטש ביי יעדער מאָל שעכטען פלעגען די נאַציס זוכען צו בלייבען גערעכט מיט דער טענה פון לעבענס־רוים. איז דאָך געווען געגנוג פלאַץ זיך צו זעצען ביים גרינעם טיש און פרובירען אַדורכצוקומען וועגען דעם פרידליך, איבערהויפט נאָך פרעזידענט רוזוועלט'ס לעצטע דעפעשע צום פירער. פאַרגעסט אָבער נישט, אַז די נאַציס זיינען שוין דאַן געווען געטריבען פון דעם כח פון ספעציאַליטעט אויפן נאַציאָנאַלען געביט, און זיי האָבען געזוכט אַיינצואָרדנען אַן אָרגאַניזאַציע פון נאַציאָנען, אין וועלכער, זייער נאַציאָן, „די הארען־פאָלק”, זאָל באַזיצען די ספעציאַליטעט פון אָנפירען, די ספעציאַליטעט פון דער קאָפ. אָבער אויב נישט דירעקט, איז דער עקאָנאָמישער עלע־מענט געווען אומדירעקט די הויפט סיבה פון דער מלחמה, מיט דעם גופא וואָס ער האָט געבראַכט די נאַציס צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד.

אליטעט האט צו טאהן מיט טאלאנטען, און ניט מיט דענקען, פיהלען, אדער גלויבען.

איז די רעזולטאטען פון אזא טאטאלער ארגאניזאציע ווייסט איהר דאך מסתמא. די געלעגענהייטען וואס זיינען געווען צום האנד פאר אזא עקספערימענט זיינען גראד ניט געווען אין גאנצען קיין שלעכטע: האט מען דאך געהאט צום האנד כמעט א זעקסטעל פון ערד־קוגעל באזארגט מיט אלערליי רעסורסען; האט מען דאך געהאט צום האנד א גרויס פאלק וועלכע האט זיך געלאזט קנעטען און וועלכע איז אויך געווען געוואוינט צו לעבען אונטער א דיקטאטור; האט מען דאך געהאט צום האנד די ענערגיע פון הונדערטער טויזענטער איבער־געגעבענע ענטוזיאסטען, וועלכע האבען אין דער צייט פון בירגער קריג און אויסערליכער אינטערווענציע, ממש באוויזען וואונדער; און האט מען דאך שוין אויך געהאט גענוג צייט אויף די אייגענע הענד צו ערציהען א גאנצען דור פריי פון יעדער געוויינהייט און כמעט פון יעדען זייטיגען איינפלוס. און פונדעסטוועגען, איז שוין א פאר צעהנ־דליג יאהר ווי מען האט געהאלטען אין איין בראדזען אין זעלבען זומפ און מען האט פון איהם בשום אופן ניט געקענט ארויסקריכען. 1)

דאן זעהען מיר אן אנדער פרואוו פון ארגאניזאציע, אן ארגא־ניזאציע וועלכע לאזט שוין צו די סאציאלע ספעציאליטעטען פון קלאס, אבער נישט די פסיכישע ספעציאליטעטען פון מיינונג און געפיהל. דא ווערען שוין דעריבער אנערקענט די באשטימטע פונקציעס פון די פארשיידענע קלאסען: די פרוי איז די עקרת הבית, איז איהר פונק־ציע זיך אפצוגעבען מיט דער הויז, אויפצופאסען אויף דעם געזונט פון דער פאמיליע, איז איהר פלאץ אין קיך און ניט ערגעץ אנדערש. און אזוי איז די פונקציע פון ארבעטער צו ארבעטען, מוז ער ארבע־טען, טאר ער ניט סטרייקען. און אזוי דארף דער פארוואלטער אנ־פירען מיט דער ארבעט, מוז ער באזיצען די פולע אויטאריטעט אנצו־פירען, מוז מען איהם מאשינאווע פאלגען. און די דאזיגע קלאסען זיינען בלויז טישום און איברים פון דעם פאלק'ס ארגאניזם, וועמענס קאפ איז דער פירער־קלאס, דער מיניסטארען קאבינעט, מוזען דערפאר אלע בלינד אויספאלגען די באפעלען פון מיניסטארען קאבינעט, פונקט ווי די מיטגלידער פון מיניסטארען קאבינעט מוזען אויספאלגען די בא־פעלען פון זייער פירער, דעם העכסטען פירער.

די פעלקער זיינען, ווידער, מיטגלידער פון א העכערען ארגא־

1) מערקווירדיג, די איינציגע ספעציאליטעט וועלכע מען האט אין רוסלאנד ער־מוטיגט איז געווען די נאציאנאלע, און דא איז גראד דער עקספערימענט ארויסגעקומען זעהר געלונגען, ניט נאר איז דארט נישט געווען קיין רייבונגען צווישען די נאציאנען נאר זיי האבען זיך אויך געפיהלט אלע פארבונדען דורך דער אידייע פון איין פאטערלאנד.

פרינציפּען

ניזם, דער וועלט'ס אָרגאַניזם, און יעדער פאָלק האָט דעריבער אַ באַשטימטע פונקציע פון דינסט פאַר דעם דאָזיגען אָרגאַניזם — אַ פונקציע וועלכע איז באַשטימט דורך די ספּעציפישע אייגענשאַפטען פון יעדער פאָלק, אָדער דורך דער ספּעציאַליטעט פון דער ערד אויף וועלכער דאָס פאָלק זיצט. איין פאָלק מוז האָבען די פונקציע אָנצו־פירען מיט דעם וועלט'ס אָרגאַניזם, מוז מיט זיך פאָרשטעלען די קאָפּ פון דעם דאָזיגען אָרגאַניזם. דאָס איז די פאָלק וועלכע באַזיצט די ספּעציפישע אייגענשאַפט פון אָנפירען אָדער פאַרוואַלטען. ווער דאָס דאָזיגע „אתה בחרתנו"־פאָלק איז, פאַרשטעהט איהר דאָך מסתמא אַליין.

מיר אידען זיינען ליידער ניט אימשטאַנד צו דינען דעם וועלט'ס אָרגאַניזם מיט דער ספּעציאַליטעט פון אונזער ערד. אונזער ספּעצי־פישע אייגענשאַפט, ווידער, איז מעקלעריי, פאַרמיטלונג, שאַפען פאַר־בינדונגען צווישען די געגענזייטיג אָפּהענגיגע קלאַסען און נאַציאָנען. און אַזוי ווי אין דער „נייער אָרדנונג" ווילען דאָך די אַלע נויטיגע פאַרבינדונגען צווישען די קלאַסען און נאַציאָנען זיין פעסט איינגע־שטעלט, „וועניגסטענס אויף אַ טויזענט יאָהר", איז דערפאַר אונזער פונקציע דאָ איינגאַנצען מעהר ניט נויטיג. נאָר אויב איהר ווילט, איז אונזער פונקציע אפילו שעדליך פאַר דער נייער אָרדנונג. ווארעם שאַפען פאַרבינדונגען מיינט דאָך מאַכען נייע פאַרבינדונגען, מיינט דאָך אַריינברענגען נייעס אין דער איינגעשטעלטער אָרדנונג, און דאָס איז געגען דער אידייע פון באַשטימטקייט, פון סטאַביליטעט „וועניג־סטענס אויף אַ טויזענט יאָהר". פאַר אונז אידען טאָר דערפאַר אין דער נייער אָרדנונג קיין פּלאַץ ניט זיין — סיידען מיר זאָלען זיך איינ־שאַפען עפּעס אַ ספּעציפיש נויטיגע פונקציע, מיר זאָלען זיך איינ־שפּאַנען צו ענטוויקלען עפּעס אַ ליידיגען באָדען ערגעץ אין אפריקא, וואו קיין אַנדער פאָלק וועט עס במילא ניט ענטוויקלען.

און אויסלאָזענדיג פון חשבון די פּסיכישע ספּעציאַליטעטען, ניט נעמענדיג אין באַטראַכט די באַזונדערע מיינונגען און געפיהלען, האַלטענדיג, אַז אַזוי ווייט ווי עס האָט צו טאָהן מיט אָרגאַניזאַציע טאָרען אין דער נייער אָרדנונג קיין באַזונדערע מיינונגען און געפיה־לען איבערהויפּט ניט קומען צום אויסדרוק, קענען ממילא די דאָזיגע אַלע אָפּעראַציעס אָפּגעטאָהן ווערען זיך ניט רעכענדיג מיט מיינונגען און געפיהלען, ד"ה זיי קענען אָפּגעטאָהן ווערען אָהן ריקזיכט און אָהן רחמנות. מען דאַרף דעריבער גאָר ניט האָבען אַז די בירגער, די קלאַסען, און די פעלקער זאָלען איינשטימען אויף זייער פּלאַץ און זייער מערכה אונטער דעם נייעם רעזשים, פונקט ווי מען דאַרף אין די אייגענע געפיהלען ניט זוכען קיין הכשר אויף די מיטלען דורך

וועלכע מען זאָל צושטאַנדברענגען און אײנהאַלטען דעם דאָזיגען רעזשים. אַלץ איז דאָ ערלויבט: נאַרערײ, צוואַנג און גרויזאַמקייט. און ווייל די דאָזיגע מיטלען דינען אַמבעסטען דער אײנריכטונג און אויפהאַלטונג פון אַזאַ רעזשים, זיינען זיי אפילו געהייליגט געוואָרען אַלס טוגענדען.

און אַרײננאַרען לאָזט זיך דאָ גראַד זעהר לייכט. נאָך אַלעמען איז דאָך דער עולם אויסגעהונגערט פאַר אָרגאַניזאַציע. וואַרפט מען זיך דעריבער מיט אימפּעט אויף די פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציע־געריכטען וואָס די קוכערס דערלאַנגען, איז מען אין אימפּעט ניט אימשטאַנד צו דערשפּירען דעם ביטערען נאָך־טעם וואָס די דאָזיגע געריכטען האָבען. אַגב ווייסען די קוכערס ווי צו־פאַרפעפערען און צו פאַרקנאָבלען די דאָזיגע געריכטען, אַז מען זאָל פון אָנפאַנג ניט דערשפּירען זייער נאָך־טעם. טהוט מען פאַרסאַמען די מוחות מיט אויסערגעוויינליכער שנאה כלפי חוץ. טהוט מען אָנפיהלען די הערצער מיט קאַמפס לוסט געגען די דאָזיגע שונאים. ווערען ממילא אַלעמענס געדאַנקען פאַרנומען מיט די זעלבע רעיונות פון שנאה, און ווערען ממילא אַלעמענס געפיהלען אָנגעצונדען מיט דעם זעלבען פייערדיגען וואונש פאַר קאַמף. ווערט ממילא די ספּעציאַליטעט פון יעדערענס געדאַנק און פון יעדערענס געפיהל געקירעוועט צום זעלבען פּונקט — גראַד צו דעם פּונקט וועלכער איז דער אָפיציעלער ציעל פון פּראָפּאַגאַנדא־מיניסטעריום. איז פון אָנפאַנג גראַד דאָ האַרמאָניע אין דעם נייעם רעזשים, ווערט דאָ פון אָנפאַנג אויסגעמיטען דער נאַטירליכער צוזאַמענשטויס צווישען דעם פאַרלאַנג פאַר פּסיכישער ספּעציאַליטעט מיט דער דיקטאַטור פאָדערונג פון דעם נייעם רעזשים. דערפאַר זעהען מיר טאַקע ווי יעדע דיקטאַטור לעבט אין אַן אַטמאָספערע פון שנאה, און דערפאַר איז טאַקע דאָ אַזאַ נאָהנטע שייכות צווישען דיקטאַטור און מלחמה — דיקטאַטור פירט געוויינליך צו מלחמה און מלחמה גיט די בעסטע געלעגענהייט פאַר דער אײנריכטונג פון אַ דיקטאַטור.

אָבער די דאָזיגע האַרמאָניע קען לאַנג ניט אָנהאַלטען. וואָרעם שטעלט אייך פאָר די אײנגעפלאַנצטע שנאה און קאַמפּ׳ס שטימונג כלפּי חוץ ענדליך פאַרשוואונדען — ווי זיי מוזען דאָך פאַרשווינדען נאָכן „זיכערען זיג״ ווען די נייע אָרדנונג וועט זוכה זיין אײנגעשטעלט צו ווערען אין דער גאַנצער וועלט—ווי וועט איהר דאַן נאָכקומען אייער נאַטירליכען פאַרלאַנג פאַר פּסיכישער ספּעציאַליטעט? שטעלט אייך פאָר דעם אינטערעס וואָס איר קענט האָבען אין לעבען ווען איר ווייסט אַז ניט אייך און ניט אימיצען אַנדערש ערוואַרטעט עפּעס נייעס, אַז אייער פּלאַץ און דער פּלאַץ פון אייער קינד איז שוין באַשטימט אויף

פּרינציפּען

שטענדיג און דער מאָרגען און דער איבער־אַכטאָג און דער איבער־אַ־יאָהר קענען בשום אופן ניט זיין אַנדערש פון דעם היינט — כאַפּט אייך ניט אָן אַ סקרוך צו לעבען אין אַזאַ טויטער וועלט? אָדער שטעלט אייך פאָר דעם וועהטאָג וואָס איהר וועט פיהלען, ווען איהר וועט זעהן אַז עפּעס איז ניט ווי עס דאַרף צו זיין און איהר וועט וויסען ווי עס אויסצובעסערן אָבער איהר וועט מוזען שווייגען, אָדער, נאָך מער, מען וועט באַגעהן עולות געגען אייך אַליין און איהר וועט אפילו ניט טאָרען אַ קרעכץ טאָהן.

און עס איז אויך קיין ספק ניט, אַז די אונטערדריקונג פון דער פּסיכישער ספּעציאַליטעט איז שעדליך פאַר פּראָגרעס. פּראָגרעס קען דאָך נאָר אָנגעהן דורך ענדערונג, שטעלט איהר אָפּ ענדערונג שטעלט איהר ממילא אָפּ פּראָגרעס; זוכט איהר צו פאַראייביגען וועלכע עס איז פאָרמע פון אָרגאַניזאַציע, זוכט איהר פון דעם דאָזיגען זייט אָפּ־צושטעלען פּראָגרעס אויף אייביג; זוכט איהר אַיינצופּרווירען אַ פאָר־מע פון אָרגאַניזאַציע אויף ווייניגסטענס אַ טויזענט יאָהר, זוכט איהר פון דעם דאָזיגען זייט אָפּצושטעלען פּראָגרעס ווייניגסטענס אויף אַ טויזענט יאָהר. 1)

און פּונקט אַזוי איז קלאָר אַז אַזאַ דיקטאַטאָרישער רעזשים מוז שעדיגען דעם פּראָגרעס פון די יחידים, די מיטגלידער אין דער אָרגאַניזאַציע. עס איז שוין בכלל וועגען דעם פיל געשריבען גע־וואָרען און פיל געזאָגט געוואָרען. יעדער איינער וואָס איז אומ־פּאַרטייאיש, וואָס איז אַליין ניט מיטגעשלעפּט געוואָרען דורך דעם דראַנג פאַר אָרגאַניזאַציע, האָט געמוזט באַמערקען די קייטען וואָס דער דאָזיגער רעזשים האָט אַרופגעלעגט אויף די געדאַנקען און גע־פיהלען פון יעדען איינעם, און דעם שאָדען וואָס דאָס האָט געמוזט ברענגען דעם וואוקס פון ליטעראַטור און קונסט. דאָ וועלען מיר נאָר באַמערקען, אַז אין די נאַטירליכע אָרגאַניזאַציעס זעהט זיך ניט אַן אָרגאַניזם מיט אַזאַ דיקטאַטאָרישען רעזשים. אין אַ געזונטען לעבע־דיגען קערפּער, למשל, טוהען די באַזונדערע צעלען פריי פּרעזענ־טירען זייערע געפיהלען, און אין אַ נאָרמאַלען מענשען טוהען די פאַרשיידענע וואונשען פריי פאָרברענגען זייערע פאָדערונגען — זיי־ערע מיינונגען בנוגע דער גוטס פון אָרגאַניזם — פאַרן פּאַרלאַמענט פון געדאַנק (די וואונשען וואָס ווערען אַרונטערגעדריקט אין אונטער

1) מען טאָר נישט מאַכען קיין טעות און אופנעמען דעמאָקראַטיע אַלס פאָרמע פון אָרגאַניזאַציע. דעמאָקראַטיע איז בלויז אַ וועג ווי יעדער מאָל איבער־אַ־נייס צו באַ־שטימען די פאָרמע פון דער אָרגאַניזאַציע, לויט ווי זי איז צוגעפּאַסט פאַר אַ באַשטימטער צייט. אין אַ דעמאָקראַטיע איז דערפאַר די פאָרמע פון אָרגאַניזאַציע זעהר פליסיג, און אַן אייביגע דעמאָקראַטיע איז דערפאַר זעהר געוואונשען פאַר פּראָגרעס. אַ קאָנסטיטוציע מוז חידער געענדערט ווערען דורך אַמענדמענטס.

באוואוסטזיין ווערען דאָך ערקלערט אויסערען געזעץ, ד"ה זיי ווערען אנערקענט אלס ניט קיין פאַסיגע מיטגלידער אין דער אָרגאַניזאַציע).

דאָס זיינען קאָנקרעטע ביישפּילען פון שוועריגקייטען וואָס ענטשטעהען דורך די אומגעלונגענע פּרוּווען פון אָרגאַניזאַציע. און פונקט אַזוי פעלען היינט ניט קיין קאָנקרעטע ביישפּילען פון די שוועריגקייטען וואָס ענטשטעהען דורך די קאָנפליקטען פון די פאַרשיידענע פּרוּווען פון אָרגאַניזאַציע. ווארעם וואָס זיינען די ביטערע מחלוקת'ן צווישען די קאָמוניסטען און פאַשיסטען אין אַלע לענדער — מחלוקת'ן וועלכע האָבען פריהער אָדער שפּעטער געמוזט פירען צו אַ וועלט צופלאָקערונג ?

בנוגע דעם געווינס אין פראָגרעס וואָס מיר וועלען ענדליך דערגרייכען דורך דעם צושטאַנדקומען פון דער ריכטיגער אָרגאַניזאַציע, איז גענוג צו דערמאָנען, אַז דאָס מוז מיינען עפּעס אַ פאָרמע פון פאַראייניגונג פון אַלע וועלטע-טיילען, ווייל אַלע וועלט-טיילען זיינען יעצט עקאָנאָמיש געגענזייטיג אָפּהענגיג. און דאָס מוז ווידער מיינען אַן ענדע צו מלחמות. און דאָס מוז ווידער מיינען, אַז די גאַנצע וויסענשאַפט און אַלע מאַטעריעלע רעסורסען וועלען אייגעשפּאַנט ווערען אויף בנין אַנשטאָט אויף חורבן. און דאָס מוז ווידער מיינען, אַז מען וועט אופהערען צו פאַרסאַמען די מענשליכע הערצער, וווייניג-סטענס מיט נאַציאָנאַלען האַס; דאָס וועט אַלזאָ אויך מיינען „אַ נייער דיל" פאַר די מענשליכע געפיהלען. און אַז די דאָזיגע אָרגאַניזאַציע איז אַ מוז-זאַך און זי וועט ניט לאָזען אויף זיך לאַנג וואַרטען, קענט איהר דאָך זעהען פון דעם גופא וואָסביידע צדדים אין דער מלחמה האָבען עס אַריינגענומען אין זייערע אַספּיראַציעס.

און די דערנענטערונג צווישען די נאַציאָנען וועט ווידער פאַרלייכטערען די דערנענטערונג צווישען קלאַסען און די פאַרשטענדיגונג צווישען די מיטגלידער אין יעדען קלאַס גופא: דער צושטעלער פון רויהע מאַטעריאַלען וועט גיכער קענען קומען אין קאָנטאַקט מיט דעם פאַבריקאַנט, און דער פראָדוצירער וועט זיך גיכער קענען צוזאַמענ-ריידען מיטן געברויכער. און דאָס וועט ווידער אַריינברענגען מעהר פּלאַנירונג און מעהר אָרדנונג אין דער פראָדוקציע: עס וועט איינ-צאַמען די איבלען פון איבער-פראָדוקציע און פון סלעק, און עס וועט ממילא אָפּשאַפען פיל אורזאַכען פון קאָנפליקט צווישען באַשעפ-טיגער און באַשעפטיגטע, פונקט ווי צווישען די מיטגלידער אין יעדען פון די דאָזיגע קלאַסען גופא.

און די דאָזיגע אָרגאַניזאַציע צווישען נאַציאָנען, קלאַסען און יחידים וועט מוזען זיין אַזוי געבילדעט, אַז זי זאָל ניט אָפּשאַפען קיי-נעמס פּסיכישע ספּעציאַליטעטען, אַז יעדע נאַציאָן, יעדער קלאַס

פראָגרעס

און יעדער יחיד זאָל האָבען איבער זיך אליין די דעה בנוגע גלויבען אָדער פיהלען אָדער פאַרוואַלטען-זיך. און ניט נאָר איז אַזאַ אָרגאַניזאַציע מעגליך נאָר זי איז גראַד די איינציגע בת-קיימא; די אָרגאַניזאַציעס וואָס שאַפען אָפּ די פּסיכישע ספּעציאַליטעטען זיינע אַלע נופלם, זיי ברוויזען מיט אַזוי פיל אומצופרידענהייט אַז זיי מוזען פלאַצען. אַזאַ סאָרט אָרגאַניזאַציע איז אויך דער אידעאַל פון די בעסערע מענשען: האָבען דאָך מענשען מיט וויזיע שוין לאַנג געטרוימט וועגען עפּעס אַ פאָרמע פון פאַראייניגטע שטאַטען אין דער וועלט, און האָט דאָך שוין פרענקלין ד. רוזוועלט געפּרואווט איינפירען אַזאַ אָרגאַניזאַציע „בזעיר אנפין", צווישען די קלאַסען פון די פאַראייניגטע שטאַאטען. נישט מעהר, זייענדיג באַגרענעצט צו איין לאַנד האָט דער דאָזיגער פרואוו נאַטירליך ניט געקענט געהן אַזוי וויט און אַזוי גרינטליך ווי ער וואָלט באַדאַרפט געהן; ער שטעלט דאָ דעריבער מיט זיך פאָר האַלבע אַרבעט סיי אין כמות און סיי אין איכות. און פונדעסטוועגען קען מען ניט זאָגען, אַז דער דאָזיגער פרואוו האָט זעהר שלעכט אויסגעמאַכט — נאָך אַלעמען האָבען דאָך אין די לעצטע וואהלען אפילו רוזוועלט'ס פּאָליטישע געגענער געמוזט צוגעבען אַז דער „נייער דיל" איז אין אַלגעמיין אַ-קעי, און אַז ער וועט מוזען אָנגעהן אויך אויף ווייטער.

דאָס וואָס איז דאָ געזאָגט געוואָרען בנוגע דער אָרגאַניזאַציע פון נאַציאָנען און קלאַסען גילט געווים אויך בנוגע אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, נישט מעהר, אַנדערע אָרגאַניזאַציעס זיינען נישט אַזוי גרויס און קאָמפּליצירט, זיינען דאָרט דעריבער די שוועריגקייטען פיל לייכטער איבערצוקומען — עס קומט דאָרט אָן פיל לייכטער דער צוזאַמען-טרעפען-זיך פון ספּעציאַליסטען מיט ריכטיגע זיך-ערגענצענדע ספּעציאַליטעטען און עס קומט דאָרט אָן פיל לייכטער צו געפינען דעם ריכטיגען פּלאַן פון אָרגאַניזאַציע. נאָר פונדעסטוועגען, דאַרפען מיר זיך דאָרט אויך שטאַרק ניט מאַטערען צו געפינען ביישפּילען פון די דאָזיגע שוועריגקייטען, פונקט ווי מיר דאַרפען זיך דאָרט ניט מאַטערען צו געפינען ביישפּילען פון גליק און פּראָגרעס אין פאַלען וואו עס קומט צושטאַנד אַ ריכטיגע אָרגאַניזאַציע.

נעמט למשל די אָרגאַניזאַציע פון מאַן און פרוי. זעהט איהר גאַנץ גוט ווי דאָ קומט אָן שווער דער צוזאַמען-טרעפען-זיך פון אַ ריכטיגער פּאָר, „וקשין לזווגן כקריעת ים סוף" (סוטה ב'). דערפאַר קומען טאַקע דאָ פאָר אַזוי פיל אומגעלונגענע פּרואוון פון אָרגאַניזאַציע, פּרואוון וועלכע טוהען פאַרפינסטערען דעם לעבען פון

פראָגרעס

די מיטגלידער אין דער אָרגאַניזאַציע, „קשה אשה רעה כיום סגריר" (יבמות ס"ג). אַן דערפאַר פעלען דאָ אויך ניט קיין פאַרשיידענע פראָוואָוען פון אָרגאַניזאַציע, וועלכע פירען טאַקע זעהר אָפט צו גאַנץ וואַזשנע קאָנפליקטען — קאָנפליקטען צווישען מערערע מענער אי־בער איין פרוי און קאָנפליקטען צווישען מערערע פרויען איבער איין מאַן. און אפילו ווען עס גיט זיך שוין איין אַ ריכטיגע פּאָר, ווערט אויך זייער לעבען זעהר אָפט פאַרשטערט צוליב שוועריגקייטען מיט דעם ריכטיגען פּלאַן פון דער אָרגאַניזאַציע, צוליב דעם וואָס איינער האָט ניט קיין ריכטיגע פאַרשטענדעניש פאַר דעם אַנדערענס פּסיכי־שע ספּעציאַליטעטען. זעהט איהר זעהר אָפט מחלוקת'ן צוליב דעם וואָס איינער זוכט צו באַלעבאַטעווען איבער דעם אַנדערענס מיי־נונגען און געפיהלען, צוליב דעם וואָס איינער וויל אַז דער אַנדערער זאָל זיך מיט איהם פּונקט אויסגלייכען אין גלויבען אָדער דענקען, אין ליבען אָדער האַסען — ווייסט איהר דאָך ווי דער שלום־בית ווערט ביי אַ פּאָר פּאַלק זעהר אָפט פאַרשטערט צוליב דעם ענין פון מיינע קרובים און דיינע קרובים. און נאָך מעהר ווייסט איהר ווי דער שלום בית ליידט צוליב דעם וואָס מען קען צווישען זיך ניט דורכקומען בנוגע דעם פאַרלאַנג צו זיין אַן אויסנאַם אין כבוד און ליבע, די איבערריידעענישען און נאָך מעהר די שטילע פאַרדרוסען וואָס קומען ביי זיי פּאָר געוויינליך צוליב באַליידיגען־זיך אָדער אייפערזוכט. 1) דערפאַר אָבער, ווען עס מאַכט זיך אַמאָל אַ גלייכע פּאָר ביי וועמען עס איז דאָ פאַרשטענדעניש אין די דאָזיגע זאַכען, אָט ווי למשל ביי פּרץ'ס „מיין פעטער שאַכנע און מיין מומע יאַכנע", איז דאָך דאָן גאָר ניטאָ קיין שיעור צו זייער גליק, „מאירה עיניו ומעמידתו על רגליו" (יבמות ס"ג). און פּונקט אַזוי איז ניט אָפּצו־שאַצען דאָס וואָס אַזאַ האַרמאָנישער פאַמיליע־לעבען איז פאַר פּראָ־גרעס: דאַרף דאָך אַזאַ הויז געוויס זיין זעהר אידעאַל פאַר קינדער ערציהונג און עס דאַרף דערפאַר אַרויסברענגען דעם מאַקסימום פּראָגרעס וואָס איז פאַרבונדען מיט פאַרטזעצונג; און דאַרף דאָך אַזאַ האַרמאָנישע שותפות זיין אידעאַל פאַר צוזאַמענאַרבעט און פאַר קאָמפּאַניע און ממילא אַרויסברענגען דעם מאַקסימום פּראָגרעס וואָס איז פאַרבונדען מיט די דאָזיגע איינהייטס פאָרמען; און דאַרף דאָך אַזאַ פרייע אויסוויקלונג פון יעדען איינעמ'ס פּסיכישע און ווילענס

---

1) די דאָזיגע פאָדערונג פון זיין אַן אויסנאַם טרעפט איהר געוויס אויך צווישען אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. נעמט למשל די אָרגאַניזאַציע פון קלאַסען — ווייסט איהר דאָך די פאָדערונג פון יעדען אַרבעטער אַז זיין באַלעבאָס זאָל זיך מיט איהם באַזונדער רעכענען, אַז ער זאָל קיין אַנדערען אויף זיין פּלאַץ נישט נעמען, אפילו ווען ער קען יענעם באַקומען פאַר אַ ביליגערען לוין (די פאָדערונג וואָס איז פאַרטראָטען דורך דעם דין פון חזקה). און פּונקט אַזוי פאָדערט דער באַלעבאָס רעכט פון פּריאָריטעט ביי זיינע אַרבעטער.

פרינציפען

ספעציאַליטעטען שטאַרק אופבורען זייער געפיהל פון פערזענליכער חשיבות, און ממילא אַרויסברענגען דעם מאַקסימום שעפערישקייט און דעם מאַקסימום פּראָגרעס וואָס יעדער איינער פון זיי באַזונדער איז בכח. היוצא מדברינו, אַז דער צושטאַנדקומען פון אַ ריכטיגער אָרגאַניזאַציע צווישען מאַן און פרוי שטעלט מיט זיך פאַר אַ קוואַל פון גליק און אַ קוואַל פון פּראָגרעס. נישט אומזיסט זאָגען חז"ל, „כל אדם שאין לו אשה שרוי בלא שמחה, בלא ברכה, בלא טובה" (יבמות ס"ב).

בנוגע דער קאָמבינאַציע צווישען אָרדנונג און רעפאָרם קען מען זאָגען דאָס זעלבע וואָס בנוגע דער קאָמבינאַציע צווישען אָרגאַני־זאַציע און ספעציאַליטעט. צוליב דעם גאַנג פון פּראָגרעס איז רע־פאָרם נויטיג פאַר דעם עצם וועזען פון אָרדנונג, פונקט ווי אָרדנונג איז סיי ווי נויטיג פאַר דעם עצם וועזען פון רעפאָרם.

איהר געדענקט דאָך אודאי וואָס מיר האָבען דאָ גערעדט, אַז אָרדנונג איז אַן איינהייט פון צוזאַמענשטימען: צוזאַמענשטימען פון פאַרשיידענע טיילען, צוזאַמענשטימען מיט דעם פלאַץ, מיט דער צייט, און ועל כולם, מיט אונזער געפיהל, ד"ה אונזער געפיהל מוז זיין געשטימט אופצונעמען אַ צוזאַמענשטימען אין דער דאָזיגער פאַרהעלטעניש פון טיילען. דער דאָזיגער צוזאַמענשטימען הענגט נאַטירליך אָפּ אַן דער נאַטור פון יעדען מיטגליד אין דעם דאָזיגען קאָמפּלעקס פון צוזאַמענשטימען; זאָל זיך עפּעס אין דעם דאָזיגען קאָמפּלעקס ענדערען, זאָל זיך ענדערען עפּעס אין אונזער געפיהל אָדער עפּעס אין דעם אָביעקט פון צוזאַמענשטימען, אַזוי ענדערט זיך די פריהערדיגע פאַרהעלטעניש פון צוזאַמענשטימען און דער צו־זאַמענשטימען ווערט ממילא בטל — סיידען אַז די אַנדערע טיילען אין דעם קאָמפּלעקס זאָלען זיך אויך ענדערען אויף אַן אופן אַז עס זאָל ווידער איינגעשטעלט ווערען עפּעס אַ פאַרהעלטעניש, אַ ריכטיגע פּראָפּאָרציע פון צוזאַמענשטימען.

פּראָגרעס, ווידער, נעמט אויף שטייגען, נעמט אויף ענדערונג. ווען אונזער געפיהל פּראָגרעסירט מוז ער זיך דערפאַר ענדערען און ער מוז ממילא פאָדערען אַן אַנדער פאַרהעלטעניש פון צוזאַמענשטי־מען, אַן אַנדער אָרדנונג. מיט דעם גאַנג פון פּראָגרעס מוז זיך דע־ריבער דער געפיהל פאַר אָרדנונג כסדר ענדערען, דאָס וואָס האָט פריהער געהייסען אָרדנונג ווערט בעצם אומאָרדנונג, און דאָס וואָס איז פריהער געוועזען שעהן ווערט בעצם מיאוס. אַזאַ סאָרט ענדערונג אין אָרדנונג הייסט רעפאָרם. קומט אויס, אַז רעפאָרם איז דער עצם וועזען פון אָרדנונג — אָרדנונג וועלכע באַזיצט אויך דעם עלעמענט

פון צוזאַמענשטימען מיט דער צייט — און אָהן רעפאָרם איז קיין אָרדנונג ניטאָ. און פון דעם פאָלגט אויך, אַז דער עצם וועזען פון רעפאָרם איז אָרדנונג, און אָהן אָרדנונג וואָלט קיין רעפאָרם נישט געווען.

און דאָס זעלבע איז מיט די אַנדערע אָפּנויגען פון אָרדנונג, וועלכע מיר האָבען אַנגערופען מיט דעם נאָמען רעפאָרם: די אָפּ־נויגען פון דין צוליב יושר, חסד און רחמים, אָדער די אָפּנויגען פון אמת צוליב דרכי שלום. אויך זיי זיינען בעצם אָרדנונג. ווארעם די דאָזיגע אָפּנויגען פון אָרדנונג ווערען דאָך געפאָדערט אין אוים־נאָמ׳ס פאַלען, ד״ה ווען עס איז דאָ עפּעס אַן ענדערונג אין דעם אָב־יעקט פון צוזאַמענשטימען, און אַן ענדערונג אין דעם אָביעקט פון צוזאַמענשטימען פאָדערט דאָך אַן ענדערונג אין דעם געפיהל פאַר צוזאַמענשטימען. זאָל דאָ דער געפיהל בלייבען דער זעלבער וועלען מיר איהם מוזען אופנעמען ווי אַ געפיהל פון אומאָרדנונג.

דאָס זיינען חשבונות אַ פּריאָרי. אָבער אויך אַ פּאָסטעריאָרי זעהען מיר געווים ווי פראָגרעס נויטיגט זיך אין אַ קאָמבינאַציע צווי־שען אָרדנונג און רעפאָרם. עס איז גענוג אַז מיר זאָלען זיך פאָר־שטעלען אַ וועלט וואו עס זאָל הערשען רעפאָרם אָהן אָרדנונג (ד״ה אַז רעפאָרם זאָל דאַן אופגענומען ווערען אַלס ענדערונג סתם, אומ־סטאַבילימעט, ניט אַלס אָרדנונג לויט דער צייט ווי עס איז באמת) אָדער אָרדנונג אָהן רעפאָרם; אַ וועלט אָהן די געפיהלען פאַר אמת, פאַרן גערעכטיגקייט, פאַר מאָראַל, פאַר שעהנקייט אד״ג, אָדער, פאַרקערט, אַ וועלט וואו די דאָזיגע געפיהלען זאָלען זיך קיין מאָל נישט ענדערען אויף אַ קוצי של יוד, און די פּרימיטיווע אָרדנונג און די פּרימיטיווע מדות, די אמת׳ע מדות סדום, און דער פּרימיטיווער געפיהל פאַר שעהנקייט וואָלטען געמוזט בלייבען הערשען פאַר אַלע צייטען.

אָבער דאָ קען זיך אונז אפשר שטעלען אַזאַ קשיא: אויב פראָגרעס נויטיגט זיך אין אַ קאָמבינאַציע צווישען אָרדנונג און רע־פאָרם, וואָלטען מיר דאָך ווינשענדיג פּראָגרעס באַדאַרפט ווינשען גלייכצייטיג סיי אָרדנונג און סיי רעפאָרם, פּונקט ווי מיר ווינשען גלייכצייטיג סיי אָרגאַניזאַציע און סיי ספּעציאַליטעט, סיי קאָמפּאַניע און סיי אויסצייכענונג, סיי גלייכבאַרעכטיגקייט און סיי פאַרשיידענ־אַרטיגקייט — טאַ פאַר וואָס זעהען מיר ניט אַזאַ וואונש? פאַר וואָס זעהען מיר ווי מענשען וואָלטען געוואָלט עוקר מן השורש זיין יעדער שטרעבונג פאַר רעפאָרם? און פאַר וואָס זעהען מיר ווי זיי טוהען אַלץ וואָס איז נאָר מעגליך, אַז די אָרדנונג וואָס זיי נעמען אויף אַלס

פרינציפען

ארדנונג זאָל זיך וואָס מעהר אויסשפּרייטען איבער שטח און איבער צייט?

איז דער תירוץ, אַז דאָס נעמט זיך טאַקע דערפון וואָס רעפאָרם איז אויך אָרדנונג, אָרדנונג אַנגעמאָסטען פאַר אַ באַשטימטער צייט. אַלץ וואָס די קאָמבינאַציע צווישען אָרדנונג און רעפאָרם פאָדערט איז דערפאַר נישט מעהר ווי אַ וואונש פאַר אָרדנונג. און אַזוי ווי אָרדנונג איז דאָך בעצם אַ פאָרמע פון איינהייט, מוזען מיר בשעת מעשה שטרעבען, אַז די זעלבע אָרדנונג זאָל זיך אויסשפּרייטען איבער שטח און איבער צייט, אַז עס זאָל זיין וואָס מעהר צוזאַמענשטימען. דער וואונש פאַר רעפאָרם קען דעריבער קומען צום אויסדרוק נאָר אין באַשטימטע צייט'ס פעריאָדען, ווען אונזער געפיהל ווערט איבערגעפורעמט דורך דער עוואָלוציע פון פּראָגרעס. דאַן וואַרפען מיר פלוצלינג אַן אומ'חן אויף דער אַלטער אָרדנונג, אויף די אַלטע מדות, אויף די אַלטע באַגריפען פון שעהנקייט און פאַסיגקייט, און מיר ווערען הייסע אַנהענגער פון רעפאָרם, ד"ה מיר פאָדערען דאַן אַז אַן אַנדער אָרדנונג זאָל זיך אויסשפּרייטען איבער וואָס מעהר שטח און וואָס מעהר צייט.

אַזאַ וואונש פאַר רעפאָרם ווערט געוויינליך געבאָרען ביי יונגע מענשען, ווען זיי לעבען אַדורך די צווייטע פאַזע פון פּראָגרעס, די פאַזע וועלכע רופט אַרויס אַ געפיהל פון ניט-גענוגהייט, און ווען מען איז נאָך נישט אַזוי פיל געפּעגטעט דורך געוויינהייט, קאָנסערוואַטיזם אד"ג. אויף דער עלטער איז מען געוויינליך אַן אַנהענגער פון דער אַלטער אָרדנונג, ווייל דער וואונש פאַר רעפאָרם ווערט דאַן כסדר רעאַגירט און אריבערגעוואויגען דורך אַן איינגעגעסענער געוואוינהייט און דורך דער מורא פאַר נייעס. 1) פאַר רעפאָרם איז דעריבער געוואונשען אַן איבערוועקסלונג פון דורות, „טוב מאד זה מלאך המות" (בראשית רבה פ"ט ה').

---

1) טעאָרעטיש וואָלט פּראָגרעס, ווי אַ פרינציפ פון וועזען, כסדר און איבעראַל באַדאַרפט אַרבעטען. טעאָרעטיש וואָלט דערפאַר יעדען איינעמ'ס געפיהל כסדר זיך באַדאַרפט ענדערען און סיי אַלט און סיי יונג וואָלטען כסדר באַדאַרפט שטרעבען צו רעפאָרם. און אַזוי ווי רעפאָרם מיינט דאָך אָרדנונג און אָרדנונג מיינט צוזאַמענשטימען, וואָלט די דאָזיגע כסדר'דיגע ענדערונג מיט זיך פאָרגעשטעלט אַן אומזין. דער דאָזיגער אומזין ווערט אָבער אויסגעמיטען דורך דעם וואָס די ענדערונג אין געפיהל ווערט געגעןּ-געווירקט דורך סטאַביליטעט: דורך דער נאַטור פון אָרדנונג, דורך געוואוינהייט, דורך מורא פאַר נייעס אד"ג. דער רעזולטאַנט פון די דאָזיגע ענטגעגענגעזעצטע כוחות (אודאי פאַרשטעהט איהר דאָך אַז די ערשטע זיינען פאַרבונדען מיטן פאַרשיידענהייטס פרינציפ און די צווייטע מיטן איינהייטס פרינציפ) איז אַמאָל אַ וואונש פאַר רעפאָרם און אַמאָל אַ וואונש פאַר אָרדנונג. יונגע מענשען האָבען נישט מורא פאַר ענדערונג, איז ביי זיי דער איבערוואָג מערסטענס אויף דער זייט פון רעפאָרם; עלטערע מענשען האָבען מורא פאַר ענדערונג (מורא פאַרן טויט, מורא פאַר קראַנקהייט), איז ביי זיי דער איבערוואָג מערסטענס אויף דער זייט פון אָרדנונג.

פּרינציפּען

די קאָמבינאַציע צווישען די אַנדערע צוויי פאָרמען פון איינהייט און פאַרשיידענהייט לאָזט זיך אויך מעהר אָדער ווייניגער דערקענען אין דער פאָדערונג פון פּראָגרעס.

קודם נעמט צוזאַמענבונד און פונאַנדערטיילונג אין שטח — איז דאָ אויך די קאָמבינאַציע צווישען די צוויי אַ וועזענטליכע, וואָרעם דאָס וואָס איז צוזאַמענגעבונדען מוז זיך לאָזען פונאַנדערטיילען און דאָס וואָס לאָזט זיך פונאַנדערטיילען מוז זיין צוזאַמענגעבונדען. 1) און אויב די צוויי קענען בלויז עקזיסטירען אין אַ קאָמבינאַציע, איז דאָך ווידער קלאָר, אַז ווען פּראָגרעס פאָדערט די עקזיסטענץ פון יעדען איינעם פון די צוויי פאָדערט זי זיי ממילא אין אַ קאָמבינאַציע.

דאָס וואָס איז דאָ געזאָגט געוואָרען בנוגע דער קאָמבינאַציע צווישען צוזאַמענבונד און פונאַנדערטיילונג אין שטח גילט שוין אויך בנוגע דער קאָמבינאַציע צווישען אוניט און פילהייט, ווייל אוניט און פילהייט פאַרהאַלטען זיך אין באַגריף אַזוי ווי צוזאַמענבונד און פונאַנדערטיילונג אין שטח.

די קאָמבינאַציעס צווישען צוזאַמענבונד און פונאַנדערטיילונג אין צייט — די וועלכע איז נוגע אידענטיטעט און נאָכפאָלגונג מיט זייערע געגענזאַצען אין פונאַנדערטיילונג — זיינען אין גאַנצען אַנדערש פון די קאָמבינאַציעס וואָס זיינען דאָ ביז אַהער דערמאָנט געוואָרען. דאָרט האָבען די געגענגעזעצטע פּרינציפּען זיך באַצויגען צום זעלבען סוביעקט: דער זעלבער מענש מוז ווינשען סיי גלייכאַרטיגקייט און סיי פאַרשיידענאַרטיגקייט, סיי קאָמפּאַניע און סיי אויסצייכענונג, סיי אָרגאַניזאַציע און סיי ספּעציאַליטעט אא"וו. די געגענגעזעצטע פּרינציפּען האָבען זיך דעריבער דאָרט געמוזט צוזאַמענשטויסען, און עס איז באַשטאַנען אַ געפאַר אַז איינער זאָל דעם אַנדערען איינשלינגען — צופיל גלייכאַרטיגקייט למשל וואָלט געקענט אינגאַנצען אויסשליסען פאַרשיידענאַרטיגקייט — האָט זיך דעריבער געפאָדערט אַ באַשטימטע קאָמבינאַציע צווישען זיי, אין וועלכער זיי זאָלען קענען מיטאַרבעטען בשלום און לטובת פּראָגרעס. דאָ, דאַגעגען, באַציהען זיך די געגענגעזעצטע פּרינציפּען צו באַזונדערע סוביעקטען — דער וואונש פאַר צוזאַמענבונד באַהערשט דער פאַרגאַנגענהייט און דער וואונש פאַר פונאַנדערטיילונג באַהערשט דער צוקונפט. דאָ שטויסען זיך דעריבער די צוויי פּרינציפּען נישט צוזאַמען, און עס פאָדערט זיך נישט דערפאַר פאַר זיי אַ באַשטימטער

---

1) אודאי איז מעגליך פונאַנדערגעטיילטקייט וואָס זאָל זיך נישט צוזאַמענבינדען. אָבער פאָדערענדיג ענדערונג, טהוט דאָך פּראָגרעס פאָדערען הויפּטזעכליך אַז דער וועזען זאָל זיך לאָזען פונאַנדערטיילען, און דאָס קען נישט געמאָלט זיין אָהן צוזאַמענבונד.

אופן פון קאַמבינירען־זיך. אויב נאָרביידע פרינציפען זיינען גע־וואונשען פאַר פּראָגרעס, אַזוי ווי עס איז דאָ געהאַט באַוויזען גע־וואָרען, מעגען זיי זיך אויסשפּרייטען יעדער איינער ווי ווייט ער קען — נאַטירליך נאָר אַזוי ווייט אַז עס זאָל פון ערגעץ אַן אַנדער ווינקעל נישט שעדיגען פּראָגרעס.

בנוגע די מינים פון די פערטע קלאַסען צוזאַמענבונד און פונאַנ־דערטיילונג, איז אודאי אויך נישט שווער איינצוזעהן די קאַמבינאַציע צווישען אינסטינקט און וועהלען. ווייסען דאָך היינט אַלע, אַז אַן אינ־סטינקט פאַנגט זיך אָן מיט וועהלען און אַ פיל־איבערגע׳חזר׳טער באַשלוס פון וועהלען ענדיגט זיך מיט אַן אינסטינקט. און אודאי פאַרשטעהט אויך יעדער איינער ווי ווייט דער דאָזיגער סאָרט קאָמ־בינירען־זיך שפּאָרט איין איבעריגע ענערגיע און איז דערפאַר ווינ־שענסווערט פאַר פּראָגרעס.

דער צווייטער און דריטער מין פון די זעלבע קלאַסען זיינען ווידער אין גאַנצען עהנליך מיט די פאָרמען פון גלייכאַרטיגקייט און פאַרשיידענאַרטיגקייט, אַלץ וואָס איז דעריבער דאָרט געזאָגט גע־וואָרען בנוגע דעם ענין פון קאַמבינאַציע גילט דאָ אויך.

זעהט איהר, בנוגע דער קאַמבינאַציע צווישען אורזאַכליכ־קייט און פרייהייט קען מען זיך געווים ריכטען אויף שוועריגקייטען. איז דאָך דאָס אַ פּראָבלעמע וואָס די פילאָזאָפען פון אַלע צייטען האָבען אויף איהר אופגעגעסען די ציינער, און צו קיין טאָלק איז מען נאָך מיט איהר ניט געקומען ביז צו היינטיגען טאָג.

עס איז קיין ספק נישט, אַז אַזאַ קאַמבינאַציע צווישען אור־זאַכליכקייט און פרייהייט ווערט געפאָדערט פון פּראָגרעס: זיינען דאָך אורזאַכליכקייט און פרייהייט ביידע נויטיג פאַר פּראָגרעס, לכל הפחות ניט ווייניגער ווי די אַנדערע פאָרמען פון איינהייט און פאַר־שיידענהייט, און ממילא מוז דאָך פּראָגרעס זיך נויטיגען אין אַזאַ קאַמבינאַציע צווישען אורזאַכליכקייט און פרייהייט, לכל הפחות ניט ווייניגער ווי עס האָט זיך גענויטיגט אין אַזאַ קאַמבינאַציע צווישען אַלע אַנדערע פאָרמען פון איינהייט און פאַרשיידענהייט.

און לויט די כללים פון אַזאַ קאַמבינאַציע, ווי מיר האָבען זיי דאָ פריהער אויסגע׳חשבונ׳ט, וואָלטען אורזאַכליכקייט און פריי־הייט נישט געקענט זיין פאַרטראָטען אין דער קאַמבינאַציע ביידע מיט זייער פולען ווערט, נאָר יעדע איינע וואָלט באַדאַרפט נאָכלאָזען אַ טייל פון איהר ווערט לטובת דער אַנדערער׳ס ווערט — אורזאַכ־ליכקייט וואָלט באַדאַרפט נאָכלאָזען אַ טייל פון איהר ווערט כדי צו צולאָזען אַ פרייע יצירה, אַ יצירה פון אַ יש מאַין, און פרייהייט

וואלט באדארפט נאכלאזען א טייל פון איהר ווען כדי צוצולאזען אורזאכליכקייט אין דער דאזיגער יצירה, אז זי זאל ניט אוועקגעהן צו ווייט פון א געבורט לויט אורזאכליכקייט און זי גופא זאל זיך דערנאך ענטוויקלען לויט דעם צוזאמענבונד פון אורזאכען און עפעקטען.

לויט די זעלבע כללים, וואלט דער דאזיגער נאכלאזען פון דעם אייגענעם ווען לטובת דעם אנדערענס ווען אויך באדארפט צו־געהן מיט א חשבון, מיט אן אויג אויפן מאקסימום ווען פוןביידען, אדער, ריכטיגער געזאגט, מיט אן אויג אויפן מאקסימום פראגרעס. און לויט דעם דאזיגען חשבון, וואלט אורזאכליכקייט גיכער בא־דארפט באהערשען דעם געביט פון נידעריגען ווען, וואו א געווינס אין פרייהייט קען געוויינליך נישט אויסטראגען דעם פארלוסט אין אורזאכליכקייט וואס דאס מוז מיטברענגען, „יצא שכרו בהפסדו”; און פרייהייט וואלט, פארקערט, גיכער באדארפט באהערשען דעם געביט פון העכערען ווען, וואו דער געווינס אין פרייהייט מאכט געוויינליך אויס פיל מעהר ווי דער פארלוסט אין אורזאכליכקייט, וואס עס ברענגט מיט, „יצא הפסדו בשכרו”.

אויף דעם געביט פון נידעריגערען ווען, וואו אלץ איז אזוי איינפאך, מוז יעדער פרייע יצירה זיין זעהר רעוואלוציאנער און זעהר אויפפאדערענד, און זי וואלט דערפאר שעדיגען גוואלדיג דעם גאנג פון אורזאכליכקייט, סיי אין כמות און סיי אין איכות. שטעלט אייך פאר, ווען אהן קיין אורזאך זאל מיט אמאל פארקומען א שינוי אין די אייגענשאפטען פון וואסער, למשל — וואסער זאל מיט אמאל ווערען שטייף — דאן וועט עס פארלירען אלע געמיינזאמקייט מיט דעם וואס עס איז פריהער געווען, עס וועט זיין מעהר עהנליך צו א שטיין ווי צו וואסער, און דער צוזאמענבונד צווישען אורזאך און עפעקט וועט דא זיין אין גאנצען איבערגעריסען. אויך וועט דער דאזיגער ספאנטאנער שינוי פאדערען, אז מיר זאלען קיין מאל נישט זיין זיכער מיט די אייגענשאפטען פון וואסער — אלע וואסערען זיינען דאך גלייך, און אויב דער דאזיגער שינוי האט געטראפען אין איין וואסער קען ער, אדער אפשר דארף ער גאר, פונקט אזוי טרע־פען אין אלע וואסערען; אורזאכליכקייט גופא דארף עס אפילו פא־דערען. און אזוי קומט אויס, אז א פרייע יצירה אויפן געביט פון נידעריגען ווען וואלט אריינגעבראכט א גאנצע סומאטאכע אין אורזאכליכקייט, עס וואלט אויסגעשטעלט אורזאכליכקייט געגען אורזאכליכקייט.

אויפ'ן געביט פון העכערען ווען, דאגעגען, איז א פרייע יצירה ניט רעוואלוציאנער און ניט אויפפאדערענד. דארט איז א

וועזען אזוי קאָמפּליצירט, אַז אַ פרייע יצירה׳לע קען זיך אין איהם גאָר ניט אָנזעהן; זי איז איין פּרט צווישען אַ מיליאָן און זי ווערט בטל אין דעם מיליאָן. דערפאַר דאַרפען דאָרט זיין די ווירקונגען וואָס האָבען אין זיך אַ ברייזעלע פרייהייט אין גאַנצען עהנליך צו די ווירקונגען וואָס פאָלגען אין גאַנצען פון אורזאַכען. 1) מיט זיין קאָמ־פּליצירטען געביי איז דאָרט אויך יעדער וועזען איינציג אין זיין מין, אַ חד־בדרא, און די פרייהייט אין איהם קען ווייניג וואָס אַפעקטען אורזאַכליכקייט ווי אַ כלל; עס וועט גיכער אופגענומען ווערען ווי אַ יוצא מן הכלל. קומט אויס, אַז אויף דעם געביט פון העכערען וועזען טהוט פרייהייט ניט פיל ענג מאַכען דעם וועזען פון אורזאַכליכקייט, און עס וואָלט זיך דערפאַר באַדאַרפט לוינען פאַר פּראָגרעס, אַז אור־זאַכליכקייט זאָל דאָ נאָכלאָזען פון איהר וועזען לטובת פרייהייט.

אזוי וואָלט באַדאַרפט אויסקומען לויט אונזערע חשבונות. איז עס ווירקליך אזוי? אויף דעם וועט איהר באַקומען פאַרשיידענע ענטפערס. רעדט מיט געוויינליכע מענשען, די וואָס דערקענען די נאַטור דירעקט, מיטן שכל הישר, וועלען זיי אייך געווים זאָגען אַז עס איז אזוי. געוויינליכע מענשען האָבען קיין מאָל אַנדערש ניט געדענקט ווי אַז אין דער וועלט פון דומם, צומח אָדער אפילו בעלי־חיים (פון ספּאָרטס האָבען זיי נאַטירליך ניט געוואוסט) ווערט אַלץ רעגולירט לויט אורזאַכליכקייט — צו די אורזאַך איז אַן אינערליכער נאַטור געזעץ צו עס איז אַן אויסערליכער רעגולירענדער כח. אַ שינוי אָהן קיין אורזאַך איז דאָרט קיין מאָל ניט ערוואַרטעט געוואָרען. דאַגעגען אין זיך אַליין האָבען זיי שטענדיג דערקענט עפּעס אַ פּרינ־ציפּ פון פרייהייט; זיי האָבען געהאַלטען, אַז זיי גופא זיינען נישט אזוי שטאַרק אונטער דעם צוואַנג פון אומשטענדען, אַז זייערער אַ באַשלוס אָדער זייערע אַ האַנדלונג איז נישט באַשטימט אין פאָרוים. און קען ניט אויפגענומען ווערען ווי אַ באַשערטע זאַך, „הכול בידי שמים חוץ מיראת שמים” (ברכות ל״ג). האָט מען דערפאַר זיך אַליין געטאַדעלט פאַר קומען צו אַ שלעכטען באַשלוס; האָט מען דערפאַר געהאַט חרטה אויף אַ שלעכטער האַנדלונג; האָט מען דערפאַר יעדען מענשען געהאַלטען פאַראַנטוואָרטליך פאַר זיינע פאַרברעכענס.

נאַטירליך מיינט עס ניט, אַז געוויינליכע מענשען האָבען אי־

1) שטעלט אייך פאָר, ווען פון איין זייט זאָל אונזער ווילען געצויגען ווערען דורך אַן אומבאַשטימטער וואָג אורזאַכליכקייט אויף דער זייט פון העלפען אַ קראַנקען, און פון דער אַנדער זייט זאָל ער פונקט אַזוי געצויגען ווערען אויף דער זייט פון נישט העלפען דעם קראַנקען, און זאָל איצט אַ פרייע יצירה צולייגען אַביסעל וואָג אויף דער זייט פון העלפען דעם קראַנקען — איז ווי אַזוי וועט איהר חיסען אַז עפּעס אורזאַכליכקייט קומט דאָ פון אַ פרייער יצירה? און מיט וואָס קען אַזאַ פרייער ווילען קאַליע מאַכען דעם אור־זאַכליכקייט׳ס כלל, דאָרט וואו דער דאָזיגער כלל איז געוואונשען פאַר פּראָגרעס?

פראַגרעס

בערהויפּט נישט אַנערקענט אין זיך די ווירקונג פון אורזאַכען, אַז זיי האָבען פאַרגעסען אַן די מאָטיווען און דעם צוועק צוליב וועלכען זיי האַנדלען. געוויס האָט יעדער איינער געוואוסט, אַז ער און אַלע אַנדערע מענשען ווערען אַנגעטריבען אין זייערע טהאַטען דורך גע־וויסע חשבונות, און אַז די חשבונות זיינען פאַרויס באַשטימט לויט די אומשטענדען און לויט דעם מענשען'ס כאַראַקטער, ווי ער האָט זיך אַרויסגעוויזען אין זיין פאַרגאַנגענהייט, „צדיקים יצר טוב שופטן . . . רשעים יצר רע שופטן" (ברכות ס"א). און טאָמער האָט זיך געמאַכט, אַז אַ מענש האָט זיך נישט אופגעפירט ווי מען האָט ער־וואַרטעט לויט זיין פאַרגאַנגענהייט, האָט מען זיך אפילו געוואונ־דערט און מען האָט געזוכט אַ פאַרענטפערונג, „לא דוד היה ראוי לאותו מעשה" (עבודה זרה ד'). מען האָט נאָר געהאַלטען, אַז די חשבונות אַרבעטען דאָ נישט אַזוי גענוי ווי אין דער נאַטור, אַז מען קען צוגעהן מיט חשבונות עפּעס צו טאָהן אָדער ניט צו טאָהן און בשעת מעשה זאָל מען אינספּירירט ווערען צו האַנדלען פאַרקערט. בקיצור, מען האָט געהאַלטען, אַז כאָטש דער גאַנג פון אורזאַכליכ־קייט געהט זיך דאָ זיין וועג לאָזט ער פונדעסטוועגען דאָ צו אויך פרייהייט. און פונקט אַזוי האָט מען געדענקט, וועלען די פרייע האַנד־לונגען געוויס אַנפאַנגען אַ נייעם גאַנג פון אורזאַכליכקייט, „מצוה גוררת מצוה ועבירה גוררת עבירה". 1)

דאָס איז ווען איהר רעדט מיט געוויינליכע מענשען. רעדט איהר אָבער וועגען דעם זעלבען ענין פרייהייט מיט פילאָזאָפען וועט עס אייך שוין נישט אָפּגעהן אַזוי גלאַטיג. אַז איהר וועט צו זיי שטאַרק צו־שטעהן, וועלען זיי מסתמא צוגעבען, אַז אין דער פּראַקטיק פירען זיי זיך אויך אוף ווי זיי וואָלטען געגלויבט אין פרייהייט פון ווילען; אין טעאָריע זיינען זיי אָבער נוטה אָפּצולייקענען אַזאַ פריי־הייט, און נאָך פון גאַנץ אַלטע צייטען האָבען שוין מאַנכע פילאָזאָ־פען געהאַלטען כמעט פאַר אַן אקסיאמע, אַז פרייהייט פון ווילען,

1) בנוגע דער גלייכצייטיגער ווירקונג פון אורזאַכליכקייט און פרייען ווילען, וועט זיין אינטערעסאַנט די פאָלגענדע שטעלע אין תלמוד (מנחות כ"ט): „און פאַר וואָס איז די וועלט באַשאַפען געוואָרען מיט אַ „ה"? ווייל זי איז גלייך צו אַן אָפּענעם פאַרטש, וואָס ווער עס וויל אַרויסגעהן (פון איהר לתרבית רעה, רש"י) זאָל אַרויסגעהן. און פאַר וואָס העננט זיין פוס (די פוס פון ה') ? ווייל אויב ער טהוט תשובה נעמט מען איהם אַריין (דורך דער אויבערשטער עפענונג צווישען זיין פוס און זיין דאַך, רש"י) און זאָל מען איהם אַריינגעמען דורך דער (אונטערשטער עפענונג דורך וועלכער ער איז אַרויסגעגאַנגען, רש"י)? אַזאַ זאַך קען מען נישט באַווייזען (ווייל דער וואָס קומט זיך רייניגען נויטיגט זיך צוליבן יצר הרע אין הילף, מאַכט מען איהם אַן עקסטרא עפענונג, רש"י) — און פאַר וואָס האָט ער אַ קרוין (דער „ה", ביים ענדע פון זיין דאַך, רש"י)? זאָגט דער אויבערשטער: אויב ער טהוט תשובה וועל איך איהם בינדען אַ באַנד (אָדער אַ קרוין), וועלכעס מיינט אַז פון דעם וועט פאָלגען אַ גאַנצע קייט פון מעשים טובים.

פרינציפען

פונקט ווי אַ פרייע יצירה בכלל, איז אוממעגליך, „עקס נהיליא נהילי פיט".

איין טענה איז דאָ, אַז פרייהייט און אורזאַכליכקייט, ווי היפוכים, קענען בשום אופן ניט צוזאַמענווירקען. אַט פאָדערט אור־זאַכליכקייט אַז יעדער זאַך זאָל עקזיסטירען אין אַ באַשטימטער צייט — דער עפעקט מוז קומען פונקט דאַן ווען ער ווערט פאַראורזאַכט דורך זיין אורזאַך. לויט פרייהייט, דאַגעגען, דאַרף אַ זאַך קענען ענטשטעהן צו יעדער צייט, זי קען דערפאַר קיינבאַשטימטע צייט ניט האָבען. און אויב די וועלט קען ניט אָנגעהן לויט אורזאַכליכ־קייט און פרייהייט צוזאַמען, און מען מוז וועהלען איינס פון די ביידע, איז דאָך קיין ספק ניט, אַז דער וואהל דאַרף זיין לטובת אור־זאַכליכקייט; בפרט נאָך, אַז מיר ערפאַרען טאַקע יעדען עפעקט באַ־שטימט אין זיין צייט.

דאַרף אָבער די דאָזיגע טענה גענוצט ווערען ניט געגען נאָר פאַר פרייהייט, און ניט געגען דער מעגליכקייט פון צוזאַמענווירקען צווישען פרייהייט און אורזאַכליכקייט נאָר, אין געגענטייל, פאַר דער נויטיגקייט פון אַזאַ צוזאַמענווירקען. ווארעם ווען אַ זאַך איז פריי, מיינט דאָך עס ניט אַז זי מוז קומען צו יעדער צייט (קיין מוז איז דאָך אין פרייהייט איבערהויפט ניטאָ), נאָר אַז זי קען קומען צו יעדער צייט — זי קען קומען און זי קען ניט קומען, זי קען קומען אין איין צייט און זי קען קומען אין אַן אַנדער צייט; זי קען דערפאַר אויך קומען אין אַ באַשטימטער צייט. אויב מיר זאָלען יעצט מיט פרייהייט מצרף זיין אורזאַכליכקייט, מיר זאָלען זאָגען, אַז אַ פרייע יצירה פאַנגט אָן אַ גאַנג פון אורזאַכליכקייט, וועט זיך פון דער פרייער יצירה, וואָס איז געקומען אין אַ באַשטימטער צייט, אָנ־הויבען צו ציהען אַ קייט פון אורזאַכען און עפעקטען, וועלכע האָבען יעדער איינער זיין באַשטימטע צייט. ווען אַלץ אָבער מוז אָנגעהן בלויז לויט אורזאַכליכקייט, וואָלט אַלץ געמוזט צוריקגעפירט ווערען צו אַן אָנפאַנג וואָס איז אומענדליך און ממילא אומבאַשטימט אין דער צייט; און דאָס וואָלט ווידער געפאָדערט, אַז אַלץ וואָס פאָלגט פון דעם דאָזיגען אָנפאַנג זאָל אויך אַזוי מוזען זיין אומבאַשטימט אין דער צייט.

אַ צווייטע טענה איז דאָ וועלכע איז קלומערשט געריכטעט געגען דער אתה־בחרתנו'שקייט פון מענשען — עפּעס שיקט זיך ניט אַז דער מענש זאָל זיין אַזאַ אויסנאַם אין דער נאַטור, אַז בעת אַלע אַנדערע זאַכען זאָלען זיך מוזען ריכטען בלויז לויט אורזאַכליכקייט

פראָגרעס

זאָל דעם מענשען אַליין געגעבען ווערען די פּריוועלעגע פון פריי־הייט פון ווילען.

וואָלט מען אָבער מיט דער זעלבער טענה פונקט אַזוי גוט געקענט אָפּפרעגען די מעגליכקייט פון אַלע לעבענס פונקציעס — ווי קומט עס וואָס די אָרגאַנישע שטאָף, נאָך אַלעמען אַ קליינער מיעוט, זאָל זיין אַן אויסנאַם מיט אַזוינע פונקציעס? און מיט דער זעלבער טענה וואָלט מען אויך געקענט אָפּפרעגען דעם מענשען׳ס ספּעציעלע כוחות צו זיין אַ מדבר, אָדער זיינע ספּעציעלע געפיהלען פאַר פּראָפּאָרציע און אָרדנונג אד״ג. אַ פּשוט׳ען ענטפער אויף די דאָזיגע אַלע טענות קען מען געפינען אין דעם נאַטירליכען גאַנג פון פּראָגרעס — דער גאַנג פון פּראָגרעס פאָדערט נאַטירליך אַז די העכערע שטופע זאָל זיין אַביסעל אַנדערש פון דער נידעריגערער שטופע און די העכסטע שטופע זאָל זיין אַנדערש פון אַלע אַנדערע שטופען, זאָל זיין אַן אויסנאַם. און אויסער דעם, האָבען מיר דאָ געהאַט געזעהן, אַז פון דעם שטאַנדפּונקט פון פּראָגרעס דאַרף טאַקע אורזאַכליכקייט גיכער באַהערשען דעם געביט פון נידעריגערען וועזען און פרייהייט דאַרף גיכער באַהערשען דעם געביט פון העכערען וועזען.

אָבער קען מען ניט אַזוי גלאַט אָפּזאָגען, אַז פרייהייט איז אין גאַנצען אויסגעשלאָסען פון דער איבעריגער נאַטור. נעמען מיר דאָך אויף צו ווייניג געשעהענישען אין דער נאַטור, אַז מיר זאָלען זיך קענען מאַכען אַזאַ כלל; און זיינען מיר דאָך, אויסער דעם, געוויינליך געניוגט צו פאַרקוקען אָדער צו פאַרענטפערען דעם יוצא מן הכלל. און נאָך אַלעמען קען מען דאָך פאָרט ניט אוועקמאַכען מיט דער האַנד די שוועריגקייט אַדורכצושטופען דעם עלעפאַנט עוואָלוציע דורך דער ענגער נאָדעל־לעכעלע פון ריינער אורזאַכליכקייט — אַ שוועריגקייט וועלכע פאַלט אין גאַנצען אַוועק דורך דער הנחה פון אַ פרייער יצירה.

אַ דריטע טענה האָט מען געגען דעם עצם באַגריף פון פריי־הייט. פרייהייט, זאָגט מען, איז לאָגיש ניט אויסגעהאַלטען, ווייל פרייהייט מיינט דאָך אַ מעגליכקייט צו קענען עקזיסטירען און ניט־עקזיסטירען — ווי אַזוי איז אָבער מעגליך, אַז עפּעס זאָל קענען גלייכצייטיג עקזיסטירען און ניט־עקזיסטירען? זיינען דען ניט די דאָזיגע באַגריפען אין היפוך איינער צו דעם אַנדערען?

אָבער דאָ מאַכט מען אַן עהנליכען טעות ווי אין דער ערש־טער טענה. דאָרט האָט מען פאַרמישט מעגליכקייט מיט נויטיג־קייט און דאָ פאַרמישט מען מעגליכקייט מיט ווירקליכקייט: אַ זאַך

פרינציפען

קען טאַקע ניט גלייכצייטיג עקזיסטירען און ניט-עקזיסטירען, זי קען אָבער זעהר גוט אָדער עקזיסטירען אָדער ניט-עקזיסטירען, און בלויז אַט די לעצטע מעגליכקייט ווערט אופגענומען אין פרייהייט.

אודאי קען מען ניט לייקענען, אַז עס זיינען דאַ שווערינקייטען מיט פאַרשטעהן פרייהייט — שווערינקייטען פון טעאָרעטישען זייט און שווערינקייטען פון פּראַקטישען זייט. קודם מיינט פאַרשטעהן, עפּעס תופס צו זיין; כדי צו פאַרשטעהן מוז דערפאַר זיין עפּעס וואָס צו תופס זיין. און אַזוי ווי פרייהייט שטעלט דאָך מיט זיך פאָר אַ גלייכע מעגליכקייט צו עקזיסטירען און ניט-עקזיסטירען, איז דאָך אין פרייהייט ניטאַ עפּעס מיט וואָס מען זאָל קענען פאַרבינדען עק־זיסטענץ אָדער ניט-עקזיסטענץ, ד"ה אַז אין פרייהייט איז גאָר ניטאַ, ניט קיין פּאָזיטיוועס און ניט קיין נעגאַטיוועס, און עס איז דערפאַר דאָרט ניטאַ וואָס צו תופס זיין אָדער צו פאַרשטעהן. אויך פון פּראַק־טישען זייט איז אונזער געדאַנק, ווי אַ בעל חשבון, גיכער גענויגט אויפצונעמען עפּעס וואָס לאָזט זיך אויס׳חשבונ׳ען, עפּעס אין וואָס עס איז דאַ אַ נויטיגער פאָלגען. פרייהייט, דאַגעגען, וועלכעס שליסט אויס פון זיך אַבסאָלוט יעדע פאָרמע פון נויטיגקייט, ווערט דעריבער זעהר שווער אויפגענומען דורך אונזער געדאַנק. אָבער נאָך אַלעמען מיינט עס נאָר, אַז מיר פאַרשטעהען ניט פרייהייט; עס מיינט אָבער ניט, אַז מיר פאַרשטעהען, אַז פרייהייט עקזיסטירט ניט. אָבער פאַר־מישענדיג דעם דאָזיגען ניט פאַרשטעהן פון פרייהייט מיט אַ פאַר־שטעהן פון ניט-פרייהייט, האָבען פיל דענקער פאַראורטיילט פריי־הייט אָהן אַ משפּט.

אַ ווירקליכער פּרואוו צו באַגרינדען זייער געגנערישקייט צו פרייהייט איז געמאַכט געוואָרען ערשט פון די עלייער. פאַרמענידעס פון עלייע האָט געזוכט צו באַווייזען די אוממעגליכקייט פון אַ פרייער יצירה אויפן גרונד פון ווידערשפּרעכליכקייט: פרייהייט מיינט דאָך, אַז עפּעס וואָס עקזיסטירט זאָל קענען אופהערען צו עקזיסטירען און עפּעס וואָס עקזיסטירט ניט זאָל קענען אָנפאַנגען צו עקזיסטירען, אָבער דאָס וואָס עקזיסטירט קען ניט ניט-עקזיסטירען און דאָס וואָס עקזיסטירט ניט קען ניט עקזיסטירען, „דאָס וואָס איז איז און דאָס וואָס איז ניט איז ניט".

דער טעות אין דעם דאָזיגען אַרגומענט ליגט פון אויבען-אויף. אין יעדער ווידערשפּרוך מוז אַריינקומען דער עלעמענט פון צייט: עס איז אוממעגליך פאַר אַ זאַך צו עקזיסטירען און ניט-עקזיסטירען אין דער זעלבער צייט; אַ זאַך קען אָבער זעהר גוט אין איין צייט

עקזיסטירען און אין אַן אַנדער צייט ניט עקזיסטירען. אַ זאַך וואָס האָט פריהער עקזיסטירט קען דערפאַר גאַנץ גוט אופהערען צו עק־זיסטירען (סיידען זי זאָל אין דעם זיין געשטערט דורך עפּעס אַנ־דערש, דורך דער פאָדערונג פון פּראָגרעס, למשל) און אַ זאַך וואָס האָט פריהער ניט עקזיסטירט קען שפּעטער גאַנץ גוט אָנפאַנגען צו עקזיסטירען — אַ יש קען ו ו ע ר ע ן פּונקט אַזוי גוט ווי ער קען עקזיסטירען.

לאָזט איהר אוים פון ווידערשפּרוך דעם עלעמענט פון צייט, מוזט איהר ממילא ניט נאָר פרייהייט נאָר אויך ענדערונג און באַ־וועגונג אופנעמען אַלס ווידערשפּרוכען, ווארעם אין ענדערונג טהוט דאַך די זעלבע זאַך עקזיסטירען סיי אַזוי און סיי אַנדערש, און אין באַוועגונג טהוט זיך דאָך די זעלבע זאַך געפינען סיי דאָ און סיי ערגעץ אַנדערש. און מיט דער ווידערשפּרעכליכקייט פון ענדערונג, ד"ה פאַרשיידענאַרטיגקייט אין צייט, קען שוין על פּי טעות מיט־געשלעפּט ווערען די אוממעגליכקייט פון פונאַנדערגעטיילטקייט און די אַנדערע פאָרמען פון פאַרשיידענהייט. דאָ געפינען מיר אַלזאָ דעם גרונד פון דער גאַנצער עלייאַישער אומזיניגער מעטאַפיזיק.

און ענדערונג גרייפט ווידער אַן אורזאַכליכקייט, ווייל דער איבערגאַנג פון אורזאַך צו עפעקט איז דאָך אַן ענדערונג. מאַכענ־דיג דעם זעלבען טעות קען מען דערפאַר אויך אורזאַכליכקייט דער־קלערען ווי אַ ווידערשפּרוך. אַלענפאַלס קען מען עס טאָהן מיט דעם באַגריף אורזאַכליכקייט, אין וועלכען עס ווערט דערהערט אַ פאָלגען פון איין זאַך פון אַן אַנדער זאַך — דער עפעקט פון דער אורזאַך. 1) האָבען דאָס טאַקע געטאָהן ענעסידעמוס מיט זיינע חבירים, די אַלטע סקעפּטיקער פון פּיראָנס חדר, און האָט עס שפּעטער אויך געטאָהן דער מאָדערנערער סקעפּטיקער דוד יום.

מיט דעם אַלטען אַרגומענט האָט מען אַלזאָ גאָר ניט געקענט מאַכען געגען פרייהייט. זיינען אין דער רענעסאַנס עפּאָכע אויפגעג־קומען נייע אַרגומענטען געגען פרייהייט, וועלכע זיינען אָבער נישט געווען בעסער פון דעם אַלטען.

די דאָזיגע אַרגומענטען, ווי זיי ווערען רעזומירט דורך דוד יום אין זיין „אַן אָפּהאַנדלונג איבער דער מענשליכער נאַטור", שטי־צען זיך שוין באמת אויף דער הנחה, אַז אַ זאַך מוז האָבען אַן אורזאַך: ווייזט אַן איין אַרגומענט אויף דעם וואָס אַ פרייע ווירקונג דאַרף קענען פאָרקומען אין אַלע צייטען און אין אַלע פּלעצער, און

1) אין דער ווירקליכקייט איז עס לאו דוקא, ווייל דער עפעקט קען דאָך מיט זיך פאָרשטעלען אַ קאָמבינאַציע צווישען צוויי אורזאַכען.

אָהן עפּעס וואָס זאָל עס באַשטימען אין צייט און שטח וואָלט געווען אומפאַרשטענדליך פאַר וואָס אַזאַ ווירקונג קומט פאָר גראַד אין אַ באַשטימטען מאָמענט און אויף אַ באַשטימטען אָרט — הייסט עס, אַז עס מוז זיין אַן אורזאַך פאַר דעם באַשטימטען פּלאַץ אין צייט און שטח פון אַזאַ ווירקונג. ווייזט אַן אַ צווייטער אַרגומענט אויף דעם, וואָס אַ פרייע ווירקונג וואָלט געמוזט זיין די אורזאַך פון זיך זעלבסט, און דאָס וואָלט ממילא געפירט צום אַבסורד, אַז די דאָזיגע ווירקונג עקזיסטירט שוין אַלס אורזאַך איידער זי האָט נאָך איבער-הויפּט אָנגעפאַנגען צו עקזיסטירען. ווייזט אַן אַ דריטער אַרגומענט אויף דעם, וואָס אַ פרייע ווירקונג וואָלט געמוזט אויפנעמען גאָר-ניט אַלס איהר אורזאַך, און גאָר-ניט קען דאָך קיין זאַך מיט זיך ניט פאַרשטעלען און ממילא אויך ניט קיין אורזאַך.

פּרובירט אָבער אָפּלאָזען די הנחה, אַז אַ זאַך מוז האָבען אַן אורזאַך, וועט איהר ממילא ניט דאַרפען האָבען קיין אורזאַך פאַר דער באַשטימטקייט אין צייט און שטח פון אַ פרייער ווירקונג, ווייל די באַשטימטקייט וואָלט דאָך גאַנץ גוט געקענט קומען אָהן אַ אורזאַך, און איהר וועט אויך ניט דאַרפען זוכען די אורזאַך פון דער פרייער ווירקונג, ניט אין איהר זעלבסט און ניט אין גאָר-ניט. און אַזוי ווי אין אַן אַרגומענט געגען פרייהייט איז דאָך גראַד דאָס די הנחה וועלכע דאַרף באַוויזען ווערען (די הנחה אַז אַ זאַך מוז האָבען אַן אורזאַך), איז טאַקע יום כשר גערעכט, ווען ער באַשולדיגט די דאָזיגע אַרגומענטען אין „בעטלען די פראַגע", אין אָננעמען אַלס זיכער דאָס וואָס דאַרף גראַד באַוויזען ווערען. 1)

דער ענין אורזאַכליכקייט און פרייהייט אין דאַן אַריבער אין די געניטע הענד פון עמנואל קאַנט. אָבער אויך דאָ האָט ער ניט באַקומען זיין פולען תיקון. ניט קענענדיג, ווייזט אויס, ביישטעהן די אַלגעמיינע ווענדונג צו באַווייזען די נויטיגקייט פון אורזאַכליכ-קייט, האָט זיך אפילו אַזאַ מייסטער אין לאָגיק ווי קאַנט דאָ געלאָזט אַראָפּפירען פון דער שטרענג לאָגישער ליניע.

מיר האָבען שוין דאָ געזעהן, ווי ווערענדיג אופלעזען דעם קאָנפליקט צווישען אורזאַכליכקייט און פרייהייט, האָט זיי

---

1) שפּינאָזע ברענגט דעם אורזאַכליכקייטס כלל אַלס אַן אַקסיאָמע (אַקסיאָמע 3, עטהיקס 1). מיט דעם איז ער מודה אַז דער דאָזיגער כלל קען נישט באַוויזען ווערען. אמת, פון זיין הנחה איבער דער עקזיסטענץ פון אַן אַבסאָלוט אומענדליכען וועזען און פון זיין דעפיניציע פון מאָדוסען — ווי ענדליכע פאָרמען פון אַן אומענדליכען אַטריבוט — קען ער אין די ווייטערדיגע זאַצען דרינגען אורזאַכליכקייט פאַר די מאָדוסען. אָבער ווי מיר וועלען זעהן ווייטער, ביים באַהאַנדלען דעם פּרינציפּ „וועזען", איז די דערמאָנטע הנחה גופא לחלוטין אָפּגעפּרעגט.

פּראָגרעס

קאַנט צוגעטיילט צווי באַזונדערע געביטען — דער טעאָרעטישער געביט, אָדער די לאָגיק, איז אויסשליסליך פאַר אורזאַכליכקייט; דער פּראַקטישער געביט, אָדער די אידייע פון גוטס, איז, פאַרקערט, אין גאַנצען פאַר פרייהייט. אויך האָבען מיר דאַן געזעהן ווי אַזוי קאַנט שטעלט־פעסט די ממשלה פון פרייהייט אויפן פּראַקטישען געביט, ווי אַזוי ער באַווייזט, אַז דאָס וואָס איז מאָראַליש גוט קען נאָר פאָל־גען פון פרייען ווילען, ווייל בלויז דאָס וואָס פאָלגט פון פרייען ווילען איז מאָראַליש גוט. פונקט אַזוי טהוט ער פעסשטעלען די ממשלה פון אורזאַכליכקייט אויפן טעאָרעטישען געביט ווייל בלויז דאָס וואָס פאָלגט לויט אורזאַכליכקייט איז טעאָרעטיש אמת.

ווארעם אמת מיינט, ווען דאָס וואָס מיר ווייסען איז אַזוי ווי מיר ווייסען עס, ווען אונזער אידייע שטימט איין מיט איהר אָביעקט. אָבער היות ווי אונזער גאַנצער טעאָרעטישער באַגאַזש באַשטעהט בלויז פון אידייען — סיי די פאָרשטעלונגען צו וועלכע מיר שרייבען צו אַן אָביעקט און סיי די פאָרשטעלונגען וואָס מיר נעמען אויף אַלס חלומות אָדער אַלס פּוסטע פאַנטאַזיעס זיינען נישט מעהר ווי בילדער אין אונזער געדאַנק — טאָ ווי אַזוי זיינען מיר בכח זיך פונאַנדערצו־קלייבען צווישען די דאָזיגע אידייען און וויסען צו וועלכע מיר זאָלען צושרייבען אַן אָביעקט אויסערן געדאַנק און צו וועלכע ניט?

איז עס דורך דעם וואָס אַזוי נעמען מיר זיי אויף — די איינע נעמען מיר אויף אַלס אָפּשפּיגלונגען פון אָביעקטען אויסער דעם גע־דאַנק און די אַנדערע ניט? זיינען דאָך אָבער די דאָזיגע אופנעמונגען אויך בלויז אידייען, פאָרשטעלונגען אין אונזער געדאַנק, און אויך בנוגע זיי דאַרפען מיר זיך שטעלען די זעלבע פראַגע — צו דאַרפען מיר צו זיי צושרייבען אַן אָביעקט, צו זיינען זיי נישט קיין פּוסטע אידייען? איז וואָס איז פאַרט דאָ אין די אידייען עפּעס אַזוינס וואָס זאָל אונז געבען אַ גענינגענדען גרונד זיי צו סאָרטירען אין פאָרשטע־לונגען וואָס שטעלען פאָר ווירקליכקייט און פאָרשטעלונגען וואָס זיינען פּוסטע?

דער איינציגער חילוק וואָס קאַנט געפינט צווישען די צווי מינים געדאַנקליכע פאָרשטעלונגען איז דאָס, וואָס די פאָרשטעלונגען פון דעם ערשטען מין טוהען זיך נאָכפאָלגען אין אַ באַשטימטער אָרדנונג, אין אַן אָרדנונג פון אורזאַכליכקייט, בעת די פאָרשטעלונ־גען פון צווייטען מין טוהען זיך נאָכפאָלגען אין אַן אומבאַשטימטער אָרדנונג, אין אַן אָרדנונג וואָס וואָלט זיך געלאָזט איבערקערען. למשל, דער פאָרשטעלונג פון עסען אויף דער וואָר מוזען מיר אופ־נעמען נאָך דער פאָרשטעלונג פון באַקומען די שפּייז און פאַר דער פאָרשטעלונג פון זאַט ווערען, בעת דער פאָרשטעלונג פון עסען אין

חלום אָדער אין פאַנטאַזיע מוזען מיר נישט אופנעמען דוקא צווישען די צוויי פאַרשטעלונגען וואָס מיר נעמען איהר אויף.

און דער דאָזיגער חילוק גיט טאַקע אַ גענוגענדען גרונד צו צושרייבען אַן אָביעקט צו די פאַרשטעלונגען פון ערשטען מין און ניט צו די פאַרשטעלונגען פון צווייטען מין. ווארעם די אומבאַשטימטע אָרדנונג פון נאָכפאָלגען־זיך, וואָס ווערט אופגענומען אין צווייטען מין, לאָזט זיך אין גאַנצען דערקלערען מיט דעם באַגרענעצטען אויפנאַמס־כח פון דענקער — דער דענקער קען ניט אופנעמען מעהר ווי איין פאַרשטעלונג מיט אַמאָל מוז ער דערפאַר זיך פאַרשטעלען זיינע פאַרשטעלונגען איינער נאָך דער אַנדערער. דאָ איז דערפאַר ניטאָ צו זעהן עפּעס אויסער דער סוביעקטיווער אייגענשאַפט, עפּעס וואָס זאָל אָנווייזען אויף אַן אָביעקט; דאַגעגען, די באַשטימטע אָרדנונגם אין נאָכפאָלגען־זיך, וואָס ווערט אופגענומען אין ערשטען מין, לאָזט זיך ניט אין גאַנצען דערקלערען מיט דעם באַגרענעצטען אויפנאַמס־כח פון דענקער, ווייל דאָס אליין באַשטימט דאָך ניט וועלכע פאַרשטעלונג זאָל אופגענומען ווערען פריהער און וועלכע שפּעטער. דאָס ווייזט שוין דערפאַר אויף עפּעס אויסער דער דאָזיגער סוביעקטיווער אייגענשאַפט, אויף עפּעס אַן אָביעקט.

אַזוי קומט אוים, אַז די אַלע פאַרשטעלונגען וואָס פאָלגען זיך נאָך לויט דער באַשטימטער אָרדנונג פון אורזאַכליכקייט שרייבען מיר צו אַן אָביעקט, ד״ה מיר נעמען זיי אויף אַלם פאַרשטעלונג פון ווירקליכקייט, און אַלע פאַרשטעלונגען וואָס פאָלגען זיך ניט נאָך לויט דער דאָזיגער באַשטימטער אָרדנונג נעמען מיר אויף אַלם פוסטע פאַרשטעלונגען. פון דעם פאָלגט ממילא, אַז אַלע אונזערע פאַרשטעלונגען פון ווירקליכע געשעהענישען מוזען זיך נאָכפאָלגען לויט דער באַשטימטער אָרדנונג פון אורזאַכליכקייט. דאָס איז דער תמצית פון קאַנט׳ם באַווייז פאַר דער נויטווענדיגקייט און אוניווערזאַליטעט פון דעם אורזאַכליכקייטם כלל. [1]

איז אָבער קודם ניט ריכטיג די הנחה, אַז די פוסטע פאַרשטעלונגען אונזערע טוהען זיך נאָכפאָלגען אין אַן אומבאַשטימטער אָרדנונג. דער פאַקט איז, אַז אין די חלומות אָדער אין די פוסטע פאַנטאַזיעס טהוט יעדע פאַרשטעלונג פאָלגען פון דער אַנדערער אין אַ גאַנץ באַשטימטער אָרדנונג, פונקט אַזוי גוט ווי אין די פאַרשטעלונגען פון ווירקליכקייט.

דער איינציגער חילוק אין דעם נאָכפאָלגען־זיך פון די צוויי מינים פאַרשטעלונגען ליגט ניט אין דעם אופן ווי זיי פאָלגען נאָר

1) זעה „צווייטע אנאלאָגיע״, אין דער „קריטיק פון ריינעם פאַרנונפט״, מאַקס מילער׳ס איבערזעצונג אין ענגליש.

פון וואָס זיי פאַלגען, אין דעם אופן ווי עס ווערט אופגענומען די אורזאַך פון וואָס דער עפעקט פאָלגט — אין איין מין ווערט די אורזאַך אופגענומען אלס בלויזע פאַרשטעלונג און אין אנדער מין ווערט זי אופגענומען אלס ממשות'דיגער אָביעקט, אלסווירקליכקייט. קומט אוים, אַז אפילו דער חילוק אין דעם נאָכפאָלגען־זיך פון די צוויי מינים פאַרשטעלונגען נעמט זיךאויך בלויז פון דעם אופן ווי מיר נעמען די פאַרשטעלונגען אוף, אלס ממשות'ען אָדער אלס פוסטע פאַרשטעלונגען. מיר קענען זיך דערפאַר פון דער דאָזיגער הנחה, וועלכער קאנט האָט דאָ פריהער געהאַט פאַרוואָרפען, סיי ווי סיי נישט אַרויסדרעהען.

און באמת איז שווער איינצוזעהן פאַר וואָס מען זאָל איבער־הויפט זוכען זיך אַרויסדרעהען פון דער דאָזיגער הנחה. די לאָגיק דורך וועלכער קאנט האָט איהר גע'פסל'ט שיינט גאָר באמת אבי־סעלע אונטערצוהינקען. ווארעם נאָך אלעמען איז דאָך די באַשטימ־טע אָרדנונג וואָס ווערט אופגענומען אין דעם נאָכפאָלגען־זיך פון פאַרשטעלונגען אליין אויך נישט מעהר ווי אַ פאַרשטעלונג אין גע־דאַנק — טאָ מיט וואָס איז זי בעסער פון אונזערער אַ דירעקטער אופנעמונג פון ווירקליכקייט אָדער אומווירקליכקייט?

און נאָך אלעמען טאָרען מיר אויך ניט פאַרגעסען אַז די גאַנצע מעשה פון ווירקליכקייט און אומווירקליכקייט איז ביי קאנטען ניט מעהר ווי אַ פענאמען — עפּעס וואָס ווייזט זיך אונז בלויז אוים אָבער עס צופאַלט זיך ביי דער ערשטער קריטיק — און וואָס קען פאַרשטעלען אַ בעסערען גרונד פאַר דעם דאָזיגען אויסווייזען־זיך ווי אַ בפירושע אופנעמונג?

און אַ חוץ דעם שיקט זיך סתם ניט, אַז די קלאָרע פאַרשטע־לונגען וואָס מיר באַזיצען פון ממשות'ען זאָלען גאָר זיין געדרונגען, און זאָלען ממילא ציהען זייער גאַנצע ליכט, פון אונזער ווייניגער קלאָרער פאַרשטעלונג פון נאָכפאָלגונג על פי אורזאַכליכקייט, און אַז דאָרט וואו מיר נעמען ניט אוף קיין נאָכפאָלגונג על פי אורזאַכליכ־קייט זאָלען מיר שוין ממילא אויך ניט אופנעמען קיין ווירקליכקייט. אָט האָבען מענשען — און קאנט אליין אויך בתוכם — שטענדיג געגלויבט אין פרייהייט פון ווילען און דאָך האָט עס זיי נישט גע־שטערט אופצונעמען די אלע ווילענס אַקטיוויטעטען אלס ווירקליכע געשעהענישען.

אויסער דעם אַרגומענט וואָס מיר האָבען דאָ פאַרגעשטעלט געפינען מיר אין „דער קריטיק פון ריינעם פאַרנונפט” נאָך אייניגע אַרגומענטען פאַר דער נויטווענדיגקייט פון אורזאַכליכקייטס כלל, אַרגומענטען וועלכע קענען אַרויסגעבראַכט ווערען אויפן פאָלגענ־דען אופן:

פרינציפּען

1) אורזאַך און עפעקט שטעלען פאַר צוויי צושטאַנדען, פון וועלכע איינער קומט פריהער און דער צווייטער שפּעטער. דער פריהער און דער שפּעטער שטעלען פאַר אַן אָרדנונג פון צייט. און היות ווי צייט נעמען מיר ניט אויף אין די איינדרוקס שטאָף, נאָר עס ווערט אונז צוגעשטעלט דורכן געדאַנק אליין, דורכן געדאַנק אַ פּריאָרי, מוז די אָרדנונג פון פריהער און שפּעטער אויך צוגעשטעלט ווערען דורכן געדאַנק אַ פּריאָרי, ד״ה דער געדאַנק אליין שטעלט אוים די צושטאַנדען איינעם פריהער און דעם אַנדערען שפּעטער.

די דאָזיגע אָרדנונג קען צוגעשטעלט ווערען דורכן געדאַנק אויף צוויי וועגען: אָדער דורך דעם וואָס דער דענקער קען ניט אויפנעמען צוויי צושטאַנדען מיט אַמאָל, אָדער דורך דעם וואָס עס איז דאָ אין געדאַנק עפּעס אַ רעגעל וואָס רעגולירט די דאָזיגע צושטאַנדען און מאַכט איינעם קומען פריהער און דעם צווייטען שפּעטער. אין ערשטען פאַל וואָלט די אָרדנונג אין דעם נאָכפאָלגען זיך באַדאַרפט זיין אומבאַשטימט; אין צווייטען פאַל דאַרף זי זיין באַשטימט. און היות ווי אין אונזער ערפאַרונג איז דאָך די אָרדנונג אין דעם נאָכפאָלגען-זיך באַשטימט מוז זי קומען מחמת אַ רעגעל אין געדאַנק, אַ רעגעל אַ פּריאָרי, וועלכער מוז זיין גילטיג אַזוי לאַנג ווי מיר וועלען דענקען מיט אונזער געדאַנק. מיט אַנדערע ווערטער, פאַר די וואָס דענקען מיט אונזער געדאַנק, פאַר מענשען, קען דער דאָזיגער רעגעל קיין מאָל ניט אופהערען צו גילטען, איז ער נויטווענדיג. עס פאַרשטעהט זיך, אַז דער דאָזיגער רעגעל איז ניט קיין אַנדערער ווי אונזער באַקאַנטער אורזאַכליכקייטס כלל. 1)

2) אין דער נאָכפאָלגונג פון צייט איז די אָרדנונג באַשטימט, דער מאָמענט אלף מוז עקזיסטירען פאַר דעם מאָמענט בית און דער מאָמענט בית מוז פאָלגען נאָך דעם מאָמענט אלף. און אַזוי ווי דאָס רעדט זיך וועגען צייט אין אַלגעמיין, וועלכע שליסט איין אַלע צייטען, מוז די דאָזיגע באַשטימטע אָרדנונג גילטען פאַר דער נאָכפאָלגונג פון אַלע צייטען, איז זי נויטווענדיג. און אויב יעדע צייט איז באַשטימט פון דער פריהערדיגער צייט מוז די צייט פון יעדער געשעהעניש אויך זיין באַשטימט פון דער צייט פון פאַר דער געשעהעניש, מוז אין דער צייט פון פאַר יעדער געשעהעניש זיין עפּעס וואָס באַשטימט ווען יעדע געשעהעניש זאָל געשעהן. 2)

---

1) דער דאָזיגער אַרגומענט איז בעאַרבעט לויט דער הוספה צו דער צווייטער אנאלאָגיע, וועלכער קאַנט האָט צוגעגעבען אין דער צווייטער אויפלאַגע פון „דער קריטיק פון ריינעם פאַרנונפט״.

2) דער דאָזיגער אַרגומענט איז בעאַרבעט לויט ז. 199־200 אין „דער קריטיק פון ריינעם פאַרנונפט״.

פראָגרעס

וועט מען אודאי באַמערקען אַז די דאָזיגע צוויי אַרגומענטען געהען אויף דעם זעלבען שטייגער, איןביידע ווערט די נאָכפאָלגונג פון געשעהענישען אין גאַנצען פאַרגליכען צו דער נאָכפאָלגונג אין בלויזער צייט און די אפריאָריטעט אָדער די נויטוועדיגקייט פון דער באַשטימטער אָרדנונג אין דער ערשטער ווערט דערפאַר געדרונגען פון אַזאַ אפריאָריטעט אָדער נויטוועדיגקייט אין דער צווייטער.

איז אָבער נישט שווער איינצוזעהן אַז דער דאָזיגער פאַרגלייך איז נישט באַרעכטיגט, אַז די דאָזיגע צוויי גאַנגען פון נאָכפאָלגונג אונטערשיידען זיך סיי בנוגע אפריאָריטעט און סיי בנוגע דעם אופן ווי עס ווערט אין זיי אופגענומען די באַשטימטע אָרדנונג.

בנוגע אפריאָריטעט, דאַרף קודם דערמאָנט ווערען דער פאַקט וואָס די אפריאָריטעט פון דער ערשטער פאָדערט גאַנץ אַנדערע כוחות ווי די אפריאָריטעט פון דער צווייטער. אין דער נאָכפאָלגונג פון צייט, וואו אַלע זיך-נאָכפאָלגענדע מאָמענטען זיינען גלייך, ווערט ניט געפאָדערט אַ כח וואָס זאָל באַשטימען וועלכער מאָמענט זאָל קומען פריהער און וועלכער שפעטער — בעת אין דער נאָכפאָלגונג פון געשעהענישען ווערט יע געפאָדערט אַזאַ כח. דער געדאַנקען-כח וואָס אָרדענט דעם פריהער און שפעטער פון צייט דאַרף דערפאַר אַליין ניט זיין ביכולת צו אָרדענען אַ פריאָרי אורזאַכען און עפעקטען. 1)

אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ. פון דער אַפריאָריטעט פון צייט קען גאָר באַוויזען ווערען, פאַרקערט, אַז די אָרדנונג אין דער נאָכפאָלגונג פון געשעהענישען ווערט נישט באַשטימט אַ פריאָרי. וואָרעם וואָלט די דאָזיגע אָרדנונג באַשטימט געוואָרען אַ פריאָרי וואָלט זי באַדאַרפט פאַרמאָגען די זעלבע כאַראַקטעריסטיקס פון אפריאָריטעט וואָס צייט פאַרמאָגט און ממילא וואָלט דאַן איהר אַפריאָריטעט באַדאַרפט קענען באַוויזען ווערען אויף דעם זעלבען שטייגער ווי עס ווערט באַוויזען די אפריאָריטעט פון צייט.

בנוגע נויטוועדיגקייט, איז גענוג צו דערמאָנען דעם פאַקט וואָס אין דער נאָכפאָלגונג פון צייט ווערט די באַשטימטע אָרדנונג אופגענומען אַלס אַ וועזענטליכער כאַראַקטער — אין עצם באַגריף פון נאָכפאָלגונג אין צייט ווערט שוין דערהערט דער פאַקט, אַז דער פריהערדיגער מאָמענט קומט פאַר דעם שפעטערדיגען און דער שפעטערדיגער מאָמענט קומט פאַר דעם פריהערדיגען. פאַקטיש מיינט

---

1) קאַנט איז אפילו דערפון געקומען צו אַ מסקנא אַז די דאָזיגע באַשטימונג מוז קומען פון אַזאַ ספּעציעלען רעגעל אַ פריאָרי. מען קען אָבער אָננעמען, פאַרקערט, אַז די דאָזיגע באַשטימונג קומט פון דעם אומבאַוואוסטען איקס, וואָס ווערט פאָרגעשטעלט דורך די עמפינדונגס שטאָף.

דאָך נאָכפאָלגונג אין צייט ניט עפּעס אַנדערש ווי דאָס. דאָ ווערט דערפאַר די נויטוועגדיגקייט פון דער באַשטימטער אָרדנונג אופגענומען אנאליטיש. גאַנץ אַנדערש איז אָבער מיט דער נאָכפאָלגונג פון געשעהענישען. דאָרט ווערט די באַשטימטע אָרדנונג ניט דערהערט אין עצם באַגריף און דערפאַר קען זי דאָרט ניט אופגענומען ווערען אויף אַזאַ נויטוועגדיגען אופן 1)

אודאי איז אמת אַז יעדע געשעהעניש מוז אַנגעהן אין צייט און אַז יעדע צייט איז באַשטימט — דאָס מיינט נאָך אָבער ניט אַז יעדע געשעהעניש מוז אָנגעהן אין אַ באַשטימטער צייט, ווארעם די צייט קען זיך זיין באַשטימט אַן און פאַר זיך אָבער ניט לגבי די געשעהענישען, עס קען זיין אַז די געשעהענישען זאָלען גאָר ניט מוזען געשעהן אין דער צייט וואָס זיי געשעהען. צו זאָגען אַז אַ געשעהעניש מוז האָבען איהר באַשטימטע צייט, אַז זי מוז געשעהן ווען זי געשעהט, מוז מען שוין פריהער וויסען פון דער נויטוועגדיגקייט פון אורזאַכליכקייטס כלל.

3) נאָך אַן אַרגומענט געפינט קאַנט אין דער אַסאָסיאַציע פון אידייען, אָדער אין דעם צוזאַמענבונד פון ערשיינונגען, וואָס ווערט געפאָדערט פאַר דער מעגליכקייט פון דערקענטעניסען: אויב ערשיינונגען זאָלען זיך ניט נאָכפאָלגען אין אַ באַשטימטער אָרדנונג וועלען זיי ניט קענען פאָרשטעלען קיין דערקענטענישען. אויב, למשל, מיט דער ערשיינונג פון דער פאָרמע מענש זאָלען מיר איין מאָל ערפאָרען די כאַראַקטעריסטיקס פון אַ מדבר און אַן אַנדער מאָל זאָלען מיר ערפאָרען די כאַראַקטעריסטיקס פון אַ בעל-חי, אַ צומח אָדער אַ דומם, אָדער אַז דער מדבר גופא זאָל פאַר אונז ערשיינען יעדעס מאָל אונטער אַן אַנדער פאָרמע, וואָלטען מיר פון אַזאַ ערשיינונג גאָר ניט געקענט לערנען. 2)

דער דאָזיגער אַרגומענט איז אודאי פיל פּשוט'ער און בעסער פון די אַנדערע אַרגומענטען. מען מוז אָבער צוגעבען אַז דורך איהם ווערט די נויטוועגדיגקייט פון אורזאַכליכקייטס כלל בעוויזען ניט פון דער טעאָרעטישער זייט נאָר פון דער פּראַקטישער זייט.

---

1) קאַנט האָט אפילו געפּרואווט אַריינ'פּשט'לען דער באַשטימטער אָרדנונג אַלס אַ וועזענטליכען כאַראַקטער אויך אין דער נאָכפאָלגונג פון געשעהעניש, דורך דעם וואָס ער האָט געזאָלט באַווייזען אַז אַ נאָכפאָלגונג אָהן אַ באַשטימטער אָרדנונג איז נישט קיין נאָכפאָלגונג פון געשעהענישען, עס איז אָדער אַ נאָכפאָלגונג פון פּוסטע פאָרשטעלונגען אָדער אַ גלייכצייטיגקייט. וועגען דאָס ערשטע האָבען מיר שוין דאָ פריהער גערעדט. דאָס צווייטע ווערט אָפּגעווענדעט דורך אַרטור שאָפּענהויער, אין זיין „איבער די פיערפאַכע וואורצעל דעס זאַצעס פון צורייכענדען גרונדע".

2) דער דאָזיגער אַרגומענט איז גענומען פון ז. 100 אין „דער קריטיק פון ריינעם פאַרנונפט".

טעאָרעטיש קען מען ניט פאַרזיכערען אַז יעדע ערשיינונג מוז טאַקע אונז באַקענען מיט עפּעס אויסער דער ערשיינונג, אַז דורך דער ערשיינונג פון מענשען'ס אויסזעהן זאָלען מיר מוזען קענען פאָרויסזאָגען די אַנדערע כאַראַקטעריסטיקס פון אַ מדבר. דאָס איז דאָך אייגענטליך די פראַגע בנוגע דער נויטווענדיגקייט פון אורזאַכליכקייטס כלל — ווי אַזוי זאָל מען פון איין דערשיינונג פאָרויסזאָגען אַן אַנדער דערשיינונג? נישט מעהר, ווען מען ווייזט אונז די פאָלגען פון דעם דאָזיגען ניט-פאָרויסזאָגען, דעם כאַאָס וואָס דאָס וועט אַריינברענגען אין אונזערע קענטעניסען, פאַרשטעהען מיר אַז מיר דאַרפען פאָרויסזאָגען, אַז דאָס וועט פירען צו אָרדנונג און פּראָגרעס אין אונזער וויסען. זאָגט טאַקע קאַנט — רעדענדיג איבער דער אוממעגליכקייט פון שאַפונגען אויסער דעם געוויינליכען וועג פון אורזאַכליכקייט — אַז מיר קענען ניט צולאָזען עפּעס וואָס „וואָלט אומגעבראַכט דער איינהייט פון דער ערפאַרונג". 1)

נאָר פונדעסטוועגען, קען אויף דעם דאָזיגען פּראַקטישען יסוד אופגעבויט ווערען אויך אַ טעאָרעטישער בנין. ווארעם ווי מיר האָבען געזעהן ביז אַהער און ווי מיר וועלען זעהן ווייטער נאָך מעהר, זיינען דאָך איינהייט און פּראָגרעס אַלגעמיינע פּרינציפּען פון וועזען — טאָ פאַר וואָס זאָלען זיי ניט הערשען אויך בנוגע אונזער וויסען? פאַרוואָס זאָל גראַד אין דעם אָביעקט פון ערשיינונגען צוגעלאָזט ווערען די מעגליכקייט פון כאַאָס? אָדער פאַר וואָס זאָל אונזער געדאַנק זיין אַן אויסנאַם און געהן ריקווערטס אַנשטאָט פאָרווערטס?

און רוהענדיג אויף אַ פּראַקטישען יסוד קען דער דאָזיגער טעאָרעטישער בנין אויך גיכער ביישטעהן די אַטאַקעס פון סקעפּטיציזם, די טענות, אַז אַלץ וואָס מיר וויסען באַציהט זיך בלויז צו דער פאַרגאַנגענהייט אָבער ניט צו דאָס וואָס וועט זיין אין דער צוקונפט. ווארעם דאַרפען איז אַ באַגריף וואָס רירט אָן דער צוקונפט ניט ווייניגער ווי דער פאַרגאַנגענהייט, עפּעס וואָס דאַרף זיין דאַרף אויך זיין אין דער צוקונפט. און ווער רעדט פּראָגרעס? פּראָגרעס רירט אָן בלויז דער צוקונפט; דער גאַנצער וועזען פון פּראָגרעס איז דאָך פאָרצושטעלען אַן אידעאַל, אַן אידייע פון העכערקייט, פאַר דער צוקונפט. און די אידייען פון איינהייט און פּראָגרעס נעמען זיך אויך ניט בלויז פון וויסען דאָס וואָס איז געווען אין דער פאַרגאַנגענהייט, נאָר פון אַ דירעקטען פּרינציפּ אין אונזער געדאַנק, פון ווילען.

הכלל, גוט פון אַלע זייטען. אָבער אויב די נויטווענדיגקייט פון אורזאַכליכקייט ווערט באַוויזען בעצם בלויז פון דער פּראַקטי-

1) זעה „קריטיק פון ריינעם פאַרנונפט" ז. 204, ביים ענדע פון דער צווייטער אַנאַלאָגיע.

פרינציפען

שער זיין דאַרף עס צוגעלאָזען ווערען אַלס כלל בלויז אויף אַזוי ווייט ווי עס איז פּראַקטיש, ווי עס איז אַן אינסטרומענט פון פּראָגרעס; עס דאַרף אָבער נישט שטעהן אין וועג פון פרייהייט, דאָרט וואו פריי־הייט איז אַן אינסטרומענט פון פּראָגרעס.

אַס ענדע וועלען מיר נאָך דערמאָנען אַן אַרגומענט וואָס איז געצילט ספּעציעל געגען פרייהייט אויפן מאָראַלישען געביט, געגען דער מעגליכקייט פון פרייע האַנדלונגען. אַ פרייע האַנדלונג, זאָגט מען, דאַרף מיינען אַ האַנדלונג אָהן אַן אורזאַך, אָהן אַ מאָטיוו, אָהן אַגרונד, ד״ה אַ האַנדלונג גלאַט אַזוי אין דער וועלט. און אַזאַ האַנדלונג מיינט, ווידער, אַ האַנדלונג אָהן אַ זין אָדער אַ זינלאָזע האַנדלונג. און אַזאַ האַנדלונג זעהט אויס ניט נאָר אוממעגליך נאָר אויך ניט לויבענסווערט, ניט רעקאָמענדירבאַר פון מאָראַלישען שטאַנדפּונקט.

איז אָבער איבערהויפּט פאַלש די הנחה, אַז אַ פרייע האַנד־לונג מיינט אַ האַנדלונג אָהן אַ מאָטיוו; עס מיינט בלויז אַ האַנדלונג מיט אַ פרייען מאָטיוו, מיט אַ מאָטיוו וואָס האָט נישט איבער זיך קיין אורזאַך. מיט אַנדערע ווערטער, אין אַ פרייער האַנדלונג הויבט זיך די פרייהייט ניט אָן אין האַנדלען נאָר אין ווילען אָדער, ריכטיגער געזאָגט, אין געדאַנק, אין די אידייען פון גוטס און שלעכטס, „סוף מעשה במחשבה תחילה״. און אין געדאַנק מיינט פרייהייט אַ נייע יצירה, אַן ענטשטעהונג פון אַ נייער אידייע איבער גוטס און שלעכטס, אַן אידייע וועלכע שפּאַנט זיך גלייך איין אין וואָגען און העלפט קי־רעווען אונזער שטימונג אין איין ריכטונג אָדער אין אַן אַנדערער. אַ מענש קען זיין געשטימט עפּעס צו טאָהן אָדער ניט צו טאָהן, קומט אָבער די נייע אידייע און ענדערט פּלוצלונג זיין שטימונג אַזוי, אַז ער האַנדעלט פּונקט פאַרקערט ווי ער איז געווען בערייט צו האַנדלען. אויף אַזאַ אופן מיינט דאָ פרייהייט דאָס וואָס עס האָט געמיינט איבעראַל, אַ יצירה פון אַ יש מאין, און עס איז דערפאַר אויך נישט מעהר זינלאָז, און פון מאָראַלישען שטאַנדפּונקט אודאי נישט ווייניגער לויבענסווערט, ווי עס איז ערגעץ אַנדערש (פאַרגעסט נישט, אַז פרייהייט איז אַן אינסטרומענט פון פּראָגרעס, און דערפאַר מוז זיין די נייע אידייע אַ פּראָגרעסיווע אידייע).

היוצא מדברינו, אַז נאָך די אַלע מאַטערנישען פון דער פילאָ־זאָפיע, נאָך די אַלע אַנשטרענגונגען וואָס לאָגיק האָט געמאַכט אין איהר קאַמף געגען פרייהייט — אַ קאַמף וועלכען זי האָט אַנגע־פירט צוליב איהרען אַ טעאָרעטישען און פּראַקטישען אינטערעס —

פּראָגרעס

האָט זי פונדעסטוועגען נישט באַוויזען אַרויסצוברענגען עפּעס אַן אומפעלבאַרען אַרגומענט געגען פרייהייט. מיר מעגען דערפאַר אָנ־נעמען, אַז זי וועט עס קיין מאָל נישט באַווייזען. און מיר מעגען דאָ דערפאַר גאַנץ רוהיג זיך פאַרלאָזען אויף אונזער דירעקטען געפיהל, און נאָך מעהר, אויף דעם עדות זאָגען פון אַזאַ פאַרלעסליכען עדות ווי דער פּרינציפּ פון פּראָגרעס, פון וועלכען פרייהייט איז די רעכ־טע האַנד.

וואָלט בורידאַנס אייזעל געשטאָרבען פון הונגער שטעהענדיג צווישען צוויי בינטלאַך היי? אפשר יע און אפשר ניט. אַ מענש וואָלט אָבער געווים נישט געשטאָרבען פון הונגער ווען ער זאָל זיך געפינען צווישען צוויי מאכלים וועלכע ער האָט גלייך ליב, ער וואָלט זיך געווים געשאַפען עפּעס אַ פּרינציפּ דורך וועלכען צו ברענגען זיין ווילען אין באַוועגונג. דאָס זעהען מיר אַמבעסטען אין געזעץ. וואָס איז אַזוינס חזקה? אין מערסטע פאַלען, טאַקע נישט מעהר ווי אַן אויגען געשאַפענער פּרינציפּ ווי זיך צו דעצידירען אין פאַלען פון גלייכע ספיקות. 1)

איהר טאָרט ניט פאַרגלייכען אַ מענש צו אַן אייזעל: עס קען גאַנץ גוט זיין, אַז אַ מענש זאָל באַזיצען פרייהייט פון ווילען און אַן אייזעל זאָל עס ניט באַזיצען. פרייהייט מוז ניט האָבען קיין לייסענס צו ווירקען פריי אומעטום. עס איז גענוג פאַר פרייהייט ווען אין אַ באַשטימטען פלאַץ איז עס פריי צו ווירקען אָדער ניט ווירקען. און אפילו איהר זאָלט זיך איינשפּאַרען, אַז פרייהייט מיינט זיין פריי צו ווירקען אומעטום, האָט איהר מיט דעם אויך גאָרניט געוואונען, ווייל אונזער פרייהייט מוז דאָך ניט זיין דוקא ווי עס פאָדערט דער

1) פון דעם דאָזיגען טיפּ זיינען די וויכטיגסטע חזקות: חזקת ממונא, חזקת מרא קמא, חזקת הגוף, חזקה דמעיקרא, חזקה דהשתא אד״ג. דער פאַקט וואָס דער מזיק האָלט די געלט מאַכט דאָך אויף אַ האָר נישט וואַרשיינליך די הנחה, אַז זיין אָקס האָט יענעמס קאַלב נישט געשטויסען. עס זיינען אודאי דאָ פיעל חזקות וואָס שטעלען מיט זיך פאָר אַ וואַרשיינליכקייט: ווען איינער באָרגט אויף אַ צייט, איז זעהר וואַרשיינליך אַז ער זאָל נישט באַצאָהלען אין מיטען דער צייט; אָדער אַז איינער מאָנט ביים אַנדערען מסתמא קומט איהם עפּעס. די דאָזיגע חזקות האָבען באמת גאָר נישט צו טאָהן מיט יענע. זיי זיינען באמת מעהר עהנליך צו רוב — איןביידע פאַלען קומט דער באַשלוס צוליב וואַר־שיינליכקייט — נישט מעהר, וואָס בעת אין רוב איז די וואַרשיינליכקייט באַשטימט איז זי דאָ אומבאַשטימט: אין רוב ווייסט איהר באַשטימט, אַז אַ מעהרהייט איז אויף איין זייט און אַ מינדערהייט אויף דער צווייטער זייט; איהר ווייסט, אַז אַ מעהרהייט מענשען קויפען אָקסען צום אַקערען און אַ מינדערהייט צום שעכטען, אַז אַ מעהרהייט קצבים זיינען דאָ אידען און אַ מינדערהייט ניט־אידען. דאָ, דאַגעגען, איז רעכט, אַז די גאַנצע וועלט זאָל באַצאָהלען אָדער נישט באַצאָהלען אין מיטען דער צייט: עס איז בלויז וואַרשיינליך, אַז אַ מעהרהייט וועט נישט באַצאָהלען און אַ מינדערהייט וועט יע באַצאָהלען. צוליב דער אומבאַשטימטקייט פון זייער וואַרשיינליכקייט האָט מען זיי געקענט צוזאַמענעמען מיט די פאַלען אין וועלכע עס איז גאָר קיין וואַרשיינליכקייט ניטאָ, אונטער דעם געמיינזאַמען באַגריף חזקה, עפּעס וואָס מען דאַרף אָנגעמען.

פראָגרעס

אבסאָלוטער באגריף פון פרייהייט נאָר ווי עס פאָדערט פראָגרעס און ווי עס פאָדערט אונזער דירעקטער געפיהל — און פראָגרעס פאָדערט דוקא א פרייהייט וואָס זאָל נישט זיין פריי אומעטום צו ווירקען, ווארעם אזא אומבאגרענעצטע פרייהייט וואָלט דאָך אין גאנצען אויסגעשלאָסען אורזאכליכקייט; און אונזער דירעקטער געפיהל זאָגט אונז אויך אונטער, אז נאָר מיר דארפען זיין פריי.

דאָ קומען מיר אלזאָ צוריק צו דעם וואָס מיר האָבען שוין געהאַט גערעדט, אז פרייהייט און אורזאכליכקייט האָבען יעדע זייער באשטימטען געביט, וואו זיי קענען אָם מערסטען ביישטייערען צו פראָגרעס, און וואו זיי קענען ווירקען נישט אַנטרעטענדיג צופיל איינע אויף דער אַנדערער׳ס הינער־אויגען. דערפאַר קען א שטיין קיין מאָל נישט באווירקט ווערען פלוצלינג דורך אַן אידייע. און כמעט אזוי קען עס נישט א בעל־חי, און אפילו א מענש וואָס קען דענקען נאָר ער דענקט נישט צוליב פאַרשיידענע אורזאכען. 1) צו ווייל ער געפינט זיך נאָך אין א שטופע צו האַנדלען לויט דעם דירעקטען באַפעל פון זיינע ליידענשאַפטען, 2) צו ווייל ער איז צופיל איינגעגלויבט אין זיך און ער דענקט, אז זיינער א וואונש אָדער זיינע אַן אידייע מוז שוין זיין גוט און עס איז דערפאַר ניטאָ וועגען וואָס איבערצוקלערען, 3) צו ווייל ער האַלט פון זיך פאַרקערט, צו ווייניג און ער גלויבט, אז איבערדענקען וועט אַלץ איינס ניט העלפען אויסבעסערען זיין וואונש אָדער זיין אידייע.

פון דעם פאָלגט, אז דער ניט גלויבען אין פרייהייט איז טאַקע גופא א שטער צו פרייהייט. געפינט מען זיך אין א צושטאַנד פון פוילקייט, אָדער איז מען באַהערשט פון שלעכטע ליידענשאַפטען, קען מען עס בייקומען נאָר ווען מען גלויבט, אז מען איז פריי עס בייצוקומען. פאַרגלייכט זיך אימיצער מיט בורידאנס אייזעל, ווערט ער טאַקע אַן אייזעל, פאַרלירט ער בידים די ברכה פון פרייהייט, „אדם ביקר ולא יבין נמשל כבהמות נדמו״ (תהלים מ״ט).

ה.

איך זעה, אז איהר לאַנגווייליגט זיך שוין, איהר זייט שוין מיד פון בראַדזען מיט מיר כסדר אין די טונקעלע אַלייען פון פסיכאָלאָגיע און ספעקולאַטיווער פילאָזאָפיע. איהר וואָלט וועלען, אז איך זאָל אייך אַרויספירען אויף דער אויבערפלאַך פון דער נאַטור, אין די ליכטיגע געביטען פון דער וויסענשאַפט, אין כעמיע, אין פיזיקס, אין ביאָלאָגיע און דאָרט זאָל איך אייך באַווייזען דעם כח פון איינהייט און פאַרשיידענהייט, און ווי אזוי די קאָמבינאַציע פון די צוויי פירט צו פראָגרעס.

פרינציפּען

איהר ווייסט גאַנץ גוט. אַז איך בין ניט קיין וויסענשאַפטס מאַן, אַז איך קען מיט אייך וועגן די דאָזיגע געביטען ניט גערן, אַז איך מוז זיך דאָ האַלטען ביים סאַמע ברעג. איהר האַלט אָבער, אַז ווי באַלד איינהייט, פאַרשיידענהייט און פּראָגרעס זיינען אַלגעמיינע פּרינציפּען פון וועזען מוזען זיי הערשען איבעראַל וואו עס איז דאָ וועזען, און מוז מען זיי קענען באַמערקען פון ברעג אַזוי גוט ווי פון די טיפענישען פון וועזען.

איז בנוגע איינהייט, וואָלט איך געקענט לייכט אָפּ׳פּטר׳ען דעם ענין דורך אָפּשיקען אייך צו די פילאָזאָפיעס פון אַלע צייטען. איז דאָך צווישען די באַווייזען פאַר דער עקזיסטענץ פון אַן אַלמעכ־טיגען וועלט באַשעפער שטענדיג געווען פּראָמינענט דער פיזיאָ־טעאָלאָגישער באַווייז", וועלכער האָט זיך געשטיצט אויף דער אָרד־נונג און צוזאַמענאַרבעט וואָס מיר באַגעגענען אין דער נאַטור איבע־ראַל: אין קאָסמאָס, אויף אונזער ערד קוגעל און אין אונזערע אייגענע קערפּערס. און אָרדנונג און צוזאַמענאַרבעט, ווייסט איהר דאָך שוין אַז זיי זיינען פאָרמען פון איינהייט.

איהר וועט אָבער קעגען דעם פּראָטעסטירען: איהר וועט זאָגען, אַז דער דאָזיגער באַווייז איז שוין אָביסעל פאַרעלטערט, אַז היינט האָבען די וויסענשאַפטען אין דער נאַטור גופא אויסגעפונען אורזאַכען פאַר דער דאָזיגער אָרדנונג און צוזאַמענאַרבעט, און אַנ־שטאָט די איינהייט זאָל זיין אַ פּרינציפּ איז זי גאָר אַ רעזולטאַט — אַ רעזולטאַט פון דעם צוזאַמענשטוים פון פאַרשיידענע כוחות אין דער נאַטור.

וועל איך זיך איצט מיט אייך ניט אַריינלאָזען אין קיין דיסקו־סיעס, ווי וויט די וויסענשאַפטען איז ווירקליך געלונגען זיך אונטער־צוגראָבען אונטער די סאַמע וואָרצלען פון אָרדנונג און צוזאַמענ־אַרבעט. איין זאַך איז אָבער קלאָר, אַז גראָבענדיג האָבען די דאָזיגע וויסענשאַפטען אויפגעדעקט פרישע וואָרצלען פון איינהייט, וואָרצ־לען וועלכע שיינען צו ציהען זייער יניקה דירעקט פון וועזען.

נעמט אַזאַ טיף־גראָבענדע וויסענשאַפט ווי כעמיע. האָט זי באַוויזען צו צופּיצלען דער מאַטעריע אויף אומבאַגרייפבאַרע פּיצאַ־לאַך, ביז זי איז צוגעקומען צו בלויז דריי מינים: עלעקטראָנס, פּאָזי־טראָנס און נוטראָנס. זיינען ווייניגסטענס די דאָזיגע דריי מינים פאַר־שיידען טאַקע אין זייער עצם קוואַליטעט אָדער נאָר אין זייער עלעק־טרישער באַלאָדונג? עפּעס האָב איך נאָך וועגען דעם קיין קלאָרע תשובה ניט באַקומען. וואָס שווייגט איהר? איהר ווייסט אויך ניט? נאָר מילא, ווי עס זאָל ניט זיין, האָט איהר דאָ גלייכאַרטיגקייט און פאַרשיידענאַרטיגקייט, איז לאָמיר זיי באַטראַכטען ביי דער אַרבעט.

פרינציפען

די דאָזיגע דריי מינים, דערצעהלט אונז ווייטער די דאָזיגע וויסענשאַפט, זיינען נישט גלייכגילטיג איינע צו די אַנדערע, זיי קו־מען זיך צוזאַמען און זיי שטעלען זיך אויס לויט אַ באַשטימטער אָרד־נונג: אַ נוקלעאוס פון נוטראנס און פּאָזיטראנס אין מיטען, אַרומ־גערינגעלט פון אַ צאָהל עלעקטראנס, פונקט גלייך צו דער צאָהל פּאָזיטראנס אין נוקלעאוס, און אַזוי בילדען זיך קערפּערליכע אוניטס וועלכע מיר רופען אַטאָמען.

דאָ האָט איהר שוין אַלזאָ פאַרטראַטען אַלע פאָרמען פון איינ־הייט און פאַרשיידענהייט (אויסער די וואָס האָבען צו טאָהן מיט באַוואוסטזיין). דאָ האָט איהר גלייכע אַטאָמען און פאַרשיידענע אַטאָמען. און אין יעדען אַטאָם באַזונדער האָט איהר אַלע פאָרמען פון קאָמבינאַציע און אָפּגעזונדערקייט: איהר זעהט ווי עס זאַמלען זיך עלעקטראנס צוזאַמען און פּאָזיטראנס צוזאַמען, כאָטש אין גאַנצען צוזאַמען מישען זיי זיך קיין מאָל נישט צונויף — דאָ האָט איהר אַלזאָ קאָמפּאַניע און באַזונדערקייט. און איהר זעהט ווי אין אַטאָם בינ־דען זיך צוזאַמען דוקא אינדיווידומס מיט פאַרשיידענע ספּעציאַלי־טעטען. קיין אַטאָם פון בלויז עלעקטראנס אָדער פּאָזיטראנס געפינט איהר נישט. און איהר זעהט ווי זיי שטעלען זיך דאָרט אויס אין אַ באַשטימטער אָרדנונג (קיין רעפאָרם קענט איהר דאָ בשעת מעשה נישט האָבען ווייל רעפאָרם איז דאָך אויך אָרדנונג). און עס פאַר־שטעהט זיך, אַז איהר זעהט דאָרט צוזאַמענבונד און פונאַנדערטיי־לונג אין שטח, און ממילא האָט איהר דאָרט אויך דעם אוניט און פילהייט.

נאָר באַזונדער איז ווערט צו דערמאָנען אַן אַנדער פאַל פון קאָמבינאַציע צווישען איינהייט און פאַרשיידענהייט. די אַטאָמען טוהען זיך אונטערשיידען כעמיש לויט זייער צאָהל עלעקטראנס — איז פלאי פלאים! מען ווייסט שוין פון אַרום ניינציג פאַרשיידענע אטאמען, שטעלט מען זיי אויס איינע אונטער די אַנדערע אין אַ שורה, וועלכע לייענט זיך כמעט כסדר פון איינס און ווייטער, וואו יעדער אַטאָם ענטהאַלט פונקט מיט איין עלעקטראָן מעהר ווי זיין שכן איבער איהם. באַווייזט אייך דאָ ניט די נאַטור אַ וואונדערליכע היראַרכי, אַ וואונדערליכען מוסטער, ווי אַזוי פאַרשיידענהייטען דאַר־פען זיך צוזאַמענבינדען אין אַן איינהייט און די איינהייט דאַרף באַ־שטעהן פון פאַרשיידענהייטען? אָבער דאָס איז נישט אַלץ. לאָמיר באַטראַכטען די אַטאָמען ווייטער ביי דער אַרבעט.

די עלעקטראנס אין אַטאָם טוהען נישט גלאַט אַזוי אַרומרינג־לען דעם נוקלעאוס, נאָר זיי בילדען אַרום איהם באַשטימטע רונגען. און יעדער רונג האָט זיך זיין באַשטימטע צאָהל עלעקטראַנס, דורך

וועלכע ער ווערט אויסגעפילט. ווען דער ערשטער רונג ווערט אויסגעפילט אין זיין קאַפּאַציטעט, בילדען די איבעריגע עלעקטראָנס אַרום איהם אַ צווייטען רונג, און ווען דער צווייטער רונג ווערט אויסגעפילט בילדעט זיך אַרום איהם אַ דריטער רונג און אַזוי כסדר. בלייבט אַ רונג נישט אויסגעפילט אין זיין קאַפּאַציטעט איז דער אַטאָם כעמיש אַקטיוו. עפּעס איז ער נישט מיט אַלעמען, עס פעלט איהם קאַמפּאַניע, האַלט ער זיך צוזאַמען מיט אַטאָמען פון זיין מין, זוכט ער, אויב מעגליך, זיך צו פאַרבינדען אין אַן אָרגאַניזאַציע מיט אַן אַטאָם פון אַ מין מיט וועלכען ער קען זיך ערגענצען.

און אין דער דאָזיגער כעמישער חתונה האָט איהר ווידער פאַרטראָטען אַלע פאָרמען פון איינהייט און פאַרשיידענהייט: איהר האָט דאָ גלייכהייט צווישען די פאַרשיידענע מאָלעקולס (אוואָגאַדראָ'ס געזעץ), אַז אַלע מאָלעקולס פאַרנעמען דעם זעלבען שטח) און איהר האָט דאָ קאַמפּאַניע צווישען די עלעקטראָנס און באַזונדערקייט צווישען די אַטאָמען. און אָרגאַניזאַציע און ספּעציאַליטעט זייענען דאָך דאָ, ווי אויף יעדער חתונה, די הויפּט מחותנים. און אודאי האָט איהר אויך אַ באַשטימטע אָרדנונג ביים אויסשטעלען זיך פון די אַטאָמען אין מאָלעקול. און אודאי האָט איהר דאָ אויך צוזאַמענבונד און פונאַנדערטיילונג אין שטח און אין באַגריף.

נאָר דאָס אינטערעסאַנטסטע אין דעם איז, וואָס דאָ מערקט איהר ממש בחוש דעם ענגען שייכות צווישען איינהייט און ווזען. איהר זעהט דאָ ווי איינהייט פאַרבייט ענערגיע און ענערגיע איינהייט. אודאי שטויסט איהר זיך שוין אָן, אַז דאָ מיין איך „די היץ פון פאָרמאַציע״, די צעהנער און הונדערטער טויזענטער קאַלאָריס וואָס ווערען באַפרייט ווען אַטאָמען פאַראייניגען זיך אין מאָלעקול. 1) וואָס קוקט איהר מיר אַזוי אָן? האָבען מיר דאָך שוין דאָ גערעדט וועגען דעם פאַקט פון אַ פאַרגרעסערטער מאָס ענערגיע, ווען יחידים פאַראייניגען זיך אין אַ קאָמפּאַניע אָדער נאָך מעהר אין אַן אָרגאַניזאַציע. איהר האָט עס דאַן, ווייזט אויס, אָנגענומען אַלס בלויז אַ פּסיכאָלאָגישע ערשיינונג.

אויב איהר זייט גרייט צו לערנען פון דער אויפפירונג פון אַטאָם קענט איהר קומען צו נאָך אַ וויכטיגער מסקנא: איהר געדענקט דאָך ווי מאַנכע פּעסימיסטען האָבען אונז געזוכט איינצורעדען, אַז ווילען שטעלט מיט זיך פאָר דעם וועזען אָן און פאַר זיך, און דער אָביעקט פון ווילען איז בלויז אַ פענאָמען, עפּעס דורך וואָס

1) נאַטירליך, ווען די פאַרבינדונג איז אַן אַרויפגעצוואונגענע, אַיינגעהאַלטען דורך ענערגיע, קען קיין היץ ניט באַפרייט ווערען. אפשר קענען מיר פונדאַנעט אויך לערנען וועגען דער ווירקזאַמקייט פון אַ דיקטאַטור.

פרינציפּען

ווילען קומט צום אויסדרוק. די אופּפירונג פון אַטאָם לערענט אונז אָבער, אַז די אורזאַך פון ווילען ליגט גראַד אין אָביעקט, אין דעם וואָס דער סוביעקט נויטיגט זיך אין אָביעקט, דורך איהם זיך צו דערגענצען. אַ ראיה האָט איהר, אַטאָמען וואָס נויטיגען זיך ניט אין קיין דערגענצונג — אַטאָמען פון העליום, אַרגאָן און די אַנדערע עלעמענטען, וואָס באַזיצען סיי עלעקטרישען גלייכגעוויכט און סיי רונגען פולקייט — זיינען טאַקע אַבסאָלוט אָהן אַ ווילען, אַבסאָלוט אינערט.

און אַזוי געהט אָן דער פּראָצעס פון איינהייט און פאַרשיידענהייט כסדר. פריהער ספּעציאַליזירט מען זיך דורך פאַרשיידענהייט אין דער עלעקטרישער באַלאַדונג. דורך פּאָזיטיוויטעט און נעגאַטיוויטעט, און דערנאָך זוכט מען זיך צוזאַמענקומען אין אַן אָרגאַניזאַציע. און אַזוי געהט אָן דער וועג פון פּראָגרעס. אַזוי ווערען געבילדעט אַלץ קאָמפּליצירטערע און אַלץ גרעסערע וועזענס. אַזוי ווערען געבילדעט אַלע מינים קריסטאַלס, גלייכאַרטיג אין פאָרמע אָבער פאַרשיידענאַרטיג אין אייגענשאַפט, אַניסאָטראָפּיש. און אַזוי ווערען געבילדעט פּלאַנעטען און אַסטערס. יעדער אוניט האַלט זיינע טיילען אי צוזאַמענגעבונדען אי פונאַנדערגעטיילט דורך עפּעס אַ שטח אינצווישען. עס זעהט אויס, ווי יעדער אוניט וואָלט געזאָגט צו זיינע טיילען: קינדערלאַך, אודאי דאַרף יעדער איינער פון אייך אָנהאַלטען זיין אינדיווידואַליזם, זיין ספּעציאַליטעט, זיין עגאָאיזם, זיין יש, איהר דאַרפט אָבער אויך פיל וויניג זיין צוגעבונדען צו מיר און צוזאַמענגעבונדען צווישען זיך. אויך זעהט עס אויס, ווי די מעהר ענערגישע טיילען, די וואַרעמערע, די פייערדיגערע, ערלויבט מען צו זיין מעהר אינדיווידואַליסטיש, לאָזט מען פרייער אַרומלויפען, און די שוואַכערע, די קעלטערע, מוזען זיך מעהר טוליען צום שוים פון דער מוטער, און מוזען זיך מעהר צוזאַמענדריקען צווישען זיך, מוזען מעהר ווערען בעאיינפלוסט איינע פון די אַנדערע. און דאָ קענט איהר זיך ניט העלפען, אַז עס זאָל אייך ניט אַרופקומען אויפן געדאַנק דאָס וואָס מיר האָבען גערעדט בנוגע ספּעציאַליטעט ביי מענשען.

ווען איהר געהט אַריבער אין דער אָרגאַנישער וועלט טרעפט איהר זיך ווידער מיט אַ העכערען שטאַק איינהייט און פאַרשיידענהייט. איהר געדענקט דאָך אודאי ווי אין אָנפאַנג פון אונזער שמועס האָבען מיר גערעדט וועגען דער אומבאַהאַלפענקייט פון די וויסענשאַפטען ווען עס האַנדעלט זיך וועגען אַ דעפיניציע פון לעבען. מען מוז אָבער צוגעבען, אַז אין דעם דאָזיגען פּרט האָבען אונז די פילאָזאָפען אויך וויניג אַרויסגעהאָלפען. דאָ האָבען זיך אויך די פילאָ-

פראַגרעס

זאָפען באַנוצט מיט דער וויסענשאַפטליכער מעטאָדע פון אויסרעכע־נען די טעטיגקייטען פון לעבען: עס איז דאָ אַ נשמה פון אַ צומח, פון אַ בעל־חי און פון אַ מדבר; און אין דער מענשליכער נשמה, פאַרשטעהט זיך, געפינען זיך איינגעשלאָסען די דאָזיגע אַלע דריי נשמות מיט זייערע טעטיגקייטען. אויסצורעכענען די דאָזיגע טעטיג־קייטען איז דאָ נישט נויטיג, ווייל איהר ווייסט זיי צו גוט. וואָס איז אָבער דער עצם פון דער נשמה? עס איז אַ צאָהל, אַ ריינע פאָרמע, געבילדעט פון זעלבען און פאַרשיידענעם, און נאָך אַזוינע אומבאַ־שטימטע טערמינען און סימבאָלען, וועלכע האָבען אונז די זאַך נים פיל קלערער געמאַכט — כאָטש ווען מיר באַקענען זיך מיט דער דעפיניציע פון לעבען זעהען מיר איין, אַז דאָס זיינען נישט געווען גלאַט קיין פוסטע פראַזען.

דאָס איז בנוגע די פילאָזאָפען אַמאָל. אין דער לעצטער צייט האָבען שוין מאַנכע פילאָזאָפען געפּרובירט געבען אַ קלערערע דעפי־ניציע פון לעבען, אָבער עפּעס האָבען זיי אין דעם צו פיל נים מצליח געווען. אין פערטען קאַפּיטעל פון זיינע „פרינציפּען פון ביאָלאָגיע", ברענגט הערבערט ספּענסער עטליכע אַזוינע דעפיניציעס (פון שעלינג, פון ריטשערדזאָנד און אַנדערע), וועלכע ער וואַרפט אָפּ אַלס נישט קיין גענויע. ער לייגט דאַן פאָר זיין אייגענע דעפיניציע, וועלכע ער באַמיהט זיך אויסצואַרבעטען זעהר פאָרזיכ־טיג. זאַמלענדיג כאַראַקטעריסטיקס פון לעבען, פאַרגלייכענדיג זיי מיט עהנליכע כאַראַקטעריסטיקס אין דעם נים־לעבעדיגען שטאָף, און לייטערענדיג זיי סלת מן הסלת, קומט ער ענדליך צו אַ דעפיניציע וועלכע לייענט זיך אַזוי: לעבען איז, „אַן אומאויפהערליכער צופּאַ־סען־זיך פון אינערליכע פאַרהעלטענישען צו אויסערליכע פאַרהעל־טענישען". די דאָזיגע דעפיניציע איז אפשר אויך נישט אין גאַנצען גענוי, אפשר דעקט זי נים מאַנכע צושטאַנדען, וואו עס איז ניטאָ אַזאַ צופּאַסען־זיך — צושטאַנדען, למשל, וואָס מיר רופען אַנאַ־ביאָסיס, וואו אַ לעבעדיגער קערפּער טהוט אויף אַ צייט אויפהערען צו רעאַגירען צו די אויסערליכע אומשטענדען און אַלע ענדערונגען בכלל זיינען אין איהם אָפּגעשטעלט; אָבער געהענדיג גענויער פון די אַנ־דערע דעפיניציעס, גלויבט ספּענסער, אַז ער איז מיט איהר צוגע־קומען גאַנץ „נאָהנט צו אַ באַגריף פון לעבען".

מילא, וואָלט די דאָזיגע דעפיניציע געהאַט אויף זיך בלויז די פּגימה פון אַ קליינער אומגענויאיגקייט, וואָלטען מיר איהר מחמת דעם געווים נישט גע'פסל'ט. נאָך אַלעמען, קענען מיר זיך אויף אונ־זערע ערפאַרונגען אַזוי ווייט נים פאַרלאָזען, צו וויסען אויב אַ דעפי־ניציע פון לעבען איז אויסגעהאַלטען אָדער נים אויסגעהאַלטען, אין

פרינציפען

קליינינגקייטען. די צרה איז אָבער, וואָס די דאָזיגע דעפיניציע איז בעצם אַ פסול'ע, און אפילו זי זאָל דעקען דעם גאַנצען פעלד פון לעבען וואָלט מען אויך מיט איהר ניט געקענט צוקומען נאָהנט צו אַ באַגריף פון לעבען.

דער חסרון מיט דער דאָזיגער דעפיניציע איז דער זעלבער וואָס מיט די אַנדערע דעפיניציעס וואָס מיר האָבען דאָ דערמאָנט, אויך זי גיט אָן די טעטיגקייטען פון לעבען אַנשטאָט דעם וועזען פון לעבען. וואָס זיינען די „אינערליכע פאַרהעלטענישען" דורך וועלכע אַ לעבעדיגער וועזען „טהוט זיך צופּאַסען צו די אויסערליכע פאַרהעל־טענישען"? דאָס זיינען אונזערע אַלטע באַקאַנטע לעבענס טעטיג־קייטען: סענסיוויטעט, רעאַקטיוויטעט, באַוועגונג אא"וו. די זעלבע טעטיגקייטען, אופגענומען צוזאַמען, זיינען דאָ דערלאַנגט געוואָרען אויף אַ טעלערעל ווי איין געריכט. אָבער די דאָזיגע טהעטיגקייטען שטעלען דאָך נאָר פאָר דאָס וואָס לעבען טהוט, אָבער ניט דאָס וואָס עס איז; זיי זיינען אַקטיוויטעטען וואָס פאָלגען פון פרינציפּ פון לע־בען, אָבער נישט דער פרינציפּ פון לעבען זעלבסט.

שטעלט אייך פאָר, ווי וואָלט איהר, אַלס וויסענשאַפטסמאַן, געגליכען, ווען מען נעמט אַריין אין דער דעפיניציע פון ברענען די פונקציע פון קאָכען אָדער די אַקטיוויטעט פון אָפּבריהען זיך? און ווי וואָלט איהר נאָך מעהר געגליכען, ווען מען טהוט דורך די דאָזיגע אַקטיוויטעטען אין גאַנצען אופבילדען די דעפיניציע פון ברענען? מיינט איהר ווידער, מיט אייערע „אינערליכע פאַרהעלטענישען", דאָס פון וואָס די לעבענס אַקטיוויטעטען פאָלגען, דעם טוהער פון די לעבענס טעטיגקייטען (כאָטש איהר זאָגט בפירוש אַז איהר מיינט עס נישט), דאַן איז אייער דעפיניציע אין גאַנצען אינהאַלטסלאָז, וואָרעם אין דעם דאָזיגען פאַל, וואָלט איהר דאָך קודם באַדאַרפט אויפ־קלערען די נאַטור פון דעם דאָזיגען טוהער פון די לעבענס טעטיג־קייטען. אויפקלערונג איז דאָך אייגענטליך דער זין פון יעדער דע־פיניציע. דער נאָמען „אינערליכע פאַרהעלטענישען", זאָגט אָבער נישט מעהר ווי דער נאָמען נשמה.

בכלל איז אייער וויסענשאַפטליכע מעטאָדע דאָ אין גאַנצען נישט צוגעפּאַסט. בלויז מיט זאַמלען כאַראַקטעריסטיקס פון לעבען קענט איהר קיין מאָל ניט צוקומען גאַנץ „נאָהנט צו אַ באַגריף פון לעבען". איהר געדענקט דאָך אודאי וואָס מיר האָבען דאָ גערעדט אין אָנפאַנג פון אונזער שמועס, אַז ווען דער וועזענטליכערטייל פון אַ זאַך שטעלט מיט זיך נישט פאָר קיין קאָנקרעטע ערשיינונג קענט איהר איהם מיט קיין וויסענשאַפטליכער מעטאָדע ניט דערקענען. גוט, איהר בעאָבאַכטעט די ערשיינונגען וועלכע געהערען אַלע צום

צופעליגען טייל — וואָס איז אָבער די פּעולה, אַז דער וועזענטליכער טייל איז אין גאַנצען אָנדערש פון צופעליגען טייל.

שטעלט אייך פאָר, איינער אויף אַן אינזעל, וואָס ווייס גאָר ניט פון שריפט, און האָט אודאי ניט געהערט וועגען אַזאַ זאַך ווי אַ בריף, וועט זיך נעמען אונטערזוכען דעם וועזען פון בריף. אַ קעסטעל בריף איז גראד פאַרוואָרפען געוואָרען אויף זיין אינזעל. וואָס קען ער טאָהן? זאַמלען און פאַרגלייכען כאַראַקטעריסטיקס: ער וועט מעסטען די פּאַפּיר, די ראַנדען, די בלאַנקען צווישען די שורות, צווישען די ווערטער און צווישען די אותיות; ער וועט אויך גוט אַריינגעמען אין זינען די פאָרמען פון די פאַרשיידענע אותיות. און האָבענדיג פאַר זיך בריף פון פאַרשיידענעם פּאַפּיר, פאַרשיידענעם מאָס, פאַרשיידען געוויקעלט און געשריבען מיט פאַרשיידענעם טינט, וועט ער דאָס אַלץ פאַרגלייכען (ווייל מיר נעמען אָן אַז ער איז ווי־סענשאַפטליך געזאָנען) און ער וועט צום סוף קומען צו אַ דעפיניציע, וועלכע וועט זיך מן הסתם לייענען אַזוי: „אַ בריף איז אַן אומבאַ־שטימטע צאָהל עהנליכע און פאַרשיידענע צורה׳לאַך אויסגעשטעלט אין אַן אָרדנונג פון עפּעס אַ צוזאַמענהאַנג צווישען זיך״.

קען זיין, אַז אויף ווי וויט מען קען שטודירען דעם וועזען פון בריף דורך זיינע כאַראַקטעריסטיקס אויפן פּאַפּיר איז די דאָזיגע דעפיניציע כמעט ווי געגוי — צום אמת׳ען באַגריף פון אַ בריף (ווי אַ באַשטימטער אופן פון מיטטיילען אַ ידיעה) קען אָבער דער מענש מיט דער דאָזיגער דעפיניציע זיך בשום אופן נישט דערנענטערען. פאַר דעם פאָדערט זיך אַחוץ וויסענשאַפט אויך פילאָזאָפיע. כדי פון זיך אַליין צו דערגעהן דעם אמת׳ען וועזען פון בריף מוז ער שטו־דירען די היסטאָריע פון בריף, מוז ער זיך באַקענען מיט דעם גאַנג פון געשעהענישען וועלכע האָבען דעם בריף געבאָרען. דאַן מוז ער באַזיצען אַ טיפערע דערקענטעניש פון זאַכען, מיט וועלכער ער זאָל אַדורכדרינגען צו די טיפערע שיכטען פון בריף, צו דערקענען דאָרט עפּעס וואָס זעהט זיך ניט אויבענאויף. זעהט איהר, ווען ער ווייס אַז פאָטער און זוהן פלעגען שטענדיג קומען אין קאָנטאַקט דורך געוויסע סימנים, און אַז איצט זיינען זיי צושיידט אַזוי, אַז זיי קענען זיך מיט די דאָזיגע סימנים מעהר ניט באַנוצען, און באַזיצענדיג אויסער דעם אַ טיפערער דערקענטעניש פון זאַכען, קען איהם גאַנץ גוט איינפאַלען, אַז די צורה׳לאַך און בריף שטעלען מיט זיך פאָר אַזוינע סימנים — און אַזוי קען ער באַקומען אַן אמת׳ען באַגריף פון וועזען פון בריף.

אָנווענדענדיג די זעלבע מעטאָדע קענט איהר אויך צוקומען „נאָהנט צו אַ באַגריף פון לעבען״. זאַמלען און פאַרגלייכען אויס־

פרינציפען

דרוקען פון לעבען איז געוויס א זאך; אזוי געפינט מען אוים ווי אזוי לעבען וויקעלט זיך אוים. דערגעהן די כעמישע פארמולע פון דער ארגאנישער שטאף איז אויך געוויס א זאך; אזוי געפינט מען אוים די באדינגונגען פאר דער אויסוויקלונג פון לעבען. אבער דאס אלץ איז נישט גענוג פאר א דערקענטעניש פון עצם וועזען פון לעבען. פון דאס וואס וויקעלט זיך אוים אונטער גינסטיגע באדינגונגען. כדי צו דערגעהן דעם דאזיגען סוד מוזט איהר זיך באקענען מיט דעם וואס געהט אן ארום לעבען, אין דער אומארגאנישער שטאף — נישט דוקא מיט דעם צוזאמענשטעל פון עלעמענטען אין דער דאזיגער שטאף, נאר מיט דעם כח וואס האט דארט די עלעמענטען צוזאמענ־געטריבען — איהר מוזט זיך באקענען מיט דער עוואלוציע פון איינ־הייט און פארשיידענהייט, מיט זייער כסדר'דיגען וואקסען א שטאק איבער א שטאק. דאן וועט אייך איינפאלען, אז לעבען איז אפשר א פארטזעצונג פון דער דאזיגער עוואלוציע, אן המשך פון דעם דאזיגען פראגרעס אין כמות און אין איכות.

איהר וועט דאן צוגעהן צו דער רעטעניש פון לעבען מיט א שליסעל. איהר וועט דאן מעהר נים באטראכטען לעבען ווי א ממזר, געבארען דורך א צופאל, אדער פארשלעפט אויף אונזער ערד פון ערגעץ אנדערש, און וועמענס וועזען מען קען דערפאר אנדערש נישט אויסמאכען ווי דורך צוזאמענלאטען שטיקלאך און ברעקלאך פון זיינע אויסדרוקען. אויך די עוואלוציע פון לעבען וועט מעהר דורך אייך נישט באטראכט ווערען ווי א קייט פון ספארטס, פון בלינדע צופאלען. אלץ וועט דאן טראגען אויף זיך דעם כאראקטער פון עכ־טען וועזען, וועט האבען אויף זיך דעם שטעמפעל פון פראגרעס, אוועקגעלייגט דורך איינהייט און פארשיידענהייט.

נעמט די פרימיטיווסטע לעבעדיגע צעל, די אלגא (דער פונ־גוס און דער פראטזאער מוזען דאך שוין האבען ארגאנישע שטאף אויף וואס זיך צו שפייזען). האט איהר דא ערשטענס א צו־וואוקס פון איינהייט און פארשיידענהייט אין כמות, אן איבער'חזר'ונג פון אלע זייערע פארמען. איהר האט דא א צוזאמענקונפט פון גלייכע און פארשיידענע פראטא־פלאזמען, אויסגעשטעלט אין א באשטימטער ארדנונג — א נוקלעאוס געוויינליך אין מיטען, ארומגערינגעלט דורך א קאמפאניע סיטאפלאזמען, וועלכע זיינען פון זייער זייט ווי־דער ארומגערינגעלט דורך א שוץ־וואנד פון א צעל־מעמבראן. אבער אויסער דעם צו־וואוקס אין כמות האט איהר דא אויך אן איכות'דיגען צו־וואוקס פון איינהייט און פארשיידענהייט, זייער קוואליטעט איז דא אויך פארשטארקט געווארען — די איינהייט איז געווארען מעהר

איינהייטליך און די פאַרשיידענהייט איז געוואָרען מעהר פאַרשיי־דענהייטליך.

אין דער אָרגאַניזאַציע פון דעם אומאָרגאַנישען שטאָף האָט זיך יעדער מיטגליד צוזאַמענגעהאַלטען נאָר מיט זיינע דירעקטע שכנים; דער צוזאַמענבונד פון דאָס גאַנצע איז דאָרט באמת געווען אַ סך־הכל פון מערערע באַזונדערע צוזאַמענבונדען, און די איינהייט איז דערפאַר דאָרט געווען נישט אַזוי פאַלשטענדיג. אין דער אָרגאַניזאַ־ציע פון דער לעבעדיגער צעל, דאַגעגען, איז יעדער מיטגליד פאַר־בונדען מיט אַלע אַנדערע מיטגלידער; דאָ איז אויך דאָ אַ צוזאַמענ־אַרבעט, בעת דאָרט איז בלויז געווען אַ צוזאַמענהאַלטען אָדער אַ צוזאַמענזיין. און דאָס זעלבע איז מיט פאַרשיידענהייט. דאָרט איז די פאַרשיידענהייט באַשטאַנען פון בלויז צוויי מינים, פּאָזיטיוו און נעגאַטיוו; דאָ באַשטעהט זי פון מערערע מינים. דאָרט איז זי געווען בלויז אַ פאַרשיידענהייט פון זיין, דאָ איז זי אויך אַ פאַרשיידענהייט פון אַרבעט.

דער סטאַנדאַרד פון איינהייט און פאַרשיידענהייט האָט זיך דאָ אַלזאָ מיט אַמאָל זעהר שטאַרק אַ הויב געטאָהן, און אַלע פאָרמען פון איינהייט און פאַרשיידענהייט האָבען דאָ נאַטירליך אָפּגעלעקט אַ ביינדעל. גלייכאַרטיגקייט און פאַרשיידענאַרטיגקייט, קאָמפּאַניע און באַזונדערקייט שפּרייטען גלייך אוים זייערע פליגעל אויך אויף דער אַרבעט: האָט איהר פּראָטאָפּלאַזמען וואָס טוהען די זעלבע אַר־בעט און פאַרשיידענע אַרבעט. ווערט די זעלבע אַרבעט געטאָהן דורך מערערע פּראָטאָפּלאַזמען אין קאָמפּאַניע, נאָר פונדעסטוועגען זוכט יעדער איינער פאַר זיך צו טאָהן זיין אַרבעט בשלימות (דאָ איז שוין עפּעס אַ פאָרמע פון אויסצייכענונג). אָרגאַניזאַציע און ספּעציאַלי־טעט, געגענזייטיגע אָפּהענגיגקייט און צוטיילונג פון אַרבעט, זיינען דאָך דאָ, ווי אומעטום, די הויפּט מחותנים. אָרדנונג קריגט דאָ אויך אַ גאַנץ פיינעם חלק. דוכט זיך, אַז עס קען גאָר ניט זיין קיין בעסערע אָרדנונג ווי אין דער צעל, וואו יעדער מיטגלידער טהוט זיך זיין באַשטימטע אַרבעט אונטער דער פּערפעקטער פירערשאַפט פון נוקלעאוס. צוזאַמענבונד און פונאַנדערטיילונג ווערען דאָ ממש נתעשר; זיי קריגען דאָ צו אַ גאַנץ נייע ממשלה — צוזאַמענבונד און פונאַנדערטיילונג אין צייט. די אָרגאַניזאַציע פון דער לעבעדיגער צעל קען זיך שוין נישט באַגעהן אָהן צוזאַמענבונד אין צייט, אָהן דויערונג און אָהן אידענטיטעט. אַלץ אין דער דאָזיגער אָרגאַניזאַציע פאָדערט עס: די אָנפירערשאַפט פון נוקלעאוס, דער געגענזייטיגער ערגענצען־זיך פון דער צוזאַמענאַרבעט, און אפילו דער בלויזער קאָנ־טאַקט צווישען די ניט־שכנישע מיטגלידער אין דער צעל.

פרינציפען

נעמט די אַנפירערשאַפט פון נוקלעאוס — ווייסט איהר גאַנץ גוט אַז אַנפירערשאַפט פאַדערט אַן עקזיסטענץ פון דער זעלבער פּער־זאָן ווייניגסטענס אין צוויי מאָמענטען, אין אַ מאָמענט פון אַנפירען און אַ מאָמענט פון אויספירען. ווען איהר הייסט אימיצען עפּעס טאָהן מוזט איהר אויפנעמען יענעמס עקזיסטענץ סיי ביים הייסען און סיי ביים טאָן. אַזוי מוז אויך אויפגענומען ווערען דויערונג און אידענטיטעט מיט דער מעגליכקייט פון אַרבעטען פאַר יענעם — יענעמס עקזיסטענץ מוז אופגענומען ווערען ביי דער אַרבעט און נאָך דער אַרבעט. דער קאָנטאַקט צווישען ניט־שכנים קען ווידער פאַר־קומען נאָר אומדירעקט, איבערגעטראָגען דורך עפּעס אַ פאַרמיט־לונג; און דאָס מיינט ווידער אַ קאָנטאַקט ניט מיט יענעם נאָר פאַר יענעם, און עס פאַדערט יענעמס עקזיסטענץ ביים קאָנטאַקט און נאָכן קאָנטאַקט.

דער צוזאַמענבונד פון אידענטיטעט האָט ווידער געמוזט באַ־לאַנסירט ווערען דורך אַ פונאַנדערטיילונג. דאָס האָט דאָך געמוזט זיין די פאָדערונג פון פּראָגרעס, וועלכעס דערלאָזט ניט כולו איינ־הייט. און אַן אידענטיטעט פון פונאַנדערגעטיילטע איז ווידער דער וועזען פון פאַרטזעצונג. און פון דער צוטיילונג פון דער צעל געווינט ווידער סיי די פילהייט און סיי דער אוניט, ווייל די צוטיילטע ווערען באַגריפען ווי איין פאַמיליע. אַזוי זעהט איהר, ווי פון דעם איינציגען וואקס וואָס איינהייט און פאַרשיידענהייט האָבען געטאָהן אין איכות איז אַרויסגעקומען די לעבעדיגע צעל באַוואָפענט מיט אַלע איהרע כלי־זיין. ווען מיר קוקען איהר יעצט אַן אַזוי ווי זי איז, און מיר פאַרגלייכען איהר צום קריסטאַל, קענען מיר בשום אופן נישט גלוי־בען אַז די צוויי זיינען לייבליכע ברודער און שוועסטער, אַז איין טאַטע־מאַמע האָט זיי ביידען געהאַט, מיר וואונדערען זיך דעריבער — זעהט, וואָס טהוט צי דאָ אין אונזער פאַמיליע?

וואָס האָט איהר זיך פלוצלינג אַזוי ברייט צושמייכעלט? וואָס, איהר זאָגט, אַז מיינע לעצטע ווערטער דערמאָנען אייך אָן אייערע אַלע פריינד: דעם מאַטעריאַליזם, דעם הילאָזאאיזם, 1) דעם פאַנ־טעאיזם?

1) הילאָזאאיזם ווערט געוויינליך אַריינגענומען אין כלל פון מאַטעריאַליזם; עס הייסט „דער נאַאיווער מאַטעריאַליזם". ער איז אָבער פיעל פשוט'ער ווי דער אויפגע־קלערטער מאַטעריאַליזם. די היפּאָטעזע, אַז אַלץ לעבט, נעמט אַרונטער פיל קשיות, וועלכע קענען נישט פאַרענטפערט ווערען אונטער דער היפּאָטעזע, אַז עס איז דאָ בלויז שטאָף און באַוועגונג. הילאָזאאיזם אונטערשיידעט זיך ווידער פון פאַנטעאיזם מיט דעם, וואָס עס נעמט אויף פאַרשיידענע לעבענס (וועמענס נאַטורען זיינען אין גאַנצען אָפּהענגיג אָן דער פאָרמע פון דער שטאָף אין וועלכע זיי געפינען זיך), בעת אין פאַנטעאיזם איז דאָ איין לעבען.

פראָגרעס

זאָג איך אייך אָבער, אַז איהר מאַכט, במחילה, אַ טעות. די פּרינציפּען וואָס מיר באַהאַנדלען דאָ אין אונזער שמועס געהערען נישט צום סוג פון די דאָזיגע איזמען.

דאָ איז נאַטירליך ניט דער פּלאַץ אַריינצוגעהן מיט אייך אין אַ ברייטערער דיסקוסיע איבער דער מהות פון יעדען פון די דאָזיגע דריי איזמען. עס זעהט אפילו ניט אויס, אַז מיר זאָלען זיך איצט קענען אויסלייגען מיט אַלע אונזערע פּרינציפּען. דאָ וועט אָבער זיין גענוג צו דערמאָנען אַ פּאָר כאַראַקטעריסטיקס, וועלכע מיר קע־נען שוין פאַרבינדען מיט אונזערע פּרינציפּען, און וועלכע אונטער־שיידען גאַנץ בולט דעם מהות פון אונזערע פּרינציפּען פון דעם מהות פון די אַנדערע דאָ.

נעמט די כאַראַקטעריסטיקס פון קאָלעקטיוויטעט. ביי אונז, האָט איהר געזעהן, איז קיין באַזונדער אויסלעבען־זיך פון אינדיווי־דומס כמעט ניטאָ. באַוואוסטזיניג אָדער אומבאַוואוסטזיניג זוכט יעדער יחיד זיך צו פאַרבינדען, זיך אויסצופילען און געפעלען ווערען דעם רבים (דער מתבודד טהוט זיך אָפּזונדערען פון דער געזעלשאַפט צוליב דעם וואָס ער ליידט אָדער פון ניט אויסנעמען ביי דער געזעל־שאַפט אָדער פון דער ווירקונג וואָס שלעכטס אין דער געזעלשאַפט מאַכט אויף איהם, דאָס מיינט אַז דער איינפלוס פון דער געזעלשאַפט ווירקט אויף איהם נאָך אפשר שטאַרקער ווי געוויינליך). אָן אויסנאָם זיינען נאָר די זעראָ־עלעמענטען, וועלכע מען דאַרף האָבען צום רו־מעל, צו דער אָרדנונג. דאָס האָט איהר נישט ביי אייערע דריי פריינד. ביי זיי שטעהט יעדער טיילכעלע וועזען גאַנץ פאַר זיך אַליין; אַלע זיינע חשבונות האָט ער נאָר מיט זיך. געוויס קען ער ווערען אַפעקטעט פון עפּעס אַנדערש, און געוויס וועט ער זיך אָפּ־רופען אויף דער דאָזיגער אַפעקציע, אָבער דאָס וועט ער טאָהן נאָר צו־ליב זיך, צוליב דעם וואָס ער איז אַפעקטעט געוואָרען. עפּעס אַנדערש געהט איהם גאָר ניט אָן. פּרוּווט איהם, אדרבה, צורוה לאָזען, שטויסט איהם ניט, ציהט איהם ניט, וועט ער בלייבען אינערט, וועט ער אָנהאַלטען פּונקט דעם זעלבען צושטאַנד אין וועלכען איהר האָט איהם געלאָזען — האָט ער גערוהט וועט ער אַזוי אייביג רוהען און האָט ער זיך באַוועגט וועט ער זיך אַזוי אייביג באַוועגען. איי, אויב אַזוי, וואָס איז גראַוויטעט? וואָס איז עלעקטריציטעט? וואָס איז דער כח פון כעמישע רעאַקציעס — אַ כח וועלכער „ברעכט טענענבוימער" וואָס שטעהען איהם אין וועג? דאָס איז אַ פּרשה וואָס ווערט באַהאַנדעלט גאַנץ באַזונדער, ווי מען וואָלט פון דעם גאָר ניט געקענט לערנען.

דאָס זעלבע איז מיט די מאַדוסען. דער מאַדוס איז פאַרנומען

נאר מיט זיך. ער האט אין זיך די עלעמענטען פון זיין אייגענער עקזיסטענץ, דערפאר האט ער אין זיך בלויז די אייגענשאפט און אידייע פון דערהאלטען זיין אייגענע עקזיסטענץ. זיינע חשבונות מיט אנדערע מאדוסען, זיינע באציהונגען בין מאדום לחבירו, זיינען אינגאנצען באזירט אויפן חשבון פון נוצען און שאדען צו דער אייגענער עקזיסטענץ. איז לאמיר אננעמען, אז דאס דעקט דעם וואונש פאר קאלעקטיוויזם. ווי אזוי אבער דעקט עס דעם וואונש פאר פראגרעס — פאר וואס איז דא אין יעדער מענשען א ווילען צו ווערען אלץ פאלשטענדיגער און פאלשטענדיגער? איז דען ניט דער פאלשטענדיגער מאדום אנדערש פון דעם אומפאלשטענדיגען? און איז דען ניט ממילא דער געבורט פון איינעם א טויט פארן אנדערען, און די עקזיסטענץ פון דעם איינעם א ניט-עקזיסטענץ פון דעם אנדערען? איז קומט דען נישט אויס, אז דורך דעם וואונש פאר פראגרעס ווינשען מיר גאר די אייגענע ניט-עקזיסטענץ? ניין, זאגט איהר. פאלשטענדיגקייט מיינט א שטארקערע עקזיסטענץ פון זעלבען מאדום, דער מאדום ווינשט, אז זיין עקזיסטענץ זאל זיין אזוי, אז זי זאל נישט ווערען לייכט אפעקטעט און באשעדיגט דורך עפעס אנדערש — דער קערפער זאל זיין שטארק פיזיש, דער גייסט זאל נישט נתפעל ווערען פון ליידענשאפטען אד"ג. גוט. איהר וועט דאך אבער נישט לייקענען, אז דער גרויסער קערפער איז נישט דער זעלבער מאדום וואס דער קליינער קערפער, ווארעם ווען אלע מאדוסען שטעלען מיט זיך פאר דעם זעלבען אטריבוט, שטח, קען דאך אן אונטערשייד צווישען מאדוסען נאר מיינען אן אונטערשייד אין שטח, און דער גרעסערער שטח אונטערשיידעט זיך דאך פון קלענערען שטח — טא פאר וואס וויל דער קליינער אויסוואקסען גרוים?

עס פארשטעהט זיך, אז דאס זיינען נישט די איינציגע חלוקים און די איינציגע טענות, אבער, ווי געזאגט, מיר קענען זיך דא אויף דעם צופיל ניט אפשטעלען. מיר מוזען זיך אומקערען צו אונזערע פרינציפען פון איינהייט און פארשיידענהייט און זעהען ווי זיי האלטען אין איין שטייגען אויף די טרעפ פון דער ארגאנישער עוואלוציע, אדער, ריכטיגער געזאגט, זעהען ווי מיט זייער שטייגען בילדען זיי אויף די טרעפ פון דער ארגאנישער עוואלוציע.

ביים ערשטען טרעפ פון דער ארגאנישער עוואלוציע זעהען מיר שוין ווי די לעבעדיגע צעל צוטיילט זיך אויף דריי מינים — די אלגא, דער פונגוס און דער פראטאזאער. די דאזיגע דריי מינים זיינען אבער צווישען זיך פעסט פארבונדען, זיי ערגענצען זיך געגענזייטיג, און זיי מוזען שטענדיג אנהאלטען א קאנטאקט צווישען זיך.

פראַגרעס

איהר ווייסט דאָך ווי דער בעל־חי און דער צומח קענען איינער אָן דעם אַנדערען ניט עקזיסטירען, שוין צוליב דעם פאַקט אַליין, וואָס דער איינער פּראָדוצירט כּסדר דעם שטאָף אין וועלכען דער אַנדערער נויטיגט זיך כּסדר. פונקט אַזוי ווייסט איהר ווי די צוויי קענען ניט אַנגעהן מיט זייער עקזיסטענץ אָהן באַקטעריא און די באַקטעריא קענען ניט עקזיסטירען אָהן זיי, ווייל זיי מוזען זיך דאָך געגענזייטיג פאַרזאָרגען מיט נויטיגע פאָרמען פון ניטראַדזען.

דער פראַגרעסיוויסטער צווישען די דאָזיגע דריי מינים צעלען איז געווים דער פּראָטאַזאַער — מיט וואָס אונטערשיידעט ער זיך פון די אַנדערע צוויי? הויפּטזעכליך מיט דעם, וואָס ער איז נישט אַרומגעצאַמט דורך אַ צעל־וואַנד. דאָס ערלויבט איהם, ערשטענס, זיך צו באַוועגען און צווייטענס, צו קומען אין דירעקטער באַרירונג, צו עמפינדען. דאָס ערשטע מיינט, קומען אין פאַרבינדונג מיט פאַרשיידענע פּלעצער; דאָס צווייטע מיינט, קומען אין פאַרבינדונג מיט פאַרשיידענע זאַכען. די דאָזיגע ביידע אייגענשאַפטען ברענגען אַלזאָ דעם פּראָטאַזאַער אַ געווינס סיי אין איינהייט און סיי אין פאַר־שיידענהייט, און פונדאַנעט שטאַמט זיין געווינס אין פראַגרעס.

דער פּראָטאַזאַער טהוט ווידער פראַגרעסירען, ערשטענס, דורך פאַרפולשטענדיגערען זיינע פעהיגקייטען זיך צו באַוועגען און צו עמפינדען; צווייטענס, דורך דעם ספּעציאַליזירען זיך פון די פּלאַז־מאַ אויף פאַרשיידענע פונקציעס, אַ ספּעציאַליזאַציע וועלכע ברענגט אַריין מעהר אָרגאַניזאַציע און מעהר געגענזייטיגע אָפּהענגיגקייט; און דריטענס, דורך ערווערבען מעהר פאַרשיידענהייט און מעהר קאָמבינאַציע אויף דעם וועג פון געשלעכטליכער רעפּראָדוקציע. און אודאי דאַרף איך אייך נישט דערצעהלען וואָס די קאָמבינאַציע פון פאַרשיידענע געשלעכטער איז פאַר פראַגרעס. וואָס איך וואָלט נאָר געוואָלט דערמאָנען איז, אַז ווי עס שיינט דאַרף דאָ פראָגרעס פאַר־בונדען ווערען מיט דעם עצם פאַקט פון דער קאָמבינאַציע צווישען די פאַרשיידענהייטען — און ניט מיט קיין נאַטירליכען אָדער צו־פעליגען אָפּקלייב. דאָס קען מען גאַנץ גוט זעהן פון דעם פאַקט, וואָס שטענדיג, ווען צוויי אָפּגעשוואַכטע פּאַראַמיסיא קומען זיך צוזאַמען און בייטען זיך מיט נוקלעאָפּלאַזמא, ווערען זיי ביידע געקרעפטיגט און ביידע רעוויטאַליזירט, בנוגע ווייטערדיגער רעפּראָדוקציע.

און אויף די דאָזיגע וועגען געהט אָן כּסדר דער פראַגרעס צווישען בעלי־חיים. צעלען בינדען זיך צוזאַמען, ספּעציאַליזירען זיך, בילדען קאָמפּליצירטע אָרגאַניזם׳ס, און ענטוויקלען פאַרשיידענע חושים, פאַרשיידענע מיטלען פון קאָנטאַקט מיט דער אויסערער וועלט. איך דאַרף עס אייך ניט דערצעהלען, איהר ווייסט אַליין,

פּרינציפּען

אז וואָס העכער דער בעל־חי שטעהט אויפן לייטער פון פּראָגרעס אַלץ קאָמפּליצירטער איז זיין קערפּער, אַלץ ענטוויקעלטער זיינען זיינע חושים, בקיצור, אַלץ מעהר פאַרמאָגט ער סיי איינהייט און סיי פאַרשיידענהייט. נעמט, למשל, דעם ערד־וואָרעם, פאַרמאָגט ער סיי וויניגער איינהייט און סיי וויניגער פאַרשיידענהייט, זיין קערפּער איז אי איינפאַכער און אי וויניגער צוזאַמענגעבונדען; צושניידט איהר אַ ערד־וואָרעם לעבען די טיילען באַזונדער. דער קערפּער פון ראַק איז שוין פיל קאָמפּליצירטער און פיל מעהר צוזאַמענגעבונדען, אָבער אויך ער מאַכט נאָך נישט קיין גרויסען וועזען פון אַ גליד, ווערט ביי איהם באַשעדיגט אַ גליד רייסט ער איהם אַליין אַרונטער און עס וואַקסט איהם אָן אַן אַנדערער — ווייזט אויס, אַז דער אַרונטעררייסען פון גליד פאַרשאַפט איהם נישט פיל ווייטאָג. דער פאַרגלייך צווישען דעם פּראָגרעסיווסטען אַרטראָפּאָד (דעם ענטוויקעלסטען אינסעקט) און דעם פּראָגרעסיווסטען ווערטעבראַט (דעם מענש) כאַפּט עהנליך צום פאַרגלייך צווישען פּראָטאָזאָער און די נידעריגערע צוויי צעלען: דער מענש איז ניט אָפּגעצאַמט פון קאָנטאַקט מיט דער אויסערער וועלט, ניט דורך דער מאַטעריעלער דעקע, דער קאַראַפּיים, וואָס באַדעקט דעם קערפּער פון אינסעקט, און ניט דורך דער גייסטיגער דעקע, דער אינסטינקט, וואָס באַדעקט דעם געדאַנק פון אינסעקט. 1)

אויך זאָגט איהר אַליין, אַז פּראָגרעס געהט אָן דורך דעם אויפקומען פון פאַרשיידענהייטען, דורך ספּאָרטס, און דורך דעם איבער־

---

1) דאָ האָבען מיר ווידער אַ ביישפּיל ווי אַזוי צו פיעל איינהייט, איינהייט וואָס לאָזט נישט צו קיין פאַרשיידענהייטען, איז אַ שטער פאַר דער אויסשפּרייטונג פון איינהייט גופא. אינסטינקט איז אַ פאָרמע פון איינהייט און וועהלען איז אַ פאָרמע פון פאַרשיידענהייט, איז אָבער אינסטינקט אַ שטער צו דער אויסשפּרייטונג פון קומען אין קאָנטאַקט, בעת וועהלען איז אַן אינסטרומענט פון קומען אין קאָנטאַקט. דער מענש מיט זיין וועהלען, מיט זיין חשבונ'ען, דערגרייכט אַזוי ווייט און אַזוי טיעף וואו איהר קענט מיט קיין חוש קיין מאָל נישט דערגרייכען. נאָך מעהר, עס העלפט אפילו צו פּערפעקטען די קאָנטאַקט־פעהיגקייט פון די חושים, אָט ווי למשל די גלעזער זיינען ערפונדען געוואָרען צו פאַרבעסערען דער ראיה און דער טעלעפאָן און ראַדיאָ, צו פאַרלענגערען די שמיעה. מיט זיין נישט צולאָזען קיין פאַרשיידענהייטען לאָזט דער אינסטינקט ממילא אויך נישט צו קיין פּראָגרעס, וועלכעס פאָדערט דאָך דוקא פאַרשיידענהייט. אָבער נאָך אַלעמען דאַרף מען נישט פאַרגעסען, אַז אינסטינקט גופא איז אויך אַן אינסטרומענט פון פּראָגרעס, אַז דאָרט וואו עס פאָדערט זיך נישט קיין חשבון איז קיין בעסערע זאַך ווי אינסטינקט ניטאָ. בכלל דאַרף זיך פּראָגרעס נישט שפּאַרען דורך דעם נידעריגערען געביט פון וועזען בעת עס קען גאַנץ גוט אָנגעהן דורך דעם העכערען געביט, דורך די בעלי־חשבון. פּראָגרעס קען זיך דערפאַר ערלויבען צו לאָזען דעם נידעריגערען געביט פון וועזען אונטער דער פולער ממשלה פון אורזאַכליכקייט, וועלכעס טהוט זעהר פיעל ביישטייערען צו פּראָגרעס מיט איהר עלעמענט פון אָרדנונג. פאַרגעסט אויך נישט, אַז פּראָגרעס גופא פאָדערט אַ היעראַרכי, אַ שטייגען פון נידעריגער צו העכער, דערפאַר טאָרען די נידעריגערע פאָרמען אין גאַנצען נישט פאַרשווינדען, זיי דאַרפען מיט זיך פאָרשטעלען סטאַבילע טרעפּ אויפן לייטער פון פּראָגרעס.

פראָגרעס

לעבען פון דעם וואָס איז מיט זיין פאַרשיידענהייט אמפּאַסיגסטען צו עקזיסטירען, ד"ה, דער וואָס באַזיצט מעהר איינהייט אין זיך זעלבסט און וואָס איז אַמבעסטען צוגעפּאַסט צו דער אַרומיגער נאַטור. דאָס אַלץ מיינט, אַז פּראָגרעס געהט אָן דורך פאַרשיידענהייט און איינ־הייט.

נאַטירליך, ווען איהר פאַרשטעהט נישט דעם שייכות צווישען פּראָגרעס מיט פרייהייט און איהר זוכט עס אַלץ צו דערקלערען דורך בלויזער אורזאַכליכקייט, קומט עס אייך אָן אַ ביסעל שווערליך. איהר פאַרשטעהט נישט ווי אַזוי קען דער עפעקט זיין אַנדערש ווי עס פאָדערט זיין אורזאַך, ווי אַזוי קען דאָס קינד זיין אַזוי ווייט פאַר־שיידען פון טאַטע־מאַמע, און אפילו אַ מעגליכע קאָמבינאַציע צווי־שען די כאַראַקטעריסטיקס פון די צוויי. פּרובירט איהר אוים פאַר־שיידענע היפּאָטעזען, פאַרשיידענע מעגליכקייטען וואָס אורזאַכליכ־קייט לאָזט צו, אָבער קיינע פון זיי פאַרענטפערט נישט אַלץ.

איז דאָ לאַמאַרק'ס היפּאָטעזע פון געברויכען און ניט־געברוי־כען (אַז מען געברויכט אָן אָרגאַן ווערט ער ענטוויקעלט און אַז מען געברויכט איהם ניט צעהרט ער איין), זיינען אָבער וויסמאַן'ס עקס־פּערימענטען געגען דער דאָזיגער היפּאָטעזע. איז דאָ דאַרווין'ס הי־פּאָטעזע פון נאַטירליכען אָפּקלייב, זיינען אָבער דאָ בערגסאָן'ס גע־רעכטע איינווענדונגען געגען דער דאָזיגער היפּאָטעזע. איז דאָ דע־פריעסעס היפּאָטעזע פון מוטאַציע, אַז פון צייט צו צייט ווערען געבאָרען ספּאָרטס, וועלכע גיבען איבער זייערע פאַרשיידענהייטען בירושה צו די ווייטערדיגע דורות. איז דאָך אָבער דאָס די פראַגע — פון־וואַנעט נעמען זיך די דאָזיגע ספּאָרטס, וועלכע זיינען אַזוי ווייט פאַר־שיידען פון זייער גאַנצען מין?

זוכט מען אויף דעם פאַרשיידענע ערקלערונגען: אפשר האָט עס צו טאָהן מיט דער טעמפּעראַטור — היץ און קעלט קענען אפשר אַמאָל ענדערען די גערמאַ־פּלאַזמאַ אַזוי, אַז עס זאָל אָנפאַנגען אַ נייעם מין. אפשר האָט עס צו טאָהן מיט קאָסמישע שטראַלען, וועל־כע דרינגען אריין אומעטום און זיי קענען אַמאָל פאַראורזאַכען אַן ענדערונג אין די גערמאַ־פּלאַזמאַ. אפשר האָט עס גאָר צו טאָהן מיט אַן אומרעגולאַריטעט אין דער צייט פון דער באַפרוכפּערונג פון דער איי. דאָס און נאָך אַזוינע סברות, וועלכע שיינען אייך אַליין נישט זעהר שטאַרק צופרידען צושטעלען.

איך בין נישט קיין וויסענשאַפט'ס מאַן און איך קען צו אייך נישט קומען באַוואָפענט מיט עקספּערימענטען, נאָר פונדעסטוועגען איז מיר אויף מיין אַמאַטאָרישען שטייגער דאָ עפּעס קשה: אַלע ענ־

דערונגען וועלכע דארפען אנפאנגען א נייעם מין מוזען דאך פאר־קומען אין די גערמא־פלאזמא, ד״ה דאן ווען די ענטוויקלונג פון דער סאמא האט זיך נאך ווייט נישט אנגעפאנגען, און דאס וואס דארף ברענגען די נייעס איז שוין דא ביים אנפאנג פון דער ענטוויקלונג — טא פאר וואס מוז די ענטוויקלונג פון דעם נייעם מין דורכגעהן דער ענטוויקלונג פון דעם אלטען מין? פאר וואס איז דא דער כלל, „אז די געשיכטע פון דער גרופע חזר'ט זיך איבער אין דעם אינדיווידום („אנטאגעני ריקעפיטולייטס פילאגעני)?״ למשל, גערמא־פלאזמא וועלכע האט געזאלט ענטוויקלען אן אינדיווידום מיט אן עק האט זיך פלוצלונג אביסעל געענדערט: „א גען איז דארט צוגעקומען אדער אפגעקומען אדער זיך איבערגעביטען אזוי, אז די זעלבע גערמא־פלאזמא האט באקומען א כאראקטער צו ענטוויקלען אן אינדיווידום אהן אן עק — טא פאר וואס זאל דער אינדיווידום פריהער באקומען אן עק און דערנאך איהם אראפווארפען? וואס האלט דא אן דעם שייכות פון איצט מיטן פריהער? נעמען מיר אן, אז דער אלטער גען איז אפגעקומען אדער זיך איבערגעביטען, דאן האט ער דאך געוויס באדארפט פארשווינדען, נישט לאזענדיג פון זיך קיין זכר. נעמען מיר ווידער אן, אז צו דעם אלטען גען איז צוגעקומען א נייער, אין דאן אויך שווער צו פארשטעהן, פאר וואס עפעס דארף דער נייער גען גראד ווארטען ביז דער אלטער גען האט אינגאנצען אפ־געטאהן דאס זייניגע?

דאס איז בנוגע דעם עשטען טייל אין דער היפאטעזע, בנוגע דעם געבורט פון ספארטס. דער צווייטער טייל אין דער זעלבער הי־פאטעזע, דער איבערלעבען פון פאסיגסטען, לאזט זיך אויך ניט אראפ־שלינגען אזוי גלאט. פארגעסט ניט, אז די דאזיגע היפאטעזע קען אויך ניט פארלייקענען דעם כסדר'דיגען גאנג פון פראגרעס, זי לאזט איהם אבער נאר צו אויף א צופעליגען אופן: פראגרעס איז דא פא־סיוו, ממילא'דיג, עס ווערט מיטגעשלעפט מיט דעם כח פון פראגרע־סיווען ארויסצושטויסען ביד חזקה דעם אומפראגרעסיווען פון דער עקזיסטענץ. אבער נישט אלע מאל זעהט דער פראגרעסיווער אויס צו פארמאגען דעם דאזיגען כח.

אט נעמט דעם אפגעשוואכטען חוש השמיעה ביים מענשען. ווי איהר זאגט אליין, זיינען געוויסע מוסקלען אין דעם מענשען'ס אויערען אן איבערבלייבאכץ פון דער צייט וואס דער מענש האט געקענט באוועגען מיט די אויערען אזוי ווי א הונט, און ער האט דאן געמוזט האבען א שארפערען חוש השמיעה. די דאזיגע אפשוואכונג פון חוש השמיעה איז מסתמא א מעלה פאר דעם היינטיגען קאבינעט

פּראָגרעס

מענש: פאַרן דענקער, פאַרן קינסטלער און אפילו פאַר דעם בעל־מלאכה; דאָבענדיג דעם הונט׳ס חוש השמיעה וואָלט דעם היינטיגען מענשען מסתמא אָנגעקומען פיל שווערער זיך צו קאָנצענטרירען אויף אַ באַשטימטען אָביעקט. מען קען דערפאַר גאַנץ גוט זעהען ווי אַזוי אַזאַ ענדערונג פּאַסט זיך אַריין אין דעם אַלגעמיינעם גאַנג פון פּראָגרעס. עס איז אָבער זעהר שווער צו פאַרשטעהן ווי אַזוי אַ מענש מיט אַ טעמפּערען חוש השמיעה האָט אַמאָל, אין דער צייט פון דזשאַנגעל־לעבען, געקענט אַרויסשטויסען פון דער עקזיסטענץ דעם מענש מיט אַ שאַרפּערען חוש השמיעה.

לאָמיר אפילו אָננעמען, אַז אין דער זעלבער געדם־צעל, אין וועלכער עס האָט זיך צופעליג באַוויזען אַ גען פאַר אַ שוואַכערען חוש השמיעה, האָט זיך אויך אַזוי צופעליג באַוויזען אַ גען פאַר אַביסעל מעהר מאַרך — אַ זעלטענהייט וועלכע קען אפשר מיט דער צייט פּאַסירען — און אַז דערפאַר איז אפשר דער מענש וואָס איז געבאָרען געוואָרען מיט אַ שוואַכערען חוש השמיעה גראַד געווען פעהיגער פון די אַלע אַנדערע מיט דעם שאַרפּערען חוש השמיעה, האָט דאָך אָבער דער דאָזיגער מענש זיך געמוזט פאַרן מיט איינער וועמען עס האָבען געפעלט די דאָזיגעביידע גענס. לויט מענדעלס געזעץ, האָט די אויסמאָרטירונג פון זייערע נאָכפאָלגער באַדאַרפט ברענגען מענשען מיט ביידע מעלות, מיט אַ גרעסערען מאַרך און מיט אַ שאַרפּערען חוש השמיעה, און לויט אייער כלל, האָבען אַזעלכע מענשען באַדאַרפט אַרויסשטויסען אַלע אַנדערע פון דער עקזיסטענץ. דער מענש מיט אַ שוואַכערען חוש השמיעה האָט אַלזאָ ניט באַדאַרפט האָבען קיין מעגליכקייט זיך צו ענטוויקלען.

די דאָזיגע שוועריגקייטען, און נאָך אַזוינע, פאַלען אָבער אַוועק ווען איהר לאָזט צו אַן אַקטיווען כח פון פּראָגרעס, אַ כח וועלכער איז אַ פּרינציפּ פאַר זיך זעלבסט און ער דאַרף נישט זוכען קיין פּאַרוואָס. דאַן ווערט די איבער׳חזר׳ונג פון דער געשיכטע פון דער גרופּע אין יעדען אינדיווידום פאַרענטפערט פון זיך זעלבסט. ווארעם דאַן פאַרשטעהען מיר דאָך, אַז די דאָזיגע געשיכטע איז נישט גלאַט קיין געשיכטע פון צופעליגקייטען, נאָר זי דעקט אונז אויף אַ פּאַס־טעריאָרי דעם וועג צו פּראָגרעס, דעם וועג ווי צו צוקומען צו אַ העכערען פונקט דורך פאַרשיידענהייטען צוזאַמענגעבונדען אין אַן איינהייט; דאַרף דאָך מהיום והלאה אַלץ געהן אויף דעם דאָזיגען וועג — אַלץ וואָס ווייס שוין דעם וועג צו אַ העכערען פונקט — דאַרף דאָך דער עמבריאָן זיך ענטוויקלען לויט דער דאָזיגער געשיכטע. און עס איז דאַן אויך פאַרשטענדליך, פאַר וואָס דער פּראָגרעסיווער שטריך (נאַטירליך דער וואָס פּאַסט זיך אַריין אין דער עוואָלוציע, דער וואָס

פרינציפען

לאָזט זיך צוזאַמענבינדען מיט די אַנדערע אין אַן איינהייט) מוז אַם ענדע באַקומען די אויבערהאַנד — אַלץ איינס צו ער איז בכח אַרויס־צושטויסען די אַנדערע ביד חזקה אָדער נישט. פאַרלאָזט זיך אויף פּראָגרעס, עס געפינט שוין אַ וועג צו אונזער ווילען. דער געפיהל פאַר שעהנקייט, למשל, קען אופטאָהן ניט ווייניגער ווי די מאַכט פון ברוטאַלען כח.

אופנעמענדיג דער אָרגאַנישער עוואָלוציע ווי אַ וואוקס פון לעבען׳ס פּראָגרעס, אַריינגעפירט דורך אַ צו־וואוקס פון פאַרשיידענהייט צוזאַמענגעבונדען אין אַן איינהייט, נעמען מיר עם ממילא אויף ווי אַ פאָרטזעצונג פון געבורט פון לעבען. ווי פּראָגרעס אין אַלגעמיין מוז אויך לעבען געבאָרען ווערען דורך פרייהייט. און אַזוי ווי פרייהייט, האָבען מיר דאָך געזעהן דאַרף בדרך כלל זיין אויסגעשלאָסען פון נידעריגערען געביט פון וועזען וועלכער דאַרף זיך דאָך גיכער געפינען אונטער דער ממשלה פון אורזאַכליכקייט, דאַרף דאָרט דערפאַר קיין ספּאָנטאַנער געבורט פון לעבען מעהר ניט אָנגעהן. עס איז ווי פּראָגרעס וואָלט דאָרט איין מאָל געמוזט מאַכען אַן אויסנאַם און אַ עפּען־טאָהן אויף אַ מאָמענט אַ ספּעציעלע טירעלע פאַר פרייהייט.

דער געביט פאַר פרייהייט איז, ווי געזאָגט, דער העכערער וועזען, דער העכערער געדאַנק און דער העכערער געפיהל פון מענשען (וואָרעם מיר האַלטען נאָך ניט דערווייל ביים איבערמענשען). דערפאַר רייסט זיך פּראָגרעס הויפּטזעכליך דורך דעם דאָזיגען געביט; איז דערפאַר יעדער פרייער געדאַנק אָדער יעדער פרייער געפיהל אַ פּראָגרעסיווער ספּאָרט, אַ געבורט פון לעבען. און אַזוי ווי פּראָגרעס ווערט דאָך אַריינגעפירט דורך איינהייט און פאַרשיידענהייט, מוז דערפאַר יעדער פרייער געדאַנק, וועלכער איז בעצם אַ פאַרשיידענהייט, מיט זיך פאָרשטעלען עפּעס אַ צוזאַמענבונד, אַן איינהייט אין באַגריף, אַן אינדוקציע; און מוז דערפאַר יעדער פרייער געפיהל מיט זיך פאָרשטעלען אַ מאָראַלישען געפיהל, אַ מיט־געפיהל, אָדער אַ געפיהל פאַר אָרדנונג.

דאָס איז בנוגע דעם וועזען פון לעבען בכלל. אַ דעפיניציע פון לעבען דאַרף זיך לויט דעם לייענען אַזוי: „לעבען איז אַ דירעקטע צוזאַמענאַרבעט פון שכנישע און ניט־שכנישע טיילען”, מיינענדיג מיטן וואָרט „דירעקט” דאָס, וואָס אין דער לעבעדיגער צעל טהוט יעדער טייל אַרבעטען ניט נאָר צוליב זיך נאָר אויך צוליב יענעם,

ווי למשל, ווען דער גרינער קלאָרא־פלאַסט זאַפּט איין זונען שטראַלען פאַר דער גאַנצער צעל. אַזאַ צוזאַמענאַרבעט טרעפט איהר נישט אין אַ מאַשין, אין אַ זייגער למשל. דאָרט דרעהט זיך יעדער רעדעלע בלויז צוליב זיך, ווייל ער אַליין ווערט געשטויסען; דאָרט איז דערפאַר די צוזאַמענאַרבעט אומדירעקט.

מיט דער מאָס פון דער דאָזיגער צוזאַמענאַרבעט ווערט אויך געמאָסטען די מאָס פון לעבען, וואָס בעסער עס איז די מיטאַרבעטער־שאַפט פון די טיילען, וואָס שנעלער איין טייל רופט זיך אָפּ אויף דעם רוף פון אַן אַנדער טייל, אַלץ העכער איז די וויטאַליטעט פון דאָס גאַנצע. בארירט איהר אַ לעבעדיגער זאַך און עס רעאַגירט שנעל, ווייסט איהר, אַז עס באַזיצט אַ הויכען גראַד וויטאַליטעט; רעאַגירט עס, פאַרקערט, לאַנגזאַם, נעמט איהר עס אַן פאַר קראַנק אָדער האַלב טויט. און קיין שום ספק נישט, אַז אַזאַ צוזאַמענאַרבעט, אין אַ העכערען גראַד אָדער אין אַ נידעריגערען, מוז יעדער לעבעדיגער קערפּער פאַרמאָגען. אפילו ווען אַ קערפּער געפינט זיך אין אַ צו־שטאַנד פון „פאַרהאַלטענער וויטאַליטעט”, מוז ער אויך אויפנעמען אַזאַ סאָלידאַריטעט צווישען זיינע טיילען — קען מען דאָך שוין זעהן אַזאַ סאָלידאַריטעט אין דעם עצם פאַקט, וואָס אַלע טיילען פון דעם דאָזיגען קערפּער לאָזען זיך אַזוי פאַרגליווערען און אָננעמען אַזאַ צושטאַנד וואָס מאַכט מעגליך זיין שפּעטערדיגען צוריק אויפוואַכען.

ז.

איך זעה, אַז איך בין נאָך מיט אייך אַלץ נישט פאַרטיג, אַז עפּעס קענט איהר נאָך דעם ענין פּראָגרעס נית פאַרדייען. איך פאַר־שטעה די שוועריגקייטען וואָס זיינען פאַרבונדען מיט דעם דאָזיגען ענין. איך וויים, אַז איהר האָט שווערע טענות געגען דער דאָזיגער טעאָריע, טענות פון פּראַקטישען זייט און טענות פון טעאָרעטי־שען זייט.

ערשטענס, טענה׳ט איהר, אַז דורך דער טעאָריע, דאָס אַלץ ווערט אָנגעטריבען דורך דעם פּרינציפּ פון פּראָגרעס, קערען מיר זיך אום צוריק צו טעלעאָלאָגיע, צו דער טעאָריע, אַז אַלץ האָט אַ צוועק. אָבער די דאָזיגע טעאָריע איז דער וויסענשאַפט גאַנץ גוט באַקאַנט. נאָך אַמאָל האָט זי פון איהר געהאָט צו זינגען און צו זאָגען. אַמאָל, ווען מענשען האָבען געדענקט אַז אַלץ איז צוליב אַ צוועק, האָבען זיי נישט געזוכט די אורזאַך פון אַ זאַך נאָר איהר צוועק. האָבען זיי געהערט דונערען, האָבען זיי נישט געזוכט צו דערגעהן פון וואָס דער דונער קומט נאָר וואָס ער באַצוועקט. האָבען זיי געליטען עפּי־דעמיעס, האָבען זיי נישט אונטערזוכט די סאַניטאַרע צושטאַנדען,

פרינציפּען

נאָר זיי האָבען געזוכט דעם מוסר השכל און דעם זינד־באָק פאַר ווען עס זאָל זיין אַ שטראָף. ווי די וועלט האָט דאַן אויסגעזעהן, און וואָס פאַר אַ פּנים די וויסענשאַפט האָט דאַן מחמת דעם געהאַט, ווייס מען דאָך גאַנץ גוט — איז צו וואָס זאָל מען זיך אומקערען ווידער צו דער זעלבער טעאָריע פון צוועקליכקייט?

דאָס איז די טענה פון פּראַקטישען זייט. די טענה פון טעאָרעטישען זייט קומט צוליב געוויסע טעאָרעטישע שוועריגקייטען וואָס זאָלען זיי פאַרבינדען מיט דער דאָזיגער טעאָריע. ווארעם זאָל מען אָננעמען, אַז די וועלט שטרעבט צו פּראָגרעס, אַז פּראָגרעס איז איהר תיקון, און אַז דאָס אָרגאַנישע שטאָף, און דער מענש בפרט, שטעלט מיט זיך פאָר אַ העכערע דערגרייכונג אין פּראָגרעס, וועט אויסקומען, אַז אונזער ערד האָט דערגרייכט אין פּראָגרעס מעהר פון אַלע פּלאַנעטען אַרום דער זון, און אפילו מעהר פון דער זון זעלבסט אָדער פון אַנדערע אסטערס אויף וועלכע עס פעלען די מעגליכע באַדינגונגען פאַר לעבען — אָבער ווי שיקט זיך עס, אַז אונזער ערד, אַ נישטיגע פּינטעלע אין קאָסמאָס, איינער פון די קלענערע פּלאַנעטען, וואָס דרעהט זיך אַרום איינעם פון די אָהן־אַ־צאָהל עקזיסטירענדע אסטערס, זאָל גראַד באַזיצען אַזאַ חשיבות?

נאָך מעהר שווער איז אָנצונעמען, אַז דאָס לעבעדיגע שטאָף, און דער מענש בפרט, זאָל מיט זיך פאָרשטעלען דאָס העכסטע, וואָס אַזאַ חשוב'ער כח, ווי אַן אַלגעמיינער פּרינציפּ פון וועזען, זאָל האָבען דערגרייכט. נעמען מיר אָן, אַז דער פּרינציפּ פון פּראָגרעס באַהערשט דעם גאַנצען קאָסמאָס, אַז דורך זיינע משרתים, איינהייט און פאַרשיידענהייט, טהוט ער באַוועגען אַלע אסטערס, און טהוט אפשר אויך באַשטימען די צייט פון דעם גאַנג פון יעדער שטראַלבעלע זייערען — איז ווי שיקט זיך עס, אַז אַלץ וואָס ער זאָל האָבען באַוויזען צו דערגרייכען איז די שאַפונג פון אַ בשר ודם, וואָס אַן אונטערשייד אין טעמפּעראַטור וועט עס אין גאַנצען אָפּווישען — „מה אנוש כי תזכרנו ובן אדם כי תפקדנו?" אָט נעמט אָן די וויסענשאַפט, אַז אונזער ערד קיהלט זיך ביסלאַכווייז אָפּ, און מיט דער צייט וועט זי באַקומען אַזאַ טעמפּעראַטור, אין וועלכען קיין לעבעדיגע באַשעפעניש וועט נישט קענען עקזיסטירען — איז וואָס וועט דאַן זיין מיט אַלע דערגרייכונגען פון פּראָגרעס? וועט דען נישט אויסקומען אַז דער באַרג האָט געבוירען אַ מויז?

און לאָמיר שוין אָננעמען, אַז אַלץ זאָל געהן כשורה, אַז אונזער ערד זאָל על פי נס עקזיסטירען אייביג, און די מענשען אויף איהר, די אויבערשטע פון שטויסעל, זאָלען מאריך ימים ושנים זיין, זאָלען האָ־

פראַגרעס

בען קינדער און קינדס קינדער, איבער מענשען און איבער־איבער מענשען, און די קייט פון פארשיידענהייטען אין אַן איינהייט זאָל אַזוי כסדר געפלאָכטען ווערען — איז וואָס וועט דאַן זיין דער גליק? וואָס איז דער צוועק פון דעם אַלעם? זעהט עס נישט אויס ווי אַ קינד וואָלט זיצען און האַלטען אין איין פלעכטען קייטען פון פאַר־שיידען־קאָלירטע שנירלאַך? צו וואָס איז די גאַנצע טרחה פון פראַגרעס? דאָס און נאָך אַזוינע טענות האָט מען צו די וואָס זוכען אין דער עקזיסטענץ עפּעס אַ זין.

איז בנוגע דער ערשטער טענה, וועל איך אייך דערמאָנען, אַז די דאָזיגע טעאָריע רירט כמעט נישט אָן דעם אורזאַכליכקייט'ס כלל אויפן געביט פון נידעריגערען וועזען. דאָרט דאַרף דערפאַר פאַר יעדער געשעהעניש געזוכט ווערען נישט דער צוועק נאָר די אורזאַך, פונקט אַזוי ווי די וויסנשאַפט פאָדערט עס. דאָס וואָס מיר נעמען אָן, אַז די אורזאַכליכקייט איז אויף דעם דאָזיגען געביט איינגעשטעלט געוואָרען דורך דעם זעלבען פּרינציפּ פון פּראָגרעס, וואָס ערגעץ אַנדערש לאָזט ער צו פרייהייט, קען דאָך דער אורזאַכליכקייט דאָ גאָר נישט שאַדען. און פונקט אַזוי קען דער אורזאַכליכקייט נישט שאַדען דאָס וואָס מיר נעמען אָן, אַז אויך אויף דעם דאָזיגען געביט האָט דער פּרינציפּ פון פּראַגרעס אַמאָל אָן עפּעס געטאָהן אַ טירעלע פאַר פרייהייט, ווייל מיר ווייסען דאָך, אַז מחמת זיין עצם נאַטור וועט עס שוין דער זעלבער פּרינציפּ מעהר נישט טאָהן.

דאָס, ווידער, וואָס אין דער דאָזיגער טעאָריע שטעהט נישט די אורזאַכליכקייט אויף איהרע אייגענע פיס, נאָר זי איז אָנגעשפּאַרט אויף דעם פּרינציפּ פון פּראַגרעס, איז אין געגענטייל פאַר איהר אַ גרויסע מעלה, ווארעם שטעהענדיג אויף די אייגענע פיס זיינען מיר מיט איהר קיין מאָל נישט געווען זיכער, מיר האָבען נישט געוואוסט פאַר וואָס זי שטעהט און ווי לאַנג זי וועט אַזוי שטעהן. דאַגעגען ווען זי איז באַפעסטיגט אויף איהר פּלאַץ דורך דעם פּרינציפּ פון פּראַגרעס, ווייסען מיר פאַר וואָס זי שטעהט און אַז זי וועט שטעהן אַזוי לאַנג ווי דער פּרינציפּ פון פּראַגרעס וועט הערשען.

און פאַרן פּרינציפּ פון פּראַגרעס האָבען מיר נישט וואָס מורא צו האָבען, טאָמער הערט ער אויף צו הערשען. ווארעם קוים הערט אויף צו הערשען דער פּרינציפּ פון פּראַגרעס ווערט בטל נישט נאָר אורזאַכליכקייט נאָר אויך אַלע אַנדערע פאָרמען פון איינהייט און פאַרשיידענהייט, פאָרמען אָן וועלכע עס הענגען אָפּ אונזער געדאַנק, אונזער לעבען און אונזער עקזיסטענץ בכלל, ד"ה אַז פּראַגרעס וועט אויפהערען צו הערשען וועלען מיר ממילא אויפהערען צו עקזיסטירען. מיר קענען דערפאַר זיין זיכער, אַז אַזוי לאַנג ווי מיר וועלען עקזיס־

פרינציפען

טירען וועט מוזען הערשען דער פרינציפּ פון פּראָגרעס, און ממילא וועט אַזוי לאַנג בלייבען שטעהן דער אורזאַכליכקייט'ס כלל, דאָרט וואו ער ווערט געפאָדערט פון פרינציפּ פון פּראָגרעס.

דאָס איז אויפן געביט פון נידעריגערען וועזען, אויפן געביט פון העכערען וועזען, אויפן געביט פון די מענשליכע געפיהלען און געדאַנקען, איז געווים פיל פּראַקטישער און פיל געזינטער פאַר דער וויסענשאַפט אַנצונעמען די טעאָריע פון צוועקליכקייט איידער צוועקלאָזיגקייט, און דאָרט איז אויך געווים פּראַקטישער זיך אָפּצוגעבען מיטן צוועק ווי מיט די אורזאַכען.

נעמען מיר אָן אַז אונזערע געפיהלען זיינען צוועקלאָז, אַז מיט אונזערע וואונשען קענען מיר גאָר ניט דערגרייכען, אָדער, ריכטיגער געזאָגט, אַז דאָס וואָס מיר ווינשען צו דערגרייכען איז קיין דערגרייכונג נישט, דאַן פעלט עס אונז ניט און דאַן האָט קיין זין עס צו ווילען. און זאָלען מיר זיין אין דעם איבערצייגט דאַרפען מיר דאַן קיין זאַך נישט ווילען, ווייל ווילען עפּעס מוז דאָך אופנעמען אַן אידייע אַז די זאַך פעלט אונז, אַז זי קען משלים זיין אונזערען אַ חסרון. די אידייען פון גוטס און שלעכטס וואָלטען דאַן נאַטירליך באַדאַרפט מיט זיך פאָרשטעלען פוסטע אידייען: מיר קענען נישט זוכען זיך אויסצובעסערען ווען עס איז קיין בעסערקייט ניטאָ, פונקט ווי מיר קענען ניט זוכען צו פּראָגרעסירען ווען עס איז קיין פּראָגרעס ניטאָ. (1

און פונקט אַזוי קלאָגעדיג דאַרפען אויסזעהן אונזערע געדאַנקען, ווען איהר לאָזט אוים אין גאַנצען פון חשבון דעם פרינציפּ פון פּראָגרעס און איהר באַטראַכט זיי ווי פּראָדוקטען פון בלויזער אורזאַכליכקייט אָדער צופעליגקייט. ווארעם בלויז די אידייע פון פּראָגרעס גיט אַ באַזונדערען ווערט אונזערע געדאַנקען, מאַכט איין געדאַנק

1) פון דעם פאָלגט אַז שאָפּענהויער'ס ווילען אָהן אַ צוועק איז זעלבסט ווידערשפּרעכליך. עס האָט אויך קיין זין נישט שאָפּענהויער'ס דאָן־קישאָטעווען געגענאיבער דעם ווילען, זיין זוכען צו באַווייזען העלדישקייט דורך טאָהן דעם ווילען צו להכעיס, ווארעם דער באַווייזען העלדישקייט, דער זוכען זיך צו באַפרייען, איז דאָך גופא אַ ווילען און האָט אַליין אויך קיין צוועק נישט. די וואָס זיינען איבערצייגט אין דעם אמת פון דער דאָזיגער טעאָריע האָבען על פּי שכל באַדאַרפט זוכען צו ערליידיגען זייערע חשבונות מיט דעם צוועקלאָזען ווילען אויפן לייכטסטען אופן; זיי האָבען פּשוט באַדאַרפט באַגעהן זעלבסט־מאָרד. און אויב זיי טוהען עס נישט איז אַ סימן, אַז אָדער זיי זיינען אַליין נישט איבערצייגט אין דעם אמת פון זייער טעאָריע אָדער זיי זיינען דאָ צו שוואַך געגען זייערע אינסטינקטען. קיין טוגענד קען עס אָבער בשום אופן נישט זיין. איבערהויפּט דאַרף אַזאַ טעאָריע גאָר ניט צולאָזען די מעגליכקייט פון טוגענדען. ווארעם נעמט מען אָן אַז אַלץ איז צוועקלאָז, אַז קיין דערגרייכונג איז נישט קיין דערגרייכונג און קיין גוטס איז נישט קיין גוטס, דאַרף ממילא אַ טוגענד נישט זיין קיין טוגענד, ווארעם אַ טוגענד נעמט דאָך אויף די אידייע פון גוטס — עס מוז דאָך מיט זיך פאָרשטעלען אַ גוטס. עס איז דאַן דערפאַר אבסורד צו מאַכען העלדישקייט אָדער פרייהייט פאַר אַ טוגענד.

פראָגרעס

מעהר ווערט פון אַן אַנדערען, און מאַכט די מענשליכע געדאַנקען בכלל מעהר ווערט ווי די עמפּינדונגען פון בעל־חי און ווי דער קלאַנג פון דומם. לאָזט איהר אוים פּראָגרעס פון חשבון, זיינען די געדאַנקען פון מדבר, די עמפּינדונגען פון בעל־חי און דער קלאַנג פון דומם אַלע נישט מעהר ווי אַ רעזולטאַט פון דעם באַוועגען זיך פון מאַלעקולס, „כי כקול הסירים תחת הסיר כן שחק הכסיל”, אַ באַוועגען זיך וואָס איז פאַרשיידען בלויז צוליב דעם וואָס די אומשטענדען זיינען צופעלי־גערווייזע פאַרשיידען.

און נעמען מיר אָן אַז פּראָגרעס איז אַן ענין, און אַז מאַנכע געפיהלען און מאַנכע געדאַנקען זיינען פּראָגרעסיווער פון די אַנדערע, אַז מיר זיינען אומשטאַנד אויסצואוועהלען די פּראָגרעסיווערע, ד״ה אַז עס איז דאָ וואָס צו וועהלען און מיר זיינען פריי צו וועהלען, דאַן לוינט זיך די מיה פון אונטערזוכען אונזערע געפיהלען און געדאַנקען — דאַן לוינט זיך אָפּצושטעלען און שאַצען דעם ווערט פון יעדען געפיהל; דאַן לוינט זיך אָנצושטרענגען כדי אַרויסצוברענגען אַ בעסע־רען געדאַנק. נעמען מיר אָבער אָן אַז צווישען אונזערע געפיהלען און געדאַנקען איז ניטאָ איינער בעסער פאַר דעם אַנדערען, און אַז זיי זיינען אַלע נויטיגערווייזע באַשטימט דורך אורזאַכען איבער וועלכע מיר האָבען אַלץ איינם קיין דעה ניט — איז וואָס לוינט זיך די מיה פון אונטערזוכען? פיליכט טעאָריע? אָבער טעאָריע איז דאָך אויך נישט מעהר ווי געדאַנק, און אויב עס איז ניטאָ קיין בעסערער געדאַנק, און אויב קיין זאַך האָט אַ צוועק, האָט דאָך טעאָריע אויך קיין צוועק.

דאָס איז בנוגע אייערע טענות פון פּראַקטישען זייט. בנוגע אייערע טענות פון טעאָרעטישען זייט, מוז איך מודה זיין, אַז איך קען אייך דאָ נישט ענטפערען מיט אַזאַ זיכערען טאָן. דערפאַר אָבער קענט איהר דאָ אייערע קשיות אויך נישט פרעגען מיט אַ זיכערערען טאָן. דער אמת איז, אַז איהר האָט מיר דאָ אַריינגעפירט אין אַ פינסטערען געביט, וואו אונזערע אויגען דינען אונז כמעט נישט, און איהר פאָדערט, אַז מען זאָל אייך דאָ אָנווייזען בולט דעם קורס פון פּראָגרעס. אָבער ווי קען מען אייך דאָ אָנווייזען בולט דעם קורס פון פּראָגרעס, אַז אויף דעם דאָזיגען געביט זיינען מיר נישט אים־שטאַנד צו דערקענען בולט קיין שום קורס, (כאָטש איהר וועט אַליין צוגעבען, אַז געוויסע שטריכען פון איינהייט און פאַרשיידענהייט לאָזען זיך דאָך באַמערקען אין דער אָרדנונג און באַוועגונג פון די קאָסמישע קערפּערם).

קודם כל וואָלט איך געוואָלט וויסען, פונוואַנעט איהר זייט אַזאַ בקי אין די דרכים פון פּראָגרעס צו וויסען וואָס עס דאַרף זיין מעהר פּראָגרעסיוו און וואָס ווייניגער פּראָגרעסיוו, און פונוואַנעט

פרינציפען

איהר נעמט אז אונזער ערד האט באדארפט זיין וויינגער פראגרע־סיוו פון מאנכע קאסמישע קערפערס פון וועלכע זי איז מעהר פראַ־גרעסיוו. איז עס ווייל די ערד איז קלענער? ווייל זי איז אינגער? ווייל זי איז בלויז דער זוהן׳ס א פלאנעט און איהר גאנצע חיות הענגט אפּ פון דער זוהן? אבער פונקט אזוי ווייסט איהר, אז דער מענש איז קלענער און אינגער פון פיל זאכען וואס עקזיסטירען אויף דער ערד: פון בערג, פון פעלזען, פון בוימער און פון מאנכע בעלי־חיים אין ים און אויף דער יבשה; און פונקט אזוי ווייסט איהר, אז דער מענש איז „יסודו מעפר״, און זיין גאנצע חיות הענגט אפּ פון דער ערד — איז אייך דען ווען עס איז איינגעפאלען, אז מחמת דעם דארף דער מענש זיין וויניגער פראגרעסיוו פון א ביסעל ערד אדער פון מאנכע זאכען וואס עקזיסטירען אויף דער ערד?

און פונוואנעט ווידער זייט איהר אזא בקי אין די אטריבוטען פון פראגרעס צו וויסען ווי פראגרעס דארף זיך איבעראל אויסדריקען און וואס עס דריקט אוים מעהר פראגרעס און וואס וויניגער? איהר פרעטענדירט דאך אפילו נישט צו וויסען אלץ וואס עס טהוט זיך אויף די אנדערע קאסמישע קערפערס. העכסטענס וואס איהר גלויבט צו וויסען איז, אז אויף מאנכע קאסמישע קערפערס זיינען די אומ־שטענדען אזוינע, אין וועלכע קיין ערדישע לעבעדיגע וועזענס קענען נישט עקזיסטירען. איהר ווייסט דאך אבער נישט אלץ וואס עקזיס־טירט דארט, און ממילא ווייסט איהר אויך נישט אויב דאס וואס עקזיסטירט דארט דריקט אמאל נישט אוים א העכערע מדריגה פון פראגרעס ווי די ערדישע לעבעדיגע וועזענס.

און פארגעסט אויך נישט, אז פראגרעס האט פארשיידענע פאזען — פאזען אין וועלכע דער דראנג פאר פראגרעס דריקט זיך אוים פארשיידען. אט האבען מיר דאך אין דער קליינער תקופה פון דער מענשליכער עקזיסטענץ אליין אופגעצעהלט פיער אזוינע פאזען. און אזוי ווי די קאסמישע קערפערס ענטוויקלען זיך אויך, ווי מענ־שען, שטופענווייז, איז זעהר ווארשיינליך אז ווערענד זייער לאנגער עקזיסטענץ זאלן זיי האבען אדורכצומאכען פיל מעהר אזוינע פאזען פון פראגרעס; און דאן קען ווידער זיין אז דאס ענטוויקלען פון ארגא־נישען שטאף זאל האבען צו טאהן בלויז מיט א באשטימטער פאזע און ניט מיט א העכערער מדריגה פון פראגרעס.

און אויב, ווידער, די מעגליכקייט צו ענטוויקלען ארגאנישע שטאף זאל מיט זיך נישט פארשטעלען קיין העכערע מדריגה פון פראגרעס, וועט די אוממעגליכקייט צו ענטוויקלען אזא שטאף מיט זיך נישט פארשטעלען קיין נידעריגערע מדריגה; און זאל די ערד דערגרייכען אזא שטופע אין וועלכער די עקזיסטענץ פון בעלי־חיים

פּראָגרעס

זאָל ווערען אוממעגליך, וועט דאָרט פּראָגרעס דאדרוך ניט ווערען קיין נחות-דרגא, נאָר עס וועט דאַן איינפאַך איבערגעהן פון איין פאַזע אין אַן אַנדערער, פּונקט ווי אין דער מענשליכער עקזיסטענץ געהט עס אַריבער פון קינדהייט צו בחור׳שאַפט אָדער פאָטערשאַפט.

אודאי זעהט אונז דער דאָזיגער געדאַנק אוים פּריקרע; אודאי איז אונז שווער צו פאַרשטעהן ווי קען פּראָגרעס אַנגעהן דאָרט וואו עס געפינען זיך נישט קיין בעלי-חיים. אָבער דאָס קען זיך גאַנץ גוט נעמען דערפון וואָס געפינענדיג זיך אַליין אין דער פאַזע פון לעבען קענען מיר נישט אופנעמען דעם גאַנג פון פּראָגרעס אין אַן אַנדער פאַזע. כמעט אַזוי קען אַ קינד נישט פאַרשטעהן דעם גאַנג פון פּראָגרעס אין דער פאַזע פון בחור׳שאַפט אָדער פאָטערשאַפט; אודאי וועט אַ קינד נישט פאַרשטעהן די געפיהלען און אידעאַלען פון זיין עלטערען ברודער; און נאָך מעהר וועט ער, דער עגאָאיסטעל, נישט פאַרשטעהן דעם אינטערעס פון זיינע עלטערען אין איהם. עלטערען פאַרשטעהען אפילו יעדעם אינטערעס פון זייערע קינדער, אָבער דאָס איז ווייל זיי האָבען איהם אַליין אַמאָל דורכגעמאַכט, ד״ה זיי פיהלען איהם נישט נאָר זיי געדענקען איהם. מאַכט זיך דערפאַר אַ קינדערשער אינטערעס וואָס די עלטערען האָבען אַמאָל אין זייערע אומשטענדען נישט אַדורכגעמאַכט, קענען זיי איהם טאַקע בשום אופן נישט פאַרשטעהן. געדענקט איהר דאָך אודאי ווי אין דער צייט פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָבען מערסטע עלטערען בשום אופן נישט פאַרשטאַנען וואָס טרייבט זייערע וואויל-האָבענעדע קינדער אין די אָרעמס פון דער רעוואָלוציע.

נאָר וואָס דאַרפט איהר מעהר, אפילו צווישען מענשען וואָס געפינען זיך אין דער זעלבער פּראָגרעסיווער פאַזע, איז דער גאַנג פון פּראָגרעס אַמאָל אַזוי פאַרשיידען, אַז זיי פאַרשטעהען נישט איינער די געפיהלען פון דעם אַנדערען. געדענקט איהר דאָך דעם פאַקט וואָס מיר האָבען דערמאָנט אין אָנפאַנג פון אונזער שמועס, אַז דער אינטערעס פון די וואָס דאַרפען פאַרווייסבריינגען דעם פּראָגרעס פון דעם וועלט איז אין גאַנצען אַנדערש פון דעם אינטערעס פון די וואָס דאַרפען אָנהאַלטען דעם קיום פון דער וועלט, און אַז די גוטס פון גאון אָדער צדיק איז דערפאַר נישט די זעלבע ווי די גוטס פון בעל-הגוף. אפילו אַן „עולם הבא״ האָט דער בעל-הגוף באַדאַרפט האָבען אַן אַנדערען, נישט דעם אמת׳ען וואָס „אין בו לא אכילה ולא שתיה״ (ברכות י״ז). אָבער דאָך האָבען מיר געזעהן, אַז טראָץ דער פאַרשיידענקייט פון אינטערעסען ווערט פונדעסטוועגען יעדער איינער געפירט פון דעם זעלבען פּרינציפּ פון פּראָגרעס. אויך האָבען מיר געזעהן, אַז די פאַרשיידענע פּראָגרעסיווע פאַזען אין דער מענש-

פרינציפען

ליבער עקזיסטענץ זיינען ריכטיג צוגעפאסט צו די פאדערונגען פון פראגרעס. דעם זעלבען שייכות מיט פראגרעס קענען גאנץ גוט האבען די פארשיידענע פאזען אין דער עקזיסטענץ פון די קאס־מישע קערפערס.

און דאס אלץ מיינט נאטירליך נישט צו זאגען, אז זאלען מיר אויסגעפינען, דאס דער פארשווינדען פון לעבען אויף אונזער ערד שטעלט מיט זיך פאר איהר רעגרעס, וואלטען מיר מוזען זיך אפזאגען פון דער אידייע וועגען דער הערשאפט פון פרינציפ פון פראגרעס.

אט זאגען מיר זיך נישט אפ פון דער דאזיגער אידייע כאטש מיר ווייסען, אז דער מענש און די אנדערע בעלי־חיים האבען זייער בארג ארונטער. אין געגענטייל, ווען מיר טראכטען זיך אין דעם אריין געפינען מיר, אז דאס שטימט גאר מיט די פאדערונגען פון פארשיידענהייט און איינהייט, און אז דערפאר ווערט גאר פראגרעס דאדורך געשטארקט. דאס זעלבע קען גאנץ גוט זיין מיט די קאס־מישע קערפערס. וואלט דער פאקט פון רעגרעס געקענט גילטען אלס באוויז געגען דער הערשאפט פון א פרינציפ פון פראגרעס, וואלט איהר זיך נישט באדארפט בריה'ווען און געהן איהם זוכען אין אזוינע אומבאקאנטע געביטען, ווייל איהר וואלט איהם געקענט געפינען אונטערען נאז (ביי בעלי־חיים איז דאך נישט שייך דער ענטפער פון השארת הנפש).

נאר מיינט נישט אז מיט די דאזיגע שפעקולאציעס מיין איך אייך עפעס צו איבערצייגען. דעם אמת זאגענדיג, וואלטען זיי מיר אליין אויך גאר ניט איבערצייגט — מאלע וואס מען קען שפעקו־לירען אויף א געביט וואו מען ווייס גאר נישט. די דאזיגע שפעקו־לאציעס האבען בלויז א נעגאטיווען ווערט, ווי קאנטער־שפעקולאציעס צו נייטראליזירען אייערע שפעקולאציעס, ווי א באוויז אז אייערע שפעקולאציעס געגען פראגרעס זיינען נישט די איינציגע אין פעלד. מיט אנדערע ווערטער, זיי דינען בלויז ווי א שמירה געגען פארטומ־לען דעם מח מיט שפעקולאציעס איבער וואס וועט זיין שפעטער. דער אמת איז אבער, אז פראגרעס קען גאנץ גוט באשטעהן איהר שטעדטעל מיט דעם איינפלוס וואס זי האט אויף אונז איצט, קימערענ־דיג זיך גאנץ ווייניג וועגען דעם וואס מיר וועלען זאגען וועגען איהר צוקונפט.

לאמיר אננעמען, אז פראגרעס וועט ווען עס איז אויסגעהן די כוחות — פארשטעהט זיך אז דער „ווען עס איז" מוז מיינען נאך מיליאנען יאהר — וועט עס דען האבען א ווירקונג אויף איהר איצ־טיגער הערשאפט? וועט דערפאר אפגעשוואכט ווערען אויף אונז איהר איינפלוס, אדער דער איינפלוס פון איהרע אונטערפירער. איינ־

פּראָגרעס

הייט און פאַרשיידענהייט? וועלען מיר דערפאַר אויפהערען צו אַר־בעטען מיט אַלע כוחות כדי עפּעס צו שאַפען אָדער כדי רייך צו ווערען אָדער צו באַקומען אַ העכערע פּאָזיציע אָדער גלאַט אַזוי מעהר אָנזעהן? אָדער וועלען מיר דערפאַר אופהערען צו ליבען אונ־זערע קינדער און זעהן ווי ווייט מעגליך זיי אַרויפצושטויסען אויף אַ העכערער פּאָזיציע? אָדער וועלען מיר דערפאַר, צוליב גלאַט אַזוי אַביסעלע איינהייט, צוליב אַביסעל צוגעבונדענקייט, למשל, נישט נעמען אויף זיך די שווערע טרחה און די אומזיסטע קאָסטען פון אויסהאַלטען אַ הונט? אָדער וועט דערפאַר אַ חסרון אין פאַרשיי־דענהייט, ווי, למשל, לאַנגוויילינקייט אָדער זיצען אין געפענגעניש, נישט זיין פאַר אונז די גרעסטע אָפּקומעניש?

און אודאי וועט כסדר׳דיגער ערפאָלג אין די דאָזיגע זאַכען אונז פאַרשאַפען כסדר׳דיגע אמת׳ע פריידן און כסדר׳דיגען פּאָזיטיווען גליק. דער דאָזיגער גליק וועט אונז אפילו באַגלייטען צום קבר: אפילו ליגענדיג אויפן טויטען־בעט וועט אונז טרייסטען דער געדאַנק, אַז מיר האָבען געלאָזען נאָך זיך דויערענדע און ווערטפולע שאַפונ־גען; און אפילו דאַן וועט אונז זיין לייכטער ווען מיר וועלען זעהן אַרום זיך אַ גרויסע פאַמיליע געזיכערט אין ערפאָלג — איז צו וואָס נוצען די שפּעקולאַציעס וועגען דעם אריכות־ימים פון פּראָגרעס?

און מהאי טעמא האָט אויך קיין זין נישט אייער לעצטע פראַ־גע, — וואָס איז דער ענדציל פון פּראָגרעס, וואָס איז דער צוועק פון פלעכטען קייטען פון פאַרשיידענהייטען אין איינהייטען. ווארעם ווי באַלד אַז דער דאָזיגער פלעכטען טהוט אונז בשעת מעשה פאַרשאַפען אמת׳ען גליק, און ווי באַלד אַז אפילו דער אַוועקגעהן פון דער וועלט קומט אונז אָן פיל לייכטער, ווען מיר זעהען הינטער זיך לאַנגע קייטען פון פאַרשיידענהייטען, וואָס מיר האָבען באַוויזען אופצור־פלעכטען אין איינהייטען, געפינען מיר דאָך אין דעם דאָזיגען פלעכ־טען גופא אַ גאַנץ גענינענדען תכלית, און אויב אַזוי האָט דאָך פּראָ־גרעס פאַר אונז איהר ענדציל אין זיך גופא. נישט אומזיסט האָבען אונזערע חכמים געזאָגט, „שכר מצוה מצוה”.

נאַטירליך, זאָג איך נישט אַז דאָס דאָזיגע גליק מוז זיין דער איינציגער תכלית, אַז קיין העכערען ציל האָט נישט פּראָגרעס. איבערהויפּט דאַרפט איהר וויסען, אַז מיר זיינען נישט אַרופגעקראָ־כען אויף די פּלייצעס פון פּראָגרעס צו באַטראַכטען וואָס איז אַרום פּראָגרעס, צו וואָס פּראָגרעס קוקט אַרוף. מיר האָבען דאָ נאָר אַרומ־גערעדט עפּעס וואָס פּראָגרעס איז על פּי פשט, אָבער נישט אַלץ וואָס עס איז על פּי פשט, און אודאי נישט וואָס עס איז על פּי רמז, דרוש, אָדער סוד.

פרינציפען

— איך זעה אז עפּעס איז נאָך דאָ נישט דערזאָגט געוואָרען, ווייל עפּעס איז מיר נאָך דאָ געבליבען אומקלאָר. איבערהויפּט פאַר־שטעה איך נישט דעם עצם וועזען פון פּראָגרעס. איהר זאָגט אז פּראָגרעס מיינט שטייגען, מיינט דערגרייכען אַלץ מעהר, אַלץ העכער — אָבער מעהר פון וואָס, העכער פון וואָס? אמת, איהר האָט דאָ טאַקע אייניגע מאָל דערמאָנט פּראָגרעס פון וועזען. אָבער וואָס איז וועזען? דער דאָזיגער באַגריף אַליין איז מיר אין גאַנצען אומקלאָר, און איך וואָלט זעהר וועלען אז איהר זאָלט עס מיר על פּי פּשט דערקלערען. אָבער אַזוי ווי היינט איז שוין צו שפּעט וועלען מיר עס לאָזען אויף אַן אַנדער מאָל.

ע נ ד ע

אינהאַלטס פאַרצייכעניש

פראָלאָג — — — — — — — — — — — 5—11

פילאָזאָפיע אַ פאַקטאָר פון גערעכטיגקייט — פון אלטרואיזם — אין דעם טהוט זיך רעליגיע בלויז אונטערשרייבען אויף די פאַרשריפטען פון איהר פילאָזאָפישען עלעמענט.

1. וואָס איז פילאָזאָפיע? — 12—19

פילאָזאָפיע פאַנגט אָן וויסענשאַפטען — דער אינסטרומענט פון פילאָזאָפיע — איהר אָביעקט (וועלכער קען ניט דערגרייכט ווערען דורך די פינקטליכע אָבער אומבויגזאַמע אינסטרומענטען פון די וויסענשאַפטען) — ווי אַזוי די פאַרשיידענע דעפיניציעס פון פילאָזאָפיע קומען זיך אין דעם צוזאַמען — דער יתרון פון פילאָזאָפישען וויסען איבער דעם וויסענשאַפטליכען — דער שייכות פון פילאָזאָפיע מיט מאָראַל.

ב. פאַר וואָס עס דאַרפען זיין פאַרשיידענע מאָראַלישע סיסטעמען 19—25

די געזעלשאַפט איז אַן אָרגאַניזם — פאַרשיידענע געזעלשאַפטליכע קלאַסען פיהלען דאָרט אויס פאַרשיידענע פונקציעס — די גוטס פון איין קלאַס מוז זיין אַנדערש פון דער גוטס פון אַן אַנדער קלאַס — די פאַרשיידענע סיסטעמען שטעלען פאָר די פאַרשיידענע גוטסען פאַר די פאַרשיידענע קלאַסען.

2. איינהייט — — — — — — — 26—33

די פיער הויפּט פאָרמען פון איינהייט — דער אַיינפלוס פון גלייכאַרטיגקייט אויף אונזער ווילען — שעהנקייט — דער אַיינפלוס פון רבים אויפן יחיד — גלייכאַרטיגקייט אַ וויכטיגער פאַקטאָר אין קיום פון אידענטום — קונסט — געוואוינהייט — קאָנסערוואַטיזם.

ב. קאָמבינאַציע — — — 33—36

דריי קלאַסען קאָמבינאַציע — דער אַיינפלוס פון קאָמפּאַניע אויף אונזער ווילען — ווי קאָמפּאַניע איז אָפּגעשאַצט געוואָרען אין אונזער רעליגיע.

ג. אָרגאַניזאַציע — — — 36—44

רבי און תלמיד — מאַן און פרוי — עלטערען און קינדער — נאַציאָנאַלע איינהייטען — ווען וואָס מעהר דער אַיינפלוס פון אָרגאַניזאַציע און ווען פון קאָמפּאַניע.

ד. אָרדנונג — — — — — — 44—49

דער איינפלוס פון אָרדנונג אויף אונזער ווילען — גערעכטיגקייט און געזעץ.

ה. צוזאַמענבונד — — — 49—55

צוזאַמענבונד אויף פיער אופנים — פיער מינים נאָכפאָלגונג — דער אַיינפלוס פון אַלע אופנים פון צוזאַמענבונד אויף אונזער ווילען.

ו. דער אוניט (צוזאַמענבונד אין באַגריף) — — — — — — — — 55—59

דער כח צו בילדען אַלגעמיינע באַגריפען — אינדוקציע — דער אַיינפלוס פון אוניס אויף אונזער ווילען — די אופבילדונג פון אַן אומשטערבליכער פערזאָן.

3. פאַרשיידענהייט — — — — 60—65

די פיער הויפּט פאָרמען פון פאַרשיידענהייט — אונזער וואונש פאַר פאַרשיידענאַרטיגקייט — נייעס — שפּיל — טראַכטען — וואנגטוריזם — דער וואונש צו לעבען איז אַ וואונש פאַר פאַרשיידענאַרטיגקייט — פאַרשיידענאַרטיגקייט ביי אידען — אין קונסט.

ב. באַזונדערקייט — — — 66—69

דריי קלאַסען באַזונדערקייט — דער וואונש זיך אויסצוצייכענען — אויסצייכענונג ווערט געזוכט צווישען גלייכע.

ג. ספּעציאַליטעט — — — 69—77

טענדענץ פאַר ספּעציאַליטעט אויפן עקאָנאָמישען, סאָציאַלען, קולטורעלען, פיזיאָלאָגישען, פּסיכישען געביט און אין אונזער ווילען — ספּעציאַליטעט נעמט אַריין יתרון און חסרון — ספּעציאַליסטען זוכען זיך געגענזייטיג צו דערגענצען — בילדען אַן אָרגאַניזאַציע — כבוד, ליבע און אויפערזוכט.

ד. רעפאָרם — — — — — — 78—84

דער געפיהל פאַר גערעכטיגקייט אַמאָל און היינט — דער גוסט ענדערט זיך — רחמים, יושר, חסד און פרייהייט פון ווילען.

ה. צוטיילונג — — — — — 84—96

דער וואונש פאַר פּריוואַט אייגענטום — ברוך מיט דער פאַרגאַנגענהייט — די באַציהונג פון קינדער צו עלטערען — ישוב הדעת — קאָנצענטראַציע פון מחשבה — אנאליז — לאַכען (פּוס־נאָט) — וואָס איז פרייהייט ? אַ דעפיניציע פון פרייהייט וואָס איז דער היפּוך פון פרייהייט — מדריגות פון פרייהייט — בחירה און ידיעה (פּוס־נאָט).

ו. פילהייט — — — — — 96—99

דער וואונש צו זאַמלען — דרך ארץ פאַר פילהייט און אַלטקייט.

4. פראָגרעס — — — — — — 100—114

דער פּרינציפּ פון גוטס און שלעכטס איבעראַל און אין דער גריכישער פילאָזאָפיע — קאַנט׳ס הרכבה פון איינהייט אויף פאַרשיידענהייט — זיין פּראַקטישער באַווייז פאַר פרייהייט פון ווילען — אויסזעצונג געגען דעם דאָזיגען באַווייז — שאָפּענהויער׳ס הרכבה פון פאַרשיידענהייט אויף איינהייט — דער ווילען קען קיין מאָל ניט צופרידענגעשטעלט ווערען

אינהאלטס פארצייכעניש

— שאָפּענהויער׳ס דערקלערונג פאַר וואָס עס איז אַזוי — דער ווזען באַשטעהט פון ציהונג — מדריגות אין דער אָביעקטיוויזאַציע פון ציהונג — פּעסימיזם — אָבפּרעג פון דער דאָזיגער אופפאַסונג — מאַנכע צילען זיינען אונז נאָכ׳ן דערגרייכען טייערער ווי פאַר׳ן דערגרייכען — די אומענדליכקייט פון גוטס און די קורצקייט פון דער מענשליכער השגה.

ב. דערקלערונגען איבער דעם וואונש פאַר פּראָגרעס — — — — 114—124

וואָס איז פּראָגרעס — דער אינטערעס פאַר פּראָגרעס ווערט געשטערט דורך עגאָאיזם — אופנים אין וועלכע דער אינטערעס פאַר פּראָגרעס וויקעלט זיך אויס אומגעשטערט — פּיער פאזען פון וואונש פאַר פּראָגרעס.

ג. ווי אַזוי פּראָגרעס קומט צושטאַנד דורך איינהייט און פאַרשיידענהייט — — — — — — — — — 124—153

איינהייט פאַרגרעסערט דעם וועזענס צורה, פאַרשיידענהייט פאַרגרעסערט דעם וועזענס חומר — ווי אַזוי גלייכאַרטיגקייט און פאַרשיידנאַרטיגקייט זיינען אינסטרומענטען פון פּראָגרעס — ווען ווינשען מיר אַלטע זאַכען און ווען נייע — ווי אַזוי קאָמפּאַניע, אָרגאַניזאַציע, אָרדנונג, אויסצייכענונג, רעפאָרם און ספּעציאַליזאַציע אויף אַלע געביטען זיינען אינסטרומענטען פון פּראָגרעס — דער חילוק צווישען זוכען אַנערקענונג און גאוה — די פּיער מדריגות צווישען גאוה און ענוה — ווי אַזוי אַלע מינים פון צוזאַמענבונד און צוטיילונג ווי אויך דער אוניט און פּילהייט זיינען אינסטרומענטען פון פּראָגרעס.

ד. די קאָמבינאַציע צווישען איינהייט און פאַרשיידענהייט צו בילדען פּראָגרעס — — — — — — — 153—174

דריי מעגליכע קאָמבינאַציעס — די קאָמבינאַציע וואָס איז געוואונשען פאַר פּראָגרעס — די באַווייזען אַז בלויז אַזוינע קאָמבינאַציעס צווישען די קאָרעספּאָנדירענדע פאָרמען פון איינהייט און פאַרשיידענהייט ווערען דורך אונז געוואונשען — שטערונגען אויפן וועג פון פּראָגרעס צוליב די שוועריגקייטען מיטן צוזאַמען־טרעפען־זיך פון די ריכטיגע ספּעציאַליסטען צו בילדען אַ באַלאַנסירטע אָרגאניזאַציע — די קאָנפליקטען צוליב די פאַרשיידענע פּלענער פון אַ ריכטיגער אָרגאניזאַציע — די דאָזיגע שוועריגקייטען אַלס פאַקטאָרען אין דעם לאַנגזאַמען גאַנג פון פּראָגרעס אויפן פיזיאָלאָגישען געביט — די עקאָנאָמישע קריזיסען און די סאָציאַלע קאָנפליקטען וועלכע קומען דערריבער פאַר פּראָגרעס אויפן עקאָנאָמישען געביט — קאָמוניזם און נאַציזם — די סיבות פון איינזייטיגען וואונש אין דער קאָמבינאַציע צווישען אָרדנונג און רעפאָרם.

די קאָמבינאַציע צווישען אורזאַכליכקייט און פרייהייט — — 174—192

אורזאַכליכקייט אין די נידעריגערע שיכטען און פרייהייט אין די העכערע שיכטען פון וועזען — די פילאָזאָפיע געגען שכל הישר — דריי טענות געגען פרייהייט — ענטפערס אויף די דאָזיגע טענות — שוועריגקייטען מיטן פאַרשטעהן פרייהייט — עלייאישע באַגרינדונג פון אורזאַכליכקייטס כלל — דער טעות אין דער דאָזיגער באַגרינדונג — אַרגומענטען געגען פרייהייט אין דער רענעסאנס עפּאָכע — יומ׳ס ענטפער — קאַנט׳ס באַווייזען פאַר דעם אורזאַכליכקייטס כלל און אָבפּרעג פון די דאָזיגע באַווייזען — אַ מאָראַלישער אַרגומענט געגען פרייהייט וועלכער קומט דורך אַ מיספאַרשטענדעניש פון פרייהייט פון ווילען — די דעטערמיניסטישע הנחה אַ געפאַר פאַר פרייהייט פון ווילען.

ה. פּראָגרעס אין דער נאַטור דורך איינהייט און פאַרשיידענהייט 192—211

ווי אַזוי מיר זעהען אין כעמיע, אין פיזיקס און אין ביאָלאָגיע ווי וועזענס אין דער נאַטור פּראָגרעסירען דורך צובויאונג פון נייע שטאַקען איינהייט און פאַרשיידענהייט — וואָס איז לעבען? — ספּענסער׳ס פעלערהאַפטע דעפיניציע פון לעבען — דער חסרון מיט דעם אופן פון פאָרשען דעם מהות פון לעבען — ווי אַזוי עס דאַרף געפאָרשט ווערען — לעבען איז אַן איכות׳דיגער וואוקס פון איינהייט און פאַרשיידענהייט — ווי אַזוי דער סטאַנדארד פון אַלע פאָרמען פון איינהייט און פאַרשיידענהייט ווערט דורך דעם גוואַלדיג דערהויבען — די טעאָריע וואָס ווערט דאָ אַרויסגעבראַכט איז נישט קיין מאַטעריאַליזם. הילאָזאָאיזם אָדער פאַנטעאיזם — דער פּראָגרעס פון בעלי־חיים דורך וואוקס פון איינהייט און פאַרשיידענהייט — שוועריגקייטען מיט די פּרואוון צו דערקלערען דעם גאַנג פון דער אָרגאנישער עוואָלוציע בלויז דורך נאַטירליכער אורזאַכליכקייט — דעפיניציע פון לעבען.

ו. שוועריגקייטען אַרום פּראָגרעסיזם — — — — — — — 211—220

די טענה אַז פּראָגרעסיזם ברענגט אונז ווידער צום טעמפּען ווינקעל פון טעלעאָלאָגיע — אַז די דערגרייכונגען אין אוניווערס ווייזען ניט אויף פּראָגרעס — פּראָגרעסיזם שטערט ניט דעם גאַנג פון וויסענשאַפט אין דער נאַטור — עס איז פיל פּראַקטישער אָנצונעמען פרייהייט פון געדאַנק און פון ווילען, ווי אויך צוועקליכקייט אין די העכערע שיכטען פון וועזען — מען קען ניט וויסען וואָס איז פּראָגרעס אין אוניווערס — קאָנטער־שפּעקולאַציעס — פאַר אונז איז פּראָגרעס אַ ממשות׳דיגעווירקליכקייט.

מאמרי חז"ל

אם פגע בך מנוול זה משכהו לבית המדרש.—8
אין לך בן חורין אלא מי שעוסק בתורה. — 8
אין בור ירא חטא ולא עם הארץ חסיד. — 11
מרבה תורה מרבה חיים (פרקי אבות, ב). — 19
אין טוב אלא תורה (פרקי אבות, ו). — 19, 53
יוסיף דעת יוסיף מכאב (קהלת, א). — — 19
לעולם תהא דעתו של אדם מעורבת עם הבריות. — — — — — — 19
שהיו מחליפין מלאכת אנשים לנשים ומלאכת נשים לאנשים. — — — — — 23
מיום שחרב בית המקדש ניטלה טעם ביאה וניתנה לעוברי עבירה. — — — — 23
מפני שאדם רוצה לזווגן . . הכל אדם רוצה לזווגן — — — — — — — 28
ישראל מצוות מגינות עליהן — — — — 29
לא יהא אדם ער בין הישנים ולא ישן בין הערים — — — — — — — — 30
ואל ישנה אדם מפני המחלוקת — — — 30
אַל יהי משל קל בעיניך — — — — 31
טוב שכן קרוב מאח רחוק — — — — 32
דאגה בלב איש ישחנה, ישיחנה לאחרים (סוטה, מב) — — — — — — — 34
כל האוהב ללמד בהמון לו תבואה — — 35
טעונא דמידלי איניש לכתפיה תילתי דטעונה הוי. — — — — — — — — 35
מבטלין תלמוד תורה מפני הכנסת כלה ומפני הוצאת המת — — — — — — 36
בן גילו נוטל אחד מששים בחליו (בבא מציעא, ל). — — — — — — — 36
לא טוב היות האדם לבדו — — — — 36
או חברותא או מיתותא — — — — — 36
גדולה שמושה של תורה מלמודה. — — — 38
סבא בביתא פאחא בביתא — — — — 41
חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה. — — — — — — — — 49
יורש כרעיה דאבוהו. — — — — — — 50
מה אני בחנם אף אתם בחנם. — — — 54
אילן שאכל ממנו אדם הראשון רבי מאיר אומר גפן היה . . . רבי יהודה אומר חטה היתה. — — — — — — — 54
אחים בהספידא דהתם קאימנא. — — — 58
כל הגדול מחבירו יצרו גדול ממנו. — — 64
כל אומנא סני בר אומנותיה. — — — 67
כל הפוסל במומו פוסל. — — — — 67
קנאת סופרים תרבה חכמה. — — — — 68
כשם שאין פרצופותיהם שוין זה לזה כך אין דעתם שוין זה לזה. — — — — 70
בכול אדם מתקנא חוץ מבנו ותלמידו. — 73
יש מאכיל לאביו פסיוני וטורדו מן העולם. ויש מטחינו בריחים ומביאו לחיי העולם הבא. — — — — — — — 74
ר"א הקפר אומר אל תהא כמשקוף העליון שאין יד בני אדם יכולה ליגע בה. — — 77
וכתבת קעקע לא תתנו בכם. — — — 80
לא תעמוד על דם רעך. — — — — — 81
למען תלך בדרך טובים ואורחות צדיקים תשמור. — — — — — — — 82
אין מרחמין בדין — — — — — — — 82
אין אדם עובר עבירה אלא אם כן נכנסה בו רוח שטות. — — — — — — — 83
שלי שלך, שלך שלי, עם הארץ. — — — 86
רוצה אדם בקב שלו יותר מתשעה קבין של חבירו. — — — — — — — 87
יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה מכל חיי העולם הבא. — — — — 88
זדונות נעשות לו כזכיות. — — — — — 88
מקום שבעלי תשובה עומדים צדיקים אינם עומדים. — — — — — — — — 88
ברא מזכה אבא, אבא לא מזכה ברא — 88
אוהב לפרק ושונא לטעון מצוה בשונא, כדי לכוף את יצרו. — — — — — — — 89
מפני שיבה תקום והדרת פני זקן. — — — 98
מי שיש לו מנה רוצה מאתים. — — — 105
מלמד שכל אחד ואחד נכוה מחופתו של חבירו. — — — — — — — — 116
אם אני כאן הכל כאן ואם איני כאן. מי כאן ? — — — — — — — — — 117
מפלגך לעילאי דהורמיז. מפלגך דתתאי דאהורמין — — — — — — — — 119
השתא דקשישנא לדרדקי. — — — — 122
תלמידי חכמים כל זמן שמזקינין חכמה נתוספת בהם . . . ועמי הארץ כל זמן שמזקינין טפשות נתוספת בהם. — — 123
כמה יגיעות יגע אדם הראשון עד שמצא פת לאכול (ברכות נ"ח). — — — — — 132
הרואה אוכלוסי ישראל אומר ברוך חכם הרזים שאין דעתם דומה זה לזה ואין פרצופיהן דומים לזה לזה (שם). — — — — — 133
על שלשה דברים העולם קים—על האמת ועל הדין ועל השלום. — — — — — 133
כי אלף שנים בעיניך כיום אתמול כי יעבור ואשמורה בלילה. — — — — — — 135
בתחילה עלה במחשבה לבראתו במדת הדין וראה שאין העולם מתקיים והקדים מדת הרחמים ושתפה למדת הדין. — — 135
לא חרבה ירושלים אלא על . . . שהעמידו דיניהם על דין תורה ולא עבדו לפנים משורת הדין. — — — — — — — 136
נשים דעתן קלה עליהן. — — — — 140
והלכתא עצמו לא. ואי צורבא מרבנן הוא אפילו עצמו. — — — — — — — 140

מאמרי חז"ל

לא מינה ולא מקצתה, מי זוטר דכתיב ביה: „תעבת ה'" כל גבה לב ? — — — — 142
ושונא מתנות יחיה. — — — — — — 143
ארבע מדות באדם : 1) האומר שלי שלי ושלך שלך, זו מדה בינונית ויש אומרים זו מדת סדום; 2) שלי שלך ושלך שלי, עם הארץ; 3) שלי שלך ושלך שלך. חסיד; 4) שלך שלי ושלי שלי, רשע. — — — 144-45
כל ימי עני רעים, זה איסטניס. — — — 145
לית דעניא מכלבא ולית דעתיר מחזירא.— 145
יהי כבוד חברך חביב עליך כשלך. — — 145
יהי כבוד תלמידך חביב עליך כשלך. — 146
בכל מקום שאתה מוצא גדולתו של הקב"ה שם אתה מוצא ענוותנותו. — — — 146
שאין השכינה שורה לא מתוך עצבות. — 149
וקשין לזווגן כקריעת ים סוף. — — 168
קשה אשה רעה כיום סגריר. — — — 169
מאירה עיניו ומעמידתו על רגליו. — — 169
כל אדם שאין לו אשה שרוי בלא שמחה, בלא ברכה, בלא טובה. — — — — — 170
טוב מאד זה מלאך המות. — — — — 172
הכול בידי שמים חוץ מיראת שמים. — — 176
צדיקים יצר טוב שופטן . . . רשעים יצר רע שופטן. — — — — — — — — 177
לא דוד היה ראוי לאותו מעשה. — — — 177
מצוה גוררת מצוה ועבירה גוררת עבירה (פרקי אבות ד'). — — — — — — 177
אדם ביקר ולא יבין נמשל כבהמות נדמו.—192
כי כקול הסירים תחת הסיר כן שחוק הכסיל (קהלת ז'). — — — — — — — — 211
העולם הבא אין בו לא אכילה ולא שתיה . . . אלא צדיקים יושבין ועטרותיהם בראשיהם ונהנין מזיו השכינה. — — — — — 217

אין די הערות :

כי לי בני ישראל עבדים ולא עבדים לעבדים. 78
פועל יכול לחזור בחצי יום. — — — — 78
יכול העבד לאמר לרבו בשני בצורת או פרנסני או הוציאני לחירות (גיטין י"ב). 78
תולה בדעת עצמו לית ליה ברירה ותולה בדעת אחרים אית ליה ברירה. — — — — — 94
ואילו צדיק ורשע לא קאמר. הכל צפו והרשות נתונה. — — — — — — — — — — 96
כי היכי דלהוי להו כפרה. הוי רץ למצוה קלה ובורח מן העבירה שמצוה גוררת מצוה ועבירה גוררת עבירה, ששכר מצוה מצוה ושכר עבירה עבירה. — — — — — — 151
ודאשתמש בתגא חלף (פרקי אבות, ב). — 152
ומפני מה נברא העולם הזה בה"י. מפני שדומה לאכסדרה שכל הרוצה לצאת יצא. ומאי טעמא תליא כרעיה? דאי הדר בתשובה מעיילי ליה. וליעייל בהך ? לא מסתייעא מילתא . . . בא לטהר מסייעין אותו, בא לטמא פותחין לו. ומאי טעמא אית ליה תאגא? אמר הקב"ה; אם חוזר בו אני קושר לו קשר. — — — — — — — — 177

מוינעשטער פּאַבלישינג קאָמפּ.
211 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק